STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07077

TSUM BAYSHPIL PLEVE

Bogdan Hamera

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָגדאַן האַמערא

צום בײַשפּיל פּלעווע

דערציילונג

פאַרלאַג „יידיש-בוך“ וואַרשע 1952

BOGDAN HAMERA

NA PRZYKŁAD PLEWA

POWIEŚĆ

Tłumaczył: I. GUTERMAN

Redaktor: L. OLICKI

Okładkę projektował: F. Zawidowicz

Wydawnictwo „Idisz-Buch" Warszawa 1952

Nakład 5500 egz. Ark. druk. 17 Nr zam. 1502 F-3-280025
Drukarnia Dziełowo - Akcydensowa, Przedsiębiorstwo Państwowe, Wrocław

1.

אין אַ פּראַסטיקן יאַנואַר־פרימאָרגן, אומקערנדיק זיך ווי געוויינלעך פון דער נאַכט־וועכטעריי, האָט פּלעווע אַ וואָרף געטאָן דאָס היטל אויפן טיש, מיט ביידע הענט אָפּגעווישט די אייז־צעפּלעך פון די וואָנצעס און אַ זאָג געטאָן גאַנץ הויך:

— היינט שמעקט עס מיט עפּעס...

דאָס ווייב האָט באַלד געוווּסט, וועגן וואָס ער טראַכט. זי האָט דאָך געקענט זיין נשמה דורך און שטענדיק זיך אָנגעשטויסן וועגן וואָס עס גייט אים, הגם ער האָט גערעדט בלויז מיט האַלבע ווערטער. זי האָט זיך צוגעוווינט צו זיינע מאָדנע גענג, צו זיין אַרויסזאָגן האַלבע געדאַנקען, אָדער פערטל־געדאַנקען, ווייל זי האָט דערמיט געהאַט צו טאָן שיינע עטלעכע יאָר. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער מלחמה, פון דער צייט, ווען ער איז געוואָרן אַ וועכטער און געגאַנגען אין פאַבריק אויף ביינאַכט.

בלאַזשעי פּלעווע האָט זיך ווירקלעך געענדערט מחמת דער דאָזיקער וועכטעריי. מחמת דער וועכטעריי און מחמת יענעם פּאָרפּאַל, וואָס האָט אים צו דער וועכטעריי געצוווּנגען. ער האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין אן אָפּטיילונג און איז געווען אַ גוטער פאַכמאַן, אָבער ווען ס'האָט אים מיט דרייצן יאָר צוריק ביי דער אַרבעט אָפּגעשניטן אַ פינגער, האָט מען אים דעמלט ווי אַ טובה געטאָן און געמאַכט פאַר אַ וועכטער. ער וואָלט געקאָנט אַרבעטן ווייטער, אָבער מ'האָט נישט געוואָלט מיט אים קיין סך ריידן. די אָנפירונג האָט אים אומצווייִדייטיק געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גרויסער חסד ס'האָט אים געטראָפן, אַז ער קאָן נאָך בלייבן אַ וועכטער — ער האָט געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט די דאָזיקע גרויסמוטיקייט, און דערויף האָט זיך עס געענדיקט. ער האָט זיך דאָך נישט געקענט קעגנשטעלן, ווייל מע וואָלט אים אַרויסגעשליידערט, און טו זיך וואָס דו ווילסט. לעב פון דער רענטע — זיבעצן זלאָטעס אַ חודש... עס האָט אים שטאַרק דערשלאָגן,

וואָס ער האָט נאָך אין די יונגע יאָרן, ביים פולן כוח, געמוזט ווערן אַ טויגעניש. לערנען זיך אויסנייען עפּעס א פאַך, ביי וועלכן ער וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם גרויסן פינגער פון דער רעכטער האַנט, איז געווען צו שפּעט. די יאָרן זיינען שוין נישט דערצו, און מען מוז דאָך געבן דער פאַמיליע אויף אויסקומעניש. איבעריקנס... צי איז עס אַזוי לייכט געווען צו לערנען זיך אין יענער צייט? אַזויפיל אַרבעטסלאָזע, יונגע און אַלטע, מענטשן, וואָס קאָנען פאַרשידענע אַרבעטן, זיינען טאָג-טעגלעך געשטאַנען פאַרן פאַבריקס-טויער, און געקוקט מיט אַ קנאה-דיקן בליק אויף די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק דעם דאָזיקן טויער אַריבערצוטרעטן. צו וואָס וואָלט ער זיך געקאָנט דערשלאָגן, ער — נישט קיין יונגיטשקער שוין און אַ בעל-מום?...

האָט ער זיך אַזוי אַריבערגעטראָגן פון דעם ביזאיצטיקן לעבן אין דעם וועכטער-ביידל ביי דעם פאַבריקס-פּאַרקאַן, זיך באַזעצט אין דעם, ווי אַ שנעק אין זיין אייגענער שאָל, און פאַרטיק... אינגיכן האָבן אים אַלע גענומען באַטראַכטן פאַר אַן אָפּגעזונדערטן, אַ מרוק, ווייל זיי האָבן דאָך נישט געוווסט, וויפל ער רעדט זיך אָן מיט זיך אַליין אין משך פון די לאַנגע און לאַנגווייליקע וועכטעריי-נעכט, וואָס זיינען אויסגעפילט מיט טויטע קעגנשטאַנדן. פונוואַנען האָט ער עס נאָך אַזעלכע נעכט געקאָנט האָבן חשק צו שמועסן מיט מענטשן, וועלכע ווייסן דערצו נישט תמיד וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט ליבערשט געוואָלט פון זיי אַלצ-דינג אויסהערן און נאָכדעם ביינאַכט איינזאַם וועגן דעם נאָכטראַכטן. און אויב ער האָט שוין מיט עמעצן גערעדט, האָט ער נישט ליב געהאַט אַרויסצולייגן אַלץ, ווי אויף אַ טעלער. ער האָט געהאַלטן, אַז פאַר אַ קאָפּ אַ קלוגן דאַרפן אַ פּאָר ווערטער געווגן... צומבעסטן האָט ער זיך געקאָנט דעררעדן מיטן ווייב, אָבער אויך מיט איר האָט ער זיך נישט צופיל פונאַנדערגעשמועסט.

היינט איז אויך זי נישט געווען אין דער געוויינלעכער שטימונג. דאָס נעכטיקע אומאויפהערלעכע גרעגערן פון דער זייט פון פראָנט, די היינטיקע אויסערגעוויינלעכע באַוועגונג אין גאַס, די איבערגעשראָקענע פּרצופים פון די יעקעס, וואָס האָבן זיך, ברעכנדיק האַלדז און נאַקן, גע-שטופּט איינער איבערן צווייטן — האָבן אויך זי אויפגערודערט. נאָר וואָס... עס מוז דאָך אַרויסקריכן דער ווייבערישער צו-להכעיס.

— עס שמעקט דיר שוין ווידער... — האָט זי אומגעשיקט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — שוין פון אַ האַלבן יאָר, פון יולי אָן שמעקט אַזוי. אין אָנהייב, ווי נאָר די רוסן זיינען אריבער די ווייסל, האָט עס געזאָלט זיין אין אַ וואָך אַרום, אָט אין צען טעג אַרום, אָט אין

אַ חודש אַרום, און שפּעטער ווייסט מען שוין אַליין נישט ווען... און אַט אויפן ערשטן סעפּטעמבער, ווייל דעמלט איז היטלער אויף אונדז אָנגעפאַלן, און אַט אויף דעם זיבעטן נאָוועמבער, צוליב עפּעס דאָרט אַ גרויסער רעוואָלוציע. און אויף ניי־יאָר — איז שוין דורכויס זיכער... און דאָ איז שוין אַ האַלבער יאַנואַר אַדורך, און גאָרנישט. די יעקעס זיצן אַלץ... אייביקע זאָגן, אַז זיי גרייטן זיך שוין צו אַנטלויפן, און ווי נאָר די רוסן וועלן אויף זיי אַ קלאַפּ טאָן, וועט מען פון זיי אַ שטויב בלויז זען... אַנדערע ווידער שרעקן, אַז איידער זיי וועלן אַנטלויפן, וועלן זיי פון אונדז אַלע אַ תל מאַכן... אָבער ווי אַנטלויפן זיי דאָרט! אַזאַ לאַנגע צייט אַנטלויפן זיי נישט, איז פאַרוואָס זאָלן זיי איצט...

— אז דו זעסט נישט און הערסט נישט, איז וואָס איז מיט דיר פאַראַן צו ריידן...

נאַטירלעך, זי האָט געזען און געהערט אַ סך, און דאָס האָט זי פון איין זייט געפרייט און פון דער צווייטער זייט דאַקעגן ערנסט באַאומרויקט.

ווען בלאַזשעי האָט אויסגעכליעפּטשעט די זופּ, צובייסנדיק אַ שטיקל ברויט, און ברייטלעך אָפּגעווישט די וואָנצעס, האָט זי זיך מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן טיש קעגן אים און פון דער נאָענט אים ערנסט אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— ווייסט וואָס, בלאַזשעק?... אפשר וואָלסטו היינטיקע נאַכט נישט געשלאָפן אין דער היים...

— וואָס איז?

— ווייל מע שמועסט אומעטום, אַז די יעקעס זאָלן אַלעמען פון שטאָט אַרויסטרייבן אויף עפּעס אַ געמיינצוועט פעלד דאָרט און אויסמאָרדן. וועגן די ווייבער שרעק איך זיך נישט, ווייל וואָס שטערן זיי דאָרט עמעצן... אָבער מיט די מאַנצבילן קאָנען די כלבים אַזוי טאָן. ווייניק האָבן זיי עס שוין אומשולדיקע מענטשן אויסגעמאָרדעוועט אויף די פאַרשידנסטע אופנים? כ׳וואָלט גיכער אַ הונט געטרויעט, איידער די דאָזיקע מנוולים. וואָלסט אפשר צוגעגאַנגען אַזוי צו מיכאַלן און דאָרט איבערגעזעסן ביז וואָס...

— ביז וואָס?

— נו... ביז דער טייוול וועט זיי ענדלעך צונעמען פון דאַנען...

— וועמען?

— נו, די היטלעריסטן.

— האָסט דאָך ערשט אַליין געזאָגט...

— ווייל דער מענטש גלייבט שוין נישט זיך אַליין און קיינעם נישט...— זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין פאַרלעגנהייט.

— זאָל זיי כאַפּן... גיכער...— ער האָט אויסגעצויגן אַ געגעץ געטאָן און גענומען זיך פויל אויסטאָן צום שלאָפן.

— אפשר וואָלסטו פאָרט געגאַנגען, בלאַזשעק?... ווייל מיר דאַכט זיך עפּעס...

ער האָט מיט אַ נאָכלאָזיקער באַוועגונג פון גאַנצן קערפּער אויסגעדריקט גרינגשעצונג, אַראָפּגעצויגן די שטיוול, דאָס אָנטועכץ און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן סקריפּענדיקן בעט.

זי האָט אים נאָך געפּרוּווט אויפקלערן, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט נאָר אַ פּאַרשקע געטאָן מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן אין איר זייט, ווי אַ צערייצטער קאָטער, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. דער אומגעוויינטלעכער טומל, וואָס האָט יענעם טאָג געהערשט אין שטאָט, האָט אים נישט געשטערט שנעל איינצושלאָפן, ווייל זיין הייזקע איז געשטאַנען אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, ווייט פון די באַוועגלעכע רוישיקע גאַסן.

פונדעסטוועגן האָט אויך צו זיין הייזקע יענעם טאָג דערגרייכט דער אָפּקלאַנג פון דעם טומל. אַרום האַלבן טאָג האָט אַ מעכטיקער זעץ אויפגעטרייסלט אירע ווענט און אַ קלונג געטאָן מיט די שויבן אין די פענצטער. ס'האָבן אַ קלימפּער געטאָן די טעפּ אויף דער קיך, פון באַלקן האָט זיך אַ שיט געטאָן שטויב און אָפּגעשפּרונגענע שטיקלעך קאַלך.

בלאַזשעי האָט זיך איבערגעוועקט און גלייך אויפגעזעצט אויפן בעט. זיין ערשטער בליק האָט זיך אָנגעטראָפן אויף דעם בלאַס-געוואָרענעם פּנים פון דעם ווייב, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט ביי דער קיך און שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטע מיט אַ לעפל איבערן קאָכעדיקן טאָפּ און מיט דערשראָקענע אויגן איינגעגראָבן אינעם מאַן. ערשט אין אַ רגע אַרום איז זי אימשטאַנד געווען אַ שעפּטשע צו טאָן:

— יעזוס, מאַריאַ...

פּלוצים האָט מיט אַן אימפּעטיקער באַוועגונג אַראָפּגעשאַרט דאָס איבערבעט און אַראָפּגעלאָזט די פיס אויף דער פּאָדלאָגע. מיט אַן איילִיקייט, נישט לויט זיין געוווינהייט, האָט ער אַרויפגעצויגן דאָס אָנטאָן, די שטיוואַליעס, דעם גראָבן וואַטענעם קאַפּטאַן, דאָס היטל און איז אַרויס אין גאַס.

פאַר די הייזער זיינען געשטאַנען מענטשן און געקוקט אין דער הייך. איבער די דעכער פון שטאָט האָט זיך נאָך געצויגן אַ ברייטער וואָלקן פון שוואַרצן רויך, וואָס אַ בלאָזנדיק ווינטל האָט פּאַמעלעך צע-

טריבן. איידער ער איז זיך צעשוווּמען, האָט די אומגעוויינלעך גוטפונק-ציאָנירנדיקע פאַנטאָפל-פּאַטשט צו וויסן געטאָן אין שטאָט איבער אַלע ווינקעלעך:

— די דייטשן האָבן אויפגעריסן די ברויז...

אין אַ רגע אָרום האָט אַ צווייטער מעכטיקער זעץ אויפגעטרייסלט די לופט, און כמעט איינצייטיק מיט זיין אָפּהילך איז אָנגעקומען די ידיעה:

— די באַן-סטאַציע...

דער צווייטער סלופּ פון שוואַרצן רויך האָט זיך לאַנגזאַם צוזאַמענ-געגאָסן מיטן ערשטן, אויסשפּרייטנדיק איבער דער שטאָט אַ דורכזיכטיקן, שוואַרצן שלייער, ווי איבערגעדעקט מיט שוואַרצער קרעפּע אַ טרומנע, וואָס איז פול מיט נאָך לעבעדיקע מענטשן. ס'איז געוואָרן דעמפּיק און שווער, כאָטש די לופט איז געווען ריין און פראָסטיק. ס'האָט אַ הילך געטאָן נאָך אַ זעץ... און נאָך איינער...

— די צוקער-פאַבריק...

— די ציגעלניע אויף מאַרקוועקע...

פלעווען איז פּלוצלינג באַפאַלן אַ פּאַניק. די פאַרניכטונג פון יענע אָביעקטן, מיט וועלכע עס האָט אים אוממיטלבאַר גאָרנישט געבונדן, האָט אים אָנגערירט נאָר אויסערלעך, אַבסטראַקט. אָבער ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער פאַבריק, האָט ער דערפילט אַ ווייטיקלעכן קאָפּ-שווינדל. ער האָט זיך קיינמאָל ביז איצט נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענשאַפט דערפון, אַז די פאַבריק איז אים אַזוי נאָענט און טייער. ער האָט עס דערפילט ערשט דעמלט, ווען יעדער ווייטערדיקער זעץ האָט גע-קאָנט אָנזאָגן איר פאַרניכטונג. שוין דער בלויזער געדאַנק וועגן דעם האָט אים מיט אַ שטייפער לאַפּע אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל.

העכער דרייסיק יאָר האָט ער געלעבט אין דער פאַבריק, פאַר דער פאַבריק און פון דער פאַבריק. דאָס איז זיכער אַ גענוגנדיקע צייט, כדי זיך מיט איר איינצולעבן. באַזונדערס אין יענע לעצטע יאָרן פון זיין אַרבעט ווי אַ וועכטער, ווען ער — בלאַזשעי פלעוועו, איז געווען אַ זעלבשטענדיקער באַלעבאָס אויף זיין אָפּשניט, ווען ביינאַכט זיינען אין דער פאַבריק נישט געווען קיין שעפן, נישט קיין מייסטערס, נישט קיין באַאַמטע, און ער האָט געקאָנט פריי אַריינקוקן אין אַלע ווינקעלעך, באַזו — געקאָנט אַפילו דורכטרייבן יעדן, וואָס וואָלט זיך אומגעזעצלעך וועלן אַריינרייסן אין זיין נאַכט-קעניגרייך.

אין דער מעכאַנישער קוזניע, אין וועלכער ער האָט אַמאָל געאַר-בעט, און וועלכע ער האָט איצט געהיט, האָט ער געקאָנט נישט

בלויז יעדע מאַשין, יעדן האַמער, נאָר אַפילו יעדן ברוס אין דער וואַנט, יעדע אייזערנע פּליטע אויף דער ערד. און נישט בלויז געקאָנט, אין אַ געוויסער מאָס האָט ער זיך דאָ געפילט ווי אַ באַלעבאָס. דאָ איז דאָך געשטאַנען און עס שטייט ווייטער דער האַמער, ביי וועלכן ער איז געוואָרן אַ קאַליקע. אַפילו יענץ בלוט, וואָס האָט פון דער וווּנד אַ שפּריץ געטאָן אויפן אייזן, האָט אים עפּעס פעסטער פאַרבונדן מיט דער פאַבריק, און באַזונדערס מיט זיין אָפּטיילונג, אין וועלכער ער האָט זיך כמעט דערצויגן פון די יינגלשע יאָרן אָן. ס׳איז נישט קיין ווונדער, וואָס דער שווערער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די פאַבריק זאָל פאַרניכטעט ווערן, האָט אים ווייטיקלעך אַ ריס געטאָן ביים האַרץ.

נישט אָפּגעטרעטן אַפילו אין דער הייזקע, צו זאָגן דעם ווייב, אַז ער גייט אַוועק, האָט ער זיך אַנטשלאָסן געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער פאַבריק. פאַרוואָס און נאָך וואָס — תאָט ער אַליין נישט געוווּסט. ער האָט פשוט נישט געקענט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, ווען איבער דער פאַבריק איז געבליבן הענגען די געפאַר פון פאַרניכטונג.

ער איז צוליב פאָרזיכטיקייט, וואָס קאָן דאָך קיינמאָל נישט שאָדן, געגאַנגען מיט זייטיקע גאַסן, ביים ראַנד פון שטאָט. ער האָט פונדעסטוועגן געמוזט אַדורכשניידן די הויפּט-גאַס, כדי זיך אַדורכצוקריגן אין דער ריכטונג פון דער פאַבריק. אין ווינקל, הינטער דעם בעטאָנענעם סלופּ מיט שרייענדיקע דייטשע אָפישן און פּלאַקאַטן, האָט ער זיך דערוואַרט ביז אַן איבעררייס אין דעם שטראָם בלינד-יאָגנדיקע דייטשע אויטאָס, און איז אייליק אַריבערגעשפּרונגען אויף דער צווייטער זייט גאַס. ער האָט זיך ווידער געטאָן אַ שלייך אַריין אינאַ זייטיק געסל און איז אינגיכן מיט אַן אומדרייסטן שמייכל פון האָפנונג באַגריסט דעם פאַבריק-פאַרקאַן און די נישט-רייכערנדיקע קוימענס, וועלכע האָבן אַרויסגעשטאַרצט איבער אים, ווי אויך די אָפּגעשטאָרבענע, שווייגנדיקע געביידעס. מיט גרויסע ענערגישע טריט, האָט ער געשפּאַנט לענגאויס דער גאַס, וואָס ציט זיך צווישן דער באַן-סטאַציע און דער פאַבריק.

דאָ איז נישט געווען קיין שום באַוועגונג. היינט האָט זיך אַלץ קאָנצענטרירט אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט גלייך אויף מערב. דאָרט האָט געווילדעוועט נישט אַ באַוועגונג, נישט אַ מהומה, נאָר אַ פולשטענדיקע קאַטאַסטראָפע. די מאַשינען האָבן געשטופּט איינע די אַנדערע, זיך פאַרטשעפּעט, צעשליידערט די פּליטים, וועלכע האָבן זיך אין זיי פאַרצווייפלט געקלאַמערט, זיך געשטויסן און געשפּאַרט פאָרויס, פאָרויס אויף מערב. די געזונטע האָבן אַרויסגעוואָרפן די פאַרווונדעטע

אין די רינשטאָקן, צו פאַרנעמען זייערע ערטער, און די מאַשינען האָבּ זיך ווייטער געריסן פאָרויס און פאָרויס, אויף מערב.

פון וואָקזאַל איז געבליבן בלויז אַ באַרג גרוז, וואָס האָט זיך נאָך געריכערט. די באַן־ליניע איז געווען נישט צום באַנוצן, ווייל דריי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט איז די בריק געוואָרן אויפגעריסן דורך א.ל.־אָווצעס. די דייטשן האָבן זי צוריק אויפגעבויט מיט גרויס מאַטעריש, אויסלייגנדיק די קלעצער אויף הויפנס שוועלן, אָבער ווי נאָר זיי האָבן פאַרענדיקט די שווערע אַרבעט, זיינען אָנגעפלויגן עטלעכע דרייסטע „אילעס", און די בריק האָט זיך ווידער איינגעוואַלגערט. דעריבער איז היינט לעבן אויפגעריסענעם וואָקזאַל געווען טויט, בלויז עטלעכע פיגורן אין גרינלעכע מונדירן האָבן זיך דאָרט נערוועז אַרומגעדרייט. און אויף דער צווייטער זייט גאַס, הינטער דעם הויכן מויער־פּאַרקאַן, האָט זיך רויק אַרויפגעהויבן די פאַבריק.

פלעווע האָט אָנגעהויבן גיין פאַמעלעכער און אָנגעשטרענגט אַלע חושים. ער האָט געוואָלט דורך דעם הויכן מויער דערזען עפּעס, וואָס זאָל אים זאָגן, אַז דער פאַבריק דראָט נישט קיין שום געפאַר. אָבער הינטער דעם פּאַרקאַן האָט געהערשט אַ שטילקייט, ווי הינטערן פּאַרקאַן פון אַ בית־עלמין. ער האָט ווידער אָנגעהויבן שטעלן שנעלערע טריט. האָט באַשלאָסן צוצוגיין פון דרום־זייט, ווו האַרט ביי דער פאַבריק האָבן זיך געפונען צוויי גרויסע סטאַוון און ס'איז נישט געווען קיין מויער־פּאַרקאַן, נאָר בלויז אַ געוויינלעכע נעץ פון שטעכיקן דראָט. צוגעקומען אַהין, האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן הויכן וואַל, וואָס איז אָנגעשיט געוואָרן פון דעם שלאַק פון גרויסן אויוון, און פון דער דאָזיקער הויכקייט אַרומגענומען מיט אַ גיריקן בליק די פאַבריק. פאַר אַלעם האָט ער דערזען די טייל, וואָס איז אים באַקאַנט צומיינסטן, די פּראָנט־וואַנט פון דער שמידעריי, דעם פּלאַץ פאַר איר און, אַ ביסל אין אַ זייט, זיין וועכטער־ביידל. אויף דעם דאָזיקן גאַנצן שטח, וואָס ער האָט געקאָנט אַרומנעמען מיטן בליק, איז נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש.

ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. — וועלן זיי שוין מסתמא גאָרנישט טאָן... נישט קיין סך צייט איז זיי געבליבן, אפשר וועלן זיי נישט באַווייזן...

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ גרויס שטיק שלאַק און אַרויסגעצויגן פון קעשענע די פושקע טאַבאַק. אין זיין האַרץ איז אויפגעגאַנגען אַ שטאַרקע האָפנונג, הגם ער האָט זי נאָך נישט געקענט באַגרינדן. ער האָט געוואָנדן דעם בליק, צעצונדן פון הייסער דערוואַרטונג, אויף

מזרח, זיך איינגעהערט אין דעם פראָנט־געברום, וועלכער איז אָנגע־וואַקסן כוואַליעסווייז.

— קומט... קומט שנעלער...— האָט ער ליידנשאַפטלעך געשעפּטשעט —אפשר וועט איר באַווייזן אָפּצוראַטעווען די פֿאַבריק ...קומט שנעלער...

פון דער זייט פון דער סטאַציע האָבן זיך צעהילכט סעריעס מעטאַלענע אויפרייסן. ס׳איז לייכט געווען זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס רייסן די דייטשן אויף די שינעס. וואָס פאַר אַ זין איז דערין געלעגן, ווען דער וועג איז סיי ווי געווען איבערגעשניטן? זיי האָבן קענטיק מורא, אַז די סאָוויעטישע זעלנער וועלן שנעל צוריק אויפבויען די בריק... זיי האָבן זיי שוין, משמעות, גוט אָנגעלערנט...

פאַר פלעווען האָט דאָס אַלץ אין דעם מאָמענט נישט געהאַט פונ־דעסטוועגן קיין באַדייטונג. מיט דער גאַנצער נשמה האָט ער געפלאַ־טערט איבער דער פוסטער פאַבריק, גלייך ווי זיין עקשנותדיקער בליק, ווי אויך זיינע עקשנותדיקע געדאַנקען וואָלטן זי געקאָנט פאַרהיטן פון יעטוועדן אומגליקס־פאַל. ער וואָלט הייס תפילה געטאָן, ווען ער וואָלט כאָטש אַ ביסל געגלייבט, אַז דאָס וועט עפּעס העלפן. ער איז געזעסן און אומדערמידלעך געקוקט, רייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס.

ערשט ווען די קאָנטורן פון דער פאַבריק זיינען זיך פולשטענדיק צעשווומען אין דער טונקלקייט און פאַרבליבן אַ קאָמפּלעקס פון ווייס־שוואַרצע פלעקן, האָט ער זיך שווער אויפגעהויבן און צוריקגעגאַנגען, טראָגנדיק אין זיך אַ ליכטיקע, הגם מיט גאָרנישט גאַראַנטירטע, איבער־צייגונג, אַז זיין פאַבריק איז שוין פון גאָרנישט באַדראָט.

דער שטראָם אַנטלויפנדיקע איז שוין באַדייטנדיק שיטערער געוואָרן. אויף די גאַסן האָט זיך באַוויזן מער אָרטיקע באַפעלקערונג, מערסטנס פרויען. אַרום האָט זיך געפילט עפּעס אַן אַנדערע אַטמאָספער, עפּעס אַ נישט אָנטאַפּעוודיקע דראָונג און אַ טריומף אין די בליקן פון פשוטע מענטשן, אין אומשולדיקע פנימלעך פון קינדער.

די אַנטלויפנדיקע העלדן פון דער „אומבאַזיגבאַרער" אַרמיי האָבן זיך אויף קיין האָר נישט אינטערעסירט מיט דעם אַרום. אויב זיי האָבן אַ קוק געטאָן אין דער זייט, איז זייער בליק שוין נישט געווען דער אַזוי גוט באַקאַנטער בליק פון אַן אין זיך פאַרגלייבטן באַצווינגער, נאָר דער בליק פון אַ האָז, וואָס איז אַרומגערינגלט דורך אַן אָבלאַווע. ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דער אייגענער שאָטן וואַרפט אָן אויף זיי טויט־שרעק.

פלעווע האָט זיך אומגעקערט אַ היים און אָפּגעגעסן דאָס פאַר־שפּעטיקטע מיטאָג, נישט ענטפערנדיק אויף דעם ווייבס טענות און איר

וויינענדיק וואָרטשען, וואָס אין אַזאַ שרעקלעכער און אומזיכערער צייט האָט ער זיך ערגעץ אַרומגעשלעפּט, האָט ער אָנגעפּילט די פּושקע מיט אַ פרישער פּאָרציע טאַבאַק און ווידער זיך געלאָזט צו דער טיר.

דאָס ווייב האָט זיך צו אים צוגעקוקט מיט שטאַרקן אומרו, נישט קאָנענדיק באַנעמען דאָס, וואָס זי זעט.

— וואָס טוסטו? גייסט שוין ווידער?

— כ'גיי...

— יעזוס! מאַריאַ!... צי'סטו אויף אַן אמת דעם שכל פאַרלוירן?... און וווהין גייסטו דאָס?

— אַהין, ווו שטענדיק...

— געדענק אין גאָט, בלאַזשעק! מלחמה, פראָנט, אומעטום איז פול מיט די דאָזיקע באַנדיטן, און ער וועט גיין אין פאַבריק... און נאָך וואָס? קיין לעבעדיקער נפש איז דאָך דאָרט נישטאָ, און ער וועט גיין...

— וואָס איז מיט דיר דאָ צו ריידן... — האָט ער זיך איינגאַנצן אויפגעקאָכט — דיר דוכט זיך, אַז די פאַבריק איז פאַר מיר אַזוי זיך פיו... די היטלעריסטן קאָנען זיך טאָן מיט איר, וואָס זיי געפעלט, און איך וועל זיצן אין הייזקע און גאָרנישט...

— איז דאַרף איך גרוי ווערן צוליב דיר, האַ? — האָט זי אָנגעהויבן יאָמערן אויף אַ רעכטן אמת — צי ווע סט ו זי דאָס אָפּראַטעווען, אָפּגעריסענער שוטה?

— אָפּראַטעווען... אָפּראַטעווען... אַז דאָס קינד איז דיר געשטאָרבן, האָסטו אויך געוווסט, אַז דו וועסט עס נישט אָפּראַטעווען, און פונדעסט-וועגן האָסטו איינגעלייגט די וועלט ביז דער לעצטער מינוט...

ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און אַוועקגעגאַנגען. דאָס מאָל — גלייך אין פאַבריק.

ביים אַרייגאַנג איז קיינער נישט געווען, קיינער האָט אים נישט געפרעגט וווהין און נאָך וואָס ער גייט. אין פאַבריק האָט ער אויך קיינעם נישט געטראָפן.

— אַהאַ... איז מסתמא שוין... — האָט ער אַ טראַכט געטאָן אַ דער-מוטיקטער.

ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם האָל פון דער קוזניע, אָבער דאָרט איז געווען כמעט איינגאַנצן פינצטער. ס'איז נישט געווען נאָך וואָס אַריינצוגיין. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ היימלאָזער, זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, איז אַרומגעגאַנגען די געביידע איינמאָל און אַ צווייט מאָל, אָבער ס'האָט אים עפּעס נישט געקלעפּט קיין געדולד זיך אַרומצודרייען אויף איין אָרט. ער האָט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, אויסגע-

רייכערט און וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער אָפּגעפּילט אַן אומגעדולדיקן דראַנג אָפּצוזוכן עפּעס אומבאַשטימטס, וואָרשיינלעך אַ באַשטעטיקונג פאַר זיינע באַגערן און האָפענונגען. די דאָזיקע אומקלאָרע געפילן האָבן געפירט זיינע טריט אין דער ריכטונג פון גרויסן אויוון.

מיט נישט ווייניק מי האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן אייזער-נעם לייטער צום שפּיץ פון קופאָל-דאַך און געוואָרפן אַ גיריקן בליק אינעם בין-השמשות, וואָס איז געהאָנגען איבער דער שטאָט און געגנט. ס׳איז אָבער גאָרנישט געווען צו זען. אויפן פאָן פונעם טונקעלן ווינטער-הימל האָבן זיך געמיניעט אין דער הייך די ווערטיקאַלע צילינדערס פון די פאַבריק-קוימענס, וואָס זייערע שפּיצן האָבן געזונקען אין דער גראַ-נאַטענער טונקלקייט, אין דער נידער איז געלעגן אַן אומגלייכע אוי-בערפלאַך, צעטיילט אויף זיך ווייסנדיקע פירעקן פון באַשנייטע דעכער און שוואַרצע ליניעס פון אויסגעטרעטענע דורכגענג צווישן הייזער. בלויז פון הינטער די פלאַכע בערגלעך אויסער דער שטאָט, פון דרום און פון מזרח, האָבן זיך דורך דער ווינטער-נאַכט דורכגעשלאָגן רויטע בליצן, און ס׳איז כוואַליעסווייז געגאַנגען אַ קרעכצנדיק געברום.

פלעווע האָט זיך פאַרקוקט אין דער דאָזיקער צעבליצטער טונקל-קייט און זיך פאַרטראַכט.

ער האָט געקענט די רוסישע מענטשן נאָך פון פאַר יענער מלחמה און פון דער מלחמה-צייט. האָט דורכגעמאָסטן מיט זיי אין די זעלבע רייען פיל קילאָמעטערס ווי אַ סאָלדאַט פון טולער פוס-גייער-פולק, וואָס איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט מלחמה. האָט מיטגעמאַכט מיט זיי די ליידן און פריידן אין משך פון עטלעכע שווערע יאָרן. וועגן די דאָזיקע מענטשן, וועגן זייער ברייטער נשמה און טיפן האַרצן זיינען אים געבליבן די בעסטע זכרונות. שוין דעמלט האָט ער געהערט עפּעס-וואָס וועגן די באָלשעוויקעס, וועגן לענינען. אָבער שפּע-טער איז ער אַריינגעפאַלן אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט און האָט וועגן אַלץ ווי פאַרגעסן. ווי-זשע זעען די מענטשן אויס הייַנט, ווען מען רופט זיי באָלשעוויקעס? זאָל דאָס זיין אמת, אַז זיי זיינען אַזעלכע שרעקלעכע, ווי ס׳האָבן עס געזאָגט אונדזערע באַלעבאַטים פאַר דער מלחמה און ווי די דייטשן טראָגן עס איצט פונאַנדער?... און צי איז ווידער אמת דאָס, וואָס דער זון האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז דאָס הייַנ-טיקע רוסלאַנד איז אַזאַ גערעכטיק און רייך לאַנד?... אַז די מענטשן דאָרט זיינען אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע?..

ער האָט נאָכגעטראַכט און אויפגעכאַפּט מיט אַן אויפגערייצטן בליק די בליצן אויפן האָריזאָנט, ביז אַ דורכדרינגלעכע קעלט האָט אים נישט

אַראָפּגעיאָגט פונעם קופּאָל-דאַך און געצוווּנגען איינצוהייצן אין אייוועלע פון דער קאָנטאָר. ער האָט ווייטער נאָכגעטראַכט ביים אייוועלע. ביז אין די דאָזיקע טראַכטענישן האָט זיך אַריינגעמישט די מחיהדיקע וואַרעמקייט און אים איינגעשלעפערט, ווייל ער איז זיך דאָך נישט אויסגעשלאָפן דעם פאַרגאַנגענעם מעת-לעת.

II

ווען ער האָט זיך איבערגעוועקט, האָט שוין געטאָגט. ס׳האָט אים תיכף אַרומגעכאַפּט אַ נישטפאַרשטענדלעכע נויטווענדיקייט זיך צו איילן. ער האָט שנעל פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, פאַררייכערט און ווייטער אַרויסגעגאַנגען אויפן פּלאַץ. ס׳האָט אים גלייך איבערראַשט, וואָס דאָס שיסן הערט זיך פון אַ ווייטערן מהלך און נישט פון דער זייט, וואָס נעכטן אין אָוונט, נאָר צומדייטלעכסטן פון מערב. די דאָזיקע באַאָבאַכטונג האָט אים אונטערגעזאָגט אַ ווונדערלעך-אָנגענעמען געדאַנק, וועלכער האָט אים אַ רגע באַרוישט, ווי א גוט גלעזל בראָנפן. אַ געדאַנק לגמרי נישט קיין וואָרשיינלעכער.

זאָל עס זיין שוין?...

יאָ, שוין. אין משך פון דער נאַכט איז די שטאָט געוואָרן אַרומגערינגלט, און די דייטשן האָבן געמוזט פון דאַנען אַנטלויפן, ברעכנדיק האַלדז און נאַקן.

ער האָט זיך שנעל געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אין גאַס איז שוין נישט געווען דער געבראַזג פון די יאָגנדיקע מאַשינען. אַחוץ די אָפּקלאַנגען פון די ווייטע דונערן האָט געהערשט אַן אומהיימלעכע, כמעט שרעקלעכע שטילקייט. הינטער פאַרן פאַבריק-טויער האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ דערהרגעטן זשאַנדאַר. ער איז געלעגן נאַזנדיק מיט צעשפּרייטע הענט, די אַרויסגעזוצטע אויגן זיינען ענדלעך געווען צו קייקעלעך אייז. דאָס בלוט, וואָס האָט אַראָפּגערונען פון קאָפּ, האָט באַפאַרבט אויף רויט דעם שמוציקן, פון אַ סך פּיס צעטראָטענעם שניי.

פּלעווע האָט זיך אַ קורצע רגע פאַרהאַלטן לעבן אים. האָט אַראָפּגעקוקט אויפן שטייפן, פאַרגליווערטן פּנים אַזוי פּשוט און אוממיטלבאַר, ווי ער האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט געקוקט אין פּנים פון אַ היטלעריסט. ער האָט אַ סך מאָל אין זיין לעבן געזען דערהרגעטע מענטשן, און שטענדיק איז אים דערביי טרוקן געוואָרן אין האַלדז, און

דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט פון אַ ווייטיקלעכן קראַמף. און ערשט ניטש... ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער טויט קאָן דערוועקן ענלעכע געפילן. ווי דאָס דאָזיקע בלוט, וואָס רינט פון אַ מענטשלעכן קאָפּ אויף דער ערד, וואָלט אַראָפּגעשווענקט עפּעס אַ משונהדיק ווייטיקלעך־דריקנדיקע משא. ווי דער דאָזיקער בר מנן וואָלט מיט זיינע אומבאַהאָלפן־פונאַנדערגעשפּרייטע הענט אַראָפּגעריסן פון דער וועלט א שווערן נישט־דורכדרינגלעכן פאָרהאַנג, פון הינטער וועלכן ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויסע דערלייכטערונג, און ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פרישע, ריינע לופט פאַר אַ ברייטערן פרייערן אָפּאָטעמען.

— ס'איז געווען ראַסאָווע יוכע, אָבער זי איז אַרויסגערונען פון דער ראַסעווער מאָרדע... — האָט ער אַ ברום געטאָן מיט סאַרקאַסטישער פאַרביסנקייט צי צו זיך, צי צו דער פרוי, וואָס האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט לעבן דערהרגעטן און מיט אַן אויסדרוק פון שרעקעוודיקער פרייד אין די צעטומלטע אויגן זיך איינגעקוקט אין אים, האַלטנדיק זיך פונדעסטוועגן אויף אַ פאַסיקער דיסטאַנס. קענטיק, אַז אַפילו צום טויטן זי קיין צוטרוי נישט געהאַט.

פלעווע האָט איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי זי האָט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס ער האָט אריינגעלייגט אין זיינע ווערטער, צי ס'איז דערגאַנגען צו אירע געפילן דער זין פון דעם גערעכטן האַס, וואָס האָט באַהויכט זיין נשמה מיט אַ קיל ווינטל. אָבער זי האָט אים, ווייזט אויס, נישט געזען און נישט געהערט זיינע ווערטער.

ווען ער איז צוגעקומען צו דער הויפּט־גאַס, איז ער פאַרשטייפט געוואָרן אין זיך, ווי אַ יאַגד־הונד אויפן שפור. איבער דער גאַס זיינען געגאַנגען מחנותווייז סאָוויעטישע זעלנער. זיי זיינען געווען פאַרריסט, פנימער האָבן זיי געהאַט פאַרמאַטערטע, פאַרברווינטע, אָבער פון הינטער דער דאָזיקער טונקעלער אויסערלעכקייט האָט בפירוש אַרויסגעשלאָגן דער קעמפערישער ברען, ווי עס שלאָגט אַרויס פון הינטער אַש דער גלי פון אַ נישט־אויסגייענדיקן שייטער. דער זאַמד־קאָליר פון דער מונדירונג, די מיט דער האַנט געשלעפטע צופעליקע וועגעלעך, אָנגעלאָדעוועטע מיט קאַסטנס און פאַרשידענע מינים קריגס־משאות, די מאַשין־ביקסן, האַרמאַטלעך, דאָס אין פלוג אומגעאָרדנטע און אומבאַהאָלפענע געאייל, דאָס אומפאַרשטענדלעכע געלויפעריי... — דאָס אַלץ האָט אין פלעווען געוועקט אויפרעגנדיקע און פרייקרע געפילן. ער האָט אָנשטרענגנדיק אַלע חושים, פיבערדיק געזוכט אַן אויפקלערונג.

פלוצלינג איז האַרט לעבן אים געבליבן שטיין אַ יונגער, צע־שמייכלטער אָפיציר.

— נו, קאַק? אודיראַיוט פּריצי, האַ?*)

פלעווע איז צעחושט געוואָרן. די אַרויסגעזאָגטע פרעמדשפּראַכיקע ווערטער זיינען אים געווען פאַרשטענדלעך, דאָס צעשמייכלטע, פרעמדע פּנים האָט זיך אים אויסגעוויזן באַקאַנט, היימיש, נאָענט. די בלויע, פלאַמענדיקע אויגן זיינען געווען אַזעלכע אָפענע, אַז מ׳האָט געקאָנט אין זיי קוקן און נישט פילן קיין מורא. אָבער פלעווע האָט דאָך אַמאָל דורכגעמאַכט עטלעכע יאָר צאַרישע סאָלדאַטישע טרעסירונג. ער האָט אויטאָמאַטיש אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס און זיי אויסגע־צויגן „לענגאויס די נעט״...

— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע... וואַשע... בלאַגאָראָדיע...**)

דער אָפיציר האָט זיך צעלאַכט אויפן קול, האַרציק און היימיש.

— אַ ווי זאַטשעם טאַק סמירנאָ? ווי טשטאָ, ו צאַרסקאָי אַרמיי סלוזשילי, האַ?***)

— טאַק טאָטשנאָ...****)

— וואַשע בלאַגאָראָדיע... — האָט האַרציק געלאַכט דער אָפיציר — וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, סיאַטעלסטוואָ! אי פּראָטשיע גלופאָסטי... טיעפּער או נאַס אוזשע ניע טאַק, בראַט... אוזשע ניע טאַק... — האָט ער אים גוטברידעריש געקלאַפּט אין אַקסל... — נו, בוד זדאָראָוו, טאָוואַ־רישטש. נאַם ווּפּיעראָד נאַדאָ...*****)

אַ שפּאָר שטיקל צייט איז אַוועק, איידער פלעווע איז צו זיך געקומען. ער האָט אויסגעשפּיגן און איילִיק זיך דערווייטערט פון דעם אָרט, שעמעוודיק זיך דורכגעגליטשט פּאַזע די ווענט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו טרעפן עמעצן, וואָס איז געווען אַן עדות פון זיין קאָמפּראָ־מיטאַציע. האָט נישט געוואָגט אויפצוהייבן די אויגן אויף די פאַרבייגיי־ענדיקע זעלנער. איז פאַרשעמט געווען, ווי אַ קינד. ער האָט דאָך, צום

---

*) נו, ווי? זיי אַנטלויפן, די פּריצן, האַ?

**) ריכטיק, אייער... וווילגעבוירן...

***) פאַר וואָס שטייט איר אַזוי אויסגעצויגן? וואָס? איר האָט געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי? יאָ?

****) ריכטיק זייער...

*****) אייער וווּיל געבוירן... אייער הויכוווילגעבוירן, עקסעלענץ און אַנדערע שטותים... היינט איז שוין ביי אונדז אַנדערש... נו, זיי געזונט, חבר, מיר דאַרפן גיין ווייטער...

טייוול, געוווּסט, אַז ס'איז שוין נישט אַזוי. און פונוואַנעןהאָט זיך דאָס צו אים גענומען...

— טפו!...

ווען ער איז צו זיך געקומען פון זיין פאַרלעגנהייט, האָט ער ליידנשאַפטלעך גענומען זיך דערמאָנען די דאָזיקע אומגעריכטע באַגעגעניש, און עפּעס אַ צודרינגלעכער נחת־רוח האָט זיך אים צעגאָסן אין דער נשמה.

פאַרבייגעגאַנגען אַ קליין זייטן־געסל, האָט ער זיך געפונען נישט ווייט פון דער בריק, און דאָ האָט אים ווידער איבערראַשט אַ נייע דערשיינונג. די גאַס אויף יענער זייט טייך איז פול געווען מיט אַ געדיכטער קאָלומנע מאַשינען פון פאַרשידענע טיפּן, אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן אין אַ ווייטן גאַסן־אויסבייג. דאָ, וווּ ס'איז געווען די בריק, האָט געווירבלט עפּעס אַ מאַסע, געווימלט עפּעס אַ מוראַשניק. ער האָט פאַרשנעלערט די טריט און נייגעריק אויסגעשטרעקט דעם האַלדז פאָרויס.

און ערשט צוקומענדיק צום אָרט, האָט ער באַקומען אַ קלאָרן ענטפער אויף אַלע פראַגן, וועלכע האָבן אים געמאַטערט ביים ערשטן צונויפטרעפן זיך מיט די סאָוויעטישע זעלנער. אָט איז די בריק געווען אויפגעריסן, און די דאָזיקע שטערונג האָט פאַרהאַלטן די אַנצאָליקע מאַסן אויטאָמאָבילן, וועלכע האָבן מיט אומגעדולדיק־וואַרטשענדיקע מאָטאָרן אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט, ווען די שטערונג וועט באַזייטיקט ווערן, און זיי וועלן ווידער קאָנען ווי אַן אומאָפּהאַלטנדיקער שטראָם זיך אַ ריס טאָן פאָרויס. די בריק ווידער איז באמת ענלעך געווען צו אַ מוראַשניק, אין וועלכן מ'האָט אַריינגעזעצט אַ שטעקן. ס'איז דאָרט שווער געווען אויפצוכאַפּן עפּעס קאָנקרעטס. דאָס איז פּשוט געווען אַ פיבערדיקער געווירבל פון ברעטער, קלעצער, סלופּעס, דרענגער, לאָפּעטעס, קילאָפּן און פיגורן, אָנגעטועטע אין גרויע מונדירן און אין פאַרשיידנסטע ציוויל־מלבושים.

צווישן די דאָזיקע ציווילע האָט פלעווע שנעל דערקענט אַ סך באַקאַנטע פּנימער. און דעמלט, נישט פרווונדיק זיך אפילו צו אָריענטירן — ווו, וואָס און ווען — האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם דאָזיקן געווירבל. ער האָט זיך אונטערגעשטעלט אונטער אַ שווערן קלאָץ, געשלעפּט דורך צוויי ציווילע, אים אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פעסטן אַקסל און נאָכגעקראָכן צום טאַקט פון זייערע טריט. אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען קורצע, אָפּגעהאַקטע אויסגעשרייען, פון וועלכע ס'האָט זיך געשאַפן אַן אינטערעסאַנטער, צוויי־שפּראַכיקער האַרמידער.

— ווהין דערלאַנגען?

— סיודאַ דאַוואַי! סיודאַ! *)

— האָ! הע — עפּ!

— פּלאָטניעיע לאָזשי! **)

— שטופּן פון יענעם עק!

— זאַביוואַי! ***)

— גיב אַהער די קלאַמערס!

— מאָלאָדצי! ****)

— נאָך צוויי סלופּעס!

ווען זיי האָבן אויפן אָרט אַראָפּגעוואָרפן דעם קלאָץ פון די אַקסלען, האָט פּלעווע אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי און שטיב און זיך אַרומגעקוקט, צו וואָס נאָך ער זאָל זיך דאָ נעמען. אָבער גראָד האָט זיך איבער דעם געפּילדער און ליאַרעם צעהילכט א הויכער, אויסגעצויגענער אויסגעשריי:

— גאָטאָאָאָוו!*****)

און באַלד האָט אים באַגלייט אַ צווייטע שטים.

— אַראָפּגיין פון דער בריק! אָפּליידיקן די בריק!

מאַסנווייז האָבן זיך די מענטשן געלאָזט פון דער בריק צו די בריק-סלופּעס, זיך צוזאַמענגעשטופּט אויף די טראָטואַרן, לאָזנדיק פרייַ דעם פאָר-וועג. אויף דער בריק זיינען געשטאַנען בלויז עטלעכע מענטשן אין מונדירן. איינער פון זיי האָט צוגעשטעלט צום מוילביידע הענט, אויסגעבויגן אין אַ רערל:

— קאָלומנאַ ופּיעראָד!******)

מאָטאָרן האָבן זיך צערוישט מיט אַ שטאַרקער וואָרטשען, די קאָלומנע האָט אַ ציטער געטאָן, און די ערשטע מאַשין האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער בריק.

אַרום איז אַנטשטאַנען אַזאַ שטילקייט, אַז דאָס וואָרטשען האָט זיך אויסגעוויזן עפּעס צופעליק און אויסטערליש. די מענטשן זיינען פאַרשטאַרט געוואָרן און האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, צופאַלנדיק מיט

---

*) אַהער דערלאנגט! אַהער!

**) לייגט געדיכטער!

***) קלאַפּט אַריין!

****) כוואַטן!

*****) פאַרטיק!

******) די קאָלאָנע פאָרויס!

אומבאַוועגלעכע אויגן צו דער מאַשין, וועלכע האָט זיך פּאַמעלעך באַוויגן, זיך וואַקלדיק אויף די נישט גלייך אויסגעלייגטע ברעטער פון דער בריק־דעק. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז איבערן גאַנצן רוים איז געהאָנגען איין ליידנשאַפטלעכע און אַלמעכטיקע פראַגע:

— זי וועט אַדורך, צי נישט אַדורך?...

טויזנט פּאָר אויגן האָבן מיט אויפמערקזאַמקייט, אָנגעשטרענגטער ביז דער העכסטער מאָס, און מיט אַ פאַרגליווערט האַרץ פון שרעק נאָכגעשפּירט יעדן דריי פון די רעדער, טויזנט פּאָר אויערן האָבן מיט אומרו אויפגעכאַפּט יעדן העכערן סקריפּ פון די ברעטער. און ווען דער אויטאָ האָט ענדלעך מיט אַ דרייסטן פּאָר דערגרייכט די פּאָדערשטע בריק־סלופּעס — האָט די מאַסע אויפגעיובלט. היטלען זיינען געפלויגן אין דער לופטן, ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ האַרמידער, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרטויבט די מאָטאָרן.

די מאַשינען זיינען געפאָרן און איינע נאָך דער צווייטער אין גלייכע אָפּשטאַנדן אַדורך די בריק, כדי תיכף נאָך איר זיך צו לאָזן אויף דער גאַנצער פאַרע.

עמעץ האָט, רייסנדיק פלעווען צודרינגלעך ביים אַרבל, אַריינגעשריגן אים אין אויער:

— פלעווע! דו קאָנסט דאָך רוסיש! זאָג נאָר, וואָס איז אויף די מאַשינען אָנגעשריבן...

— כ׳וועל דען באַווייזן...—האָט זיך פלעווע אויפגעכאַפּט, און אַ לגמרי אומגעריכטע רויטקייט האָט אים צעהיצט די באַקן. — כ׳האָב שוין לאַנג נישט געלייענט...

— וויפל איר וועט באַווייזן... — האָט עמעץ אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

אַ כוואַליע פון דערהויבענעם שטאָלץ און פרייד האָט פלעווען פלוצלינג אַרומגעכאַפּט. ס׳איז אים קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז די קענטעניש פון דער דאָזיקער שפּראַך קאָן אים צונוץ קומען אין אַזאַ אומגעוויינלעך גרויסן מאָמענט. ס׳איז אים אַ רגע באַפאַלן אַ שרעק זיך צו קאָמפּראָמיטירן, אָבער דער פאָרשלאָג איז געווען צו רייצנדיק, ער זאָל אים נישט לאָקן. אַ סך מענטשן וועלן דאָך אים הערן, וועלן זיך דע־נאָך איבערגעבן פון מויל צו מויל...

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, אָפּגעהוסט.

— נו, אפשר איינס פון צען וועל איך כאַפּן... נו, שטיל!

— זאָל זיין כאָטש איינס פון צען...

— שטיל! — האָט פּלעווע מיט אומגעדולד זיך אַ בייזער געטאָן און גענומען לייענען דעם קאַליגראַפירטן קרייד-אויפשריפט אויף דער מאַשין, וואָס דערנענטערט זיך איבער דער בריק. — נאַשע דיע... דיעלאָ פּראַ... פּראַוואַיע, מי פּאָ... פּאָביעדים... דאָס הייסט: אונדזער זאַך איז אַ גע־רעכטע, מיר וועלן זיגן.

ס'איז אָנגעקומען אַ ווייטערדיקע מאַשין.

—ווּפּיע... ווּפּיעראָד נאַ בער... בערלין...— האָט פּלעווע אויסגערופן מיט ברען. — דאָס איז דאָך מסתמא פאַרשטענדלעך, כמעט ווי אויף אונדזער לשון. פאָרויס אויף בערלין!

— אָ! אַז וואָס גיכער! באַגליק זיי גאָט!—האָט עמעץ היציק אויס־געשריגן.

— שטיל! — האָט פּלעווע ווידער זיך אַ בייזער געטאָן, איינגעראָבנ־דיק די אויגן אין דער מאַשין, וואָס האָט זיך דערנענטערט — פּרי... פּריוויעט בראַט... סקאָ... בראַטסקאָמו פּאָלסקאָמו נאַ... נאַראָדו... פּריוויעט בראַטסקאָמו פּאָלסקאָמו נאַראָדו! דאָס הייסט... נו... פּריוויעט... פּריוויעט... וואַרט נאָר... דאָס וועט זיין: אַ גרוס... אַ גרוס דעם פּוילישן ברודער־לעכן פאָלק...

— נו?

— אַזוי שטייט, ווי אויסגעקריצט!... וואַרט... אוניטשטאָ... אוני־טשטאָזשים היטלעראָ... היטלעראָווסקאַוואָ גאַדאַ וו יעוואָ בער... בערלי־ניע... ניין בערלאָגיע... אין זיין נאָרע... דאָס הייסט: מיר וועלן פאַר־ניכטן די היטלעריסטישע שלאַנג אין איר נאָרע...

— קאַזשיק! קאַזשיק!— האָט עמעץ הוילע גדולה אַ געשריי געטאָן— אַז היטלער איז געגאַנגען אויף רוסלאַנד, דעמלט האָסטו אונדז פאַר־טייטשט זייערע אויפשריפטן. ווי איז דאָרט געווען אויף איינעם? גע־דענקסט? עפּעס דאָרט... מוטטי וואַרטע... פּאָסטען...

— אַ, כ'ווייס! מוטטי, וואַרטע אאוף פּאָסט, איך ווערדע שרייבען פאָן מאָסקאו...

— אָ! דאָס איז דאָס!... נו, און ער האָט אָנגעשריבן, ברודערל, און איצט איז ער אַליין אַהיימגעלאָפן מיטן בריוו, ווייל פון מאָסקווע האָט ער נישט באַוויזן אַרויסצושיקן...

ס'האָט אַ הילך געטאָן אַ האַרציק, סטיכיש געלעכטער.

— דערפאַר האָט ער זיך אַזוי געאיילט, ווייל די מאַמע האָט צו לאַנג געוואַרט אויפן בריוו פון מאָסקווע! — האָט עמעץ געשריגן דורך געלעכטער.

— מ׳האָט אים אויפן שטערן געלייגט דעם מאָסקווער סטעמפּל, אַנשטאָט אויפן בריוו!

ס׳האָבן געלאַכט די אַלע, וואָס האָבן געהערט דאָס איבערשרייען זיך פון די ווערטלזאָגער. זיי האָבן געלאַכט ברייט, מיט פולן מויל, אפשר מיט א געוויסער איבערגעטריבנקייט אפילו, ווייל דאָס איז פשוט געווען דער סטיכישער אויסברוך פון דער נאָכנישט פאַרזוכטער, אָבער שוין פאַרגעפילטער, ערשט געבוירנווערנדיקער פרייהייט.

די סאָוויעטישע זעלנער, וואָס זיינען געפאָרן אויף די מאַשינען, האָבן געמאַכט מיט די הענט, הויך אויפגעהויבן די ביקסן און געשריגן:

— ז׳נאַמי אידיאָט וואַשע וואָיסקאָ פּאָלסקאָיע!*)

אַזוי האָט פון די דאָזיקע פרעמדע און דאָך נאָענטע פנימער, אַזוי האָט פון די דאָזיקע יאָגנדיקע מאַשינען אַראָפּגעגנידערט אויף די גאַסן פון שטאָט די פריידיקע גרויסע פרייהייט.

III

דער דאָזיקער טאָג איז פאַר דער גאַנצער שטאָט געווען אַ גרויס, אומגעוויינלעך איבערלעבעניש. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך באַראַטן דער שטאָטישער נאַציאָנאַל-ראַט, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך בעת דער אָקופּאַציע, און איז ערשט צוגעטרעטן צו דער באַלדיקער אָרגאַניזירונג פון דער אַדמיניסטראַציע און אָרדנונג. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך באַראַטן דער ראַט פון דער פאַבריק, וואָס איז אויך אַנטשטאַנען נאָך בעת דער אָקופּאַציע. אין אַלע אַנשטאַלטן האָט מען היינט אויף הייס אַ כאַפּ געטאָן דאָס לעבן, וואָס איז דעזאָרגאַניזירט און צעשטערט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט.

מענטשן האָבן זיך פאַרשידן פאַרהאַלטן יענעם טאָג. אייניקע זיינען געווען איבעראַשט און מחמת דער דאָזיקער איבעראַשונג צו גאָרנישט ניט פעיק, אַנדערע זיינען אַרומגעלאָפן צערודערט און האָבן מיט טויזנט מאָל איבערגעחזרטע שמועסן, מיט פילמאָליקן שילדערן די איבערלעבענישן און פאַסירונגען דערוואַרעמט אין זיך און אין אַנדערע די פרייד און דאָס געפיל פון גליק. די פיפיקערע האָבן פון זיך אַליין און אייגנוויליק פאַרנומען פאַרשידענע פאָסטנס, און די פּראָפעסיאָנעלע אויס-

*) ס׳גייט מיט אונדז אייער פּויליש מיליטער...

וואָרפן, און די וואָס פאַנגען פיש אין מוטנער וואַסער האָבן אַרומגעניש־טערט איבער די ווינונגען און אַמטן, וואָס די דייטשן האָבן פאַרלאָזט און זיינען צייטווייליק געבליבן אָן אויפזיכט.

פלעווע האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, נישט געקוקט אויף דער ענ־דערונג פון דער לאַגע, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך, צי זיין אייפעריקייט וועט עפּעס נוצן ברענגען, נישט איבערצווייסן זיין וואַרטעוועץ. ער האָט דעם ענין טראַקטירט זעלנעריש: מע האָט דיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ פּאָסטן, דאַרפסטו שטייען ביז וואַנען מע וועט דיך נישט אַראָפּנעמען.

נאָך דער באַגייסטערונג און די פריידן פון טאָג, נאָכן אויסהערן אַ סך הייסע רעדעס, האָבן זיך אין אים, ווען ער האָט זיך געפונען אין זיין בודקע איינער אַליין מיט זיינע געדאַנקען, דערוועקט רעיונות. קיין זאַך האָט נישט געשטערט זיין רו, ווייל די פאַבריק איז געווען פּוסט, ווי אַ בית־עלמין. און איבער די אַנדערע אָפּטיילונגען האָבן אַרומגעניש־טערט אומדערמידלעכע, געוויסנלאָזע שאַבראָוואָניקעס, אָבער אין דעם ווינקל, וווּ ס׳האָט זיך געפונען די מעכאַנישע קוזניע, איז נישט געווען נאָך וואָס זיך צו יאָגן. פלעווע איז אינגאַנצן פאַרזונקען אין זיינע מחשבות.

ער האָט אָן אויפהער געטראַכט וועגן דעם, ווי וועט עס איצטער זיין.

קלאָר, ווי ס׳זאָל נישט זיין, מוז זיין שלעכט. יענע מלחמה איז נישט געווען אַזאַ שרעקלעכע, פונדעסטוועגן וויפל יאָר נאָך איר האָט מען עס געמוזט בידעווען. אַרבעט, וואָס אַן אמת, האָט זיך אָפּגעזוכט באַלד נאָכן צוריקקומען פון געפאַנגענשאַפט, אָבער ווי לאַנג האָט דעם מענטשן געמאַטערט דער הונגער און געביסן די לייז. אַ האַלבע שטאָט האָט זיך מיט קרייטעכצער געגנערט... און כאָטש מ׳האָט געאַרבעט, איז וויפל נוצן האָט מען דערפון געהאַט? האָסט פאַרדינט אויף אַ לעבל ברויט, און איידער ביסט מיט דעם פאַרדינסט צוגעקומען צום גע־וועלב, האָסטו געקאָנט פאַר דעם קויפן בלויז אַ פּעקל שוועבעלעך... ווייל דאָס געלט איז געפאַלן ביז טיף אין דער אַדמה. ניין... וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סך צו רעדן... נאָך אַ מלחמה מוז זיין שלעכט, דאָס פאָלק מוז זיינס אָפּקומען... סיידן, אַז עמעצער אַ פּיפיקער האָט אָרנטלעך אָנגעזשוּבעט, וועט ער ווי־נישט־איז איבערהאַלטן ביז בעסערע צייטן...

אָבער ווען וועלן עס יענע בעסערע צייטן אָנקומען?

אין מיטן די דאָזיקע טראַכטענישן האָט אויפגעלעבט אין זיין קאָפּ אַן ענין, וועגן וועלכן ער האָט שוין כמעט געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן. ער האָט זיך אַזוי אַ רודער געטאָן אויף דער באַנק, ווי דאָס זיצאָרט וואָלט

איס אַ בּרי געטאָן. ער איז געזעסן נאָך אַ רגע, צוזאַמענציענדיק די ברעמען און קנייטשנדיק דעם שטערן אונטער דער ווירקונג פון עפּעס צודרינגלעכע געדאַנקען, און ענדלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען. האָט פאַרדעכטיק זיך אַרומגעקוקט און, פעסטשטעלנדיק, אַז אומעטום איז שטיל און פּוסט, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אויף דער לינקער זייט פון זייןביידל און, צילנדיק צום נאָענטסטן סלופּ, אָפּגעמאָסטן פיר גרויסע שפּאַנען.

דאָ איז עס...

אויף דער ערד איז געלעגן אַ גרייפּלדיקער, פאַרפרוירענער שניי, וואָס.קיינעמס פיס האָבן שוין לאַנג נישט געטרעטן אויף אים. און אונטער דעם דאָזיקן שניי, און אונטער אַ דינעם שיכט ערד איז זינט עטלעכע חדשים געלעגן דאָס, צו וואָס עס זיינען איצט אַזוי ליידנשאַפטלעך און צוזאָגנדיק צוגעשטאַנען פלעוועס אויפגעלעבטע געדאַנקען. ער איז געשטאַנען און אומבאַשטימט געקוקט זיך אויף די פיס, און אין זיין זכרון האָט מיט דער גאַנצער פאַרביקייט אויפגעלעבט די געשיכטע פון יענער נאַכט.

דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט זומער, ווען דאָס סאָוויעטישע מיליטער איז געשטאַנען אַ צוואַנציק קילאָמעטער פון שטאָט, און יעדערער האָט דערוואַרט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן זיי גיין ווייטער. די דאָזיקע נאָענטע דראָונג האָט אָפּגענומען ביי די דייטשן די ענערגיע און פאַרשטאַרקט זייער טעמפּקייט, אַזוי אַז פאַרשיידענע פּיפּיקע חברה-לייט האָבן זיי באַשווינדלט, וויפל ס׳האָט זיך געלאָזט, און באַגנבעט, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט — כמעט פון אונטער דער נאָז.

אין איינעם אָן אָוונט האָבן זיך אין פלעוועס ביידל אַריינגערוקט צוויי אַרבעטער פון דער קוזניע. פלעווע האָט זיי ביידע געקענט. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, ווען די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל צו רירן, ווייל מען האָט פאַר דעם געבאָרגטן געלט פון פראַנקרייך געמאַכט געווער, זיינען זיי צוגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט ביז דער מלחמה און די גאַנצע מלחמה צייט ווי ס׳איז איבערגעהאַלטן, הגם זיי זיינען נאָך געווען יונג. זיי האָבן, משמעות, אַרומגעטאַנצט אַרום די דייטשן, אָדער...

איינער פון זיי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בענקל לעבן פלעווען, דער צווייטער איז געשטאַנען אַנטקעגן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די פּלייצעס אויף דער וואַנט. זיי האָבן אָנגעהויבן דעם שמועס ווי געוויינלעך דערפון — וואָס הערט זיך? ער האָט זיי געענטפערט, ווי מ׳ענטפערט געוויינלעך, אַז אַלץ איז ווי געווען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ביז זיי האָבן ענדלעך אַ פרעג גע-

טאָן, צי ער זעט נישט, וואָס אַרום אים אין דער פאַבריק טוט זיך? ער האָט זיי געענטפערט, אַז ער זעט. וואָס טראַכט ער וועגן דעם? און וואָס קען ער היינט טאָן?... מיט וואָס קאָן ער עמיצן אָפּסטראַשען? איבע-ריקנס... פאַר היטלערן דאַרף ער היטן? סיי ווי נעמט אַלץ צו דער טייוול...

וואַנטראָבע, וועלכער איז געזעסן לעבן פּלעווען, האָט אַרויסגענומען אַ זעקעלע טאַבאַק.

— פאַררייכערט, בלאַזשעי...

פּלעווע האָט אַרויסגעריסן אַ בלעטעלע פּליס-פּאַפּיר, גענומען פון זעקעלע אַ ביסל טאַבאַק און אָנגעהויבן פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס.

— האָ!... וואָס פאַרדרייט איר אַזוי דין בלאַזשעי? אַ גראָבן פאַר-דרייט. ס'איז פאַראַן טאַבאַק. האָט קיין מורא נישט...

און ער האָט אים גיכציק צוגעשיט טאַבאַק אַזוי ותרנותדיק, אַז פּלעווע האָט געמוזט אַ העלפט אַראָפּנעמען, ווייל ס'איז נישט אַריין אינעם פּליס-פּאַפּירל. איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער וויזיט איז נישט קיין צופעליקער, אַז די צוויי זיינען געקומען מאַכן עפּעס אַ לייטיש געשעפטל. ער וואָלט גערן געוועט זיך אָנצושטויסן זייערע כוונות, ווייל דאָס האָט אים גאָר שטאַרק פאַראינטריגירט, ער האָט אָבער אַבסאָלוט נישט געוווסט אין וואָס עס קאָן זיי גיין... ער האָט באַנוצט דאָס פּליס-פּאַפּירל, פאַרקלעפּט, אַריינגעשטעקט דעם פּאַפּיראָס צווישן די ליפּן און נאָך נישט באַוויזן געהעריק צו פאַררייכערן, ווי יענער פרעגט אים שוין זיך צודינענדיק און מיט חניפה:

— גוטער טאַבאַק, וואָס?

— האָ! האָ!... דאָס איז עפּעס נישט אויף קאַטאָוויצעס...

— און ווי מיינט איר, פּלעווע, אַז די סאָוויעטן וועלן קומען, וועלן מיר האָבן וואָס צו רייכערן, אָדער נישט?

— דער רוח ווייסט עס דאָרטן... און פאַרוואָס עפּעס זאָל נישט זיין?...

— איר מיינט, אַז יאָ? — האָט וואַנטראָבע איראָניש ווייטער געפירט.

— און פאַרוואָס עפּעס נישט?

— עך, פּלעווע, פּלעווע... דאַכט זיך, אַ קלוגער יונג, און ווי איר וואָלט גאָרנישט וויסן. זיי זיינען דאָך בעטלער. זיי אַליין רייכערן מאַ-כאָרקע פון קאָרעניעס, פאַרדרייט מיט ציייטונג-פּאַפּיר, און אונדז וועלן זיי דאָס אויך נישט געבן.

— און דו האָסט אַמאָל גערייכערט אַזאַ מאַכאָרקע פון קאָרעניעס?

— וואָס? באַהיט מיך גאָט....

— נו, איז רעד נישט, ברודער, ווייל דו ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ געשמאַק רייכערן דאָס איז!

— עך, פּלעווע, פּלעווע... איר ליבט זיי נאָך...

— איך ליב זיי נישט לחלוטין. איך רעד וועגן מאַכאָרקע פון קאָרעניעס... זיי האָבן זי דען אויסגעטראַכט, מע זאָל זיי דערפאַר ליבן?

—נו, און אַז די מאַכאָרקע זאָל זיין כ׳ווייס נישט ווי גוט, איז מיינט איר, אַז זיי וועלן אונדז געבן? — האָט זיך אַריינגעמישט סטאַכאָוויאַק.

— און די דייטשן גיבן אייך דען?

— קאָן מען כאָטש קויפן — האָט וואָנטראָבעווידער אונטערגעכאַפּט.

— און פונוואַנען ווייסטו, אַז ביי יענע קאָן מען נישט קויפן?

— פונוואַנען כ׳ווייס? מענטשן שמועסן דען נישט...

— באַ! מענטשן עמוזסן... ס׳זיינען פאַראַן אַפילו אַזוינע מענטשן, וואָס זאָגן, אַז נאָר מיט די היטלעריסטן קאָן מען מאַכן אַ לעבן. איבעריקנס, זאָג מיר נאָר — ווען די פאַרשאָלטענע מלחמה זאָל זיך ציען אַזוי נאָך אַ צוויי יאָר, נאָך אַ דריי, נאָך אַ פינף יאָר, וואָלט וואָס ווייטער לייכטער געווען מיט טאַבאַק, מיט ברויט און מיט אַלץ, צי וואָס ווייטער שווערער?

ביי וואָנטראָבען האָבן זיך די אויגן אַזש צעפינקלט.

— דאָס איז טאַקע די גאַנצע זאַך, ליבער בלאַזשעי... דער מענטש דאַרף שטענדיק געדענקען און טראַכטן וועגן דעם, ער זאָל איבערהאַלטן יעדע בידע. ווער ס׳געדענקט נישט וועגן דעם, דעם טרעפט שנעל דער שלאַק... — האָט ער אויסגעעשאָסן אין איין אָטעם און זיך פאַרהאַקט מיט אַזאַ פאַרכלינעטקייט, וואָס איז פאַר פּלעווען געווען אומפאַרשטענדלעך.

אינעם ליכט פון דעם פאַרריסטן לאָמפּ האָט זיך געזען דער גליטשיקער גלאַנץ פון זיינע אויגן און דער כיטרער אויסדרוק פון פּנים, אָבער פּלעווע האָט דערפון גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען. ווען וואָנטראָבע האָט אָבער אויפסניי צוריקבאַקומען לשון און אָנגעהויבן ריידן וואָס אַמאָל שטילער ביז אינטימער שעפּטשעריי, האָט פּלעווע ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַנעמען, צו וואָס ער צילט.

ענדלעך איז אַרויסגעקראָכן די אַל פון זאַק.

— און מיר קוקן זיך אַזוי צו צו אייך פון דער זייט און וווּנדערן זיך. און — כ׳וועל שוין זאָגן דעם גאַנצן אמת — מיר לאַכן... איר האָט דאָך פרייע הענט, קיינער גייט אייך נישט נאָך, קיינער קוקט אייך נישט אויף די הענט. גאַנצע נעכט האָט איר פרייע. איר וואָלט געקאָנט אַראָפּלקחנען דער טייוול ווייסט וואָס. און זיך לייטיש פאַרזיכערן אויף אַ שיינע פּאָר יאָר. אויף די דאָזיקע פּאָר שווערסטע יאָר...

— אַזאַ פֿאַרזיכערן זיך פֿאַלט טײַלמאָל אויס באָקעם... און איך האָב זיך מײַן פֿאַרזיכערונג.

— אַ וואָסערע? — האָט וואָנטראָבע בײַסיק אַ פֿרעג געטאָן

— אָט... די אייגענע נײַן פֿינגער.

— עך, פּלעווע, פּלעווע... — האָט זיך וואָנטראָבע געקרימט מיט אַן איראָנישער גרימאַסע. — אַ דערוואַקסענער מענטש און נישט קיין נאַר, און... איבעריקנס... נאָך וואָס אײַך אײַנרעדן, ווען איר זייט קלוגער פֿון אונדז. מיר זײַנען נישט געקומען אַהער אויף אײַנרעדענישן און דינ־געניש, נאָר מיט אַ פּאַרטיק און דערצו גוט געשעפּט. איר וועט זיך מיט קיין פֿינגער נישט צורירן. איר וועט נאָר קוקן און האָרכן, און אַז ס׳וועט קומען די צײַט, וועט איר זיך אײַער חלק באַקומען. און דאָס וועט אײַך צום טײַוול צונוץ קומען, ווײַל עס גייען שווערע צײַטן, דאָס זאָג איך אײַך...

— טאָ צו וואָס איז געווען דאָס גאַנצע רעדן וועגן מאַכאָרקע און וועגן יענע?

וואָנטראָבע האָט זיך צעגאָסן מיט אַ פּוקסישן, עקלהאַפּטן שמייכל.

— מיר האָבן געוואָלט מיט אײַך אַזוי הינטנאַרום, ווײַל... צו אײַך קאָן מען נישט אַזוי פּראָסט... איר ווייסט, בלאַזשעי, די צוויי מאָטאָרן פֿון דער קוזניע... מיר ווילן זיי באַגראָבן דאָ לעבן אײַער בודקע, ווײַל פֿונדאַנען וועט שפּעטער זײַן לײַכט אַרויסצופֿירן איבער די סטאַוון. איר וועט זיך מיט קיין איין פֿינגער נישט צורירן. איר וועט נאָר קוקן און האָרכן, בלאַזשעי. מיר וועלן אַלץ טאָן, און איר וועט אַכטונג געבן, ס׳זאָל אונדז קיינער נישט פּאַקן, אָדער ס׳זאָל שפּעטער קיינער נישט דערשנאַפּן איידער מיר וועלן אַרויספֿירן. און דערנאָך וועט איר זען, וויפֿל ממתקים ס׳וועלן אײַך אַרײַנפֿאַלן אין זשמעניע.

— און ווען וועסטו דאָס פֿאַרקויפֿן?

— באַ! ווען כ׳וועל פֿאַרקויפֿן... לאָמיר נאָר האָבן אַזויפֿיל, וויפֿל כ׳וואָלט געקאָנט פֿאַרקויפֿן. די פֿאַבריק אַליין וועט קויפֿן, ווײַל ס׳וועט איר פֿעלן.

— די דאָזיקע פֿאַבריק דאַרף נאָך דער מלחמה זײַן אונדזערע... אַלע אַרבעטערס. האָסט נישט געהערט וועגן מאַניפֿעסט? איז וואָס? דער אייגענער פֿאַבריק וועסטו פֿאַרקויפֿן די גנבֿה?

וואָנטראָבע האָט אַ הירזשע געטאָן מיט אַ פֿײַפֿנדיק כיכאָטשען. סטאַכאָוויאַק האָט אים נאָכגעטאָן.

—עך, פּלעווע, פּלעווע... און איר גלייבט אין אַזעלכע באָווע מעשׂיות. איר —אַ קלוגער יונג? איר מיינט, אַז ענגלאַנד וועט דערלויבן אויף דעם?

— איך ווייס נישט, צי זיי מוזן ביי איר בעטן א דערלויבעניש, מיר לעבן דען אין ענגלאַנדס זכות?

— אָבער אין וואַרשע איז אַן אויפשטאַנד. מען וועט אויסרייכערן די יעקצעס, ס'וועט קומען אונדזער רעגירונג פון לאָנדאָן, און איר האָט שוין אַ מאַניפעסט... און איבריקנס, אַפילו דער טייוול אַליין זאָל נעמען די פאַבריק נאָך דער מלחמה, איז מאַשינען און מאָטאָרן מוז ער קויפן. און קויפן, הייסט צאָלן. און צאָלן — דאָס הייסט ממתקים פאַר אונדז. צי פאַרשטייט איר דאָס נישט, מענטש איינער? דאָס גליק קריכט אייך אַליין אין די הענט אַריין. איר וועט זיך מיט קיין פינגער נישט צורירן, און אייער חלק וועט איר באַקומען. פאַר דעם בין איך אייך ערב...

קורץ גערעדט — זיי האָבן אים איינגעביסן... די קומענדיקע נאַכט איז פלעווע געשטאַנען אויף דער וואַך, און זיי האָבן מיט אַן אומגעווײנלעכער שנעלקייט אויסגעגראָבן אַ ברייטן גרוב, אַרויסגעפירט פון האָל אויף דער קליינער פּלאַטפאָרם צום איבערפירן משאותביידע מאָטאָרן, איינעם נאָכן צווייטן, אַראָפּגעלאָזט איבער אייזערנע דרענגער אין גרוב, איבערגעדעקט מיט פאַפּע, ברעטער, פאַרשיט מיט ערד, גוט אויסגעגלייכט, פאַרווישט...

אויף דעם אָרט נעמלעך, ווו פלעווע שטייט איצט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די דייטשן זיי געכאַפּט ביי עפּעס אַ נייער גנבה און אַרויסגעפירט קיין אָשוויענטשים. אין נאָוועמבער, צי אָנהויב דעצעמבער האָט וואַנטראָבעס ווייב באַקומען אַן אַמטלעכע מעלדונג, אַז דער מאַן איז געשטאָרבן פון טובערקולאָז. וועגן סטאַכאָוויאַקן, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שום נאָענטע קרובים, זיינען אויך דערגאַנגען ידיעות, אַז מ'האָט אים אומגעבראַכט.

אין משך פון די לעצטע וואָכן, פולע מיט דערוואַרטונג, אומרו און שרעק, האָט פלעווע פולשטענדיק פאַרגעסן וועגן דעם ענין. ביז ערשט היינט האָט ער אויפגעטויכט פאַר אים אין זיין גאַנצער פאַרפירערישער פּשטות. אָט־אָ דאָ הינטער זיינע טריט האָט ער די צוקונפט, אַ פאַרזיכערטע עקזיסטענץ אויף אַ שווערער צייט. היות יענע צוויי זיינען אומגעקומען, און מער האָט קיינער צו דעם שותפות נישט געהערט, און קיינער ווייסט נישט וועגן דעם ענין, איז ער דעריבער דער איינציקער פולבאַרעכטיקטער באַלעבאָס...

דער דאָזיקער באַווסטזיין האָט געעפנט פאַר אים אַ רייצנדיקע פּערספּעקטיוו, אָבער גלייכצייטיק אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ שווערע לאַסט. דער נסיון איז נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרטויבן דאָס געוויסן, וואָס האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דאָך גנבה.

און פלעווע האָט קיינמאָל ביז איצט נישט געפּרווט גנבענען...

IV.

עטלעכע טעג האָט ער דאָס געטראָגן אין זיך ווי אַן אויפלויפנדיק ביין געשווילעכץ. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ גענויעם חשבון פון זיין אומבאַהאָלפנקייט. עס וועלן אים נישט סטייען קיין פיזישע כּוחות, נישט קיין דרייסטקייט און ספּריט אויף צו דערליידיקן עס אָן עמעצנס הילף. מען דאַרף דאָך די דאָזיקע מאָטאָרן אַרויסשלעפּן פון גרוב, אַרויפלאַדעווען אויף עפּעס אַ לאָקאָמאָציע-מיטל, באַקומען דער רוח ווייסט פונוואַנען, איבערפירן און ענדלעך פאַרקויפן. באַזונדערס האָט זיך אים אַבסאָלוט נישט פּאַטויפּעט אין קאָפּ די לעצטע אָפּעראַציע. ער איז אָפּילו נישט געווען ביכולת צו טראַכטן וועגן איר רעאַל. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג — וווהין, צו וועמען און ווי אַזוי וואָלט מען זיך געדאַרפט וועגן דעם ווענדן...

דערווייל האָבן אין דער פאַבריק אָנגעהויבן פאָרצוקומען אויסער-געוויינלעכע זאַכן. שוין אויפן צווייטן טאָג נאָכן אַרוסטרייבן די דייטשן איז פלעווע פאַרהאַלטן געוואָרן ביים אַדורכגאַנג דורך אַ מענטשן אין אַרבעטער-קליידער, מיט אַ ביקס אויפן אַקסל און אַ ווייסן-רויטן באַנד אויפן אַרבל. ווי דער וועכטער האָט ער געהאַט דאָס רעכט אַדורכצוגיין דורכן זייטיקן אַריינגאַנג, צו וועלכן ס׳איז אים געווען פיל נענטער ווי צום הויפּט-אַריינגאַנג. און אָט האָט ער זיך מיט שטוינונג איבערגעצייגט, אַז ס׳האָט זיך שוין דאָ אַלץ צוריקגעקערט צום נאָרמאַלן צושטאַנד. אין סאַמע דורכגאַנג איז געשטאַנען יענער מענטש מיטן באַנד, און אין קליינעם צימערל, אָפּגעטיילט פונעם אַדורכגאַנג מיט אַ הילצערנער באַר-יערע, איז ביים טיש געזעסן אַ שרייבער, וועלכער האָט פאַרשריבן די אַריינגייענדיקע און אַרויסגייענדיקע מענטשן. פּונקט ווי אין נאָרמאַלע צייטן...

דאָס איז געווען דערשטוינענדיק, אָבער אויך דערפרייענדיק. ווייל פלעווע האָט דאָך געדענקט, אַז ווען עס זיינען געקומען די דייטשן, האָט זיך אין דורכגאַנג באַלד אַוועקגעשטעלט אַ דייטשער זעלנער, וועל-כער האָט געגוואַלדעוועט אויף יעדן איינעם, צי ס׳איז געווען אַ כּיבה דערצו, צי נישט. און איצט זיינען, זאָל עס הייסן, געקומען די רוסן, אָבער ביים אַדורכגאַנג שטייט אונדזערס אַ מענטש, הינטערן טיש זיצט אונדזערס אַ מענטש.

מ׳האָט קאָנטראָלירט זיין „אויסוויז" און אים אַריינגעלאָזט אין פאַבריק. דער מענטש ביים טיש האָט נאָר פאַרשריבן אין אַ בוך און מער גאָרנישט...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיך אויפן געביט פון דער פאַבריק באַוויזן מענטשן, וועלכע האָבן זיך גענומען פאָרען, גיין, צוזאַמענלייגן, אויפהויבן, אַריינברענגען עפּעס אָן אָרדנונג. זיי האָבן אַרויסגעפירט טאַטשקעס, וועגעלעך, גענומען צוזאַמענקלייבן, סעגרעגירן די אין אומ־אָרדנונג צעוואָרפענע אויסשטאַטונג, גענומען באַזייטיקן פון אונטער די פיס די אומנייטיקע צויטן, שפּליטערן, אָפּפאַלן, גרוז און אַלטע גראַטעס, צוזאַמענליגן זיי אין קופּעס, אַרויספירן. אין די געביידעס פון באַזונדערע אָפּטיילונגען האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג. די פאַבריק, הגם אַלץ נאָך אַ טויטע, האָט פּאַמעלעך געענדערט דעם אויסזען, אָנגענומען זיך מיט לעבן.

די דאָזיקע דערשיינונגען האָבן פון איין זייט געפרייט פלעווען, ווייל ער האָט זיך מיט די אייגענע אויגן איבערצייגט, אַז די פראַגע פון עקזיסטענץ איז נישט אַזאַ האָפענונגסלאָזע, ווי דאָס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן; אַז די ווערטער, וואָס טייל מענטשן האָבן איבערגעחזרט נאָך פאַר די דייטשן, און זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויפן קול דורך די רעדנער אינעם טאָג פון דער באַפרייונג, ווערן שנעל מקוים. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָבן זיי אים געשראָקן, ווייל זעענדיק די אָנוואַקסנ־דיקע באַוועגונג אין פאַבריק, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז מיט יעדן טאָג וועט דאָס אַרויספירן די מאַטאָרן פונעם באַהעלטעניש זיין שווערער. דאָס איז נישט אַזאַ לייכטע זאַך אָפּצוטאָן אַזאַ אַרבעט און נישט איבערלאָזן קיין שפּורן, נישט צו וועקן קיינעמעס אויפמערקזאַמ־קייט. ער האָט פּשוט געקריגן היץ, טראַכטנדיק וועגן דעם, ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַשליסן אויף קיין שום שריט צו רעאַליזירן זיינע פּלענער.

די געשעענישן האָבן פונדעסטוועגן נישט געוואַרט. שוין אויף ביינאַכט האָבן עפּעס מענטשן גענומען אַרומקריכן איבער דער פאַבריק.

נישט קאָנענדיק געפינען קיין אַנדערן, זיכערן פאַרטרויונגס־מאַן, האָט ער זיין סוד פאַרטרויט דער ווייב. ער האָט איר אַלץ דערציילט קורץ, אָבער קלאָר. ער האָט אויפגעדעקט אַלע קלאָפּאָטן און שוועריקייטן, געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם עווענטועלן פאַרדינסט.

— כ׳האָב געוווּסט, אַז דו ביזט אַ קלוגער יונג, כ׳האָב זיך אָבער נישט פאָרגעשטעלט אַז אַזש אַזעלכער...

דאָס איז געווען איר ערשטער אַרויסזאָג וועגן דאָזיקן ענין, דורך וועלכן זי האָט גלייכצייטיק אויסגעדריקט די טיפסטע אָנערקענונג פאַרן מאַן. דערנאָך איז זי מיט דער אונטערנעמערישקייט, וואָס איז אייגנטימ־לעך אַ סך פרויען, צוגעטראָטן צו דער זאַך.

— און וועגן יוזעקן האָסטו נישט אַ טראַכט געטאָן?
— דאַמאָלט?
— אַהאַ...
פּלעווע איז לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט די הענט אין די קעשענעס, פילנדיק אויף זיך דעם ווייבס איינגעגעסענעם בליק. ער האָט דעם פּראָיעקט נישט געהאַלטן פאַר נישט זאַכלעך, אָבער איז מיט אים לגמרי נישט געווען אַנטציקט.
— זעסטו... הגם ער איז דיין מומעס אַ זון, וועל איך דיר פונדעסטוועגן זאָגן אָפן, אַז איך וואָלט זיך נישט וועלן פאַרבינדן מיט קיין אייגענעם... אַזאַ אַרבעט איז שוין...
— איז וואָס? איר וועט וועגן אַלצדינג אָפּרעדן פאָרויס און שוין. קיינער וועט דאָך עס נישט דורכפירן ווי ער. ער האָט פערד, האָט באַקאַנטשאַפט. ער האָט דאָך באַלד ווי נאָר די דייטשן זיינען געקומען, אָנגעהויבן צו מאַכן געשעפטן און מיט אַלץ גיט ער זיך אַן עצה. ער האָט זיך איינגעאַרבעט. ער וועט דאָס אַלץ אָפּטאָן אַן אַנטיק. נאָר איין זאַך וועל איך דיר ראָטן: מאַך אָפּ מיט אים באַלד, אַז דו גיסט אין שותּפות די מאַטאַרן, און אַלדאָס איבעריקע דאַרף ער אָפּטאָן. אַז אין פאַל פון עפּעס זאָלסטו קאָנען זאָגן, אַז דו האָסט פון גאָרנישט נישט געוווּסט...
ווי דאַנקבאַר ער איז איר געווען פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק, ווייל דאָס איז געווען אַ געדאַנק ווי לעבעדיק אַרויסגענומען פון זיין קאָפּ. טאַקע וועגן אַזאַ שותּף האָט ער געטרוימט, וועגן אַזעלכן, וועלכער וואָלט גענומען אויף זיך אַלע קלאָפּאָטן און שוועריקייטן. ס'איז אים שוין נישט אַזוי געגאַנגען וועגן דער צוועגטועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז דאָס וואָלט זיך אים נישט איינגעגעבן אויסצומיידן, ער איז אָבער גערן געווען אויסמיידן די שרעק, אומרויקייטן, אוסדראַכטעניש, וועלכע האָבן אים געדריקט שוין באַצייטנס, הגם אַלץ איז נאָך געווען ווייט. ער האָט נישט געהאַט אין זיך קיין טראָפּן גבריש בלוט, דערפאַר איז אים אַזוי שווער אָנגעקומען דער דאָזיקער ענין, און דערפאַר האָט ער מיט אַזאַ דערלייכטערונג אָנגענומען דעם ווייבס גליקלעכן פּראָיעקט.
— און ער וועט דערויף מסכּים זיין? — האָט ער אומדרייסט אַרויסגערוקט אַ ספק, וואָס האָט אים גלייך פאַרטונקלט די דאָזיקע שיינע פּערספּעקטיוו.
— פאַרוואָס זאָל ער נישט מסכּים זיין? ס'איז אים אַ נייס?...

— נו, טאָ ברענג אים... — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן איילִיק, וועלנדיק זיך גלייך איבערצייגן, צי דער דאָזיקער אומוואָרשיינלעכער, אָבער רייצנדיקער איינפאַל וועט זיך לאָזן רעאַליזירן אָן שטערונגען.

— נאָר נישט היינט.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער איז נישטאָ אין דער היים. איז געפאָרן קיין וויעלי־טשקע נאָך זאַלץ.

— האָ?.. מיט די פערד?

— מיט וואָס־זשע דען? קיין מאַשין האָט ער דאָך נישט.

— האָ!.. איז ווען־זשע וועט ער צוריקקומען? אין אַ וואָך אַרום...

— אַז ס'איז דיר אַזוי איילִיק, זוך זיך אַן אַנדערן. — האָט זי קורץ אָפּגעהאַקט, וויסנדיק, אַז אַליין וועט דער מאַן קיין טריט נישט מאַכן אין דעם ענין.

ריכטיק, ער האָט זיך געאיילט, אָבער וועמען אַנדערש האָט ער געקאָנט אויפזוכן... ס'איז אים נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה, ווי וואַרטן אויף דאַמאַלטס צוריקקומען. ס'האָט זיך אים כּסדר געדאַכט, אויב ער וועט דאָס היינט נישט דורכפירן, וועט שוין מאָרגן זיין צו שפּעט.

זיין אומגעדולדיקייט איז אויסגעוואַקסן ביז צום העכסטן גראַד, ווען מע האָט אים אָפּגעשטאַט אַן אומגעריכטן אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעכן וויזיט. אויפן דריטן טאָג נאָך יענעם שמועס מיטן ווייב, ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין זיין בודקע, האָבן זיך ביי אים באַוויזן צוויי געסט. איינער אַ מאָגערער, אַ נידעריקער, אַ שוואַצער אין אַ שוואַרצן אָפּגע־נוצטן מאַנטל, דער צווייטער אַ הויכער, אַ דאַרער, ווי אַ שטעקן, אין אַ קורצער קאַפּאָטע אין גרויסע קראָטן.

דער אָוונט איז געווען אַ ליכטיקער, אַ לבנהדיקער, האָט דריבער פּלעווע געקאָנט זיך גוט איינקוקן אין זיי. די גאַנצע צייט האָט ער זיי געפּאָרשט מיט שאַרפער דורכדרינגלעכקייט, אָבער נישט פון שמועס, נישט פון זייער פאַרהאַלטן זיך האָט ער גאָרנישט נישט געקאָנט אַרויס־דרינגען. דער הויכער האָט נאָך פון דער ווייטנס אַ זאָג געטאָן:

— גוטן אָוונט.

און געשמייכלט די גאַנצע צייט, קוקנדיק פּלעווען גלייך אין די אויגן.

— וואָס טוט איר דאָ, פריינד?

— וואָס הייסט וואָס? איך וואַרטעווע.

— אַזוי? און לאַנג שוין וואַרטעוועט איר דאָס?

— האָ!... דרייצן יאָר.
— אַזוי? און פאַר דעם וואָס האָט איר געטאָן?
— כ'האָב געאַרבעט. דאָ אין דער קוזניע.
— אַזוי? און פאַרוואָס האָט איר אויפגעהערט צו אַרבעטן?
— ס'האָט מיר אַ פינגער אָפּגעריסן...—פלעווע האָט אַרויסגעשטעלט זיין צעקאַלעטשעטע האַנט קעגן דעם לבנה ליכט, נישט אויפהערנדיק פאַרשעריש זיך איינצוקוקן אין דעם רעדנדיקן.
— אהאַ... אַזוי... און איצט האָט איר שוין פון לאַנג אָנגעהויבן צו וואַרטעווען?
— וואָס הייסט איצט?
— נו, איצט... ווען די דייטשן זיינען אַוועק פון טייוול.
— ס'איז נישט געווען וואָס אָנצוהייבן, ווייל ס'האָט זיך נישט איבערגעריסן.
— וואָס הייסט? איר וואַרטעוועט אָן איבעררייס?
— פאַרוואָס עפּעס האָב איך געזאָלט איבעררייסן?
— כאָטש קיינער האָט אייך נישט געהייסן?
— ס'איז היטלערס אַ פאַבריק, צי אַן אונדזעריקע?
דער פרעמדער האָט זיך ברייטער צעשמייכלט און באַטראַכט פלעוועען עפּעס אַזוי פון קאָפּ ביז די פיס.
— ווי הייסט איר?
— פלעווע, בלאַזשעי פלעווע.
דער אומבאַקאַנטער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ נאָטיץ-ביכל און, האַלטנדיק עס קעגן דער לבנה, אַריינגעשריבן. ער האָט געזאָגט: — נו, וואַרטעוועט, אָבער גוט, ווייל איר היט אייגנס — און ביידע זיינען אַוועקגעגאַנגען. דער צווייטער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אָנגערופן, בלויז געקוקט און געהאָרכט.
נאָכן דאָזיקן וויזיט האָט פלעווע אינגאַנצן פאַרלוירן דעם חשק צום לעבן. ער האָט זיך נישט געקאָנט דעם פּאָל אַנדערש אויסטייטשן, ווי נאָר, אַז מ'האָט, ווייזט אויס, עפּעס דערשנאַפּט אָדער זיך דערוווּסט פון עמעצן וועגן די מאַטאָרן, און איצט וועט מען אָנהייבן אים נאָכצושפּירן. ס'האָט אים נישט געקלעקט קיין דרייסטקייט צו פרעגן, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און דעריבער נישט געוווּסט, אַז דער מאַגערער איז געווען דער פּרעזעס פון אונטערנעמונג ראַט, וואָרטשיצקי. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער אַרומגעראַמפּלט איבער די אַרומיקע ווינקעלעך אין דער האָפנונג, אַז ער וועט אַנטרעפן אויף עמעצן, וואָס שפּירט אים נאָך. פאַרשטייט זיך, אָן רעזולטאַטן. אַרום איז געווען פוסט און כּוים.

ווען אין דער היים האָט דאָס ווייב געשווירן אויף אַלע הייליקייטן, אַז זי האָט פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט קיין פּיפּס געטאָן וועגן דער זאַך, ווען עס זיינען דורך עטלעכע טעג און ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס זאָל באַשטעטיקן זיין חשד, האָט ער צוריק באַקומען דאָס גייסטיקע גלייכגעוויכט.

ענדלעך איז דאַמאַלט צוריקגעקומען. אין איינעם אַ טאָג, אומקערנדיק זיך ווי געוויינלעך אין דער פרי פון פאַבריק, האָט אים פּלעווע שוין געטראָפן ביי זיך אין ווינונג. ער האָט זיך מיט אים אויסערגעוויינלעך דערפרייט, אָבער באַלד אין אָנהייב איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן אַ היפּשע אַנטוישונג. דאַמאַלט האָט גאָרנישט אַזוי אַ ברען געטאָן צו דער אַרבעט, ווי פּלעווע האָט זיך דערויף גערעכט. ער האָט געקוקט ווי זיין געוווינהייט אויפן באַלקאָן און נאָכלאָזיק געקייט די ווערטער.

— דאָס געשעפט איז אַ גוטס, פּאַניע, אָבער אויך אַ שווערס און פאַראַנטוואָרטלעכס... איך געדענק די מאָטאָרן. גרויסע, פּאַניע... אויב זיי זיינען, ווי דו זאָגסט, פאַרגראָבן אין גרוב, דאַרף מען האָבן כוחות זיי אַרויסצושלעפּן. און ס'איז נויטיק ספּריט. ווייל דאָס וועט זיך אַזוי שטילערהייט נישט לאָזן, פּאַניע... ס'איז אַ משא. און ווען מען זאָל פּאַקן, איז... דאָס איז ווייט פון סטאַוו?

— ניין, ביים סאַמע סטאַוו.

— נו, קאָן מען איבערן סטאַוו צופּאָרן מיטן שליטן און אַראָפּוואַרפן, וואָס? אָבער צום ערגסטן איז פון דעם גרוב אַרויס, פּאַניע... מען דאַרף אַ פּאָר פעסטע יונגען.

— ניין! דאָס איז נישט אַזוי שווער...

— נו... נישט שווער... ס'איז לייכט צו זאָגן, פּאַניע...

— מע דאַרף נאָר מיט קאָפּ — האָט פּלעווע ליידנשאַפטלעך איבערציינט. — דאָרט נאָענט שטייט אַ סלופּ, בינדט מען אַרום דעם מאָטאָר מיט אַ שטריק, מע לייגט אונטער שינעס, מע דרייט אַרום דעם שטריק אַרום סלופּ, און ס'וועט אַ פּאָר טאָן ווי אויף פּוטער... ווי מיט אַ ווינדע.

— נו... דאָס וועט מען זען... יעדנפאַלס איז דאָס נישט קיין שלעכט געשעפט, פּאַניע... אַזעלכע צוויי מאָטאָרן היינט, פּאַניע, איז... אַ וואָסערע פּערציק, פופציק צענערזלאָטעס...

פּלעווע איז אויף אַ רגע מבולבל געוואָרן. אַזויפיל געלט...

— נו? — האָט ער אַ מרוטשע געטאָן מיט אומגלויבן.

דער פּיפּיקער שותף האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך פאַרגאַלאָפּירט, רייצנדיק אומזיסט דעם שוואַגערס האָפענונגען.

— איך ווייס נישט, ווייל כ׳האָב נאָך אַזוינס נישט געהאַט... אפשר נישט אַזויפיל, פּאַניע, אָבער... אין אַלגעמיין נישט קיין שלעכט געשעפט...

— אָט וואָלט עס געווען... — האָט זיך פּלעווע געקראַצט אין דער טשופּרינע, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער דאָזיקער אויסבעסערונג. — מע וואָלט שוין געקאָנט פייפן אויף אַלץ. פאַרדינען וואָלט מען עפּעס זיך פאַרדינט מיטן וואַרטעווען, און דאָ... אויף אַ שוואַרצער שעה, אויף די דאָזיקע שלעכטע צייטן...

— אַזזוי... נו, גוט, נאָר כ׳מוז אַלץ פריער גוט אַדורכטראַכטן, צוגרייטן. ווייל מע קאָן דאָך דאָס נישט ברענגען צופירן אין דער הייזקע, פּאַניע, מע דאַרף אַן אָרט צוגרייטן, מענטשן געפינען, מע דאַרף אַלץ, פּאַניע, אַרומטראַכטן. אַז איך וועל אַלץ איינאָרדנען, וועל איך דאָ אַהערקומען, פּאַניע...

די דאָזיקע מאַסע אומגעזעענע שוועריקייטן, וואָס זיינען געשיקט סוגערירט געוואָרן דורך איבערחזרן אומקלאָרע דערקלערונגען — אַרומטראַכטן, צוגרייטן, אַרומטראַכטן... און ענדלעך דער מאַנגל פון ברען ביים שותף האָבן פּלעווען אראָפּגעשלאָגן פונעם טראָפּ. דעריבער האָט ער אויך רעזיגנירט פון שטעלן וועלכע·ס׳איז באַדינגונגען. ס׳האָט זיך אָפילו דערוועקט אין אים אַ מורא, צי דאַמאַלט וועט איבערהויפּט נישט אַ מאַך טאָן דערויף מיט דער האַנט. און דאָס וואָלט פאַר פּלעווען געווען אַלץ איינס ווי אַ קאַטאַסטראָפע, ס׳וואָלט איבערגעשטראָכן אַלע זיינע, אַזוי פּלוצלינג אַנטשטאַנענע, אָבער אַזעלכע רייצנדיקע האָפענונגען. ער איז שוין גרייט געווען אויף אַלערליי הנחות, אַבי נישט צו פאַרשיטן די זאַך, וואָס ער אַליין וואָלט זיך בשום אופן נישט אונטערגענומען. ס׳איז אים אפילו אויפן זינען נישט געקומען, אַז די דאָזיקע גוט איינגעגעבענע גלייכגילטיקייט, איז פּשוט — אַ סוחרישער, דריייערישער טריק פון אַ קאָמבינאַטאָר, וועלכער שמעקט אויס פאַר זיך אַ גוט געשעפט און ווענדט גלייך אָן די שפּעקולאַנטישע טאַקטיק פון צוגרייטן דעם צופעליקן און נאַיוון שותף מסכים צו זיין אויף אַ קליינעם פאַרדינסט, כדי אַ וואָס גרעסערן צו באַקומען פאַר זיך.

— כ׳מיין, פּאַניע, אַז ס׳וועט זיך מיר שנעל איינגעבן צו דערליידיקן... — האָט דאַמאַלט צוגעוואָרפן ביים געזעגענען, נישט וועלנדיק מיט דער איבערגעטריבענער גלייכגילטיקייט באַוועגן דעם שוואָגער צו זוכן אַן אַנדערן שותף.

V

איין טאָג האָט פולשטענדיק געענדערט דעם אָנבליק פון דער וועלט. ביינאַכט האָט אַ בלאָז געטאָן אַ וואַרעמער ווינט פון מערב, און דער פרי איז אַראָפּגעפאַלן אַ גאַנץ שפּעדיקער רעגן, וועלכער האָט כמעט אינגאַנצן אָפּגעשווענקט די שניי-דעק. בייטאָג האָט אַ פרייִדיקע זון אַזוי צוגעוואַרעמט, אַז קינדער זיינען אַרויס אויף דער גאַס און זיך געוואַרעמט פאַזע די באַזוניקטע ווענט, און אין די שטילע, מער וואַרעמערע ווינקלעך, ווו דער זאַמדיקער באָדן האָט שנעל איינגעזאַפּט די פייכטקייט, האָבן זיי געצייכנט „קלאַסן", און הימל „גיהנום" און אַראָפּגעוואָרפן דאָס שווערע, ווינטערדיקע אָנטאָן, געשפּרונגען אויף איין פוס, איבערוואַרפנדיק מיטן שפּיץ פון אַ צעריסן שיכל אַ קאָלירט שטיקל גלאָז איבער די אָנגעצייכנטע ליניעס אויף דער פייכטער ערד. פון די פעלדער אויף די דרומדיקע בערגלעך-שפּועים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון הינטער דער שטאָט, איז פאַרשוווּנדן די ווייסע טראַכט, אַנטבלויזנדיק שוואַרצע, פון פייכטקייט בלישטשענדיקע, פאַרענדיקע סקיבעס. בלויז אונטער די הויכע מעזשעס זיינען נאָך געלעגן שטרייפן פאַרגרויטער, אַראָפּגעזעצטער שניי, וואָס האָט געגוסט אין די דורכגעזוניקטע נעפּלען.

די פעלדער האָבן געאָטעמט מיט שווערער, פייכטער רו, ווי צום טרוקענען אויסגעשפּרייטע גראָבע לייוונט-פלאַכטעס, און אין די וואַרעמע ווינקעלעך פון די שטאָטישע געביידעס זיינען די וואָראָבייען געגאַנגען מיט זייער טומל אין פאַרמעסט מיט די צעבריקעוועטע קינדער. ס'האָט זיך פונדעסטוועגן געפילט, אַז די דאָזיקע דורך דער וואַרעמקייט באַלעבטע פרייד איז נאָך נישט אין פולער מאָס קיין פרילינגדיקע, אַז דאָס איז גיכער אַ געשענקטע וואַרעמקייט, אַ ליבער טאָג, אויסגענאַרט ביים נאָך דויערנדיקן ווינטער, וועלכער איז דאָך אין דער צייט געווען נאָך ביי זיינע פולע רעכט.

דער דאָזיקער טאָג איז אויך אין אַן אַנדערער הינזיכט געווען אַ מערקווירדיקער.

אין די פאַרמיטאָג-שעהן האָט זיך איבער דער שטאָט באַוויזן אַ דייטשער אַעראָפּלאַן. ער האָט געקרייזט אויפן מילדן הימל, אין זיינע טיפענישן, וואָס קוים מיטן בליק צו דערגרייכן, און זיין אומהיימלעך, העסלעך ברומעניש האָט אויפגעטרייסלט די לופט, וואָס איז פול געווען מיט זון, און צעטרייסלט די מענטשלעכע נערוון. ווי אַן איבערגעוועקטן נאָך אַ קאָשמאַרן חלום, האָט זיך אויפסניי באַוויזן דאָס העסלעכע גע-

שפּענסט און ווידעראויפגעלעבט מיט זיין קבר־געשטאַלט אַלע שווידערלעכקייטן. ס'איז מאָמענטאַל פאַרשטומט געוואָרן דער פרילינגדיקער געפּילדער פון די קינדער, די דערוואַקסענע זיינען געבליבן שטיין דאָרט, ווו ס'האָט זיי געטראָפן דאָס דאָזיקע עקלהאַפטע ברומעניש און זיי האָבן, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, מיט שטרענגע אויגן געזוכט אויפן בלויען פאָן דעם פאַרהאַסטן סילועט.

הגם דער ערשטער איינדרוק איז געווען אַן אויפטרייסלנדיקער, האָבן די מענטשן דאָך אינטואיטיוו אָפּגעשאַצט דעם אונטערשיד צווישן דעם דאָזיקן קוים באַמערקבאַרן טומלער און די מאָנסטערס פון סעפטעמבער ניינאונדרייסיקסטן יאָר, וואָס זיינען אַזוי אומבאַשטראָפט געפלויגן איבער דער ערד און געאָטעמט מיט שרעקלעכן טויט גלייך אין די אויגן פון די אומבאַשיצטע מענטשן. דעריבער טאַקע האָט מען דעם היינטיקן טראַקטירט גיכער ווי אַ פאַרריסענעם אומגעבעטענעם גאַסט.

— עי! ווי האָסטו זיך עס נאָך דאָ אַריינגעקריגן. פּענטאַק איינער?

— וואָס טומלסטו, פּריץ איינער? צי אָפּ. ווייל מען וועט דיר נאָך דעם „יאַקי"־ווידל אויספּליקן!

פון די דאָזיקע יאָדערדיקע ווערטלעך האָט אַרויסגעשלאָגן אַ טיפער צוטרוי צו יענעם כוח, וועלכער האָט פון שטאָט און פון לאַנד אויסגעקערט דעם פאַרהאַסטן אונטערדריקער.

פונדעסטוועגן האָט דאָס דאָזיקע שוין פאַרגעסענע ברומעניש אָפּגעקלונגען גלייכצייטיק ווי אַ דערמאָנונג. דאָס איז געווען ווי אַ ווייטיקלעכער קלאַפּ אין אַ וווּנד נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע, וועלכער קוועטשט אַרויס פון האַלדז אַ שאַרף געשריי — מיר ווילן עס נישט מער! שוין קיינמאָל נישט!

און ווען דער ברומענדיקער קאָשמאַר איז אין עטלעכע מינוט אַרום פאַרשווונדן פון רוים, האָבן אַלע, נישט געקוקט אויף דער בפירושער גרינגשעצונג, אָפּגעאָטעמט מיט פאַרלייכטערונג און מיט אַ שטאַרקערער ווי געוויינלעך אויפגעלעבטקייט גערעדט וועגן דעם, אַז אונדזערע זיינען שוין פון יענער זייט אָדער און אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן זיי זיין אין בערלין, ווייל ס'וועט זיי שוין קיין זאַך נישט פאַרהאַלטן. די דאָזיקע זיכערקייט האָט געגעבן דאָס מעגלעכקייט רויק צוצוטרעטן צו דער אַרבעט און רויק איינצושלאָפן.

יענעם טאָג האָט אויך פלעווע געהאַט אַן ערנסטע פּערזענלעכע איבערלעבונג. מ'האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין פאַבריק און אַנטשלאָסן דערקלערט, אַז ער וועט נישט האָבן קיין איינטריט־רעכט, ביז זיין דאָקומענט וועט נישט האָבן דעם שטעמפּל פון דער הויפּט־קאָנטראָל-

בּיורא. דער דאָזיקער סיורפּריז איז געווען נאָך מער אומאָנגענעם דער־מיט, וואָס היינט בּיינאַכט האָט געזאָלט קומען צו אים דאמאָלט, וועל־כער האָט דורכאויס געוואָלט אויספאָרשן די סיטואַציע אויפן אָרט.

בּיז ער איז דורכגעגאַנגען דעם שטח, וואָס צווישן אים און דער בּיורא, האָט ער דורכגעלעבּט אַ גאַנצן קנויל יסורים. טויזנט וואָרשיינ־לעכע און אומוואָרשיינלעכע השערות האָבּן אים דורכגעאַקערט די געדאַנקען, אַ סך מאָל האָט ער בּאַשלאָסן זיך אומצוקערן און אַנטלויפן ווי דער פּעפער וואַקסט. ער האָט זיך געפילט אַזוי, ווי ער וואָלט אַריינגעקראָכן אַ וואָלף אין האַלדז. ער איז געווען איבּערצייגט, אַז דער סטעמפּל איז בּלויז אַ נעץ, און ס'האַלט דערבּיי, אַז מ'האָט זיך דערוווּסט וועגן זיינע מאַטאָרן. ער האָט זיך שוין אויסגעפאַנטאַזירט אַ גאַנצע געשיכטע — אַז דאמאָלט האָט זיך פאַר עמעצן אומפאָרזיכטיק אַרויסגעכאַפּט, און איצט וועט מען אים בּלויז הייסן ווייזן, ווו די מאָטאָרן זיינען בּאַגראָבּן, און דערנאָך וועט מען אַרעסטירן און איינזעצן. נאָך אַזעלכע השערות האָט ער זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוירענעם מענטש, און אויבּ ער האָט זיך נישט צוריקגעקערט, איז דאָס בּלויז דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געזען קיין שום אויסוועג. אַזוי איז פאַרפאַלן — און אַזוי איז פאַרפאַלן...

אַ גרויסע פאַרלייכטערונג האָט אים דערוואַרט שוין בּיי דער שוועל פון בּיורא. ווייל דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַזעלכע ווי ער זיינען פאַראַן אַ סך. אייניקע אפילו בּאַקאַנטע. זיי האָבּן געוואַרט פאַר דעם קאַנצעלאַריע־בּאַריער, הינטער וועלכן ס'איז בּיים טיש געזעסן אַ רירעווו־דיק, ענערגיש מיידל. נעמענדיק פון דעם אינטערעסאַנט לויט דער ריי דעם „אויסווייז", האָט זי עפּעס פאַרשריבּן אין אַ גרויס בּוך, געשטעלט עטלעכע פראַגן, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן סטעמפּל, מיט אַ שנעלער בּאַווע־גונג אומגעקערט דעם דאָקומענט דעם, וואָס זי האָט שוין דערליידיקט, און גענומען בּיי דעם ווייטערדיקן.

פּלעווע, אָריענטירנדיק זיך, אַז עס גייט פאַקטיש בּלויז וועגן אָפּ־סטעמפּלען, האָט דערפילט אַזאַ דערלייכטערונג, ווי ער וואָלט אויסגע־מיטן אַן אומפאַרמיידלעכע קאַטאַסטראָפע. האָט דערפילט אַ צופלוס פון אומגעוויינלעכער וואָרעמקייט איבּערן גאַנצן לייבּ, אַזש די כוחות האָבּן אים פאַרלאָזן. ער איז געשטאַנען אין דער ריי בּיים בּאַריער, האַרט לעבּן דער וואַנט, און פריי זיך אַרומגעקוקט. זיין בּליק האָט זיך אָפּגע־שטעלט אויף א פּאַפּיר, וואָס איז געווען בּאַדרוקט מיט זייער גרויסע אותיות, צוגעגאָסט צו דער וואַנט האַרט בּיים בּאַריער. דער דאָזיקער פּאַפּיר איז אים אויסערלעך שוין געווען גוט בּאַקאַנט, וואָרן אַ סך מאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אים אין דער דורכגאַנגס־בּודקע, געזען

אים אויף די סלופעס מיט באַקאַנטמאַכונגען, אָבער קיינמאָל ביז איצט זיך פונדעסטוועגן נישט אינטערעסירט מיט זיין אינהאַלט. איצט האָט ער נישט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל מ'האָט סיי ווי געדאַרפט וואַרטן, האָט ער דעריבער גענומען לייענען.

די ראיה איז אים געווען אַ ביסל אָפּגעשוואַכט פון דעם פּיליאַריקן קוקן אויפן צעגליטן אייזן, אָבער דאָס לייענען איז אים נאָך געגאַנגען נישט שלעכט.

אַ ר ב ע ט ע ר !

דער פאַרשאַלטענער שונא האָט פאַרוויסט אונדזער פאַבריק. האָט צוגעראַבעט אַלע מאַשינען, מכשירים, אויסשטאַטונג. האָט אַרויסגעפירט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט אַרויספירן, און וואָס נישט אַרויסגעפירט — פאַרניכטעט. האָט איבערגעלאָזט כמעט הוילע ווענט. האָט אונדז געלאָזן אָן פּראָדוציר־מיטלען. האָט פאַרניכטעט אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ, וואָס האָט געגעבן באַשעפטיקונג אונדזערע טויזנטער הענט. נישט באַוויזן אויסצוראָטן אונדז מיט דער הילף פון קוילן, תליות, טויט־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס, האָט ער אונדז געוואָלט פאַרטשעפּען אויף אומקום דורך באַרויבן די אַרבעטס־וואַרשטאַטן און די מעגלעכקייט פון פאַרדינען.

— ריכטיק, ער האָט כמעט אַלץ אַרויסגעפירט...— האָט פלעווע קאָמענטירט אין האַרץ — אין קוזניע, וואָס אַן אמת, זיינען די אויטאָמאַטישע האַמערס געבליבן, ווייל שוין אָפּגענוצטע, אַלטע, האָט זיך אים נישט געלוינט אַרויסצופירן...

ער האָט געלייענט ווייטער.

אָבער פונקט ווי ס'האָט זיך די היטלעריסטישע באַנדיטן נישט איינגעגעבן אונדז אויסצושיסן און אויסצעהענגען, אַזוי וועט זיי זיך אויך נישט איינגעבן צורויבן ביי אונדז די אַרבעטס־וואַרשטאַטן !

אַ ר ב ע ט ע ר !

מיט אייגענע כוחות, מיט פאַרייניקטער אָנשטרענגונג און מיט ערלעכער אַרבעטערישער אויספירונג וועלן מיר צוריק אויפבויען אונדזער פאַבריק, לאָזן אין גאַנג און אויפלעבן. ווייל דאָס וועט זיין אונדזער פאַבריק און אויסשליסלעך אונדזערע — נישט פון בעלגישע און פוילישע קאַפּיטאַליסטן בלוט־זויגער. מיר, אַרבעטאָרער, וועלן זיין אירע באַלעבאַטים און אייגנטימער. און מיר, אַרבעטאָרער, וועלן באַווייזן. אַז אין אונדזער פאַבריק וועלן ווידער אָנהויבן רוישן די מאַשינען, וועלן זיך אָנוואַרעמען די אויסגעלאָשענע אויוונס, און ס'וועלן אָנהייבן רייכערן די טויטע קוימענס. אונדזער רעגירונג וועט אונדז העלפן אין דעם דאָזיקן ווירדיקן אָנשטרענג.

אַ ר ב ע ט ע ר !

אַ סך פון אייך האָבן אין אייער רשות מכשירים, אויסשטאַטונג, מאַשינען און אַנדערע מכשירים־קעגנשטאַנדן, וועלכע איר האָט אויסבאַהאַלטן, כדי נישט צו דערלאָזן אַרויסצופירן זיי און פאַרניכטן. אייער הייליקער

תוב איז דאָס אומצוקערן דאָס אַלץ אין דער פאַבריק, ווייל זי איז איצט אייערע!

די אותיות האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין פּלעווּעס אויגן אין עפּעס צעדרייטע פּרעַנטן, האָבן אָנגעהויבן שווינדלען. מיט גרויסער שווערקייט האָט ער זיי ארויסגעפאַנגען און צוזאַמענגעקלעבט ווייטערדיקע ווערטער.

פאַר אומקערן דער פאַבריק מאַשינען, מכשירים און אויסשטאַטונג וועלן אויסגעצאָלט פּרעמיעס אין פאַרהעלטעניש צו דער ווערט פון אומגעקערטן קעגנשטאַנד.

חער ס'וועט נישט דערפילן די דאָזיקע פליכט דער העלפט צו דעם שונא אין דער צעשטערונג פון אונדזער לאַנד.

ווי עפּעס אַ דריקנדיקע הוילקייט וואָלט אָנגעקוואָלן אין דער ברוסט מיטן גאַנג פּינעם לייענען. ווי עפּעס וואָלט אויפגעבלאָזן געוואָרן ביז צום אומדערטרעגלעכער גרייס, און ביי די דאָזיקע לעצטע אונטער־געשטראָכענע ווערטער וואָלט עס געפּלאַצט און גורם געווען שיעור נישט פולשטענדיק צו פאַרלירן יעדן געפיל. פּלעווע האָט נישט אָנגענו־מען קיין שום באַשלוס. ער איז נישט אימשטאַנד געווען צוזאַמענצונע־מען וועלכע ס'איז געדאַנקען. נאָר פּשוט — ווי מע זאָגט עס — ער האָט געקריגן מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. אין אים האָבן דאָך געצילט די דאָזיקע ווערטער, אים האָבן געשטאָכן אין די אויגן די דאָזיקע אותיות. ביי אים האָט דער דאָזיקער באַדרוקטער בויגן פּאַפּיר אַרויסגעריסן פון דער האַנט דעם אוצר, אויף וועלכן ער האָט געוואָלט באַפעסטיקן זיין נאָענטסטע צוקונפט, אים האָט ער אַרויסגעקלאַפּט דעם גורל פון דער האַנט, אים האָט ער געוואָרפן אינעםווירוואַר פון די שווערע צייטן... און אויף אים האָט ער אומברחמנותדיק געטייטלט מיטן פינגער און אים אָנגעקלאָגט...

ער האָט זיך גערוקט פאַזע דעם באַריער אויף אַזויפיל, אויף וויפל ס'האָבן אים געשטופּט די אינטערעסאַנטן, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער אים. ווען ס'איז געקומען זיין ריי, האָט ער פולשטענדיק אויטאָמאַטיש דערלאַנגט זיין דאָקומענט און איז געשטאַנען פאַרגליווערט מיט אַ נידע־ריק אַראָפּהענגענדיקן קאָפּ און מאַטן, אומבאַוועגלעכן בליק. אויף דער באַאַמטינס פראַגע, וואָס איר אינהאַלט האָט ער לחלוטין נישט פאַר־שטאַנען, האָט ער געענטפערט, אָן זין:

— צוויי מאָטאָרן...

— וואָס צוויי מאָטאָרן?

ער איז צו זיך געקומען.

— וואָס, ביטע?

— אין פּראָג, ווו איר אַרבעט?
— אין וואַרטעוע...
— אָבער ווו?
— אין דער מעכאַנישער קוזניע.
— ווען האָט איר אָנגעהויבן אַרבעטן?
— אָ, שוין לאַנג...
— אָבער ווען, וועלכן טאָג?
— איך קאָן געדענקען?... אַזויפיל יאָרן...
— אָבער איצט, פונדאָסניי...
— פונדאָסניי? איך האָב אָן איבעררייס...
— אָן איבעררייס?
— וואָס האָב איך געהאַט איבערצורייסן...

זי האָט אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן, אומבאַהאָלפן געצויגן מיט די אַקסלען, פאַרשריבן עפּעס אין בוך, אַרויפגעקלאַפּט דעם סטעמפּל אויפן דאָקומענט און אים דערלאַנגט פּלעוועו. ער האָט אים אויטאָמאַטיש אַריינגערוקט אין אַ קעשענע און מיט אַ שווערן טראָט אַרויסגעגאַנגען פון ביוראָ.

ווי אַ שווערע לאַסט איז געפאַלן אויף אים דאָס פּראָבלעם, צי יענער לעצטער, אונטערגעשטראָכענער זאַץ אויפן פּאַפּיר מיינט ווירקלעך אים, אָדער נישט. ער האָט זיך געוועדט קעגן דאָזיקן פאָרוואורף מיט דער גאַנצער קראַפט, אויסטייטשנדיק זיך, אַז אויב ער וועט עמעצן פאַרקויפן די מאָטאָרן, וועט עס דאָך נישט זיין קיין רעה פאַרן לאַנד, ווייל די מאָטאָרן וועלן דאָך בלייבן אין לאַנד. ער וועט זיי דאָך נישט אַרויספירן קיין דייטשלאַנד. און ער גופא וועט דערפון האָבן אַ פאַרדינסט... אָבער עפּעס אַ פאַטאַלע ערגערניש האָט אים געבריט מיט גיפט־דערנער פון פאָרוואורפן, אַז דער דאָזיקער פאַרדינסט וועט נישט זיין קיין ערלעכער. ער וועט פאַרדינען און נאָך עמעצער וועט פאַרדינען, און שפּעטער קאָן זיין וועלן די מאָטאָרן קומען צוריק אין דער פאַבריק, אָבער די פאַבריק וועט מוזן פאַר זיי טייער באַצאָלן. וועמענס געלט וועט דאָס זיין? פון אַלע אַרבעטער.

אָבער אָנווערן מיטן גוטן ווילן אַזאַ אוצר...

ער האָט זיך געוואָרפן אין די דאָזיקע טראַכטענישן, ווי אַ העכט אין דער נעץ, און קיין שום קלוגן אויסוועג נישט געקענט געפינען. פאַרבייגייענדיק די שטעמפּלעריי, האָט ער זיך מיט אַ היפּט פאַרטשעפּעט אין דעם באַריער, אַזוי שטאַרק האָט ער געוואָלט אויסמיידן דעם פּאַ־סאַזן בויגן פּאַפּיר, וועלכער האָט איצט באַקומען אַזאַ שרעקלעכע באַ־

דייטונג. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן מסתם איז אים דער פאַבריק־הויף אויסגעקומען אומהיימלעך און פרעמד. ער האָט געשאָלטן ביי יעדן שטרויכלען זיך. די הויפנס גרוז און גראַטעס, באַזילבערט פון דער לבנה, זיינען אים פאָרגעקומען ווי עפּעס וואָס משונהדיקס. דער באַקאַנטער, אַזויפיל מאָל אויסגעטרעטענער וועג איז געוואָרן פאַרפּלאָנטערט, פול מיט לעכער און אַרויסשטאַרצנדיקע שטרויכלונגען. אַלץ איז געווען אַ לאַסט, אַ באַשולדיקונגס־געשריי, אַ צערודערונג.

צוקומענדיק צו זיין בודקע, האָט ער מיט האַס אַ קוק געטאָן אויף דער בלישטשענדיקער גלאַטער אויבערפלאַך פונעם סטאַוו.

— ווען דאָס איז וואָלט שוין, צום טייוול, צעגאַנגען געוואָרן...
— האָט ער טריב אַ טראַכט געטאָן.

צי האָט ער זיך דאָס אויף אַן אמת געווונטשן? דאָס איז גיכער געווען אַן אַרויסרופן אַ העכערע קראַפט, וועלכע זאָל איבערשניידן די סדרה פייניקונגען, וואָס האָבן צו אַש געמאַכט זיין נשמה, זאָל אים אַרויסרייסן פון די פענטעס פון אומרו, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון קאַמף צווישן נסיון און געוויסן. ווען דאָס אייז וואָלט צעגאַנגען, וואָלט מען נישט געדאַרפט געבן קיין דערקלערונגען דאמאלטן, פאַרטיידיקן זיך קעגן זיין פאַרפירונג, וואָס אַנדערש וועט שווער זיין אויסצומיידן.

ער האָט אויסגעזוכט אַ לאָך אין פאַרקאַן און אַרויסגעגאַנגען צום סטאַוו. געפייניקט פון דורכאויס קעגנזעצלעכע געפילן, איז ער עטלעכע מאָל אונטערגעשפרונגען אויפן אייז, פעסט קלאַפנדיק מיט די אָפּצאַסן. ס'האָט אַ כלאָפּע געטאָן אונטער אים דאָס וואַסער, זיך ברייט פאַנאַנדערשפּריצנדיק, אָבער דאָס אייז האָט אַפילו קיין ציטער נישט געטאָן. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אָנגעהויבן זיך אַריינצובאַקומען אין די לעבעדיקע שטיוול, איז ער שנעל אַרויסגעלאָפן אויף דער טרוקענער שיטנדיק מיט קללות. דאמאלטן וועט דאָס דאָזיקע וואַסער זיכער נישט צוריקהאַלטן. ער וועט זאָגן, אַז דאָס איז נאָך בעסער, ווייל ס'וועט נישט זיין קיין שום שפור אויפן אייז...

דער נסיון האָט זיך נישט געקאָנט איינשטילן, און דאָס געוויסן האָט נישט אויפגעהערט צו פּלאָגן.

דאָס פאַטאַלע אָרט, וווּ ס'זיינען געווען פאַרגראָבן די מאָטאָרן, האָט ער אויסגעמיטן פונדערווייטנס, נישט זייענדיק ביכולת אַ קוק צו טאָן אין יענער זייט. מיט אַ שווערן טראָט האָט ער זיך געשלעפּט צו דער קוזניע.

דער בלאַנק פון דער מילדער לבנה האָט זי שוואַך באַלויכטן אי־גנעווייניק. די שוואַרצע, פאַרשטויבטע קאַרפוסן פון די מאַטאַרן האָבן אין דעם דאָזיקן פאַרטונקלטן בלאַנק אויסגעזען ווי אויסגעגאָסן פון טייערן בראָנז. פלעווע איז פּאַמעלעך געגאַנגען לענגאויס זייער ריי, וואַרפנדיק אויף יעדן אַ שווערן בליק. דאָס ערשטע מאָל אוודאי האָט ער אַזוי בולט, ווייטיקלעך אָפּגעפילט זייער טויטקייט. ווי ער זאָל דאָס האָבן אַרויסגעריסן פון זיי די נשמות... קלאָר האָט אויפגעלעבט אין זיין זכרון דער אויסזען פון דער קוזניע דעמלט, ווען די דאָזיקע גופים, וואָס זיינען היינט טויט, האָבן פולסירט מיט לעבן, די קאַנטיקע האַמער־בלאָקן האָבן אין אַ שנעלן ריטם זיך געגליטשט איבער די ווערטיקאַלע שינעס פון די ריימען און קלינגעוודיק געקלאַפּט אויף דער ביז ווייסקייט צעגליטער שטיק שטאָל, וואָס איז אונטערגעשטעלט געוואָרן אויף דער קאָוואַדלע און פון וועלכער ס'האָט ביי יעדן קלאַפּ אַ שפּריץ געטאָן אַ סנאָפּ פונקען. דאָס שטאָל האָט געענדערט זיין פאָרעם, אויסגעצויגן זיך, פלאַטשיק געוואָרן, זיך אויסגעבויגן, ווי ס'האָט אים באַפוילן די געניטע האַנט פון דעם אַרבעטער.

און ווען ער האָט, פאַרבייגייענדיק די ריי דאָזיקע טויטע קאַרפוסן, זיך פאַרהאַלטן ביים בעטאָנענעם פוסטאַמענט, אויף וועלכן ס'איז אַנומלט געשטאַנען אַ מאָטאָר, וואָס האָט געטריבן די פולסירונג פון די האַמערס, האָט אים אָנגעהויבן עפּעס ווי טאָן אין דער ברוסט. ער האָט באַקומען דעם איינדרוק, ווי די שרויפן, וואָס שטאַרצן אַרויס פון דעם בעטאָן, געגליכן צו אָפּגעהאַקטע גלידער, וואָלטן זיך מיט זייערע שוואַרצע שפּיצן אַריינגעעבערט אין זיינע געדערעם. אין זיינע אויגן האָט זיך געגלאָזט אַ פייכטקייט. ער האָט זיך אוועקגעדרייט און מיט ציטערנדיקע הענט געגנומען אומגעשיקט פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס. ער האָט פאַררייכערט און, נישט פאַרלעשנדיק דאָס צינד־מאַשינקעלע, ביים קאַרגן ליכט ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם דאָזיקן אומאָנגענעמען אָרט. אין דער שיין פונעם בלינצלדיקן פלעמל האָבן די שרויפן ווי אויפגעלעבט. ס'האָט זיך גנדאַכט, אַז זיי ווילן זיך מיט אַ פאַרצווייפלטן טרעסל אַרויסרייסן פון די בעטאָנענע קייטן, און וועלכע זיי שטעקן אומנייטיק. פלעווע האָט געקוקט, און אין זיין האַרץ האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַנאַנדערגעוואַקסן אַ טעמפּער ווייטיק.

פלוצלינג איז פון דער זייט פון סטאַוו דערגאַנגען צו אים אַן אויסגעצויגענער פייף. דאָס האָט דאמאלט סיגנאַליזירט זיין קומען.

פלעווע האָט אויפגעשווידערט. ער האָט איילים פאַרלאָשן די צינד־מאַשינקע און זיך פאַרטייעט אויפן אָרט, ווי אַ געיאָגטע חיה, ווען זי

דערפילט דעם פאַרפאַלגער. אַ רגע איז ער אַזוי געשטאַנען אומבאַוועג-לעך, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם. און ווען דאָס פייפן האָט זיך איבער-געחזרט, איז ער געקומען צו זיך. ער האָט זיך דערטראַכט, אַז דער שוואַגער האָט געקאָנט דערזען דורכן פענצטער די שיין פונעם צינדערל און דער רוח קאָן אים אַהערברענגען.

גנבענענדיק זיך מיט אַ פּאַרזיכטיקייט, וואָס ס'וואָלט שווער געווען אים אין אַזעלכעס חושד צו זיין, האָט ער זיך אַריינגעשטופּט אין ווייטסטן ווינקל פון דעם האָל און מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמ-קייט זיך איינגעהאָרכט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט טריט, וואָס דערנענטערן זיך פאַרזיכטיק. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן אַרום זיך און, אָנשטויסנדיק זיך אויף עפּעס אַ שטיקל פון אַן אייזערנעם פרענט, פעסט עס אָנגענומען מיט דער האַנט און איז גרייט געווען אויף צו באַנוצן כוח אין פאַל, ווען דער פאַרפאָלגער וועט אַריינקומען.

ווי נישט ענלעך צו זיך איז ער עס געווען אויף מאָרגן, ווען ער האָט מיט אַ געקנייטשטן שטערן און קאָנצענטרירטער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט דאמאלטן, באַטראַכטנדיק מיט די אויגן פון דער פאַנטאַזיע, אַ געררייצטע פון תאווה, די לאָקנדיקע פּערספּעקטיוון...

— כ'בין אַ נאַר, וואָס קאָן מען טאָן... האָט ער דומפּ איבערגע-חזרט.

אָבער דאמאלט האָט נישט נאָכגעגעבן. דאָס מאָל איז ער געווען צודרינגלעך, פרייַלעך, פול מיט ברען, גרייט צו באַלדיקער האַנדלונג, און ווען ער האָט נישט צו שטאַרק געגלייבט אין דער דויערהאַפטיקייט פון דעם חשק, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט ביים שוואָגער. ער האָט גע-קענט דעם שוואַכן כאַראַקטער פון מענטשן, וועלכע ישובן זיך וועגן דעם, צי עס פּאַסט צו באַגיין אַ געמיינקייט דעמלט, ווען דאָס פאַר-דינסט איז מויער-פעסט...

— נו... אַז איר צוויינגט מיר שוין דערצו, פאַניע...— האָט זיך דא-מאלט געקווענקלט — וועל איך אייך עפּעס זאָגן... איר זאָלט זיך אַזוי-פיל נישט ישובן... מע וועט אייך באַצאָלן מיט דאָלאַרן...

— מיט דאָלאַרן? — האָט זיך פלעווע אַ כאַפּ געטאָן מיט היץ.

— אַהאַ... — האָט דאמאלט געשווינד באַשטעטיקט, צופרידן פון זיין דערפאָלג.

פלעווע האָט נאָך נידריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיין פּנים איז מיטאמאָל פאַרכמורעט געוואָרן.

— ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַזאַ פאַרשוין, פאַניע, וואָס צאָלט מיט דאָלאַרן און גיט נאָך דערצו אַ לאַסטאויטאָ...—האָט דאמאלט טריומפירט.

— וועט שוין דערפון גאָרנישט ווערן... — האָט פּלעווע אַ קרעכץ געטאָן.

— וואָס הייסט עס, פּאַניע?..

— כ׳האָב נישט לאַנג צוריק געלייענט אין אַ צייטונג, אַז אין לובלין האָט מען געמשפּט עפּעס אַ שפּיאָן. אים האָט אויך עמעצער געצאָלט מיט דאָלאַרן...

— וואָס זשע גייט עס אייך אָן, פּאַניע? אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן, פּאַניע.

— העז העז.. — האָט פּלעווע אויסדריקלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך ראָט אייך נישט, שוואָגער, האָבן צו טאָן מיט קיין דאָלאַרן. זוכט שוין בעסער עמעצן מיט זלאָטעס... נו, איך מוז שוין גיין, וואָרן כ׳וועל נאָך פאַרשפּעטיקן די פאַרזאַמלונג...

VI

פּלעווע איז בכלל געגאַנגען אויף אַלע פאַרזאַמלונגען. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ מיטגליד פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און האָט קיינמאָל קיין פאַרזאַמלונגען נישט דורכגעלאָזט. ער האָט ליב געהאַט זיך צו צוהערן צו דעם, וואָס מע רעדט אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען און מילד צושמייכלען אונטער די וואָנצעס פון די דאָזיקע גערעדעכצער. אָט, זיי רעדן און רעדן, און גאָרנישט קומט דערפון נישט אַרויס.

היינט איז ער געקומען אַ ביסל שפּעט. ער האָט זיך אַריינגעשטופּט אין דעם שוין אָנגעפּראָפּטן זאַל און מיט מי צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך. ס׳האָט זיך אים תיכף געוואָרפן אין די אויגן, אַז פאַר דער מלחמה זיינען אויף קיין שום פאַרזאַמלונג אוודאי נישט געווען אַזויפיל מענטשן, הגם אין דער פאַבריק האָבן דאָך געאַרבעט אַ סך מער אַרבעטער ווי היינט.

ס׳האָבן זיך דערטראָגן צו אים עמעצנס ווערטער.

— ... אונדזער כויט-שונא, דער דייטשער פאַשיזם האָט פאַרניכטעט און באַראַבעוועט כמעט פולשטענדיק...

ער האָט זיך משער געווען, אַז דאָס גייט צו רייד וועגן דער פאַבריק. דורך די קעפּ פון די אַרבעטער, וואָס שטייען פאַר אים אין ענגשאַפט האָט ער דערזען יענעם, וועלכער איז דעמלט אין דער לבנה-נאַכט געווען ביי זיין בודקע מיטן צווייטן אין אַ פּאַלטן אין קראַטן.

נאָר דעמלט איז דאָס געווען אַ רויקער מענטש, אַ צעשמייכלטער, און איצט האָבן זיינע אויגן געברענט מיט אַ שאַרפן גלאַנץ, אויף די באַקן האָבן זיך געראָיטלט הייץ פלעקן, זיין גאַנץ פּנים איז געווען אָנגעשטרענגט מיט עפּעס אַ קעמפערישער קאָנצענטרירטקייט.

פלעווע האָט אַ ציי געטאָן פאַרן אַרבל דעם אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים.

— ווער איז עס? — האָט ער שעפּטשענדיק אַ פרעג געטאָן.

— דער פאָרזיצער פון דעם אונטערנעמונגס-ראַט.

דעמלט האָט ער אָנגעהויבן זיך איינהערן מיט קאָפּ.

— אויפן פּראַגט דונערן נאָך די האַרמאַטן, אונדזערע ברידער און שוועסטער דעררעשטעווען די היטלעריסטישע חיה אָרעם ביי אָרעם מיט דער העלדישער סאָוויעטישער אַרמיי. אונדז איז נישט באַשערט געווען דער דאָזיקער גרויסער כבוד-מיט געווער אין האַנט צו קעמפן אויפן פראָנט קעגן דעם שרעקלעכסטן שונא פון דער מענטשהייט, אָבער מיר מוזן זיך אַרויסווייזן פאַר ווערט אונדזערע ברידער, וואָס פאַרגיסן דאָס בלוט אין קאַמף מיט יענע, וועלכע האָבן אונדז געוואָלט פאַרניכטן און עוקר מן השורש זיין. מיר מוזן ווייזן, אַז אויך מיר קאָנען קעמפן און זיגן — אויב נישט אויפן פראָנט, איז ביי דער אַרבעט. איך דאַרף דאָך אייך מסתמא נישט ברייט אויסטייטשן, ווי שטאַרק וויכטיק ס'איז פאַר אונדז די דאָזיקע אויפגאַבע, ווייל יעדער פון אייך פאַרשטייט עס גוט. מיר זיינען ערשט אַליין די באַלעבאַטים און מיטאייגנטימער פון דער פאַבריק, און וואָס מיר וועלן טאָן — איז עס פאַר זיך. נישט פאַרן בעל-גישן און פוילישן קאַפּיטאַליסט, ווי דאָס איז געווען פאַר דער מלחמה. דערפאַר וויל איך אייך דאָ נישט אַגיטירן, איך וויל בלויז, אַז מיר זאָלן זיך אַלע באַקענען מער-ווייניקער מיט יענע שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן גובר צו זיין, וואָס און ווי אַזוי מיר דאַרפן אַרבעטן, כדי די דאָ-זיקע שוועריקייטן בייצוקומען... אַז יעדער פון אונדז זאָל עס פאַרשטיין און זיך נעמען עס צום האַרצן... און זיך שטעלן צו דער אַרבעט, ווי אַ גוטער באַלעבאָס אויף זיין אייגענער ווירטשאַפט...

די דאָזיקע ווערטער האָבן פלעווען שטאַרק גענומען. ס'האָט זיך אים אָבער נישט פּאַטויפּעט אין קאָפּ, אַז דאָס, וואָס ער הערט דאָ, איז נישט קיין אויסדאַכטעניש, נאָר ווירקלעכקייט. ער האָט אין געדאַנק איבערגעקאָכט אַלדאָס געהערטע, כדי זיך צו פאַרזיכערן, אַז ער פאַר-שטייט ריכטיק דעם זין פון די דאָזיקע ווערטער, אַז ער טייטשט זיך נישט שלעכט אויס די געדאַנקען, וואָס דער רעדנער האָט אַרויסגעזאָגט. אָבער די דאָזיקע געדאַנקען זיינען געווען אַזעלכע פּראָסטע און קלאָרע,

אַז זיי האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין שום אַנדערע באַדייטונג. איז עס הייסט עס אַזוי?... איז באַשטעטיקט זיך דאָס, וועגן וואָס לייט האָבן שוין פון לאַנג גערעדט צווישן זיך... ס'האָט זיך אים דערמאָנט דער שמועס מיט וואָנטראָבען... המם... עפּעס רעדט דער פּאָרזיצער גאָרנישט וועגן דעם, צי ענגלאַנד דערלויבט, צי עמעצער האָט זיך ביי איר וועגן דעם אָנגעפרעגט...

פון זאַל האָבן זיך אָנגערופן הילכיקע שטימען.

— ריכטיק.

— אויף דעם האָבן מיר הענט, כדי צו אַרבעטן.

דער פּאָרזיצער האָט מיט אַ האַנט-באַוועגונג געבעטן, מע זאָל רויק זיין און ווייטער גערעדט:

— ס'איז דאָ דאָ מיט אונדז דער בירגער אינזשיניער קאָרוואַצקי, וועלכער האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט אין אונדזער פאַבריק, איז געווען שעף פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען, ער קען זייער גוט די פאַבריק און איז אַ פאַכמאַן. מיר וועלן אים בעטן, וועט ער פאַר אונדז כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן פאַרשטעלן, ווי אַזוי מיר דאַרפן צוטרעטן צו דער דאָזיקער שווערער אויפגאַבע, ווי אַזוי און פון וואָס אָנצוהייבן. ווייל צום שווערסטן איז דער אָנהייב... מיר בעטן, הער דירעקטאָר — האָט ער אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ אין דער זייט פון דעם הער, וואָס איז געזיצן אויף דער מיטלסטער שטול.

— דאָס וואָרט באַקומט דער הער אינזשיניער קאָרוואַצקי... — האָט יענער הער גלייכגילטיק אַ מרוקע געטאָן.

קאָרוואַצקי האָט זיך שווער אויפגעהויבן, אַנידערגעלייגט דעם קאַפּעליוש הינטער זיך אויף דער שטול, אָנגעשפּאַרט זיך מיט די הענט אויפן טיש. ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ רוימער, אַ הויכן שטערן, די ליפּן אַראָפּגעלאָזט ווי אַ געשפּאַנטער בויגן. די אייבערשטע אויגנלעדלעך האָבן אים פאַרדעקט די אויגן כמעט ביז די אַפּלען, וואָס האָט געשאַפן דעם איינדרוק, אַז ער קוקט אויף דער גאַנצער וועלט פון אויבן אַראָפּ. פון זיין גאַנצער געשטאַלט האָט געשלאָגן חשיבות, נישט קינסטלעכע, פולשטענדיק נאַטירלעכע, איינגעבוירענע.

אין זיין אויפמערקזאַמקייט איז פאַר אים נישט געבליבן אומבאַמערקט די ענדערונג, וואָס איז אין דעם מאָמענט פאָרגעקומען אין דער גאַנצער אויזיטאָריע. בעת דעם פּרעזעס האָבן אַלע געהערט פּראָסט-פשוט, מיט אָפענע מיילער, אין באַליביקע פּאָזעס, האָבן זיי זיך איצט אויסגעגלייכט, און אויף די פּנימער האָט זיך געמאָלן אַ קאָנצענטרירט-קייט פול אַכטונג. ער האָט דאָס אָבסערווירט מיט סאַטיספאַקציע. צום

ערשטן מאָל איז אים אויסגעקומען צו שטיין פּנים אַזעלכע צוהערער און... אין אַזאַ ראָל. באַלד פון דעם מאָמענט פון דער באַפרייונג האָט ער זייער געשיקט און מיט דערפאָלג געשפּילט די ראָל פון אַ מענטשן, וואָס פאַרשטייט און אָנערקענט די נייע סיטואַציע, און ביז היינט האָט עס אים נישט פאַרשאַפן קיין שום אומאָנגענעמלעכקייטן. אָבער איצט הייבן זיך אָן אומוואַרשיינלעכע זאַכן... מע הייבט אָן פון אים פאָדערן, מע הייבט אָן אים עפּעס אָנצוואַרפן. די, פאַר וועלכע ער האָט פאַרמאָגט בלויז פאַראַכטונג...

ער האָט נאָכאַמאָל אַ פיר געטאָן איבער די פאַרזאַמלטע דעם גאוותדיקן בליק. מיט גדלותדיקער סאַטיספאַקציע האָט ער באַטראַכט אויף די פנימער פון די פּראָסטע מענטשן דעם אויסדרוק פון אויפמערקזאַמקייט און אַכטונג. מיטאַמאָל איז אין אים געבוירן געוואָרן דער קרענקלעכער, פאַרדאַרבענער שטאָלץ פון אַ פירער, וואָס איז איבערצייגט אין דער געהאָרכזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט פון זיינע אונטערטעניקע, די פּראָסטאַקעס, מיט וועלכע מע קאָן זיך וואַרפן און קערעווען ווי עס ווילגעפעלט.

ער האָט לייטיש אָפּגעהוסט.

— מ׳האָט מיר רעקאָמענדירט זיך צו אָריענטירן און צוזאַמענשטעלן אין קאָנטור — האָט ער אָנגעהויבן, פאַרבייסנדיק די אונטערשטע ליפּ צווישן די ווערטער — אין קאָנטור, שטרייך איך אונטער... דעם פּלאַן פון אָנהויבן די אַרבעטן ביים רעמאָנט און דער אָפּבויונג פון דער פאַבריק. דער פּלאַן, אַזוי צו זאָגן... פון די ערשטע איינשפּריצונגען, וועלכע וואָלטן געדאַרפט... כ׳שטרייך אונטער — וואָלטן געדאַרפט... אויפלעבן יענעם בר־מינן, וואָס די פאַבריק איז עס איצט. פאַר אַ יסוד האָב איך געדאַרפט אָננעמען, אַזוי צו זאָגן, דעם סטאַטוס קוואָ... הייסט דאָס, וואָס מיר האָבן אין איצטיקן מאָמענט אין די הענט און... די אינוועסטיציע־הלוואה, וואָס די רעגירונג האָט צוגעזאָגט, אין סך־הכל פון אָנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס. בנוגע דער ערשטער פראַגע, בין איך איבערצייגט און שטעל פעסט ווי אַ פאַכמאַן, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן קאָנקרעט אין די הענט, דאָס איז בלויז, אַזוי צו זאָגן, אַן אַריטמאָגראַף... אַן אַריטמאָגראַף... דעם דאָזיקן גרויסן בר־מינן וועט שוין קיין שום איינשפּריצונג נישט העלפן אויפצולעבן. אים קאָן אויפלעבן בלויז אַ ריינקאַרנאַציע... איך שטרייך אונטער — אַ ריינקאַרנאַציע...

— הער אינזשעניער! אפשר אַזוי אָן דעם לאַטיין, אַזוי אויף אונדזער לשון! — האָט אויסגערופן עמעצער פון זאַל.

— וואָס־זשע הייסט דאָס? — האָט קאַרוואַצקי ווייטער גערעדט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף גאָרנישט. — דאָס הייסט, אַז יענע סומה, וואָס איז געבליבן פון דער פאַבריק, וואָלט מען געדאַרפט אַנקליידן אין אַ נייעם קערפּער. כ׳שטרייך אונטער — אין אַ פולשטענדיק נייעם קערפּער... און צו זעגט איר אימשטאַנד דאָס אַדורכצופירן אָן קאַפּיטאַל? די רעגירונג זאָגט צו אַן הלוואה פון אַנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס. וואָס פאַר אַ ווערט האָט היינט אַזאַ הלוואה? ווען דאָס וואָלט געווען אַנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס פאַרמלחמהדיקע, וואָלט געווען וועגן וואָס צו רעדן, אָבער היינט אַזאַ סומע... פאַר דער מלחמה האָט דער ווערט פון דער פאַבריק געגרייכט כמעט ביז צו צוואַנציק מיליאָן זלאָטעס... קלאָר, פאַרמלחמהדיקע. וואָס־זשע באַדייטן קעגן דעם אַנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס היינטיקע?... רעזומירנדיק, וועלן מיר קומען צום ריכטיקן אויספיר, אַז עס איז שווער רעאַל צו פּלאַנירן, אַנשפּאַרנדיק זיך אויף אַזעלכע נישט רעאַלע יסודות. אויף אַזעלכע יסודות קאָן בויען פּלענער אַן אומהיילבאַרער טרוימער, א פאַנטאַזיאָר. און איך בין אַ רעאַליסט... איך שטרייך אונטער — אַ רעאַליסט... כדי עפּעס רעאַל צו פּלאַנירן, דאַרף מען האָבן אַן אַנטשפּרעכנדיקע דאָזע מאַטעריאַל און קאַפּיטאַל... און דאָס האָבן מיר נישט... איך שטרייך אונטער — מיר האָבן נישט...

דער פאָרזיצער האָט זיך נערוועז אויפגעהויבן. ער איז געווען בלאַס, און די ליפּן האָבן אים געציטערט.

— אַנטשולדיקט, הער דירעקטאָר... מיר בעטן, דער הער אינזשעניער זאָל אונדז אָנגעבן דאָס, וואָס איז געווען אָנגעגעבן אויף דעם אונטערנעמונגס־ראַט...

— הער אינזשעניער... — האָט דער אַדמיניסטראַציע־דירעקטאָר פון דער פאַבריק, וועלכער האָט געפירט די באַראַטונג, זיך מיט ברען אַ באַוועג געטאָן, און גלייך אַנטשווינגן געוואָרן, אַ קוק טוענדיק אומבאַהאָלפן אויף וויטשיצקין.

קאַרוואַצקי האָט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג מיט די ברעמען, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט אויף דער דרייסטקייט פון אַ פליג, וועלכע ער האָט קיין צייט נישט אָפּצוטרייבן.

— מיר שרייען כסדר: מיר! מיר! מיר!... — האָט ער גערעדט ווייטער מיט אַן עטוואָס פאַרשאַרפטן טאָן. — דאָס איז גוט אויף מיטינגען, אָבער נישט ביי דער אָפּבויונג. פאַר דער אָפּבויונג דאַרף מען האָבן קאַפּיטאַל, און נישט קיין געשריי. אַריינלייגן אין אַזאַ צעשטערטער פאַבריק אַזאַ לעכערלעכע סומע ווי אַנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס... היינטיקע זלאָטעס, איז דאָס זעלבע, וואָס וואַרפן דאָס דאָזיקע געלט אין בלאָ-

טע. אינוועסטיציעס לוינען זיך דעמלט און זיינען דעמלט צוועמעסיק, ווען זיי גאַראַנטירן דאָס אָנהייבן די פּראָדוקציע. אין קעגנפאַל איז דאָס נישט קיין אינוועסטיציע, נאָר פאַרשווענדונג. אַ פאַרשווענדונג, אויף וועלכע ס'ווילן זיך דערלויבן עטלעכע מטורפים. און פאַרשווענדן געלט היינט צו טאָג טאָרן מיר נישט, ווייל דאָס ברענגט שאָדן דער מלוכה און דעם פאָלק. דאָס איז מיין ערלעכע מיינונג, און יעדער פאַרשטענדי־קער מענטש וועט מיר אָפּגעבן גערעכט. דערצו נאָך — און דאָס האַלט איך פאַרן וויכטיקסטן — צו וואָס זאָלן מיר אָוועקטרן אונדזער צייט און כוח ביי דער אָפּבויונג פון אַ פאַבריק, וואָס איז האַפּונגסלאָז צע־שטערט, ווען אויף נידערשלעזיען באַקומען מיר אַ סך אַבסאָלוט נישט צעשטערטע פאַבריקן. איך אַליין האָב בדעה אַהין אַרויסצופאָרן און צו־טרעטן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, אַנשטאָט צו גראַבלען זיך אין גרוזן...

— טאָ פאָר צום אַלדי שוואַרצע יאָר, און מיר האָבן דאָ אונדזער אייגענע פאַבריק. — האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן מיט ברען.

קאַרוואַצקי האָט גענומען דעם קאַפעליוש פון שטול און זיך אָנ־דערגעזעצט מיט אַ מינע פון אַ באַליידיקטער גאָטהייט.

פון דער ערשטער ריי שטולן האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונגער אַר־בעטער, וואָס זיין אינטעליגענט פּנים האָט אויסגעדריקט אויפרעגונג.

פּלצוועס האָט אין אים דערקענט יענעם, וועלכער האָט דעמלט ביי דער בודקע זיך פאַרשריבן זיין נאָמען. ער האָט ווידער אַ צי געטאָן זיין שכן ביים אַרבל:

— און ווער איז דער?

— דער סעקרעטאַר פון פפר... ניעגליצקי...

ניעגליצקי האָט שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— חבר פאָרזיצער! צי מאַכט איר פון אונדז חוזק?

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט דער זאַל אויפגעברויזט, ווי אויף אַן אַליאַרם־סיגנאַל. מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, גע־טרעסלט אין דער הייך מיט די הענט, געשריגן. אין אַ סך ערטער האָבן אויפגעקאָכט היציקע אַמפּעריען. אַלץ איז פאַרזונקען אין דעם האַר־מידער.

דער דירעקטאָר האָט זיך געשווינד אויפגעשטעלט, ער איז געווען איבערגעשראָקן. מיט עפּעס אַן אומנאַטירלעכער, אַקטיאָרישער באַוועגונג האָט ער אויסגעצויגן די הענט פאַר זיך.

— בירגער! בירגער! איך בעט צו נעמען ווערטער איינציקווייז!

ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַן איינגעהויקערטער אַלטיטשקער און גע־

בעטן אַ וואָרט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די פּאָרוזאַמלטע, אין זאַל איז שטיל געוואָרן.

— איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ הייזעריק קול — זיינען דאָ, אויף דעם אָרט, וווּ עס שטייט איצט אונדזער פאַבריק, געוואַקסן אַלטע ווערבעס און פלעכטגראָז, און דאָרט אַ ביסל ווייטער זיינען געווען נאַסע לאָנקעס. און איצט איז אויף דעם אָרט אַזאַ גרויסע פאַבריק, וואָס? און צווערשט איז אויפן ראָג ביים וועג געשטאַנען דעם קאָוואַל קלימקעוויטשעס קליינטשינקע קוזניע. און איך פרעג — וועמעס הענט האָבן דאָס אויפגעבויט אַזאַ גרויסע פאַבריק, וואָס? אונדזערע, צי די הענט פון די הערן, פון די דירעקטאָרן? און צו וועמען האָט זי ביז היינט געהערט, אונדז, צי די הערן, וואָס? און דאָס איז געווען אומיושרדיק. און איצט וועט זיין יושרדיק. און אויב מיר האָבן געקאָנט זי אויפבויען פאַר עמעצן, איז וועלן מיר נישט קאָנען זי צוריק אָפּבויען פאַר זיך, וואָס? דאָס איז צום לאַכן... — ער האָט שאַרף באַוועגט מיט די אַקסלען און מיט חשיבות זיך אַנידערגעזעצט.

נעגליצקי האָט זיך נאָכאַמאָל אויפגעהויבן. ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, קלאָר, באַדענקט, און זיינע ווערטער האָבן געהאַט דעם כּישופדיקן כּוח פון איבערצייגן.

— עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס באַזיצן אַבסאָלוט נישט דאָס געפיל פון פרייהייט און פילן זיך גוט, פילן זיך אויף זייער פּלאַץ און אין זייער הויט נאָר דעמלט, ווען זיי דינען עמעצן אַ שררה, פאַר וועמען מע דאַרף זיך נידעריק בוקן, כּדי צו פאַרדינען אַ קלאַפּ אין פּלייצע. אַזעלכע מענטשן האָבן נישט דעם כּוח צו זיין פריי, האָבן נישט דעם כּוח צו זיין מיטבעלעבאַטים און מיטשעפער. איינעם פון די דאָזיקע האָבן מיר דאָ היינט געהערט און זעען אים פאַר זיך. ער וויל נישט שלום מאַכן מיט דעם, אַז נישט דער קאַפּיטאַל שאַפט די אַרבעט, נאָר די אַרבעט שאַפט דעם קאַפּיטאַל. אַזאַ מענטש פאַרדינט זיך אויף רחמנות. מיר קוקן דערויף אַנדערש. מיר האָבן שטענדיק געקעמפט פאַר פרייהייט און וועלן אימשטאַנד זיין צו זיין פריי. איך צווייפל נישט, אַז ס'וועלן זיך געפינען אַזעלכע אינזשינירן און טעכניקער, וועלכע וועלן קאָנען זיין פרייע מיטבעלעבאַטים. און אַזעלכע וועלן זיך שטעלן צוזאַמען מיט אונדז צו דער געמיינזאַמער אַרבעט. און ס'וווּנדערט מיך זייער, וואָס די דירעקציע האָט אויסגעוויילט אַזאַ שררה, וועלכער האַלט אונדז פאַר אַ פינצטערע מאַסע, און דעם קאַפּיטאַל פאַר דעם וועלט-באַשעפער. איך האַלט, אַז דאָס איז געווען אַ טעות. און אויב עס גייט וועגן דעם צי מע זאָל די פאַבריק צוריק אָפּבויען, אָדער זוכן גאַנצע פאַבריקן, איז

אונדזער מיינונג אָן איינשטימיקע, חברים. מיר פֿרייען זיך מיט די גאַנצע פֿאַבריקן, אָבער די צעשטערטע וועלן מיר צוריק אָפּבויען. מיט די נעגל וועלן מיר גראָבלען און אויסגראָבלען. מיר וועלן נישט דערלאָזן, אונדזער פֿאַבריק זאָל גיין אין ניוועץ!

ס'האָט זיך אָ ריס געטאָן אָ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן.

— בראַוואָ!

— ער רעדט ריכטיק!

— מיר וועלן נישט לאָזן די פֿאַבריק זאָל גיין אין ניוועץ!

זיי האָבן זיך באַרויקט.

דער דירעקטאָר האָט זיך אויפֿגעשטעלט, זיך אויסגעגלייכט, ווי ער וואָלט וועלן באַטראַכטן די עלאַסטישקייט פֿון זיין קערפּער, האָט אויסגעגלייכט די מאַרינאַרקע.

— בירגער! האָט ער שטיל אָנגעהויבן: ס'איז גאָרנישט אַזוי טראַגיש, ווי ס'האָט געוואָלט פֿאָרשטעלן דער הער אינזשיניער קאַרוואַצקי. איך שטים אונטער מיטן גאַנצן האַרץ דאָס, וואָס ס'האָט געזאָגט מיין פֿאָררעדנער. אַזוי איז עס... אַזוי איז עס... ס'קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן קיין שום אוממעגלעכקייטן. קיינער שטעלט זיך דאָך נישט פֿאָר, אַז אָפּבויען די פֿאַבריק - הייסט אָנהויבן מאָרגן אַזאַ פּראָדוקציע, ווי פֿאַר דער פֿאַרניכטונג און מיט איינמאָל אָנהויבן אַ נאָרמאַלע אַרבעט און אַ נאָרמאַל לעבן; עס גייט דערין, אַז די פֿאַבריק זאָל בכלל אָנהייבן וועגן עס איז צו גיין... זי זאָל נישט צו גרונט גיין... די געביידעס און די עיקרדיקע אינסטאַלאַציעס זיינען דאָך פֿאַראַן, אַביסל פֿון די ערגסטע מאַשינען איז דאָ. רוי-שטאָף אַ ביסל איז פֿאַראַן, אַ ביסל קוילן איז פֿאַראַן... מכשירים און אויסשטאַטונג וועלן די אַרבעטער ברענגען... דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט באַהאַלטן. און ס'איז דאָ אַ האָפֿענונג, אַז זיי וועלן נאָך אַ סך ברענגען. ענערגיע וועלן מיר דערווייל באַקומען פֿון דער קרייזישער עלעקטראָ-סטאַנציע, וועלכע האָט זיך על-פּי-נס אָפּגעראַטעוועט און אַרבעט שוין, ווי איר ווייסט... די אינזשיניערן פֿון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָבן זי גלייך אויפֿן אָרט געלאָזט אין גאַנג. הייסט עס, אַז דעם מינימום, פֿון וועלכן מען קאָן אָנהייבן, האָבן מיר. דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם און די סאַמע ערגסטע שטערונג איז דאָס, וואָס עס פֿעלן טרייבמיטלען, מאָטאָרן. קודם כּל דאַרף מען זיך פֿאַרטראַכטן וועגן לאָזן אין גאַנג די מעכאַנישע שמידעריי און עטלעכע ווערקשטעלן פֿאַר מעטאַל-באַאַרבעטונג, ווייל האָבנדיק דאָס צו אונדזער דיספּאָזיציע, וועלן מיר קאָנען ביי אַ גוטן ווילן אָפּרעמאָנטירן אַ סך מאַשינען און איינריכטונגען, וואָס אין איצטיקן מאָמענט זיינען זיי אומטויגלעך צו באַנוצן...

— ער רעדט ריכטיק! — האָט אַ געשריי געטאָן עפּעס אַן ענטוזיאַסט.

— דאָס לאָזן אין גאַנג כאָטש עטלעכע האַמערס און עטלעכע װערקשטעלן צו מעטאַל־באַאַרבעטונג װעט אונדז שטעלן אויף די פיס. די רעגירונג װעט אונדז זיכער צוטיילן א ממשותדיקע אונטערשטיצונג. דאָס לאָזן אין גאַנג די פאַבריק װעט זיין פאַר אונדז אַ גרויסער זיג. קאָלעגע קאַרוואַצקי שרעקט אייך מיט אוממעגלעכקייטן, װייל ער װיל נישט אָנערקענען אייער כוח, אדער ער פאַרשטייט אים נישט.

— אנטשולדיקט! — האָט זיך קאַרוואַצקי אַ ריס געטאָן, װאַרפנדיק אויפן דירעקטאָר אַ פאַראכטנדיקן בליק — איך האָב װעגן אוממעגלעכקייטן נישט גערעדט. איך האָב קודם־כל גערעדט װעגן דעם, אַז ס׳איז אַ שאָד די צייט און דער מלוכהשער גראָשן אויף דער אָפּבויונג, בעת מיר באַקומען אין שלעזיע גאַנצע, פאַר פּראָדוקציע גרייטע אונטערנעמונגען; און יעדער פאַרשטענדיקער מענטש װעט מיר געבן גערעכט... איך שטרייך אונטער — יעדער פאַרשטענדיקער און ניכטער־דענקנדיקער...

— דאָס איז ריכטיק... — האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע שטימען.

— כ׳וואָלט װעלן גוט פאַרשטאַנען װערן — האָט קאַרוואַצקי עקשנותדיק װייטער גערעדט. — דערפאַר װעל איך באַטראַכטן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, אַזוי צו זאָגן, אויפן פויערישן שטייגער. אויב מע אַרבעט — דאַרף מען עסן. כדי צו האָבן װאָס צו עסן — דאַרף מען עפּעס קויפן. כדי צו קאָנען קויפן — דאַרף מען, אַז עמעצער זאָל באַצאָלן פאַר דער אַרבעט. און די דאָזיקע לעכערלעכע הלוואה װעט אויף אַלץ נישט קלעקן...

— און מיר װעלן פאַרט אָפּבויען! — האָט אים איבערגעריסן אַן איינגעשפּאַרטע שטים.

קאַרוואַצקי האָט העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקנייטשט דעם שטערן.

— עמעצער דאָרט, װעלכער האָט זיכער דאָס גאַנצע לעבן געזעצט מיטן האַמער, אָדער געטראָגן ציגל אויף די רושטאָוואַניעס, שרייט, אַז ער װעט אפּבויען. און איך, אַן אינזשיניער, װעל זיך באַנוצן מיט א פּשוט ער אַריטמעטיק, כדי צו דערווייזן, אויף װיפל דאָס איז נישט רעאַל. אַנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס אויף די דריי טויזנט אַרבעטער, װעלכע איר האָט בדעה צו באַשעפטיקן אין אָנהייב, דאָס איז פינף הונדערט זלאָטעס אויף אַ קאָפּ. אויב מיר װעלן אָננעמען, אַז אַ דורכשניטלעכע אַרבעטער פאַמיליע באַשטייט פון פיר אירע, װעט אויספאַלן פונקט הונדערט מיט פינף און צוואַנציק זלאָטעס אויף אַ קאָפּ. װעלכער חכם װעט מיר זאָגן אויף װי לאַנג װעט אַזאַ פאָנד סטייען? — האָט ער אַ װאָרף

געטאָן ווי אַ שטאָלצן אַרויסרוף און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַזאַ אופן, ס'זאָל אַלעמען קלאָר זיין, אַז מער וועט ער נישט רעדן.

אויפן זאַל האָט זיך איינגעשטעלט אַ דערדריקנדיק שטילשווייגן. די אַרבעטער האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, אָדער זיך אַרומגעקוקט מיט אַן אויסדרוק פון שרעק און באַדויערן, ווי מע וואָלט מיט כוח אַרויסגעריסן פון זייערע הענט עפּעס אַ טייערע זאַך. וואָיטשיצקי האָט זיך מאָמענטאל געגעבן אַ ריס אויף פון אָרט און געזאָגט דורך פאַרקלעמטע ציין:

— איך דערקלער, חברים, אַז די אַנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס, דאָס איז די סומע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן בלויז און אויסשליסלעך אויף דער אָפּבויונג פון דער פאַבריק. אויף אויסצוצאָלן דעם לוין האָבן מיר און וועלן האָבן אַנדערע סומעס. די רעגירונג איז אונדזערע און וועט אונטערשטיצן אונדזער יעדער אונטערנעמונג. אַ סך אָנשטרענגונגען און שוועריגקייטן מוזן מיר אויסטראָגן, און מיר מוזן זיין דערויף צוגעגרייט. עס וועט אונדז שווער זיין — דאָס באַהאַלט קיינער נישט אויס. אָבער צי שטעלט ווער פון אייך אויס אויף מן פון הימל, צי האָט ווער בדעה אויף דעם דאָזיקן מן צו וואַרטן? כ'מיין, אַז נישט. כ'מיין, אַז יעדער שטעלט אויס אויף זיינע הענט.

פלעווע האָט זיך מיט אַ וואָס אַמאָל מער אַנוואַקסנדיקער אומרויִקייט קלאָר געמאַכט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן גורל פון דער פאַבריק. אונטערבאַוווסטזיניק האָט ער פון דאָזיקן מאָמענט אַרויסגעפּאַנגען עפּעס, וואָס גרויסעס, עפּאָכעדיקס. ער האָט פאַרגעפילט אַן ערנסטן געראַנגל און, אפּוועגנדיק די געדאַנקען, וואָס זיינען דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן, באַנומען, אַז ער האָט אין זיין האַנט אַ וויכטיגע טויז. דער דירעקטאָר האָט דאָך בפירוש געזאָגט, אַז די גרעסטע שוועריקייט איז — דאָס פעלן פון מאָטאָרן.

ער האָט אין זיך גובר געווען דאָס געפיל פון באַדויערן, וואָס האָט זיך אין אים אָפּגערופן מיט עקשנות, זיך געבונטעוועט קעגן דעם נסיון, וואָס פאַרצערט אים די נשמה אין משך פון אַזויפיל טעג. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, ווי צון אַ געשלעג, פעסט פונאַנדערגעשטופּט מיט די עלנבויגן די, וואָס האָבן אים פאַרצוימט דעם טיש, און איז שטיינגעבליבן פאַרן פרעזידיום אַ פאַררויטלטער מיט אַ כאַראַקטעריסטישן גלאַנץ אין די אויגן.

— מע קאָן, חבר פאַרזיצער?

וואָיטשיצקי האָט, ווייזט אויס, באַלד באַמערקט דעם גלאַנץ אין זיינע אויגן, ווייל ער האָט אַ שמייכל געטאָן גינציק און אויפגעלעבט.

— ביטע.

פלעווע האָט זיך אויסגעדרייט צו די פּאַרזאַמלטע, אָנגענומען פולע לונגען לופט.

— איך האָב נישט ליב דאָרט קיין סך צו ריידן, ווייל פון רעדעריי קומט גאָרנישט אַרויס. מע דאַרף טאָן. כ׳וועל בלויז זאָגן, אַז אַריבער דרייסיק יאָר האָרעווע איך אין דער דאַזיקער פאַבריק, כ׳פלעג זיין אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען, אָבער כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט, אַז מע זאָל זיך מיט אונדז, די שמאַדערס, באַראָטן וואָס און ווי צו טאָן... איר פאַרשטייט? אָדער מע זאָל אונדז זאָגן, אַז די פאַבריק איז אונדזערע, אַז מיר זיינען די באַלעבאַטים. און היינט איז דאָס עפּעס אַלץ אַנדערש. היינט שטעלט זיך אַרויס, אַז ס׳איז אַלץ אמת, וואָס מירן שוין לאַנג געהערט. די פאַבריק איז אונדזערע! און איך זאָג אייך, אַז מיר וועלן די דאָזיקע פאַבריק אונדזערע אָפּבויען! האָ! האָ! נאָך ווי אַזוי, צום טייוול!... איך זאָג אייך, אַז נאָך אַ סך פאַרמעגן פון דער פאַבריק איז פאַראַן ביי די מענטשן, אַ סך נויטיקע זאַכן. און די מענטשן דאַכט זיך, אַז אויב זיי וועלן דאָס פאַרקויפן, וועלן זיי האָבן זיך אָנצופרעסן. אָבער דאָס איז נישט אַזוי. פרעמדס פאַלט שטענדיק אויס באַקעם, אַזוי ווי ס׳איז שוין אונדזערע שררות אויסגעפאַלן... אָט, וואָס... ווייל אויב פאַרקויפן עס וועט זיך איינער דערפון אָנעסן און אויך נישט אויף לאַנג. אָבער אויב אָנידערשטעלן עס אין דער אָפּטיילונג אויפן אָרט, וועט עס אונדז אַלע־מען שפּייזן... און דאָס, וואָס דער דאָזיקער הער בירגער האָט דאָ געזאָגט, אַז סע לוינט זיך נישט אָפּצובויען, ווייל אין שלעזיע האָבן מיר גרייטס, איז דאָס געמיינקייט... געוויינטלעכע געמיינקייט! — האָט ער דייטלעך איבערגעחזרט, קוויקנדיק זיך דערמיט, וואָס אָט קאָן ער זיך דערלויבן אויף אַזאַ דרייסטקייט לגבי דעם הער אינזשיניער, פאַר וועלכן מ׳האָט פריער געדאַרפט ציטערן אונטערן העמד. — דאָס וואָס די פאַבריק איז גאָך ווערט, איז אַ גרויסער מאַיאָנטעק. אזוי איז עס לויט מיין פויערישן שכל... איך ווייס אפשר נישט, וואָס דער דאָזיקער הער טראַכט?... כ׳ווייס... ער וויל, מיר זאָלן נישט האָבן ווו צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט, מיר זאָלן זיך ארומשלעפן איבער דער וועלט עפּעס צו פאַרדינען, און מיר זאָלן זיך קלאָגן, אַז אונדז געשעט אַן עוולה אָן די דאָזיקע פריצים, וואָס האָבן פריער מיט אונדז רעגירט... אַז אונדזער אַרבעטער־רע־גירונג קאָן זיך אָן זיי קיין עצה נישט געבן... אָבער איך טראַכט, אז ס׳וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען. מיר זיינען נאָך נישט אַזעלכע שוטים, אָט וואָס...

אויפן זאַל האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. מ׳האָט געפּאַטשט מיט די הענט, געשריגן, באַוואָרפן פלעווען מיט זאַפּטיקע, אַרבעטאַריש־אויפריכטיקע און אויסדרוקפולע קאָמפּלימענטן.

ס'האָט אים אויף אַ רגע צעטומלט דער שטאָלץ פון פירער־אָנפאַנגער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וואַקסט אויס צו דער גרייס פון אַ ריז, וואָס געוועלטיקט איבער איבערנאַטירלעכע כוחות. פּלוצלינג האָבן אויפגעלעבט אין אים געוויסע פּראָנט־איבערלעבונגען, ווען ער האָט זיך אויפן אויסגעשריי — הורראַאַ! — געוואָרפן כמעט בלינד פאָרויס, מיטן וויסן, אַז ער דאַרף עפּעס טאָן, נישט פאַרשטייענדיק אָבער וואָס און פאַרוואָס? איצטיקס מאָל האָט ער געוווּסט און פאַרשטאַנען ס'האָט אים אינעווייניק נאָך אַ נאָג געטאָן דער וואָרעם פון באַדויערן, וואָס ער וועט פאַרלירן דאָס, אויף וועלכן ער האָט דאָך געוואָלט שטיצן זיין עקזיסטענץ, וואָס איז געווען זיין נאָענטסטע האָפענונג. אָבער ער האָט זיך שנעל אַנטשלאָסן אויפצושניידן דעם דאָזיקן געשוויר.

אַביסל אויסגעלאָשן האָט ער זיך אויסגעדרייט צום פאָרזיצער און מיט אַן אומנאַטירלעכער באַוועגונג אים אָנגערירט מיט אַ פינגער.

— איר זאָגט, אַז ס'זיינען נייטיק מאָטאָרן. נו, איז... נו, איז... קומט, איך וועל אייך באַלד געבן צוויי עלעגאַנטע מאָטאָרן...

און נישט אומקוקנדיק זיך אויף הינטן, האָט ער זיך דורכגעשטופּט צו דער טיר און אַרויסגעגאַנגען.

— אָבער זאָלן גיין עטלעכע יונגען און זאָלן זיי אויפן וועג מיט־כאַפּן גראָבאייזנס און קילאָפּן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן שוין פון הויף.

די פאַרזאַמלונג איז צעקלאַפּט געוואָרן. ס'האָבן זיך אַרויסגעשאַרט נאָך אים יענע, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, נאָך זיי אַנדערע. און דער זאַל האָט זיך אויסגעליידיקט. ס'האָט די מענטשן באַהערשט עפּעס אַ סענסאַציע־פיבער. זיי האָבן זיך דורכגעשטופּט, געשטויסן זיך צו פלעווען, פאַרשיט אים מיט פראַגן, אָבער ער האָט די פאַרע פון מויל מער נישט געוואָלט אַרויסלאָזן. ער האָט זיך אויסגעבויגן פאָרויס און וואָס אַמאָל מער פאַרגרעסערט דעם טראָט, קיינער זאָל אים נישט איבעריאָגן.

ווען ער איז צוגעקומען צום אָרט, האָבן זיך דאָ לעבן אים אָפּגעשטעלט דער פאָרזיצער וואָיטשיצקי, דער סעקרעטאַר ניעגליצקי, און זיי האָט אַרומגערינגלט אַ מחנה פאַראינטריגירטע אויפגערייצטע אַרבעטער. פּלעווע האָט זיי פונאַנדערגערוקט מיט אַ ברייטן מאַך פון די הענט, באַפרייענדיק דאָס שטיקל ערד, וואָס ער האָט געדאַרפט, מיטן אָפּצאַס אָנגעצייכנט אויף דעם אַ פירעק און, טייטלענדיק דערויף שטייף מיט אַ האַנט, קורץ אַ וואָרף געטאָן:

— גראָבן... איך קאָן נישט, ווייל דער דאָזיקער פינגער, צום טייוול... — ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו באַרעכטיקן זיך, כאָטש קיינער האָט עס נישט געפאָדערט.

ס'האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן די קילאָפּן אין דער האַרטער ערד, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט שלאַק און שטיינער. ס'האָבן אָנגעהויבן בראַזגען גראָבאייזנס. די איילִיק אָפּגעוואָרפענע ערד איז געפאַלן אויף די פיס פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטויסן ביי דעם דאָזיקן צוזאָגנדיקן אָרט, און די נייגיריקייט האָט זיי נישט געלאָזט זיך אָפּרוקן ווייטער. אַרום דער שנעל־אַנטשטייענדיקער פאַרטיפונג איז אָנגעוואַקסן אַ דאַמבע פון שוואַרצער מיט שלאַק־אויסגעמישטער ערד. דערנאָך האָבן אַ פּלי געטאָן אין דער הייך ברעטער, מיט גיריקע הענט אַרויסגעריסענע שטיקלעך פאַפּע, פּעטע שמאַטעס צעריסענע אין איילִיקייט אויף צוויטן, וואָס אַ סך הענט האָבן זיי זיך איינע פון די אַנדערע אַרויסגעריסן.

און ווען פון אונטער דעם אַלעמען האָבן זיך אַנטפּלעקט די קאָרפּוסן פון די מאָטאָרן, זיינען די דאָזיקע הענט געבליבן אומבאַוועגלעך, ווי מען וואָלט זיי כּישוף אָפּגעטאָן. ערשט נאָך אַ לענגערער ווייַלע פון פולשטענדיקער פאַרגליווערונג האָט זיך דער ערשטער אויסגעגלייכט דער מאָנטער קאָוואַלסקי, אַ טרעסל געטאָן מיטן גראָבאייזן אין דער לופטן ווי מיט אַ ביקס אין אָנגריף, און אַ געשריי געטאָן ווי אַ מטורפער:

— הורראַאַאַ!

ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ האַרמידער. די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען ווייטער, און נישט געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אינמיטן געזעמל, האָבן געכאַפּט פאַר די אָרעמס די נענטער־שטייענדיקע און זיי צוריקגעשטויסן אויף הינטן, אַנדערע האָבן אַריינגעשטעקט די קעפּ, ווי קלינעס, צווישן די צוזאַמענגעדריקטע גופים, כּדי צו דערגרייכן מיטן גיריקן בליק צו דעם דאָזיקן נס. ביז ס'האָבן זיך ענדלעך אַראָפּגעלאָזט הענט אין דעם נישט זייער טיפן גרוב, אַרומגעכאַפּט אַ קאָרפּוס, וואָס איז גליטשיק געווען פון שמירעכץ, אַ ריס געטאָן. זיי האָבן זיך אָבער אויסגעגליטשט, נישט רירנדיק די משא פון אָרט. עמעצער איז געלאָפן נאָך שטריק, און ערשט מיט זייער הילף האָט מען אַרויפגעצויגן די מאָטאָרן.

— דאָס איז פון דער קוזניע... — האָט פּלעווע געמאָלדן מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פון גערירטקייט.

זיין פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד אָבער דורך איר זיך לעשנ־דיקן גלאַנץ האָט שוין וואָס אַמאָל מער דורכגעשלאָגן פאַרלעגנהייט און אומרו? ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַלע פאַרזאַמלטע דאָ ווייסן וועגן די שענדלעכע כוונות, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן אַזויפיל

טעג, און אַ לידע רגע וועט אים עמעצער וועגן דעם זאָגן. סאַראַ חרפה דאָס וועט זיין... ווי אַן אַמעריקאַנער נעגער אין אָנגעזיכט פון ווייסע ריכטער, אַזוי האָט ער זיך אין דער רגע געגרייט אָפּצוקומען פאַר נישט באַגאַנגענע זינד.

צי וואָיטשיצקי האָט אָפּגעפילט זיין שטימונג, צי ער איז פשוט באַווירקט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער אויפגעלייגטקייט, סיידוי ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— הורראאא! פלעווע! ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר די זייטן און זיך אַ דריי געטאָן מיט אים, ווי מיט אַ דריידל, אַזש דאָס היטל איז אים אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. דאָס האָט גלייך אויסגעוועפּט פלעוועס אומרו, און ערשט איצט האָט זיין פרייד אויפגעריסן ווי אַ ווולקאַן. ער וואָלט זיכער אויסגעקושט דעם פּאָרזיצער, נאָר עמעצנס עקשנותדיקע הענט האָבן זיי פאַנאַנדערגענומען.

— פרעשט קומט אין דעם מאָנטירונג-וואַרשטאַט!... איך וועל אייך עפּעס ווייזן!... — האָט אַבּרעמסקי געסאָפּעט.

און ער האָט זיך געלאָזט לויפן. און נאָך אים אַלע, ווי אַ שוואַרע בינען נאָך דער קעניגין. ווען זיי האָבן זיך געפונען אין דעם געראַומען און ליכטיקן האָל פון דעם מאָנטירונג-וואַרשטאַט, האָט דער דאָזיקער נייער אָנפירער זיך אָפּגעשטעלט ביים קאַנאַל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אייזערנע פלאַטן. מיטן שנאָבל פונעם קילאָף האָט ער אונטערגעהויבן איינע פון זיי און מיט אַן איבערגעטריבן קרעכצן אָפּגעוואָרפן זי אויף אַ זייט.

אין שאָטן פון קאַנאַל האָט געבלינצלט אַ בלוילעכער קוב פון אַ שוויס-טראַנספאָרמאַטאָר. די ווייטערדיקע פלאַטן האָבן שוין אַנדערע אָפּגעוואָרפן און אין אַ וויי׳ל אַרום איז איבערן אויפגעדעקטן קאַנאַל געשטאַנען אַ שפּאַליער פון איינגעבויגענע פיגורן, און צערייצטע אויגן האָבן איבערגעציילט בלוילעכע שאָכטלען אויף רעדלעך.

— ניין... — האָט עמעצער געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי מע לייענט קינדער אַ מעשהלע וועגן דער באָבע יאַכנע.

— מיר האָבן דאָס געוואָלט אַריבערשוואַרצן און פאַרהאַנדלען...— האָט מיט פריידיקער חרטה געמאָלדן אויף אַ קול אַבּרעמסקי. — אָבער ניין... פלעווע האָט גוט געזאָגט, אַז דאָס מוז זיין דאָ און שפּייזן אַלע. וואָס, כאַמערלינסקי?

— מ׳האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַזוי טאָן.

— ווייל דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר דאָס באַהאַלטן פאַר דער פאַבריק, נאָר שפּעטער האָט דער טייוול אָנגעהויבן פאַרפירן. אָבער ניין... איצט זעט מען, אַז דאָס וואָלט געווען אַ זינד.

VII

יענעם טאָג, אומגעקערט זיך פאַרנאַכט אַ היים, האָט פּלצוועט פייער־לעך מיט אַ שטייפער האַנט דערלאַנגט דעם ווייב אַ פּעקל ניייִנקע באַנקנאָטן. זי האָט אַ קוק געטאָן דערויף, אַ קוק געטאָן אין זיינע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט אומגעוויינלעכער פרייד.

— וואָס איז דאָס?

— זעסט נישט? געלט...

— כ'זע. אָבער וועמעס?

— אַז כ'גיב דיר, הייסט עס דיינס.

— אָבער פונוואַנען?

— פאַר די מאַטאָרן...

איילקע, מיט אַ נערוועזקייט נישט אויסצובאַהאַלטן, האָט זי איבער־געציילט די פּאַפּירלעך און נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אויגן, וואָס זיינען גרויס געוואָרן מחמת ביטערער דערשטוינונג.

— פאַר וועלכע מאַטאָרן?

— וואָס? דו ווייסט נישט, וואָס דו פרעגסט זיך?

— כ'ווייס, אָבער... ס'האָט געזאָלט זיין אַזויפיל, און דאָ... בלויז פינף...

— און דאָ אַזש פינף... — האָט ער גדלותדיק אויסגעבעסערט, שמייכלענדיק מיט אויפריכטיקער האַרציקייט. דאָס ווייב, וועלכע האָט גוט פאַרגעדענקט דאָס געשפּרעך מיטן ברודער און זיינע צוזאָגענישן, האָט אַבסאָלוט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער מאַן איז צופרידן.

— האָט ער דיך דאָך אָפּגענאַרט... — האָט זי געזאָגט מיט אַזא טאָן, ווי זי וואָלט וועלן אויפוועקן דעם מאַן פון אַ פאַלשן חלום.

— ווער?

— דאַמאַלט.

ער האָט זיך ברייט צעלאַכט, אויסדריקנדיק מיט דעם געלעכטער די גאַנצע פאַראַכטונג צו דאַמאַלטן און די גאַנצע צופרידנקייט, וואָס דער ענין איז נישט אויסגעפירט געוואָרן.

— דאַמאַלט האָט דערמיט נישט געהאַט קיין שום שייכות — האָט ער פילאָזאָפיש אויפגעקלערט. -- דאָס האָט די פאַבריק מיר באַצאָלט.

— פאַר וואָס?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט. פאַר די מאַטאָרן.

— האָסטו זיי עס אָפּגעגעבן?

— אוהם...

— ביזט אַ שוטה, צי וואָס...—האָט זי געשטוינט גאַנץ אָפנהאַרציק.

— דו ביזט אַ שוטה, ווייל דו פאַרשטייסט נישט... — האָט ער געזאָגט אָן בייזקייט, גיכער צערטלעך, מיט זיסער צופרידנקייט, וואָס נאָר אים זיינען באַוווסט די געהיימנישן פון דעם כישוף, וועלכער ענדערט אפילו דעם ווירקלעכן ווערט פון געלט. ער איז אַזוי ווייך געוואָרן פון גערירטקייט, ווי דאָס טרעפט זיך אים זעלטן.

— דאָס איז פאַר מיר ווערט הונדערט מאָל מער פון דעם, וואָס דאַמאלט וואָלט מיר געגעבן. ווייל יענץ וואָלט דאָך מיר אויך אויפן גאַנצן לעבן נישט געקלעקט, און כ׳וואָלט געהאַט אויפן גאַנצן לעבן אַ פאַרפלעקט געוויסן. און ווען דו וואָלסט געוועזן זען, ווי מענטשן האָבן זיך געפרייט... ס׳האָט מיך צוזש אין דער לופטן אונטערגעטראָגן... — האָט ער געזאָגט מיט רויקן פאַטאָס, ווי עמעץ, וואָס האָט איבערגעלעבט טיף גליק. — ערשט וויפל מאָל כ׳וועל נישט אַריינקומען אין קוזניע, וועט מיר זיין גוט אויף דער נשמה, וואָס דאָס האָב איך... וואָס איך האָב נישט געשאָדנט דער פאַבריק, נאָר געהאָלפן און כ׳האָב דאָך נישט געהאַט קיין רעכט אַנדערש צו טאָן, אָט וואָס... און אז מ׳האָט מיר נאָך באַצאָלט דערפאַר, דאַרפסטו זיין זייער צופרידן. איצט ווייסטו לכל הפחות, אַז דאָס איז דיין ערלעך געלט און דאַרפסט זיך דערמיט נישט היטן. און לעבן ווי ס׳זאָל נישט זיין מוז מען. כ׳בין גערנער אַ שטיקל טרוקן ערנטלעך פאַרדינט ברויט, איידער געגנבעטן לעקעך, אָט וואָס...

מעגלעך, אַז ס׳האָבן גערעדט צו איר נישט אַזויפיל די ווערטער, וויפל דער טאָן, מיט וועלכן זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן און איז געוועזן נישט אינגאנצן פאַרשטענדלעך פאַר איר, וויפל דער גלאַנץ פון מאַנס אויגן, וואָס האָט געווירקט אויף איר סוגעסטיוו, און זיין גליקלעכער שמייכל. זי האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן פעקל באַנקנאָטן, קורץ זיך באַדענקט. זי האָט דאָך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אזויפיל געלט...

זי האָט געענטפערט דעם מאַן מיט אַ שמייכל פון איינשטימיקייט און באַהאַלטן דאָס געלט אין קופערט. ס׳וואָלט אפשר בעסער געוועזן צו באַהאַלטן מער, אָבער וויפל וואָלט עס פארשאפט קרענקונג, גריזשעניש, שרעק, פיין. און... זאָלן אַלע וויסן, אַז בלאַזשעי פלעווע איז אַן ערנטלעכער מענטש...

אין אָוונט איז געקומען אַן אַלטער באַקאַנטער, דער שלאָסער צענדראָווסקי. גלייך אין אָנהויב האָט ער מכבד געוועזן פלעווען מיט טאַבאַק, זיי האָבן לאַנג גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, אָבער די גאַנצע צייט איז דער גאַסט געוועזן בפירוש אין פאַרלעגנהייט, און ס׳האָט זיך אַרויסגעפילט, אַז דער דאָזיקער וויזיט זיינער האָט עפּעס אַ ספּעציעלן ציל. ענדלעך נאָך אַ לענגערער ווײַלע פון פאַרלעגנהייטלעכן שווייגן,

חען דער שמועס וועגן די היינטיקע געשעענישן און וועגן וועטער זיינען אויסגעשעפט געוואָרן, האָט זיך צענדראָווסקי נערוועז אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ, צעשויבערנדיק די טשופּרינע איבערן שטערן. ער האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויף פלעווען, אומבאַהאָלפן אָפּגעהוסט.

— איר ווייסט, בלאַזשעי, נאָך וואָס איך בין צו אייך געקומען?

— אַז איר האָט נישט געזאָגט, איז...

— מיט אַ גרויסער ביטע בין איך געקומען. ס'איז מיר עפּעס דאָסיק, צום טייוול, אָבער צו וואָס גיין מיט הינטער וועגלעך... כ'וועל זאָגן פּראָסט... כ'בין געקומען אייך העפלעך בעטן וועגן אַ הלוואה... גאַנצע טויזנט...

— און אויף וואָס דאַרפט איר עס? — האָט זיך פלעווע דערשראָקן.

— כ'וועל אייך זאָגן אָפן... ווייל צו וואָס מיט הינטערוועגלעך... נאָך פאַר די דייטשן איז מיר געלונגען צוצוזלקחנען פון פאַבריק אַ בויערמאַשין... אַזאַ שיינע, מיט אַ מאָטאָרל, צום טייוול... ביז נישט לאַנג האָב איך זי געהאַלטן ביי זיך, און איצט האָט דער טייוול מיך פאַרפירט זי צו פאַרקויפן. כ'האָב גענומען צוויי טויזנט, און ווערט איז זי פינף מאָל אַזויפיל. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק... וויכטיק איז, וואָס איצט וואָלט איך זיך נישט געקאָנט ווייזן פאַר די מענטשן אין פאַבריק, ווייל דאָס געוויסן וואָלט מיך פאַרפייניקט. און איך מוז זי צוריק אויסקויפן. אָבער כמעט דער גאַנצער טויזנטער איז מיר שוין צעקראָכן געוואָרן, צום טייוול... כ'וועל קריגן אַ פּרעמיע, וועל איך אייך תיכף אָפּגעבן, און אַז ס'וועט נישט קלעקן, וועל איך פונעם לוין דערלייגן... נאָר העלפט, בלאַזשעי, ווי גאָט איז אייך ליב, ווייל...

— און וווּ איז זי איצט? די דאָזיקע בויערמאַשין... — האָט פלעווע געפרעגט מיט עפּעס אַ טרוקן קול.

— נו... ביי דעם, וואָס האָט געקויפט...

— צי וועט ער דען אָפּגעבן?

צענדראָווסקי האָט אַ בליק געטאָן מיט די אויגן, ווי אַ ווילדער קאָטער.

— וואָס? זאָל ער פּרווון נישט אָפּגעבן!

— און אויב ער האָט שוין געלאָזט אין גאַנג ווייטער?

— פון אונטער דער ערד מוז ער אויסגראָבן... אָבער ניין, ער האָט געוואָלט אַן אייגענעם וואַרשטאַט פאַרלייגן, האָט ער זי נישט געלאָזט אין גאַנג.

דער אויסדרוק פון פאַרלעגנהייטלעכער פאַרטראַכטקייט אויף פלעוועס פּנים האָט צענדראָווסקין דערפירט צו פאַרצווייפלונג. ער האָט ווידער

געשווּיבערט די טשוּפּרינע און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטים, ווי פון אַ קבר אַרויס.

— איר מוזט מיר העלפן, בלאַזשעי, ווי גאָט איז אייך ליב, ווייל איצט, אַז איך האָב אייך שוין וועגן אַלץ געזאָגט, איז דאָך שוין ביי·טער... איך וואָלט נישט אויסגעהאַלטן...

פּלעווע האָט זיך מיט אַ פויל׳ער באַוועגונג אויסגעדרייט אויף דער שטול אין דער ריכטונג צום ווייב.

— וואָס טראַכסטו וועגן דעם?

— כ׳טראַכט, אַז איר האָט אַלע דעם שכל פאַרלוירן. — האָט זי אַ זאָג געטאָן אומבאַדאַכט, אָבער אויך אָן בייזקייט.

— און איך מיין, אַז מיר אַלע ווערן פאַמעלעך קלוגער... — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט א טאָן, לכל הפּחות פון אַ סאָקראַטעסן. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געעפנט דעם קופערט, אַרויסגענומען צוויי נייינקע פינפהונדערטער-זלאָטעס און זיי דערלאַנגט צענדראָווסקין. יענער האָט אים מיט ברען אַ דרוק געטאָן די האַנט.

— איך ווייס גאָרנישט ווי אייך צו דאַנקען... ווארן כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום אנדערן אויסוועג. איך וואָלט זיך סיידן געמוזט אויפ·הענגען, ווייל ס׳וואָלט שווער געווען אויסצוהאַלטן, צום טייוול... זאָל אייך גאָט באַצאָלן...

פּלעווע האָט מיט אויסדרוק צונויפגעפּרעסט די ליפּן.

— פּהי... איך ווינטש אייך דאָס, וואָס איז זיכערער: — זאָל אייך די פאַבריק באַצאָלן...

אינגיכן איז פּלעווע אַוועקגעגאַנגען אין זיין וועכטער-בודקע און במשך דער גאַנצער נאַכט איבערגעלעבט דאָס זיסע גליק פון א מענטשן מיט אַ ריין געוויסן.

VIII

די אָנפירערשאַפט פון דער זיך אָפּבויענדיקער פאַבריק האָט געהאַט דריי גרויסע זאָרגן. די גופא האָט דאָך געמוזט צייטווייליק לערנען זיך איר ראָל, אַלץ אויפכאַפּן אין געאייל, נעמען לעקציעס ביי דעם לעבן און אויף דער הייסער מינוט שאַפן די אַרבעט-פאָרמען. ווייל לערנען זיך האָט מען געדאַרפט נישט אין קיין שול, נישט אויף קיין קורסן נאָר בעת דער פיבערדיקער, פאַרשלינגענדיקער אַרבעט. לערנען זיך און שאַפן —

שאַפן און לערנען זיך. די דאָזיקע צוויי אויפגאַבן זיינען אין דער ערשטער פאַזע פון אָפּבויען דאָס לאַגער און שאַפן נייע ווירטשאַפטלעכע פאָרמען געווען אומצעטיילבאַר און אומעטום.

די צווייטע גרויסע זאָרג איז געווען דאָס צונויפזאַמלען אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי צו לאָזן די פאַבריק אין גאַנג. דאָס, וואָס איז געבליבן נאָך די דייטשן, איז געווען אַ ריזיקער סקעלעט מיט צעריסענע ביינער. מ'האָט געדאַרפט די ביינער צונויפנעמען אינאיינעם, צוזאַמעשטעלן, באַדעקן מיט מוסקולן, מיט פלייש-געוועבן, פאַרזען מיט אָרגאַנען, וואָס זאָלן אויפוועקן דאָס אָטעמען און די בלוט צירקולאַציע. מ'האָט געדאַרפט מאָנטירן די רעשטלעך פון די מאַשינען, מ'האָט געדאַרפט צונויפקלייבן די אויסשטאַטונג, מכשירים, געציייגן.

און מיט דעם איז געווען אַ גרויסער קלאָפּאָט, וואָרן נישט אַלע האָבן געהאַט דער צו דעם זעלבן צוגאַנג. באַ! — ס'זיינען געווען ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ געהעריקן צוגאַנג. טייל האָט איבערצייגט דער אויפרוף. אַנדערע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער פּראָסטער הנחה, אַז סע לוינט זיך בעסער אומצוקערן דער פאַבריק דאָס, וואָס מ'האָט גענומען, און באַקומען אַ באַשיידענע פּרעמיע, איידער צו ריזיקירן אין דער האָפענונג אויף אַ גרעסערער מטבע און זיין אויסגעשטעלט אויף קלאָפּאָטן און עווענטועל פאַרשיט צו ווערן. און ס'זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך, אומקערנדיק דער פאַבריק אירע אַ זאַך, געדונגען ווי אויפן באַזאַר, אונטערשטרייכנדיק מיט געשריי, וויפל קלאָפּאָט, מי און שרעק ס'האָט זיי געקאָסט דאָס אָפּראַטעווען דעם געגעבענעם קעגנשטאַנד פון פאַרניכטונג. טייל האָבן געטראַכט, אַז זיי טוען דער פאַבריק אַ גרויסע טובה, און ס'קומט זיי דערפאַר אָפּצוגילטן, און אויף דער אויפקלערונג, אַז די פאַבריק איז היינט דאָס אייגנטום פון אַלע אַרבעטער, האָבן זיי געענטפערט מיט אַן איראָנישן אָנבלאָזן די ליפּן, און אַפילו מיט שפּאָט.

מיט אַרבעטקראַפט, מער אָדער ווייניקער קוואַליפיצירטער, איז דערווייל קיין זאָרג נישט געווען. די מענטשן האָבן זיך געטוליעט צו דער פאַבריק מיט פרייד און ענטוזיאַזם, און יעדער פון זיי האָט עפּעס געקאָנט.

אָבער שאַפן דעם צוזאַמענשטעל פון די אָנפירנדיקע קאַדרען — דאָס איז געווען אַ פּראָבלעם. די איינפאַכסטע סיבה פון די שוועריקייטן אין דאָזיקן ענין איז געווען דאָס, וואָס די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעפירט און אויסגעמאָרדעוועט מאַסן מענטשן. אָבער ס'זיינען אויך געווען אַנדערע סיבות, וואָס זייערע וואָרצלען האָבן געשטעקט אין אונדזערע

פאַרמלחמהדיקע פאַרהעלטעניש, אין די קליינבירגערלעכע געזעלשאַפטלעכע זינד. פאַר די צייטן פון דער צרהדיקער סאַנאַציע — ווי איבעריקנס אויך פאַר דעם — האָט זיך דאָך יעדעס מייסטערל, בוכהאַלטערל געהאַלטן פאַר דער צווייטער פּערזאָן נאָכן מיניסטער, פאַר דער סמעטענע, פאַר אַ פיגור, וועלכע איז זייער אַ סך געבונדן מיטן הער דירעקטאָר, אָבער ס'בינדט זי גאָרנישט מיטן אַרבעטער. ווי אַ נאַרישעוואַטע שרייבערל, וואָס האָט קוים געקאָנט מאַכן אַ חיבור אויפן רעבן-ברעטל, האָט געקוקט פון אויבן-אַראָפּ אויף דעם ווערטפולן אַרבעטער—ווייל ער איז דאָך עפּעס אַ באַאַמטער, ער זיצט הינטערן ביוראָ-טיש, ער האָט אַ חודש אורלויב, ער ריכט זיך נישט איין ביי דער מאַשין און האָט ריינע הענטלעך. ווען אַזעלכער איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אַרבעט, האָט אים אין פאַרמיטלונגס ביוראָ אַ פען-קראַצער, ווי ער אַליין, פאַרשריבן אויף דער ליסטע פון די אַרבעטסלאָזע פון „גייסטיקע אַרבעטער”. און ווען די נויט האָט אים צוגעדריקט, און ער האָט געמוזט גיין אויף סעזאָן-אַרבעט, איז ער געגאַנגען אין אַ ביליק קאַפּעלושל און אין פאַרציררעוועטע הענטשקעס, כדי זיך אונטערצושיידן פון דער „שוואַרצער מאַסע”.

דער פוסטער, נאַיווינקער ראַכיטישער סנאָביזם אין דער ערגסטער אויפלאַגע האָט זיך נוקם געווען אין די דאָזיקע מענטשן יאָרן-לאַנג און דורות-לאַנג. און ס'האָט זיי נישט אויסגעהיילט פון דער דאָזיקער פאַרשלעפּטער, ירושהדיקער קרענק די נאַציאָנאַלע מפּלה אין סעפּטעמבער, ס'האָט זיי גאָרנישט נישט אויסגעלערנט די אָקופּאַציע, ס'איז נישט דערגאַנגען צו זייערע מוחות דער באַגינען פון די נייע צייטן נאָך דער באַפרייונג. ס'איז זיי ליבערשט געווען זיך צו האַלטן ווייטער ביי זייערע אילוזיעס, נערן זיך מיט פליסטער-פּראָפּאַגאַנדע, אַבי נאָר צו פילן זיך דערווייטערט פון די „פינצטערע מאַסן” און לויטן מוסטער פון די עפּיגאָנען פון דעם נעכטן זיך צונויפפּרעסן, זיך בייזערן אויף די קאָמוניסטן. אויפן באַלאַגאַן, אויף דער כאַמישקייט...

אויב די אינטעליגענץ האָט זיך אין איר באַדייטנדיקן — און דאָס אין איר צוממייגסטן ווערטפולן — טייל גענומען רעווידירן איר ביזאיצטיקע וועלט-אָנשויונג, איז צווישן דער האַלב-אינטעליגענץ און פּסעוודאָ-אינטעליגענץ נישט געווען קיין סך אַזעלכע, וועלכע זאָלן פאַרשטיין דעם צוזאַמענבונד פון די אייגענע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פונעם אַרבעטער און דעם קעגנזאַץ צווישן די אייגענע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון בורזשואַ. און פון די, וואָס האָבן יאָ פאַרשטאַנען, האָבן בלויז זייער ווייניק איבערגעהאַלטן די אָקופּאַציע.

דערפאַר טאַקע איז דאָס שאַפן דעם צונאַמענשטעל פון די קאַדרען אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן.

וואַיטשיצקי, וועלכער איז לעצטנס באַשטימט געוואָרן פאַרן אַדמי־ניסטראַציע־דירעקטאָר פון דער פאַבריק, האָט זיך, ווי געוויינלעך אין אַ צייט פון באַזונדערע שוועריקייטן, געוואָנדן צו ניעגליצקין:

— איך פאַרשטיי, אַז דער גורל פון דער פאַבריק וועט זיין אָפּהענ־גיק דערפון, וואָסערע מענטשן ס'וועלן מיט איר אָנפירן אויף אַלע שטופעס — האָט ער זיך פאַרקלאָגט מיט אַ ליידנדיקער שטים — כ'גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ס'איז לייכטער אַ פלייסיקן און ערלעכן אַרבעטער צו מאַכן פאַר אַ פאַכמאַן, אַן אָנפירער, איידער אַ פאַסקודנעם פאַכמאַן פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן. איך האָב אויך קיינמאָל נישט געטראַכט צו זיין אַ דירעקטאָר, און איצט... כ'ווייס... מוז איך... אָבער וואָס טוט מען? וואָס טוט מען אָן מענטשן? איך וואָלט אַרויסגענומען וואָנטראָבען און צעשניטן אויף הונדערט שטיקלעך, ווען יעדעס פון די דאָזיקע שטיקלעך וואָלט געקאָנט זיין אַן אָנפירער...

— ס'דאַרף קיינער נישט קיין קאָטלעטן פון דיין וואָנטראָבען*) — האָט אים ניעגליצקי שפּאַסיק איבערגעריסן. — מע דאַרף אַ טראַכט טאָן מיט קאָפּ.

— באַ! מיטן קאָפּ קאָן מען נישט נאָר אַ טראַכט טאָן, נאָר אַפילו שלאָגן מיט אים אין דער וואַנט. אָט אַשטייגער, איך בעט אייך — אין דער מעכאַנישער קוזניע זיינען שוין איינגעמאָנטירט די מאָטאָרן, ס'איז נייטיק אין לעבן אַריין צו רעמאָנטירן די האַמערס, די אויוונס און לאָזן אין גאַנג דעם אָפּטייל, נאָר ווו נעמט מען אַ מייסטער? ניעדזיעליען וועלן מיר דאָך נישט אַוועקשטעלן, וואָרן ער איז אַ שוטה...

— און וועגן פלעווען האָסטו נישט קיין טראַכט געטאָן?

וואָיטשיצקי האָט זיך אַזש אַ ריס געטאָן.

— וועגן פלעווען?

— יאָ, יאָ, וועגן בלאַזשעי פלעווע.

— וואַרט נאָר, וואַרט... און מיר איז...

— יאָ, אַ מענטש, וועלכער האָט נישט פאַרלאָזט דעם פּאָסטן אין די קריטישע מאָמענטן, דעמלט ווען קיין שום פאָרמעלע מאַכט האָט אים נישט געקאָנט דערצו צווינגען, ווייל קיין שום מאַכט איז נישט געווען — האָט געגעבן אַ באַווייז פון אויפריכטיקער צוגעבונדנקייט צו דער פאַבריק

---

*) אין פוילישן אָריגינאַל איז דאָ אַ וואָרט־שפּיל: אויף פויליש איז וואַנטראָבע — לעבער.

און טיף פאַרוואָרצלטן פליכט-געפיל. אַ מענטש, וועלכער האָט בלתי-שום-ספק באַהאַלטן די מאָטאָרן פאַר זיך און שפּעטער אויפן אַפּעל מיט אַ לייכט געמיט רעזיגנירט פון דעם געפּלאַנטן פערזענלעכן נוץ און מיט פרייד אומגעקערט די מאָטאָרן דער פאַבריק, האָט דאָך געגעבן אַ באַווייז פון טיפער ערלעכקייט און געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט. ווי זאַכלעך ער האָט דאָס געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג! — פאַרקויפן, וועט זיך איינער דערפון אָנעסן, אָבער אויב אָוועקשטעלן אין דער פאַבריק צוריק אויף זיין אָרט, וועט עס שפייזן אונדז אַלעמען... אָדער ווי ער האָט זיך דעם אינזשיניער קאָרוואַצקי דרייסט און ניכטער אַריינגעזאָגט... דאָס הייסט נעמלעך אַ נשמה פון אַן אַרבעטער.

— ווייסט, אפשר וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען...

— פלעווע האָט אַ שיינע פּאָר יאָר געאַרבעט אין דער קוזניע — האָט ניעגליצקי זאַכלעך אינפאָרמירט — און איז געווען איינער פון די פעיקסטע אַרבעטער, ביז ס'האָט מיט אים געטראָפן דער פאַרפאַל מיטן פינגער. אָבער צי איז אים נישט פאַר דער צייט פון זיין וואַרטעווען אַלץ אויסגעוועפּט געוואָרן פון קאָפּ, צי איז ער נישט אויפסניי געוואָרן אַן אַרבעטס-אַנאַלפאַבעט. דאָס מוזטו אויספאָרשן. מוזט אים אַרויסרופן און האָבן מיט אים אַן אַלזייטיקן שמועס.

אַדורכגעטראַכט ניעגליצקיס דאָזיקן פאָרשלאַג, איז וואָיטשיצקי צון אים צוגעקאָכט געוואָרן. ער האָט אַרויסגערופן פלעווען.

פלעווע איז אומרויק געווען, גייענדיק אויף דעם אַרויסרוף. וואָס עפּעס קאָן מען וועלן פון אים? אפשר עפּעס אַן אַוואַנטורע מיט די מאָטאָרן... אפשר וועט מען אָפּנעמען די פּרעמיע, ווייל זי איז אים נישט געקומען?... אפשר וועט מען זאָגן, אַז ער איז זיי שוין נישט נייטיק... אָ! ניין! אַזעלכעס וואָלט ער קיינמאָל נישט דערלאָזט... די פּרעמיע קאָן מען צונעמען, אָבער אַרויסוואַרפן פון דער פאַבריק — קיינמאָל אין דער וועלט נישט...

ביי דעם דאָזיקן געדאַנק איז אין אים אויפגעקומען אַ פעסטקייט, אָבער זי האָט אָנגעהאַלטן בלויז ביז צו דער שוועל פון דער ביוראָ. אין קאָרידאָר האָט אים באַהערשט די לאַנגאָניקע אומדרייסטקייט, אַ פאַר-לעגנהייט, אַ מורא. פאַרזיכטיק האָט ער אַריינגעשלייכט אין סעקרעטאַריאַט. די סעקרעטאַרין, מאַריע, וואָס אַלע אַרבעטער האָבן זי געקענט, ליב געהאַט און געשעצט, האָט אויפגעהויבן פון איבער דעם ביוראָ-טיש דעם שווערן, מידן קאָפּ.

— דער הער דירעקטאָר וואָיטשיצקי האָט מיך אַרויסגערופן...— האָט פלעווע נישט דרייסט אַ ברום געטאָן.

מיט אַ העפלעכער באַוועגונג האָט זי אים אָנגעוויזן אויף דער טיר.

— ביטע, ער איז גראָד פריי...

זייער באַשיידן האָט ער זיך אַריינגעגליטשט אין וואָיטשיצקיס קאַבינעט און פון דער שוועל זיך נידעריק אַ בוק געטאָן, נישט האָבנדיק קיין מוט צו מאַכן אַ טראָט ווייטער. וואָיטשיצקי אין קאַבינעט האָט זיך אים אויסגעוויזן אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי וואָיטשיצקי אויפן פּלאַץ, אָדער אויף דער פאַרזאַמלונג. אויפן הינטערגרונט פון די געמאָלטע ווענט, הינטער דעם פיינעם ביוראָ-טיש, וואָס שטייט אויף דער אויסגעפּראָטירטער פּאָדלאָגע, האָט ער זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ טשינאָווניק. איבעריקנס — איצט איז ער שוין געווען אַ דירעקטאָר...

וואָיטשיצקי האָט אים אויפן אָרט געוואָלט מאַכן אויפמערקזאַם, אַז ער דאַרף זיך נישט באַגריסן אויף אַזאַן אופן, ער האָט זיך אָבער באַצייטנס געכאַפּט, אַז דאָס וואָלט געקאָנט צעטומלען פּלעווען גלייך ביים אָנהייב. מע דאַרף ביסלעכווייז איינפלאַנצן אין די מענטשן דאָס געפיל פון אייגענער חשיבות, וואָס איז אָפּגעטויט געוואָרן דורך די פריערדיקע פאַלשע דערציער. ער איז אַפּערגעגאַנגען פון הינטער דעם ביוראָ-טיש און אים דערלאַנגט די האַנט זיך צו באַגריסן.

און נעמלעך דאָס האָט פּלעווען צעטומלט. דאָ, אין קאַבינעט, האָט ער ווי פעסטגעשטעלט מיט די אייגענע אויגן, אַז וואָיטשיצקי איז אַ הויכע מאכט. און במשך פון אַזויפיל יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין פאַבריק, האָט זיך אים נישט געטראָפן, אַז וועלכע ס'איז „מאַכט"— שוין נישט רעדנדיק וועגן קיין הויכער, נאָר אַפילו אַ קליין שרייבערל אין קאָנטאָר — זאָל אים דערלאַנגען די האַנט.

וואָיטשיצקי האָט זיך צוריקגעזעצט הינטערן ביוראָ-טיש און מיט אַ פּשוטער האַנט-באַוועגונג אים אָנגעוויזן אויף א שטול.

— זיצט, פּלעווע.

דאָס איז שוין געווען דערשיטערנדיק. פּלעווע האָט זיך נישט דרייסט דערנענטערט צום שרייב-טיש און זיך געזעצט אויפן סאַמע ברעג פון דער אָנגעוויזענער שטול. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט די הענט, זיך נישט דערוועגט אויפצוהייבן די אויגן. אָבער ווען ער האָט זיי, איינגעבערעכנדיק דעם אינערלעכן ווידערשטאַנד, אויפגעהויבן און זיך באַגעגנט מיט וואָיטשיצקיס בליק, אַ פּראָסטן, היימישן, לחלוטין נישט פון קיין טשינאָווניק — איז זיין אומדרייסטקייט באַדייטנדיק געפאַלן. ניין, דאָ וועט מען מסתם מיט אים נישט ריידן וועגן עפּעס פּרעטענזיעס... ניין, דאָ וועט מען מסתם נישט רעדן מיט אים, ווי מ'האָט אַמאָל גערעדט. פונעם פּנים פון דעם מענטשן, וואָס זיצט הינ-

טער דעם ביוראָ-טיש, פון זיינע אויגן האָט ער דאָס אַרויסגעפילט, און אויטאָמאַטיש זיך געמאַכט באַקוועמער אויף דער שטול. ער האָט זיך מיט אַן אויסדריקלעכערן בליק אַרומגעקוקט איבערן קאַבינעט, מיט סימ-פּאַטיע אין די אויגן אַרומגענומען דורכן פענצטער די נאָך טויטע פּאַ-בריקס-קוימענס. ער האָט דערפילט אַ פולשטענדיק נאַטירלעכע פרייד, ווען ער האָט דערזען, אַז ווו-נישט-ווו שלאָגן זיך אַרויס פון צווישן די שוואַרצע דעכער פּאַסמעס רויך אָדער פּאַרע, ווי אומדרייסטע נאָך, נישט זיכערע אין זיך, וועלכע שפּאַרן אָבער וואָס אַמאָל העכער ווי שטאָלצע הוט-פעדערן.

— וואָס הערט זיך, פלעווע? — האָט וואָיטשיצקי אַ מאַך געטאָן אָן אַ טראָפּן אַמטלעכקייט.

אָט האָסטו דיר... אַ וועכטער זאָל דערציילן דער מאַכט, וואָס סע הערט זיך... די דאָזיקע פּשוטע, אָבער גאָר אומגעריכטע פראַגע האָט אים אַריינגעפירט אין גרויס פאַרלעגנהייט. מיט אַ נישט דרייסטע באַוועגונג האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ צום פענצטער אין דער ריכטונג פון דער פאַבריק, וואָס זעט זיך גוט פון שטאָק, און א ברום געטאָן נישט זייער דייטלעך:

— ס׳הייבט אָן פּאַמעלעכינקע צו רייכערן...

וואָיטשיצקי האָט מיט הנאה אַ קוק געטאָן אין דער זעלבער ריכטונג.

— יאָ... ס׳הייבט אָן פּאַמעלעכינקע צו רייכערן — האָט ער געזאָגט הייטער און געוואָרן אויפגעלייגט.— און אינגיכן מוז עס אָנהייבן רייכערן מיטן גאַנצן קנאַק...

נאָך די דאָזיקע אַריינפיר-ווערטער איז ביז צום גרונט צעשוווּמען געוואָרן דער שאָטן פון אָנגעצויגנקייט, וואָס איז שוין סיי ווי שוואַך געווען. פלעווע האָט טיפער אָפּגעאָטעמט און נאָך בעסער זיך איינגע-זעצט אין דער שטול. ער האָט זיך דערפילט כמעט אינגאַנצן פריי. וואָיטשיצקי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפן ביוראָ-טיש און צוגעבויגן צון אים אַ קאָנצענטרירט פנים.

— הערט, פלעווע-האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ געדעמפּטן, אַ ביסל אינ-טימען טאָן.-פון אונדזער היינטיקן שמועס איז אַ סך אָפּהענגיק. דערפאַר וואָלט איך וועלן, אַז איר זאָלט ריידן מיט מיר אויפריכטיק, פון האַרצן...

— איך רייד שטענדיק אַזוי — האָט פלעווע אַ זאָג געטאָן מיט אומגעריכטן ברען, נישט דערלאָזנדיק אים אפילו ענדיקן. ער האָט זיך געכאַפּט דערויף, דערפאַר זיך געהאַמעוועט און צוגעגעבן שטילער: — ווייל איך מיין, אַז ווען אַלע וואָלטן אַזוי גערעדט, ווען אַלע וואָלטן זיך געזאָגט דעם אמת, וואָלט לייכטער געווען אויף דער וועלט...

וואַיטשיצקי האָט געפילט די אויפריכטיקייט פון די דאָזיקע ווערטער און זיך געפרייט מיט איר. ווירקלעך — ווען מיר אַלע וואָלטן זיך אַלץ געזאָגט אויפריכטיק, דאָס גוטע און שלעכטע, וואָס ליב איז און וואָס פריקרע, אָבער אויפריכטיק, אָפן, אָן ליגן — ווי לייכטער וואָלט געווען צו לעבן.

נאָך דער דאָזיקע קורצער געדאַנקען-דיגרעסיע איז דער דירעקטאָר צוגעטרעטן צו דער זאַך.

— זאָגט מיר דעריבער אויפריכטיק אַזוי, פּלעווע, צי יענע מאָטאָרן האָט איר באַהאַלטן פאַר דער פאַבריק, אָדער פאַר זיך?

פּלעווע איז געוואָרן מבולבל און צעשראָקן. וועט וועגן די מאָטאָרן פאַרט זיין אַ רייד...

— הער דירעקטאָר... — האָט ער אָנגעהויבן נישט דרייסט.

אָבער וואַיטשיצקי האָט מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג זיך פאַר-שטאָפּט די אויערן.

— או–ו–ו!... הו! הו! הו!... די אויערן הייבן מיר אָן ווי צו טאָן פון אַזעלכע „הערן“. ניין, ניין... פּשוט בירגער צי אפילו חבר, אָדער געוויינלעך דירעקטאָר וואַיטשיצקי... ווי איר ווילט זיך, נאָר נישט הער. ווען עפּעס אַן אינזשיניער דאָרט, אַ שעף, א באַאַמטער זאָגט מיר הער, איז האַק איך אויך אים — הער, הער.. ווייל לויט זייער באַגריף האָט דאָס דאָזיקע טפּשותדיקע וואָרט עפּעס אַ כּישופדיקע באַדייטונג. אָבער מיר? ניין, ניין... איר זענט אַ מיטגליד אין פאַריין?

— ווי דען...

— וועט זיין צומבעסטן „חבר“.

האָט שוין פּלעווע אָנגעהויבן אָן קיין שום טיטולירונג, ווייל ער האָט עפּעס פאָרט נישט געקאָנט מיטאַמאָל דרייסט ווערן.

— דעם אמת געזאָגט, האָב נישט איך באַהאַלטן די מאָטאָרן... נו, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק... דאָס האָבן סטאַכאָוויאַק און וואַג-טראָבע איינמאָל ביינאַכט אַרויסגעשלעפּט זיי פון קוזניע, פאַרגראָבן, ווייל זיי האָבן זיי געוואָלט דערנאָך אַריבערשוואַרצן און פאַרקויפן. איך האָב בלויז געהיט, ס׳זאָל זיך נישט עמעצער אָניאָגן בעת דער אַרבעט, און פאַר דעם האָב איך שפּעטער געזאָלט געהערן צום שותּפות. אָבער ווען מ׳האָט זיי שפּעטער אַרויסגעפירט, האָב איך — כ׳וועל זאָגן אָפן — געהאַלטן, אַז די מאָטאָרן געהערן מיר, ווייל איך בין דאָך געווען אַ שותּף. און איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט אַזוי, אַז איך וועל זיי פאַרקויפן און... כ׳וועל זיך באַוואָרענען אויף אַ געוויסער צייט מיט אַ שטיקל ברויט, כּדי נישט אויסצוקוקן אויף די קבצנישע פאַר גראָשן פאַרן

וואַרטעוועך, נאָר צו האָבן אויף אַ שוואַרצער שעה. אַזוי איז געווען אין דער אמתן... אָט וואָס...

— און פאַרוואָס האָט איר שפּעטער אָפּגעגעבן? — האָט וואָיטשיצקי געפרעגט מיט אַ טאָן פון טיפער פאַראינטערעסירונג, אין וועלכער ס'האָט זיך געפילט אַ מורא, אַז דער ענטפער זאָל נישט זיין קיין באַנאַלער, ווי אַ שטייגער — ווייל ס'האָט זיך נישט געלאָזט אַרויספירן פון דער פאַבריק.

פלעווע האָט אָפּגעאָטעמט מיט דערלייכטערונג, ווייל די דאָזיקע פראַגע האָט אים ענדלעך געגעבן די מעגלעכקייט אַראָפּצורעדן זיך פאַר עמעצן וועגן דעם אַלעם, וואָס ער האָט לאַנג געטראָגן אין זיך און נישט געקאָנט עס אויסזוירקן פאַר קיינעם, אפילו פאַרן אייגענעם ווייב. וואָרן אפילו דאָס ווייב וואָלט אים מסתּם נישט פאַרשטאַנען, אָבער דאָ וועט מען אים פאַרשטיין... ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער דלאָניע די גאָמבע, אומגעשיקט אַ גלעט געטאָן די וואָנצעס, און ענדלעך אָפּנהאַרציק אַ קוק געטאָן וואָיטשיצקין אין די אויגן.

— דעם אמת געזאָגט, האָט מיך אַזאַ פאַרדינסטל געלאָקט, ווי דער טייוול... ווייל דאָס איז נישט געווען קיין לייַדע וואָס. כ'האָב שוין געהאַט אַ שותּף, וואָס האָט געוואָלט אַלץ עלעגאַנט דורכפירן, דאָס געוויסן אָבער האָט עפּעס נישט אַזוי זייער... כ'האָב קיינמאָל נישט געגנבעט. כ'וויס, אַז לייט האָבן געגנבעט פאַר די דייטשן, און טייל גנבענען נאָך היינט, ווייל ס'דאַכט זיך זיי, אַז ס'איז נאָך אַלץ כּסדר דאָס זעלבע... אָבער אַז כ'האָב איבערגעלייענט די באַקאַנטמאַכונג אין דער ביוראָ דאָרט, איז מיר דורך דער הויט פון די פּלייצעס דורך אַ שוידער. איך זאָל העלפן די היטלעריסטן, די דאָזיקע גנבים? ניין! קיינמאָל אין לעבן נישט... קיינמאָל אין לעבן נישט!... — ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעצונדן, אַזש די באַקן האָבן זיך אים באַפאַרבט מיט רויטקייט. און דער דאָזיקער אומגעריכטער אויפגעבּרויז האָט אים צעמישט די געדאַנקען, פאַרפּלאָנטערט אַלץ, וואָס ער האָט זיך שוין אין קאָפּ אויסגעשטעלט אַרויסצוזאָגן.

וואָיטשיצקיס אויגן האָבן באַקומען אַן אַנדערן אויסדרוק און אויפגעהעלט מיט פריידיקן גלאַנץ. דער דאָזיקער ענטפער איז פאַר אים געווען אַ גרויסע ליבּ — ווענן וועלכן פלעווע האָט זיך נאַטירלעך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג. ווייל דאָס האָבן זיי דאָך אין דרייען צוזאַמען מיט ניעגליצקין און פרשיביטעניעצן צוזאַמענגעשטעלט דעם דאָזיקן אויפרוף. זיי האָבן אַריינגעלייגט אין אים אַלע קענטעניש, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, אַלע הייסע אַרבעטערישע באַגערן, נאָר פונדעסטוועגן האָט זיך

זיי אויסגעוויזן, אַז די זאַצן, וואָס זיינען געשריבן פון גאַנצן האַרצן און מיט עקשנותדיקן ברען, קלינגען ווי פראַזן, זיינען טרוקענע און טויטע. זיי שרייען נישט מיט דער מעכטיקער שטים פון אַ ליידנשאַפטלעכן רוף, שלאָגן נישט אויף אַליאַרעם... אַז זיי זענען בלויז אַ זאַמלונג פון געוויינלעכע ווערטער, וואָס זיינען זיכער צוזאַמענגעשטעלט אומגעשיקט, ווייל זיי זענען צוגעקליבן נישט דורך געבילדעטע אָראַטאָרן, אָדער שרייבער, נאָר דורך מענטשן פּראָסטע, דורך מענטשן פון האַמער און קעלניע, וועלכע זיינען באַגייסטערט בלויז פון דעם סטיכישן באַגער צו קעמפן און איבערגעגעבן דער זאַך. אָבער די דאָזיקע ווערטער זיינען, ווייזט אויס, נישט געווען קיין טויטע, ווייל זיי האָבן דאָך געטראָפן צום געוויסן פון מענטשן, ווייל דורך זייער הויט איז דאָך דורך אַ שוידער... צי וואָלט מען זיך געקאָנט ריכטן אויף אַ גרעסערער אָנערקענונג פון דער, וואָס איז געלעגן אין דעם דאָזיקן פּראָסטן ענטפער?

— דורך דער הויט איז אַדורך אַ שוידער — זאָגט איר? — האָט ער לייכט איבערגעחזרט, שעפנדיק נחת פון דער אומבאַוווסטזיניק ארויסגעזאָגטער און דערפאַר זייער ווערטפולער לויב.

פלעווע האָט שוין נישט געקאָנט צוזאַמענעמען מחמת אויפרעגונג די צעשטרייטע געדאַנקען, איבעריקנס, אין אַ רגע ארום האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער האָט שוין אַוודאי געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, ער האָט דעריבער בלויז לאַקאָניש באַשטעטיקט.

— נו, יאָ... ווייל מיר אַליין וואָלט נישט איינגעפאַלן, אַז איך העלף די היטלעריסטן. איך וואָלט זיי שוין איינמאָל געהאָלפן, די כאָליערעס...

— ט'וואָלט נישט איינגעפאַלן, וואָס?

— פאַרשטייט זיך... און דאָס איז דאָך אַזוי פשוט. אויב די היטלעריסטן האָבן געגנבעט, און איך גנבע, הייסט דאָס, אַז איך העלף זיי...

וואָיטשיצקי האָט אונטערגערוקט אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן.

— פאַררייכערט.

פלעווען האָבן לייכט געציטערט די פינגער, ווען ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון שעכטל, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין טרעמע. ער איז געווען מאָדנע אויפגערעגט פון זיין דאָפּלטן אויסרוף — קיינמאָל אין לעבן נישט... נישט ווילנדיק האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף דער עטיקעט פון די פּאַפּיראָסן און אויפגעהויבן די ברעמען מחמת פאַרוווּנדערונג.

— אָ! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט פרייד — און ווי סטאַכאָוויאַק האָט זיך עס געזאָרגט, אַז ביי די רוסן וועט נישט זיין וואָס צו רייכערן...

וואַיטשיצקי האָט אויף די דאָזיקע ,ווערטער נישט געלייגט קיין אַכט, וואָרן זיי האָבן פאַר אים נישט געהאַט קיין שום באַדייט. ער האָט דאָך נישט געוווסט וואָס פאַר אַ סטאַכאָנאָוויאַק דאָרט האָט געזאָגט וועגן רייכערן. ער האָט איילִיק פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, איז אַפּערגעגאַנגען פון הינטער דעם ביוראָ-טיש און, אַרומוויקלענדיק זיך מיט געדיכטע רינגען רויך, געגאַנגען מיט אַ ברייטן טראָט איבערן קאַבינעט. אויפן פּנים איז געווען צו זען, אַז זיינע געדאַנקען זיינען אַפּגעשווומען פון דאַנען און בלאָנדזשען ערגעץ אויף ווייטע, אָבער וויכטיקע וועגן. ענדלעך האָט ער זיך פאַרהאַלטן קעגן פלעווען, אַרויסגעלאָזט נאָך אַ קנויל רויך צום סופיט און אַ לענגערע ווײַלע באַטראַכט דעם וועכטערס באַוואַנצעטע און קאָנצענטרירט פּנים, וואָס רופט אַרויס צוטרוי, ווי ער וואָלט זוכן אַן אַריינגאַנג אין זיין נשמה.

— און ווי מיינט איר, פלעוווע... — האָט ער ענדלעך אָנגעהויבן נישט אַזוי קיין שמועס, ווי אַ הויך נאָכטראַכטן. — ווען אַלע אַרבעטער — אַזוי ווי זייער גרעסטער טייל — און ווען אַלע מייסטערס, טעכניקער, אינזשינירן — אַזוי ווי אַ טייל פון זיי — וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז נישט העלפנדיק אויפריכטיק דעם אָפּבוי פון לאַנד, העלפן זיי אונדזערע שונאים, און ווען מיר, אַזוי אַלע צוזאַמען, וואָלטן זיך האַנט ביי האַנט און פון גאַנצן האַרצן גלייך גענומען צום אָפּבוי, דאַן... וואָלט עס שנע-לער אָנגעהויבן צו רייכערן ווי ס'דאַרף צו זיין, וואָס? — ער האָט לייכט אַ וויז געטאָן צום פענצטער, דורך וועלכן ס'האָבן זיך געזען די מעכ-טיקע קוימענס-וואַלצן און די שוואַרצע דעכער-מאַסיוון.

— פאַרשטייט זיך — האָט פלעווע אונטערגעהאַלטן מיט ברען.

— און בעסער, אמת?

— אַוודאי, אויך בעסער.

— און אַלץ וואָלט אַוועק לייכטער, אמת?

— פאַרשטייט זיך...

— נעמלעך... עס פאַרשטייט זיך... נאָר נישט אַלע טראַכטן אַזוי. ווען אַלע וואָלטן אונדז פאַרשטאַנען... ווען ס'וואָלטן עס אַלע אינטעלי-גענטן וועלן פאַרשטיין, ווי אַ טייל פאַרשטייען, אַז פּונקט ווי מיר, די אַרבעטער, אַזוי האָבן אויך זיי, די אינזשינירן, טעכניקער, באַאַמטע אומזיסט רייך געמאַכט מיט זייער אַרבעט די קאַפּיטאַליסטן, און אויך זיי דאַרפן, ווי מיר, פאַרקאַשערן די אַרבל, נעמען זיך צו דער אַרבעט און בויען, בויען אַ פּראַקטיק לעבן פאַר זיך... ווען זיי וואָלטן עס אַזוי אַלע פאַרשטאַנען, אַז די בילדונג גיט זיי בלויז די מעגלעכקייט פאַר פּראָדוק-טיווער טעטיקייט, אָבער זי פירט זיי בשום-אופן נישט אַריין אין דעם

באַזיצנדיקן קלאַס. און דאָ...— ער האָט פאַרצווייפלט פונאַנדערגעשפּרייט די הענט און זיך ווידער אַ לאָז געטאָן שפּאַנען איבערן קאַבינעט, פאַרציענדיק ליידנשאַפטלעך דעם פּאַפּיראָס. — און דאָ צום ביישפּיל אַזאַ הער קאַרוואַצקי... נו... דאָס איז, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַ געמיינער אויסוואורף, אַ פאַרפאַלענער. אָבער אַזאַ אינזשיניער וואַכאָוויטש קסאַוועריִ... איר קאָנט אים מסתּם?

— וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען שעף פון דעם מאָנטירונג־וואַרשטאַט?

— דער זעלבער... אַ מענטש אַן ערלעכער, אַ פעיקער אַן אַרבעטס־זאַמער, מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. פאַר די דייטשן האָט ער זיך פאַרהאַלטן פיין, זיך מיט גאָרנישט באַפלעקט. מ׳האָט אים איצט צוועק־געשטעלט אויפן אַמט פון טעכנישן דירעקטאָר. און ער האָט זיך ווי גענומען צו דער אַרבעט, אָבער וואָס קומט אַרויס... די הענט ציטערן אים. ביז היינט גייט ער אַרום אַ מבולבלער, אַ דערשטוינטער, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אים נישט אויפגעפרעסן, נישט איינגעשלונגען. און ער איז אַלץ איבערצייגט, אַז דאָס וועט אים נישט אויסמיידן, אַז די קאָמו־ניסטן וואַרטן בלויז, ביז ער וועט אַ ביסל פעטער ווערן, וועט ער זיין אַפּעטיטלעכער. עפּעס אַ קרוב, אַ קסיאָנדז האָט אים איבערצייגט, אַז די קאָמוניסטן זיינען מענטשנפרעסער... — ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קורץ געלעכטער, אַ טרוקנס מחמת פאַרביטערונג. — און ער קאָן נישט געהעריק אַרבעטן, ווי מיר וואָלטן עס וועלן. מע דאַרף אים פּשוט פירן פאַר דער האַנט, מע דאַרף אים וועגן אַלץ בעטן, וועגן אַלץ פרעגן. און ער, דער נעבעך, האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן, פילט זיך נישט ביי זיך אין דער היים, דערשלאָפּט נישט, האָט מורא צו מאַכן אַ הויכן טראָט און אָנשטאָט דיק צו ווערן, דאַרט ער איין פון גריזאָטע, כאָטש ער האָט דאָך וואָס צו עסן... — ער האָט זיך ווידער צעלאַכט און פּלוצלינג צוגעוואָרפן מיט פאַרביטערונג: — און מיר וואָלטן וועלן, ער זאָל שרייען, לויפן איבער דער פאַבריק, זאָל אַלע שטעלן אויף די פיס, זאָל זיך קאָכן, אויב עפּעס גייט נישט אַזוי, ווי ס׳דאַרף גיין, ער זאָל באַנעמען, אַז דער אַרבעטער איז דער בויער פון דער צוקונפט פון דער וועלט... עך! ווי מיר וואָלטן אים ליב געהאַט דערפאַר. און דאָ?... אַ קאָמעדיע — ער האָט נאָך אַ קורצער פויזע אָנגעהויבן קוויטשען און לאַכן מיט אַ לאַנג, געדעמפּט כיכיקען, וואָס איז גיכער ענלעך צו איינגעהאַלטן כליפּען.

פּלעווע האָט זיך געפילט נישט העניטיק. האָט נישט זייער באַנומען די דאָזיקע אויספירן, ס׳האָט זיך אים נישט גאָר פּאָטויפּעט אין קאָפּ דאָס

אַלץ, וועגן וועלכן ס'האָט גערעדט וואָיטשיצקי. ער האָט נישט ליב געהאַט אַזאַ שמועס, וואָס ער באַנעמט אים נישט געגוי. איבעריקנס, איז ער דאָך געקומען מיטן גערדאַנק צו הערן עפּעס וועגן זיך, דעריבער האָבן אַנדערע ענינים נישט געהאַט פאַר אים קיין באַדייטונג. און דאָס אַלץ האָט דאָך צון אים נישט געהאַט קיין שייכות, הגם ער האָט זיך משער געווען, אַז דער דירעקטאָר רעדט וועגן ריכטיקע זאַכן. אָנוואַרפן זיך מיט פראַגן וואָלט ער זיך נישט דערוועגט, האָט ער דעריבער גע- דולדיק געוואַרט.

וואָיטשיצקי האָט נאָך עטלעכע מאָל דורכגעמאָסטן דעם קאַבינעט, ענדלעך זיך אַ שויבער געטאָן די האָר, אָפּגעאָטעמט און ווידער זיך געזעצט הינטערן ביוראָ-טיש.

— נו, גאָרנישט... — האָט ער ווידער גערעדט אין אַ פאַרטראַכטע- ניש, וואָס איז אָן ספק געווען אַ המשך פון עפּעס אַן ערנסטער איבער- לעבונג אין דער אַרבעט. — נישט אַלע זיינען אַזעלכע ווי קאַרוואַצקי, און נישט אַלע זיינען צעשראָקן ווי וואַכאָוויטש. ס'זיינען פאַראַן אַ סך פאַרשטענדיקע און וועלן זיין וואָס אַמאָל מער. אויך די שרעק פון די וואַכאָוויטשעס וועט פאַריבער. מיר וועלן זיך וואָס וויַיטער בעסער צוזאַמענריידן און זיך פאַרשטיין. און דעמלט וועלן מיר אָנהייבן צו שאַפן וואונדער. ווי טראַכט איר, פלעווע? — ער האָט פריידיק אויפגעלעבט, זיך אָפּגעטרעסלט פון דער פאַרטראַכטקייט און אַ פינקל געטאָן פאַר פלעווען מיט אַ פלוצלינג אויפגעהעלטן בליק.

— וועגן וואָס? — איז פלעווע אַ ביסל צעמישט געוואָרן.

— מיר וועלן שאַפן וואונדער?

— נו... יאָ... — האָט ער אַ ברום געטאָן, נישט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס מע פרעגט אים דערוועגן.

— און אַ חוץ דעם — האָט וואָיטשיצקי מיטאַמאָל געענדערט דעם טאָן — מוזן מיר זיך איצט אַלע לערנען. בויען, אויפשטעלן און לערנען זיך, לערנען זיך, לערנען זיך... כדי וואָס שנעלער צו האָבן אייגענע אינזשיניערן, דירעקטאָרן, מייסטערס... אַזעלכע דירעקטאָרן, וועלכע וועלן דעם אַרבעטער נישט באַטראַכטן ווי אַ לעבעדיקן טייל פון דער מאַשין.

— נו יאָ... היינט דאַרף זיך יעדערער לערנען... — האָט אים פלעווע מעכאַניש נאָכגעזאָגט.

וואָיטשיצקי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן דורכדרינגלעך.

— פלעווע... ווען איר רעדט וועגן דעם, אַז יעדערער, מיינט איר זיך אַליין אויך?

— זיך אַליין? — האָט זיך פּלעווע אַ כאַפּ געטאָן — ווייס איך... איך בין שוין אַלט...

— וואָס פאַר אַ בילדונג האָט איר, פּלעווע?

— פאַר יענער מלחמה האָב איך געענדיקט דריי קלאַסן רוסישע. צוזאַמען מיט יענעם זשיטניעווסקין, וועלכער איז געווען דער לייטער פון דעם אימפּראָוויזאַציע־מאַגאַזין.

— אַזוי? — האָט זיך פריידיק פאַרוווּנדערט דער פּרעזעס — און ער איז געוואָרן אַזאַ מאַכער, און איר זענט אַראָפּגעפאָרן ביז אַ וועכטער?

פּלעווע האָט אַ שמייכל געטאָן נישט באַליידיקט.

— ער האָט זיך איינגעאַרבעט. אין שול האָב איך זיך אַפילו געלערנט בעסער פון אים, אָבער... ער האָט געהאַט בעסערע מעגלעכקייטן, ווייל זיין פאָטער איז אויך געווען אַ פּריצל, און מיינער אַ געוויינלעכער נאַכליע.

— אָבער לייענען קאָנט איר גוט?

— די אויגן זיינען אַ ביסל קאַליע פון פייער, אָבער דאָס איז גאָרנישט...

— דערויף זיינען פאַראַן ברילן. און מיט שרייבן ווי איז?

— מיטן שרייבן? איך ווייס?... אַמאָלט האָב איך געשריבן גוט, אָבער אַזויפיל יאָרן האָט מען דערמיט כמעט אינגאַנצן נישט געהאַט צו טון. העכסטנס איז אַמאָל אויסגעקומען זיך אונטערצושרייבן, צי וואָס...

— און ווען פּעסט אַזוי זיך אַ נעם טאָן, איינחזרן, זיך דערמאָנען...

פּלעווע האָט אויסגעשטרעקט פאַר די אויגן די רעכטע דלאָניע, באַוויגן מיט אירע פיר איבערגעבליבענע פינגער און זיך איינגעקוקט אין זיי אַזוי פאַרשנדיק, ווי ער וואָלט זיי דערזען צום ערשטן מאָל אין לעבן.

— צי ווייס איך?... אַמאָל האָט מען גוט געשריבן... — האָט ער פאַרטראַכטערהייט געוואָרטשעט.

וואָיטשיצקי האָט אים איילים אונטערגערוקט פּאַפּיר און אַ בליי־פעדער.

— אַנו, פּרוווט...

פּלעווע האָט זיך געקווענקלט, זיך אַ באַוועג געטאָן אומבאַהאָלפן, פון זיינע אויגן האָט בפירוש אַרויסגעשימערט אַן אויפריכטיקער ווילן אויסצופּרוּוון זיין קאַליעדיקע האַנט, אָבער ס'האָט אים געצווימט די מורא פאַר אַ קאָמפּראָמיטאַציע. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט ער אַנטשלאָסן אַוועקגעשאָרט דאָס פּאַפּיר און דעם בלייער היפּש ווייטלעך.

— ניין... מע דאַרף קודם פּרוּוון פּאַמעלעכינקע... אַזוי פאַר זיך אַליין...

וואָיטשיצקי איז נישט צוגעשטאַנען, זעענדיק, אַז פּלעווען האָט זיין פּאָרשלאַג בפירוש נידערגעשלאָגן.

— אָבער פּרוווט, פּלעוועו, פּרוווט פּאַמעלעכינקע און דערנאָך וועט איר מיר זאָגן, ווי דער פּרווו איז אויסגעפאַלן, גוט? און ווי איז מיט דער אַרבעט אין קוזניע, פּלעווע? איר זענט אין איר געניט, וואָס?

— אַנומלט בין איך געווען אַ גוטער, אָבער היינט... ווייס איך? — ער האָט בפירוש אויפגעלעבט. — אַזויפיל יאָרן... וואָס אַן אמת, פּאַר די עטלעכע לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן, ווען ס׳איז געווען אַ סך אַרבעט, און די אַרבעט אין פּאַבריק איז געגאַנגען אין דריי שיכטן, האָב איך יעדע נאַכט עטלעכע שעה אַרומגעוואַנדערט ביי פּאַרשידענע האַמערס. דער אָדער יענער איז זיך אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אין אַ ווינקל כאַפּן אַ דרימל, האָב איך זיך געזעצט אויף זיין אָרט און היידא געפּאָרן... און ס׳איז געגאַנגען לחלוטין נישט צום ערגסטן...

— איז קענט איר זיך אויף אַלע האַמערס? — האָט ווידער פרייליך אויסגערופן דער דירעקטאָר.

— ווי די דאָזיקע פיר פינגער מיינע.

וואָיטשיצקי האָט פּשוט אויפגעלויכטן, דערהערנדיק די דאָזיקע דערקלערונג, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אָן וואַקלעניש, מיט אַ זיכערן טאָן. ער האָט זיך אַזש אומגעדולדיק אַ באַוועג געטאָן, אַזוי האָט אים דער דאָזיקער שמועס פאַרכאַפּט. ער האָט זיך אין האַרץ מודה געווען, אַז אַזעלכע רעזולטאַטן האָט ער נישט דערוואַרט.

— נאָך אַזאַ מין זאַך, פּלעווע. מיר איז זייער געפעלן אייער אַרויסזאָג אויף דער פאַרזאַמלונג. איר האָט געזאָגט, אַז אויב עמעצער וועט פאַרקויפן אַ געגנבעטע מאַשין פון פּאַבריק, וועט בלויז איינער האָבן דערפון צו עסן און דאָס אויך נישט אויף לאַנג, אָבער אויב די דאָזיקע מאַשין וועט שטיין אין דער פּאַבריק אויף איר אָרט, וועט זי אונדז אַלעמען שפּייזן. אמת?

— נו יאָ... ווייל אַזוי איז עס דאָך... — האָט פּלעווע אָפיציעל באַשטעטיקט, וואָרן די אָנערקענונג מצדן דירעקטאָר האָט אים צוגעגעבן דרייסטקייט.

— געוויס. און איר האָט געזאָגט, אַז היינט איז די פּאַבריק אונדזע־רע, אמת?

— נו, יאָ.

— ווי פאַרשטייט איר דאָס?

פּלעווע איז מבולבל געוואָרן. ער האָט זיך אַ רגע אָנגעכמורעט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און צענומען די הענט אומבאַהאָלפן.

— איך האָב דערױבער קײן סך נישט געטראַכט, איך פֿיל בלױז... האָט ער נישט געװען אַ ברוגז געטאָן. — אַנדערע האָבן בעסערע קעפּ, זאָלן זײ טראַכטן... אָבער נאָך אַ קורצער פּױזע האָט ער גערעדט אױפֿגעלעבט: — איך געדענק נאָר אײן ענין. נאָך עטלעכע יאָר פֿאַר דער מלחמה האָט אונדז אײנמאָל דער אַמאָליגער פּרעזעס פֿון אונדזער פֿאַרײן, נישט קײן נאַרישער יונג, נאָר אַ לומפּ און אַן אונטערלעקער, דערצײלט אױף אַ פֿאַרזאַמלונג, אַז אױף אַ קאָנפֿערענץ בײַם הער דירעקטאָר האָט דער דאָזיקער הער דירעקטאָר געזאָגט, אַז די גאַנצע פֿאַבריק איז װערט אַריבער זעכצן מיליאָן, און רײנעם ריװח גיט זי כּמעט פֿיר מיליאָן אַ יאָר. אױב אַזױ, דאַרף דאָך די פֿאַבריק אין משך פֿון פֿיר יאָר געהערן אונדז, די אַרבעטער און די אַלע, װאָס אַרבעטן אין איר. און װען ער האָט זײ אַזױ געזאָגט, האָבן זײ אַלע געלאַכט פֿון אים. און פֿון װאָס איז דאָ געװען צו לאַכן? דער אמתדיקסטער אמת... אױב פֿיר מיליאָן יעדעס יאָר פֿון אונדזער אַרבעט, האָבן מיר דאָך אין משך פֿון פֿיר יאָר פֿאַר דער פֿאַבריק באַצאָלט. און אױב די פֿאַבריק איז פֿאַר דער מלחמה געגאַנגען שױן פֿופֿציק יאָר, הײסט דאָס, אַז מיר האָבן שױן פֿאַר איר צװעלף מאָל באַצאָלט. אָט װאָס... און פֿונדעסטװעגן האָט זי נישט געהערט צו אונדז, נאָר צו די בורזשויען, װאָס האָבן גאָרנישט געטאָן. איז פֿרעג איך — װוּ זײַנען אַהינגעקומען די דאָזיקע מיליאָנען, װאָס מיר האָבן אין משך פֿון אַ סך יאָרן אױסגעקאָװעט? נו, װוּ? װער האָט זײ? דער װאָס האָט זײ אױסגעקאָװעט? צי דער, װאָס האָט גאָרנישט נישט געטאָן?... איך זאָג נישט, אַז מיר דאַרפֿן האָבן די דאָזיקע מיליאָנען, אָבער האָבן געדאַרפֿט בעסער פֿאַרדינען און לעבן װי־ס׳איז מענטשלעך, און נישט אַזױ... און איך טראַכט, אַז איצט, װען די דאַרמאָיעדניקעס זײַנען נישטאָ, װעט שױן זײַן אַנדערש־גאָר, פֿאַרשטײט זיך, נישט תּיכּף ומיד...

װאָיטשיצקי איז אָפּגעגאַנגען פֿון הינטער דעם ביוראָ־טיש, גענומען פּלצװען פֿאַר אַן אָרעם און האַרציק געקוקט אים אין די אױגן אַרײַן.

— פֿולשטענדיק ריכטיק, פּלצװע, פֿולשטענדיק ריכטיק. מיר װעלן זיך נאָך באַגעגענען, פּלצװע, אײַניקן. דערװײַל האָב איך בלױז געװאָלט מיט אײַך כאַפּן אַ שמועס. און אױף הײַנט װעט גענוג זײַן, װײַל ס׳הײבט אָן נאַכט װערן, און איך האָב נאָך אַ מאַסע אַרבעט. אַ דאַנק אײַך, שױן פּלצװע...

ער האָט געהאַט אַזאַ געװױנהײט — אָפּט איבערחזרן דעם פֿאַמיליע נאָמען פֿון דעם מענטשן, מיט װעלכן ער האָט געפֿירט אַ האַרציקן

שמועס, און דאָס האָט דעם־אָ שמועס צוגעגעבן אַ וווּנדערלעכן רייץ, אומבאַמערקט אַ נעם געטאָן דעם מיטשמועסער פאַרן האַרץ. צום געזעגענען האָט ער פּלעוועז הארציק געדריקט די דלאָניע מיט ביידע הענט.

— נאָר פאַרגעסט נישט וועגן דעם, אַז אַלע מוזן מיר זיך לערנען...

IX

פּלעווע האָט, צוריקגייענדיק צו זיין וועכטער־ביידל, שיר נישט פאַרבלאָנדזשעט. אַזוי איבערראַשט איז ער געווען פון דעם שמועס. ער האָט נישט געטראַכט וועגן אַרויסבאַקומען פון אים וועלכע ס'איז קלוגע לערע — ער האָט געוואָלט בלויז זיך אָנשטויסן זיין ציל. און וואָס אייגנטלעך איז געגאַנגען דעם דירעקטאָר? פאַרוואָס האָט ער מיט אים, אַ וועכטער, גערעדט וועגן דירעקטאָרן, אינזשעניערן, פאַרוואָס האָט ער אים, אַ וועכטער, געשטעלט פראַגן וועגן בילדונג, וועגן לייענען, וועגן שרייבן, וועגן געניטקייט אין דער קוזניע־אַרבעט...

אפשר...

ניין... דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער אָנטשיידן אָפּגעשטויסן פון זיך מיט הענט און פיס. ער האָט אַפילו געלאַכט פון זיך, וואָס עפּעס אַזעלכעס איז אים גאָר אויפן זינען געקומען. ווען מענטשן וואָלטן זיך עס דערוווּסט, אַז ער טראַכט וועגן עפּעס אַזעלכעס... וואָלט מען עס ערשט געלאַכט פון אים... אַ מענטש אויף דער עלטער זאָל נאָך זיין אַזאַ שוטה...

אָבער דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים געזשומשעט אין קאָפּ, ווי אַ צודרינגלעכער קאָמאַר איבער אַן אויער.

אפשר וויל מען אים מאַכן פאַר עפּעס אַן עלטסטן אין קוזניע...

און אונטער דער ווירקונג פון דאָזיקן געדאַנק האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אינערלעכער ציטער, האָט ער באַקומען אַ טרעמע, ווי אַן אַקטיאָר פאַרן אַרויסגיין אויף דער סצענע, און דאָ ווידער איז ער פאַרשטייפּט געוואָרן, ווי אַן אומגעניטער באַרג־קלעטערער פאַרן אַרויפשטייגן אויף אַ שווערן באַרג־שפּיץ. מיטאַמאָל איז פאַר אַלע זיינע חושים אויסגעוואַקסן דאָס בילד פון דער קוזניע, ווען זי אַרבעט אויף דער גאַנצער פאַרע און איז פול מיט געטומל. די אויוונס, פון וועלכע עס זעצט אַרויס אַ היץ, די אַרבעטער ביי די האַמערס, און אינדערמיט פון דעם אַלעם ער, בלאַזשעי פּלעווע, וועלכער גיט אַרויס פאַראָרדנונגען, אָנווייזונגען, דיריגירט מיט דער אַרבעט פון דעם גאַנצן עולם.

עך!... ס'וואָלט אפשר נישט געגאַנגען, וואָס?

ווען ער האָט זיך אָבער אין דמיון איבערגעטראָגן פון קוזניע אין קאַנטאָר, צום טיש, וואָס איז פאַרוואָרפן מיט צייכענונגען, פּאַפּירן, פּלענער — האָט ער באַקומען אַ קאָפּ-שווינדל און מיט פאַרצווייפלונג פעסטגעשטעלט, אַז דעם באַרג-שפּיץ איז אָבער נישט צו דערגרייכן... און פונדעסטוועגן איז שווער געווען צו רעזיגנירן פונעם קלעטערן.

...אַלע דאַרפן זיך לערנען, לערנען... — האָט ער זיך דערמאָנט וואָיטשיצקיס ווערטער.

דער אינערלעכער געראַנגל און די אומגעהאַמעוועטע באַגערן האָבן אים אַריינגעטריבן אין דער נאָך טויטער קוזניע. ער איז בלינד אַרומגע-קראָכן איבערן פינצטערן האָל, געגלעט די גליטשיקע און קילע קאָרפּוסן פון די מאָטאָרן, וואָס זיינען שוין איינגעשטעלט געוואָרן אויף זייערע ערטער — פון זיינע מאָטאָרן. ער האָט זיך איינגעהאָרכט מיט די אויערן פון דמיון אין זייער אַזוי גוט באַקאַנטן גערויש. ער איז טאַפּנדיק איבערגעגאַנגען פון איין האַמער צום צווייטן. ער האָט צערטלעך אַרומ-גענומען זייערע שטייפע קאָרפּוסן, אויסגעזוכט אין דער פינצטער דאָס דרענגל, וואָס דינט צו רעגולירן די שנעלקייט און די קראַפט פון די קלעפּ, געניט עס איבערגערוקט און זיך איינגעהאָרכט אין דעם אויסגע-דמיונטן קלאַפּ פון האַמער. ער האָט אָפּגעזיפצט און איבערגעגאַנגען צום ווייטערדיקן. ער האָט זיי אַלע געקענט.

נו, וואָס? ער וואָלט אפשר נישט געקאָנט אויסלערנען אַנדערע אָנפירן מיט דער אַרבעט? העי! העי! זאָל מען נאָר הייסן, וועט מען זיך אַליין פאַרוואונדערן, וואָס פלעווע קאָן באַווייזן...

דאָ האָט ער זיך ווידער אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן און ווייטיקלעך אַ ברום געטאָן.

— נאַרישער, נאַרישער פויער... וואָס פאַר אַ טפשות איז אין דיר אַריין... ער האָט דיך גערופן, ווייל ער האָט חשק געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס, און דו מיינסט שוין דער טייוול ווייסט וואָס...

אָבער די שטאַרק אויפגעוועקטע אַמביציע האָט זיך געבונטעוועט די געדאַנקען האָבן זיך עקשנותדיק צוריקגעקערט צו יענעם מאָדנעם שמועס מיט וואָיטשיצקין. אייגנטלעך איז ער נישט געווען אַזאַ רעטעניש געווען געגנוג קלאָר, אָבער פלעווע האָט אים נישט געוואָלט באַנעמען אין זיין גאַנצן פאַרנעם, ווייל דאָס וואָלט פאַרשטאַרקט זיין האַרצקלעמעניש. מ'האָט דאָך אים קלאָר גאָרנישט געזאָגט. אַז מע דאַרף זיך לערנען... נו, דאָס ווייסט מען, אַז אַלע מוזן זיך הייַנט לערנען...

ביז אינדערפרי האָט ער נישט געקאָנט אַרויס פון זיין צעטומלטן צושטאַנד

X

מאַריע האָט ברייט צעעפנט דאָס פענצטער, ווי אַמברייטסטן. די זון האָט זיך צעשפּריצט איבער דער ווייכער כּוואַליקייט פון אירע טונקעלע האָר, איז זיך פונאַנדערגעלאָפן מיט דריבנע טראָפּנס ליכט, ווי טראָפּנס קוועקזילבער, געפאַלענע אויף מאַרמאָר און אַראָפּגעפלאָסן אין די קרויזן. זי האָט לייכט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ אויף הינטן, ווי זי וואָלט וועלן די דאָזיקע טראָפּנדלעך אַראָפּשיטן הינטער זיך, אָבער זיי האָבן זיך בלויז צעשפּילט מיט פרישע אָפּשפּריצן און געבליבן אויף די בלישטשענדיקע האָר, ווי צוגעקלעפּט דורכן אומבאַזיגבאַרן כּוח פון פרילינג. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן פּאַראַפּעט, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון פענצטער. זי האָט מיט דער פולער ברוסט אַריינגעאָטעמט דאָס פרילינגדיקע ווינטל און די אויגן, נחתדיק פאַרזשמורעט מחמת דער וואַרעמער שיין, פאַרזונקען אין דער טיפער פּערספּעקטיוו פון גאַס.

די גאַס, אויסגעברוקירט מיט געמיינע ברוק-שטיינער, איז געווען אַ גלייכינקע, אַ לאַנגע. אויף דער לינקער זייט — אַ הילצערן פּלויטל, הינטער וועלכן יונגע טאָפּאָליעס זיינען מיט זייערע אַרויפשיסנדיקע שפּיצן געגאַנגען אין געיעג מיט דעם נאָך מער אַרויפגעשאָסענעם קאָשציאָל-טורעם, וועלכער האָט זיך געטונקען אין דעם צעכוואַליעטן טאָפּאָלן-גרינס. דאָס האָט די פאַבריק-דירעקציע אויפגעבויעט דעם קאָשציאָל פאַר אַ סכום פון הונדערט זעכציק טויזנט זלאָטעס. אויף דער רעכטער זייט, האַרט ביים ראָג — אַן אַלט, ברייט צעלייגט, הילצערן הויז, ריכטיקער אַ חורבה, וועלכע שלעפּט אויף איר אַלטן דאַך אַ סך צענטליקער יאָרן. דאָס איז די פאַבריק-שול. הינטער איר — אַ שטאָקיקע קאַמעניצע פון שטאַרק רויטע ציגל, וואָס וויל בגוואַלד אויסדריקן עפּעס אַ סטיל, אָפּגעגרענעצט פון דער גאַס מיט אַ נידעריק אייזערן פּאַרקאַנדל. דאָס איז דער פאַבריקס האָטעל. ווייטער — אַ ריי פאַרשידענערליי הייזער, ווו עס וועקסלען זיך עקלהאַפטע מיט פּרעטענציאָנעלע, שיטער דורכגעוואָרפן מיט ביימער. און נאָך ווייטער — ווייט, ווייט — האָט זיך די גאַס פאַרלוירן אונטער אַ צויטיקע, צעשפּרייטע געוועלבונג פון צעצווייגטע, זייער אַלטע ווערבעס, וועלכע שאַפן איבערן וועג שוין הינטער דער שטאָט, אַ חשובן, פייערלעכן שפּאַליער, וואָס זיין עק האָבן שוין די אויגן נישט דערגרייכט.

די דאָזיקע לאַנדשאַפט, אַזאַ געוויינלעך אַלטע, אַזאַ ביז דערעסנקייט באַקאַנטע — ווי זי איז ווידער געווען פאַרשיכּורנדיק, יונג, פריידיק...

נעמלעך פון אונטער יענעם צעצווייגטן, צויטיקן דאַך פון די זייער אַלטע ווערבעס, וואָס איז דעמלט געווען אָנבלעטערדיק און ענלעך צון אַ קנויל בראַבאַנטישע שפּיצן, האָבן זיך אין יענעם יאַנואַר טאָג אַרויס־געשניטן די סאָוויעטישע טאַנקן. זיי האָבן געדונערט מיט די קייטן־רע־דער איבערן ברוק, פאַר דער דירעקציע־געביידע פאַרקערעוועט אויף מערב און אַוועק ווייטער. נאָך זיי איז פאַרבליבן אַ שטאַרקער ריח פון פאַרברענטן בענזין און דער מחיה נפשותדיקער ריח פון פרייהייט.

פריער איז דאָס מענטשלעכע לעבן געווען פאַרגליווערט. דאָס האַרץ האָט אומרויִק געקלאַפּט, די טריט האָט מען געשטעלט אומזיכער, די אויגן זיינען געווען צעפלויגן מחמת פאַרדאַכט, און די מיילער געצוימט. דער מענטש איז איינגעשלאָפן מיט אימה פאַר דער נאַכט און האָט זיך געוועקט מיט שרעק פאַרן אָנקומענדיקן טאָג. די אייגענע שטאָט, די איי־גענע גאַס, די אייגענע וווינונג און דאָס אייגענע ווינקל אין דער דאָזי־קער וווינונג האָבן געאָטעמט מיט אומרו און אומזיכערקייט. דאָס פּוילי־שע וואָרט, דער געררעכטער געשריי וועגן דער רעכט צו לעבן האָט מען דורכגעשמוגלט אין בוזעם, איינגעבויגענערהייט, דורך ליקן, ווי אַ געיאָג־טע חיה.

און דער דאָזיקער געבראַזג פון די קייטן־רעדער האָט אָפּגעשראָקן אַלע קאָשמאַרן. איצט טראָגט מען יעדן טאָג אונטערן אָרעם די „זשעטש־פּאָספּאָליטע", די טריט שטעלט מען פריי. גלוסט זיך אונטערזינגען — זינגט מען אונטער. ווילט זיך אַ געשריי טאָן — טוט מען אַ געשריי.

איצט באַטראַכט מאַריע די פּערספּעקטיוו פון איר גאַס פון ערשטן שטאָק פון יענעם הויז, וואָס זי האָט עס דורך אַזויפיל יאָרן באַטראַכט בלויז פון דרויסן און געהאַלטן פאַר אַ געביט פון אויסדערוויילטע. פון יענעם הויז, וואָס האָט פאַרריסן אַרויסגעשטעלט זיין גלייכן צווישטאָ־קיקן פאַסאַד און דעם אַריינטריט אינעווייניק פאַרמאַכט פאַר אומבאַרו־פענע מיט אַ מאַרמאָרענעם טאָוול, צוגעפעסטיקט לעבן דער ברייטער, מאַסיווער, מעש־באַשמידטער טיר, און מיט אַ בלאַנקענדיקן, דראָענדיקן איפשריפט:

ד י ר ע ק צ י ע

איצט האָט דער דאָזיקער אויפשריפט אויפגעהערט צו זיין דראָענ־דיק, איז געוואָרן היימיש, געווינלעך. הינטער דער ברייטער טיר שטייט שוין נישט דער שרעקלעכער צערבער אין געשטאַלט פון אַ שטייפן מאַן מיט וואָנצעס אין אַ גרינער, מיט גאָלד אַרומגעזוימטער ליווריע, נאָר אַ געוויינלעכער מענטש אין גרויען אָנטאָן...

דאָס איז נעמלעך געווען דער פרילינג און די פרייהייט, וועלכע מאַריע האָט אַריינגעשלונגען מיטן פולן אָטעם.

און דאָס זיינען אייגנטלעך געווען פאַר איר די איינציקע רגעס פון פולן אָפּרו, אויב נישט רעכענען דעם קורצן שלאָף. די אַרבעט האָט זי געוויינלעך געענדיקט שפעט, אין דער היים געמוזט זיין אַ מאַמע פאַרן קינד און אין משך פון די קורצע אָוונט-שעהן געבן דעם אַלץ פאַר זיך און פאַרן טאַטן, ביז זי לייגט עס נישט שלאָפן. דערנאָך האָט מען גע-דאַרפט איבערלייענען אַ צייטונג, זיך צולערנען, טאָן דאָס און יענץ, ביז דער שלאָף און די מידקייט האָבן נישט ענדגילטיק פון די פיס גע-וואָרפן. אינדערפרי האָט זי זיך אויפגעוועקט פריש און פול מיט כוחות. האָט אייליק אָפּגעטון די קליינע שטובּיקע זאַכן, איבערגעלאָזט דאָס קינד אויף דער השגחה פון דער צוגעלאָזענער שכנטע און געאיילט אין ביו-ראָ אַריין, כדי צו צוגנבענען די דאָזיקע עטלעכע רגעס פאַר זיך, אויס-שליסלעך פאַר זיך.

שפעטער איז געקומען וואָיטשיצקי.

— גוט מאָרגן... — האָט ער זי פריילעך באַגריסט פון דער טיר, צוגעגאַנגען, ווייך איר געדריקט די האַנט און געשטעלט יעדן טאָג די אומגעענדערטע, אָבער פאַר אים כסדר פריש אַבסאָרבירנדיקע פראַגע:

— וואָס הערט זיך?

— קיין שום נייעס... — האָט אויך זי געענטפערט אומגעענדערט, און ווי מיטן תמיד פרישן חשק אים צו באַרויקן.

זיי האָבן זיך געטוישט מיט אַ היימישן, פריינדלעכן שמייכל, דער דירעקטאָר איז געגאַנגען אין זיין קאַבינעט, און מאַריע האָט זיך גענו-מען צו דער אַרבעט. אַזוי איז געווען ערשט זינט עטלעכע חדשים, אָבער ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דויערט שוין אַזוי לאַנג, ווי ס'גרייכט דער זכרון, אַז ס'איז בכלל קיינמאָל אַנדערש נישט געווען.

קודם-כל די רשימה פון די צוגענומענע צו דער אַרבעט. די געניטע פינגער גלעטערן שנעל די בויגנס באַשריבן פאַפּיר, די נייגעריקע אויגן זוכן די לעצטע ציפער. איין און דרייסיק. נעכטן איז געווען נייין און צוואָנציק, און פריער דריי און צוואָנציק... איז וואָס אַמאָל מער אַרבעט, הייסט עס, ווייל דאָס אַלץ דאַרף מען אַריינטראָגן אין די ביכער, אין די קאַרטאָטעקעס. עס קלעקן פשוט נישט קיין כוחות... אָבער דאָס באַ-דייט אויך וואָס אַמאָל מער הענט ביי די וואַרשטאַטן. און דאָס איז אַ גרויסע פרייד. אַ פרייד, וואָס לאָזט נישט זיך איינלעשן דעם ברען צו דער אַרבעט.

די נישט-געפּוצטע, נישט-קרעמירטע הענט, די שמאָלע, רירעוודיקע פינגער צעעפענען אויפן טיש געהעריק דאָס גרויסע בוך, מישן די שור-שעגדיקע בלעטער, נעמען די פעדער, טונקן זי איין אין טינט. דער ווייז-פינגער פון דער לינקער האַנט באַוועגט זיך כסדר פון נומער צו נומער אויף דער רשימה, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פון פּראָפּעסיאָ-נעלן פאַריין, די רעכטע האַנט פילט אויס מיט אַ גלייכער שריפט די רובריקן.

ל. ב. 1987.

פאַמיליען-נאָמען, נאָמען – וורובלעווסקי קאָנסטאַנטי.

– זע, קשיסיע, היינט שטייגן מיר איבער צוויי טויזנט. ס'וואַקסט, וואָס?

– אָך, ס'וואַקסט... אָבער אויך די פינגער לויפן אויף פונעם קלאַפּן אויף דער מאַשין...

– ס'לויפן אויף... ס'לויפן אויף די פינגער... וואָס קאָן מען טאָן? אַז מיר וועלן דורכאַקערן דאָס ערגסטע, דעמלט וועט מסתם לייכטער ווערן...

יאָר פון געבוירן – 1906.

פאַך – שלאָסער.

קיינמאָל האָט זיך מאַריען נישט איינגעגעבן צו האָבן לאַנג צו טאָן בלויז מיט די פּאַפּירלעך. ס'זיינען אינגיכן געקומען לעבעדיקע מענטשן. מיט וואָס פאַר אַן ענינים זיי זיינען עס אַלץ נישט געקומען...

דאָס געוויסן האָט איר נישט דערלאָזט אָפּצוזאָגן, ווען עמעצער האָט געבעטן אָנצושרייבן אַ ביטע. עס זיינען געקומען מענטשן מיט בקשות, מיט טענות, מיט אָנקלאַגעס. מאַריע האָט נישט אַלע אָפּגעשיקט צום דירעקטאָר, וויסנדיק, אַז ער האָט גענוג וויכטיקע זאָרגן, און זי האָט אויך נישט אָפּגעפּטרט די מענטשן מיט אַבי-וואָס. זי האָט יעדן אויסגע-הערט, יעדן געעצהט, יעדן געוויזן אַ וועג, אויב זי גופא איז נישט אימשטאַנד געווען צו דערליידיקן זיין ענין. און ווען דאָס צימער האָט זיך אָפּגעליידיקט, דעמלט האָט זי זיך ווידער גענומען צו די ביכער...

אָבער אָט האָט זיך שוין אומבאַהאָלפן געשלעפּט פון דער טיר עפּעס אַן אַלטער אַרבעטער. זיין פנים איז געווען ווילד דערפרייט, די האָר צעשויבערט, די אויגן פאַררייטלט און אויפגעשוואָלן. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ צעקנאָדערטע היטל, אין דער צווייטער אַ גרוי נאָז-טיכל, וואָס ער האָט יעדע רגע אויפגעהויבן צו די אויגן.

– ער האָט זיך אָפּגעפּונען, ליבע פּרוי – האָט ער כמעט פון דער טיר אָנגעהויבן צו שטאַמלען מיט אַ פיינלעכער און ווייטיקלעכער שטים,

מיט אַ טראַגיש פֿריידיקער שטים, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט צו טראַכטן וועגן משוגעת — ער האָט זיך אָפּגעפֿונען, מיין טייערער סטעפּציע... ער איז געווען באַגראָבן הינטערן וואַלד, דאָרט אין דער זייט פֿון וואָ־דאָנצע... צווישן יענע קליינע סאָסנעלעך. ער איז לחלוטין נישט ענלעך געווען צו זיך, אָבער מיר האָבן אים דערקענט לויטן אָנטאָן... אַזאַ פּאָ־פּעליאַטע אין פּאַסטקלעך. און אין קעשענע האָט ער געהאַט מיין ציגאַרן־שפּיצל, וואָס איך אַליין האָב געמאַכט פֿון יעשען־האָלץ. דאָס האָבן אונדזערע אים דערמאָרדעט... עי!... גאַטעניו האַרציקער! וואָס רייד איך — אונדזערע... כּלבֿים נידערטרעכטיקע, נישט אונדזערע... ענדעקעס, נישט אונדזערע...

ער האָט געכליפּעט אַ ביסל, ווישנדיק שטאַרק די אויגן און זיך געוואָנדן צו קשיסיען.

— ער האָט זיך אָפּגעפֿונען, ליבע פּרוי, מיין זונעלע... אַריבער אַ יאָר האָבן מיר אים געזוכט, און גאָרנישט... און איצט האָט ער זיך אָפּ־געפֿונען... זעקס און צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען... אָבער ס׳איז געווען אַ קינד — נישטאָ אַזעלכע אויף דער וועלט... אַ בן־יחידל... סאַראַ קלוגער, סאַר אַן אָרנטלעכער... — און ער האָט ווידער אַ טרעסל געטאָן מיטן קאָפּ, געקנייטשט דאָס פּנים מיט דער גרימאַסע פֿון אַ שרעקלעך באַעוולט קינד און שנעל צוגעקוועטשט דאָס טיכל צו די אויגן.

אין צימער האָט זיך אַריינגעשטופּט אַ היפּשער עולם מענטשן. דער אַלטיטשקער איז גלייך צוגעלאָפֿן צו זיי מיט זיין פֿריידיק וויטיק־לעכן נייעס, ווי ער וואָלט וועלן די גאַנצע וועלט, וואָס רינגלט אים אַרום, דערפֿירן צו טרערן און פֿרייד צוליבן אָפּגעפֿינען זיין טייערסטן אוצר, וואָס האָט זיך, אַ באַוויינטער און טיילוויז פֿאַרגעסענער שוין, אָפּגעפֿונען און אויפֿסניי אויפֿגעלעבט דעם גרויסן ווייטיק, דורכפֿלעכטנדיק אים אויף אַן אויסטערלישן אופֿן מיט אַ דערלייכטערונג, אַזש ביז די גרענעצן פֿון משוגעת.

— ער האָט זיך אָפּגעפֿונען, ליבער הער, מיין סטעפּאַן, זיך אָפּגעפֿונען... — האָט ער מיטגעטיילט אַלעמען צוזאַמען און יעדן באַזונדער, זיך שטויסנדיק צווישן די דערשטוינטע מענטשן. — און איך מיט דער מאַמען האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן אים שוין קיינמאָל נישט זען... ער איז שוין אינגאַנצן נישט ענלעך צו זיך, אָבער דאָס איז ער... מיר האָבן אים באַלד דערקענט...

ס׳איז געווען אַזויפֿיל טראַגיזם אין זיין אומבאַהאָלפֿענער פֿיגור, אין די באַוועגונגען און אין דער שטים, אַז קיינער האָט זיך נישט דערוועגט

כאָטש איין וואָרט אַריינצומישן אין זיין מאַקאַברישן ענין, ווייל ס'איז נישטאָ אַזאַ וואָרט פאַר דעם אין דער מענטשלעכער שפּראַך.

ערשט ווען ס'האָבן שוין געפעלט אָביעקטן, צו וועלכע ער זאָל זיך קאָנען ווענדן מיט זיין מענטשלעכן יאָמער, איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום טיש און שוין עטוואָס רויקער געזאָגט:

— און איך האָב געוואָלט, ליבע פרוי, בעטן וועגן אַ טרומנע... כדי אים כאָטש מענטשלעך צו באַהאַלטן, דעם טייערן, זונעלע... ווייל ער האָט זיך פאַרדינט דערויף... — זיינע צעקנייטשטע ליפּן האָט ווידער אַרומגעכאַפּט אַ טראַגישער קראַמף, ווידער האָט זיין טיכל געבלאָנדזשעט צו די פאַררויטלטע און אָנגעשוואָלענע אויגן.

מאַריע האָט נישט באַנומען, ווי אַזוי זי האָט אויפגעזוכט צווישן די קאַרטאָטעקעס דעם פאַמיליע-נאָמען פון דאָזיקן מענטשן, ווי אַזוי זי האָט אויסגעשריבן דאָס באַשטעלונג-צעטל אויף אַ טרומנע און ווי אַזוי זי האָט עס דערלאַנגט דעם טראַגישן אינטערעסאַנט. דערנאָך איז זי אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער און האָט נערוועז אויסגערייכערט אַ פּאַפּיראָס.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט אויף איר אָרט, האָט זי געטראָפן אַ געזעמל פאַרזאַמלט ביי דער טיר. איינער האָט, ברייט צעשפּרייטנדיק די הענט אויף איר טיש, אומצוויידייטיק באַוויזן מיט דער פּאָזע, מינע און דעם אויסדרוק פון די אויגן, אַז דאָס געזעמל הינטער אים, דאָס איז זיין כוח.

— איך הער... — האָט זי געזאָגט מיט אַן אומגעריכטער קאַלטקייט. די אינטואיציע האָט איר קענטיק אונטערגעזאָגט, אַז דאָ וואָלט ווייכקייט נישט געווען אויפן אָרט.

ער האָט אָפּגעהוסט, אַ קוק געטאָן הינטער זיך, וועלנדיק דערמיט נאָך מער אונטערשטרייכן, אַז ער רעדט אין נאָמען פון די אַלע, וועלכע שטייען הינטער אים.

— מיר זיינען געקומען מיט אַזאַ קליינטשיקן ענין. מיר ווילן בעטן, אַז איר זאָלט אונדז אַלעמען אַרויסגעבן רעמלעך. נישט בלויז אונדז, נאָר אַלעמען אין דער פאַבריק... — האָט ער אַרויסגעזייעט, פאַרבייסנדיק אַ שפּאָטישן שמייכל.

— וואָס פאַר אַ רעמלעך ווידער? — האָט זיך מאַריע אָפנהערציק פאַרוואונדערט.

— וואָס פאַר אַ רעמלעך? דאָס איז שוין אַוואָסערע אייך ווילט זיך. זיי קאָנען זיין באַגילדעטע, באַזילבערטע, געפאַרבטע, אַבי זיי זאָלן זיך נאָר פּאַסן צו די שפּייז-קאַרטלעך. וואָרן איר האָט אונדז געגעבן שיינע קאַרטלעך, אָבער מיר קריגן אויף די קאַרטלעך גאָרנישט. איז ווילן מיר

זיי אויף אַן אָנדענק איינפּאַסן אין שיינע רעמלעך און אויפהענגען אויף דער וואַנט...

מאַריע האָט זיך ענערגיש אַ ריס געטאָן פון דער שטול. איז בלאַס געוואָרן. מיט אַן אַרויסרופערישן בליק האָט זי אָפּגעמאָסטן דעם אָנפירער, באַטראַכט די פּנימער פון דער גאַנצער גרופּע. איר רעגולער, סימפּאַטיש און אויסדריקלעך פּנים האָט זיך אַנגעפילט מיט פאַראַכטונג.

— איר מיינט, אַז דאָס איז אַזאַ העלדישקייט — צו חוזק פון מענטשלעכן אומגליק, פון נויט?... אַז דאָס איז אַזאַ חכמה, אַ פילאָזאָפיע?... נו, וואָס? מיר זיינען הונגעריק... אויב מיר וועלן חוזק דערפון, וועט פאַר אונדז מן פון הימל אַראָפּפאַלן? מיר מוזן פאַראַקערן, פאַרזייען, שניידן, דרעשען... דעמלט וועלן מיר זיין זאַט... און כּל־זמן מיר וועלן דאָס נישט טאָן, אַזוי לאַנג וועלן מיר זיין און מוזן זיין הונגעריק...

פון הינטן פון דער גרופּע האָט זיך דערהערט אַן איראָניש גע-לעכטער.

— נישט אַלע מסתּם הונגערן...

— וואָס דען? אַלע אַנדערע באַקומען פולע צוטיילונגען, בלויז אייך צוואַנציק איז געשען אַן עוולה? צוויי טויזנט פונקט אַזעלכע ווי איר שטייען ביי די וואַרשטאַטן מיט אַן איינגעצויגענעם פּאַסעק און אַקערן, זייען, און איר זענט געקומען חוזק מאַכן פון זיי. יאָ? איר צוואַנציק זענט געקומען אָפּחוזקן פון דער נויט פון די צוויי טויזנט. ווער האָט אייך געשיקט אַהער, זאָגט מיר? ווער האָט אייך דעלעגירט, אין וועמענס נאָמען רעדט איר? אויב אַרבעטער האָבן צו דערליידיקן וועלכע ס׳איז אַלגעמיינע ענינים, דערליידיקן זיי דורך זייערע דעלעגאַטן. און זיי דער-ליידיקן זיי ערנסט, ווי מענטשן, וואָס נעמען זיך איבער מיטן אייגענעם גורל און דעם גורל פון דער פאַבריק. און איר מיט וואָס פאַר אַ מאַנ-דאַטן זענט אַהער געקומען אויף צו חוזקן?

די גרופּע האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, אָבער קיין שום ענטפער איז נישט געקומען. ערשט אין אַ רגע אַרום האָט זיך פון הינטן אָפּגערופן אַ נישט זייער אַנטשלאָסן קול.

— ס׳איז לייכט זיך צו וואַרפן, ווען מע זיצט אויפן בענקל און ס׳ווילט זיך נישט עסן...

מאַריע האָט כּמעט באַפעלעריש אויסגעשטרעקט די האַנט.

— זעצט זיך אויף מיין בענקל, אויב איך האָב פאַרנומען אייער אָרט. און איר וועט עסן מיין מיטאָג, און איך וועל עסן אייערן. מיר וועלן ביידע דאָס זעלבע אויסשפּילן... ווי איז אייך נישט קיין חרפּה פאַר יענעם מענטשן, וואָס איז דאָ געוועזן. וויפל אַזעלכע זין פוילן נאָך

אונטער אַן אומבאַקאַנטן קוסט, ווו זיי זיינען אומגעקומען דערפאַר, אַז איר זאָלט איצט קאָנען מאַכן דעם אָנשטעל פון כוואַטן און זיך בונטעווען. דאָס גייט אייך נישט אָן. איר וואָלט וועלן האָבן מיטאַמאָל פולע מאָגנס און אַלע באַקוועמלעכקייטן. אומפאַרשעמטע...

דער אָנפירער האָט אַראָפּגענומען די הענט פון טיש, אומבאַהאָלפן אַ קוק געטאָן הינטער זיך, זיך אַ קראַץ געטאָן אונטערן אָרעם. פון הינטן איז ווידער דערגאַנגען אַ געברום.

— ווען די פּרעזעסן, דירעקטאָרן, סעקרעטאַרן וואָלטן געגעסן אַזוי ווי מיר, וואָלטן זיי זיך אויך געבונטעוועט...

— אינגיכן וועט מען ברענגען מיטיק פאַרן דירעקטאָר, פאַר מיר, פאַר קשיסיען, וועט איר זען, צי ער איז נישט פון דעם זעלבן קעסל, וואָס אייערער...

דער אָנפירער האָט געמאַכט אַ האַלבן קרייז, געביטן דעם פראָנט און זיך געווענדט גיכער צו זיין גרופּע.

— נו, ניין!... מיר זיינען נישט געקומען אַהער, כּדי זיך צו קריגן אָדער כּדי אָפּצו... אָפּצוחוזקן... אָבער עסן דאַרף מען דאָך. און מע דאַרף דערויף געפינען אַן עצה, ווייל זאָגן גלאַט אַזוי, אַז ס'איז נישטאָ, איז אויך נישט קיין שום פילאָזאָפיע.

— איז וואָלט איר גערעדט מענטשלעך, אַז איר קומט אין אַזאַ און אַזאַ ענין, אַז איר ווילט עסן אַזוי, ווי ס'קומט אייך פאַר אייער אַרבעט און אַזוי ווייטער... און נישט מיט עפּעס חכמות וועגן רעמלעך, מיט עפּעס נאַרישע חוזקערייען.

— ווען ס'בורטשעט אין מאָגן, ווערט מען פאַרביטערט פון זיך אַליין...— האָט דער אָנפירער געזאָגט שוין גיכער מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערונג.

— מיר וואָלטן וועלן מיטן דירעקטאָר... — האָט אַ זאָג געטאָן עמעצער פון דער גרופּע.

— נו וואָס?... — האָט שוין דער אָנפירער אַליין דערקלערט. — אַז ס'איז נישטאָ, וועט אויך דער דירעקטאָר קיין מופת נישט באַווייזן. אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, דאַרף מען עפּעס...

— מיינע טייערע — האָט מאַריע אָנגעהויבן שוין אינגאַנצן ווייך, כּמעט בעטנדיק — ס'איז קלאָר, אַז דער דירעקטאָר וועט קיין מופת נישט באַווייזן. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז די דירעקציע און דער פאַבריקס-ראַט טראַכטן נישט וועגן אייערע נויטן. די אפּראָוויזאַציע, דאָס איז היינט די גרעסטע זאָרג. זעט! — זי האָט אַ שורשע געטאָן פאַר זיי מיט דער רשימה פון די פריש-צוגענומענע צו דער אַרבעט. — דרייסיק מענטשן קומען צו טעגלעך אין אונדזער פאַבריק, און אַלעמען דאַרף

מען געבן צו עסן, ווייל אַלע האָבן מאָגנס. און איר ווייסט מסתם, ווי דאָס איז היינט שווער, ווען די מלחמה האָט זיך נאָר וואָס געענדיקט. און וואָס וואָלט איר געזאָגט וועגן זעלנער, וועלכע וואָלטן געוואָרפן דאָס געווער און אַנטלאָפן פון די אָקאָפּעס, ווייל ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט עסן? ווען די זעלנער אויפן פראָנט וואָלטן געווען אַזעלכע ווי מיר, צי וואָלט איר היינט געקאָנט טרייבן לצנות מיט רעמלען?

— נו גוט, גוט... — האָט איר דער אָנפירער מילד איבערגעריסן. — מיר פאַרשטייען. מיר וועלן גיין האָרעווען, וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו ריידן, אָבער מען דאַרף אויך עפּעס אַ טראַכט טאָן.

— טעע... מיט קיין באַבע ועסטו גאָרנישט מאַכן. צי'ז דאָס נישט באַוווסט?

דער אָנפירער האָט זיך ווידער אַ קראַץ געטאָן אונטערן אָרעם.

— נו וואָס, חברה? מיר וועלן, כ'מיין, גיין צו דער אַרבעט?

— קיינער זאָגט נישט, אַז ניין, אָבער דערמאָנען דאַרף מען.

— מיר פאַרגעסן נישט אויך אָן אייער דערמאָנען, מיינע טייערע. און מיר שאַצן אָפּ אייער געדולד און מקריב זיין זיך...

— צום טייוול דאָרט! אַז דו ועסט נישט דערמאָנען, איז בוידעם...

זיי האָבן זיך צוזאַמען געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

— און רעמלעך וועט איר באַקומען, אָבער צו די דיפּלאָמען פון אַרבעטס־שלאָגלער — האָט זי זיי נאָכגעשריגן ווערטלדיק.

ס'האָט איר געענטפערט בלויז עפּעס אַ געמישטער געברום.

ווען זיי זיינען אַרויס, איז אין זאַל געבליבן עפּעס אַ מענטש, וואָס זיין בייזיין האָט מאַריע ביז איצט נישט באַמערקט, הגם מיט זיין אויסזען האָט ער זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע אינטערעסאַנטן, מיט וועלכע זי האָט ביז היינט געהאַט צו טאָן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געפּאַסקעוועטן אָנצוג, וואָס איז געהאָנגען ווי אויף אַ טרוקענעם פלאָקן, זיין פּנים איז געווען נישט בלאַס, נאָר דורכזיכטיק, ווי פון סטעאַרין, זיינע אויגן האָבן געברענט מיט אַ מאַטן פיבער. ער איז צוגעגאַנגען און מיט די סקעלעטישע הענט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט נישט אויף אַזאַ אופן, ווי עס זיינען דאָס געוווינט צו טאָן היימישע אינטערעסאַנטן. ס'איז קענטיק געווען, אַז די פיר פיס פון טיש זיינען אים אומבאַדינגט נייטיק, כדי צו דערהאַלטן אין אַ שטייענדיקער פּאָזע זיין פיגור, וואָס בייגט זיך איין.

אויפגעכאַפּט דאָס אַלץ מיט איין בליק, האָט מאַריע נישט געקאָנט אָנהייבן מיט איר סטערעאָטיפּישן — איך הער אייך, בירגער. — און זי האָט געשוויגן אין פאַרלעגנהייט.

ער האָט זי אַרויסגעראַטעוועט פון דער פאַרלעגנהייט,

— איך קום פון אָשוויענטשים.

ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, נישט כדי צו אימפּאָנירן די צוהערער, אָדער זיי אויפצורייסלען ביז צום מאַרך פון די ביינער, ער האָט זיי געזאָגט אינגאַנצן פשוט. און פונדעסטוועגן האָט מאַריע געקוקט אויף אים מיט נאָך מער צעעפנטערע אויגן. זי האָט נישט געקאָנט פאָרמולירן קיין שום פראַגע. גוט, וואָס ער האָט גערעדט ווייטער.

— כ׳בין אַ וואַרשעווער... אָבער כ׳האָב שוין נישט קיין כוח ווייטער צו גיין. איך האָב בכלל ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן צו באַוועגן מיט די גלידער. און איבריקנס, האָב איך שוין נישט נאָך וואָס צו גיין קיין וואַרשע... צי איז דאָ פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו באַקומען עפּעס אַרבעט?

ערשט די רייד וועגן אַרבעט האָבן מאַריען אומגעקערט דאָס גלייכגעוויכט, ווי מען וואָלט ערשט איצט גערעדט צו איר מיט אַ פאַר־שטענדלעכער שפּראַך. קודם כל האָט זי דורכגעשטופּט אונטערן טיש אויף דער צווייטער זייט די טאַבורעטקע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער, און האָט איר געוויינלעך געדינט פאַר אַ קעסטל מיט דער קאַרטאָטעקע.

— ביטע, זיצט...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ דערלייכטערטער, צוואַרפנדיק איר אַ בענקשנדיקן בליק פון די גרויסע, גרינע אויגן.

— אַרבעט... פון וואָס פאַר אַ געביט?

— איך בין אַ קוואַליפיצירטער מאַשין־טעכניקער. כ׳האָב געענדיקט וואַוועלבערגס שול אין צוויי־אונדרייסיקסטן יאָר, האָב אַן עטלעכיאָריקע פּראַקטיק אין וואַרשעווער פאַבריקן, סאַמע פאַר דער מלחמה האָב איך אָפּגעגעבן עקזאַמען אין וואַרשעווער פּאָליטעכנקום.

— מיר זוכן אַזעלכע — האָט זי היציק אויסגעשריגן.

— אַזוי?... סאַראַ גליק... — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן.

ער האָט אַ רגע שווער אָפּגעאָטעמט, מיט אייליקע הפסקות, ווי ס׳וואָלט אים פּלוצלינג פאַרפעלט לופט. דערנאָך האָט ער גערעדט ווייטער.

— איך הייס ראָמאַן פּאָטשינסקי. לעצטנס האָב איך געהייסן נומער 257422. דאָקומענטן האָב איך נישט קיין שום אַנדערע אַ חוץ דעם...

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ קליין צעטעלע און עס דער־לאַנגט מאַריען. דאָס איז געווען אַ „ספּראַווקע“, אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמאַנדיר פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. מאַריע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט פאַרלעגנהייט. זי האָט נישט געקאָנט קיין רוסיש.

— דאָס איז גאָרנישט... דאָס איז נישט וויכטיק... דאָס וועט גענוג זיין... אָבער מע דאַרף עס דאָך דערליידיקן מיטן דירעקטאָר... און ער איז איצט זייער פאַרנומען.

— דאָס איז גאָרנישט. כ'וועל צוואַרטן... כ'איל זיך דאָך נישט אין ערגעץ. אומעטום איז מיין היים...

ווי דורכנעמענדיק ס'האָבן געבריט די דאָזיקע מאָנאָטאָן אַרויסגעזאָגטע ווערטער זיינע. מאַריע האָט אים אויטאָמאַטיש אַריינגעקוקט אין די אויגן, גרינע, אומנאַטירלעך גרויסע אויפן פאָן פון דעם אויסגעדאַרטן פנים, און מיט שטוינונג דערזען אין זיי אַ תחית־המתימדיקן, לעבעדיקן בלישטש. עס האָט זי אינעווייניק אַ צופּ געטאָן דער דאָזיקער נייער אויסדרוק זייערער. זי האָט זיך מעכאַניש אויפגעהויבן און געלאָזט צום קאַבינעט פון דירעקטאָר. ווען זי האָט געעפנט די טיר, האָבן איר באַגעגנט אויפגערייצטע שטימען, אָבער זי האָט זיך נישט צוריקגעהאַלטן. זי האָט זיך אַריינגעקריגן, ווי מיט אַ קלין, וואָס ווערט אַריינגעשלאָגן מיט אַ שווערן האַמער...

— דירעקטאָר... ס'האָט זיך געמאָלדן עפּעס אַ מענטש פון אָשוויענטשים. אַ מאַשין־טעכניקער. מע דאַרף... אומבאַדינגט דאַרף מען אים צונעמען צו דער אַרבעט.

די פאַרזאַמלטע זיינען אויף אַ רגע פאַרגליווערט געוואָרן. ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס זיי האָט אַזוי געטראָפן — די ידיעה גופא, צי דער טאָן, מיט וועלכן די ידיעה איז צוגעטראָגן געוואָרן. זיי זיינען אָבער שנעל צו זיך געקומען.

— גוט... דאָס איז זייער גוט... — האָט וואָיטשיצקי אומגעדולדיק אַ זאָג געטאָן. — אָבער איצט קאָן איך נישט. ביטע, ווייטער, פּאַלטשאַק.

— אָך... — האָט מאַריע אַ קרעכץ געטאָן, און צום ערשטן מאָל זינט זי איז אַ סעקרעטאַרין, געטאָן אַ מאַך צו די טיר שטאַרקער ווי מע דאַרף. און צום ערשטן מאָל איז זי שטיינגעבליבן פאַר אַן אינטערעסאַנט, ווי אַ זינדיקע. זי האָט זיך נישט דערוועגט צו קוקן אים אין די אויגן אריין, הגם זי האָט זיך עקשנותדיק געשטעלט די פראַגע — פאַרוואָס? ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דעם מענטשן וואָלט מען געדאַרפט נעמען אויף די הענט און טראָגן...

— מע מוז פונדעסטוועגן צוואַרטן... — האָט זי געזאָגט נישט דייטלעך.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שווערלעך זיך אָנגעלעגט מיט די פּלייצעס אין דער וואַנט.

אָן חשק האָט זי זיך גענומען צו די פּאַפּירן.

אינגיכן האָט דאָס מיידל פון דער גאָרקיך געבראַכט פאַר זיי מיטאָג. זי איז צוערשט אַריינגעגאַן אין קאַבינעט פון דירעקטאָר, אין אַ רגע אַרום האָט זי זיך אומגעקערט און זיך פאַרהאַלטן ביי מאַריעס טיש. די מאַסע אַרבעט האָט זיי נישט דערלויבט אַריינצוגיין אין דער גאָרקיך רויק אָפּצועסן אַ טעלער זופּ און אַ רעפטל ברויט. טיילמאָל האָט מען געדאַרפט מיט איין האַנט אָננעמען די זופּ און מיט דער צווייטער עפּעס טאָן, בלעטערן פּאַפּירן. דאָס מיידל האָט אַנידערגעשטעלט פאַר מאַריען אַ טעלער, אַנידערגעלייגט אַ לעפל, אָנגעגאָסן פון טאָפּ אַ שמעקנדיקע אַרבעס-זופּ, פון וועלכער ס'האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. פּונקט אַזאַ אָפּעראַציע האָט זי איבערגעחזרט ביי קשיסיעס טיש.

מאַריע האָט זיך גענומען צום עסן. אָבער אויך דאָס האָט זי היינט נישט געקאָנט טאָן רויק. ס'האָט זי אינטריגירט דאָס ביייזיין פון דעם זעלטענעם אינטערעסאַנט. אַראָפּגעשלונגען עטלעכע לעפל הייסע זופּ, האָט זי, געשטויסן פון עפּעס אַן אומאָפּוועדבאַרן מוז, געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אין זיין זייט אַריין. זי האָט אויפגעכאַפּט זיין בליק, אַזאַ וואָס איז נישט צו באַשרייבן, און די זופּ איז איר שטיינגעבליבן נעוואָרן אין האַלדז. זי האָט זיך באַלד אויסגעגלייכט און אָפן אים אַ קוק געטאָן אין פּנים. זי האָט געזען, ווי ער איז שרעקלעך צעטומלט געוואָרן. זי האָט זיך געפילט ווי אַ פאַרברעכער, וועלכן מ'האָט געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט. ווי האָט מען געקאָנט רויק עסן אונטער אַזאַ הייסן בליק, אונטער אַזאַ שאַרפן געשריי פון אַ פּאָר גרינע, אומנאַטירלעך גרויסגעוואָרענע און ווייטיקלעך רעדנדיקע אויגן.

זיי זיינען ביידע אויף אַ רגע פאַרשטייפט געוואָרן און געבליבן פאַרגליווערט — זי אין איבערראַשונג, און ער אין אומגעווייניכער פאַרלעגנהייט. ערשט נאָך אַ לענגערער ווײַלע איז זי צו זיך געקומען און אייליק אַ זוך געטאָן מיט די אויגן דאָס מיידל מיטן טאָפּ. זי איז שוין נישט געווען. וואָס טוט מען דאָ? אַרויסלויפן נאָך איר, זוכן זי, וועט צו לאַנג דויערן...

— איך בעט אייך זייער איבער... אויב... אויב איר מיאוסט זיך נישט, אויב אייך שטערט נישט דאָס, וואָס איך האָב שוין אָנגעהויבן עסן... איך בעט אַנטשולדיקונג, דער מענטש טראַכט טיילמאָל צופיל וועגן זיך...

ער האָט אַ פאָכע געטאָן מיט די הענט אין דער לופטן, ווי ס'וואָלט אים פּלוצלינג באַפאַלן אַ שוואַרעםווילדע בינען. ער האָט זיך געקרעקט מיט די ווערטער, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט דורכרייסן דורך זיין קעל, וואָס איז געווען פאַרגאָסן מיט לייכעץ.

זי האָט זיך שוין באַהערשט. זי איז נישט געווען דורכויס זיכער, צי זי האַנדלט ריכטיק, אָבער ס'איז קיין צייט נישט געווען צו פאַר־טראַכטן זיך איבער דעם. מיט אַן אַנטשלאָסענער באַוועגונג האָט זי צוגערוקט דעם טעלער און דאָס ברויט צו דער צווייטער זייט טיש, פאַר אים.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו פאָכען מיט די הענט.

— אָבער... ניין! ניין!... קיינמאָל נישט אין דער וועלט... עמעצנס אַ מיטיק... — האָט ער געשריגן שטיל, פאַרצווייפלט.

— איך בעט אייך... — האָט זי אָנגענומען אַ טאָן פון אַ שטראָפנדי־קער דערציערין. — איך האָב נישט ליב קיין קאָמישע סיטואַציעס, אָבער ס'וועט אויך נישט דערגיין דערצו, אַז כ'וועל אייך אָריינשטעקן דעם לעפל אין האַנט, אָדער גאָר אָנהייבן צו קאָרמענען, ווי אַן איינגעעקשנט קינד... און איך מיט קשיסיען וועלן מיר עסן בשותפות.

קשיסיע האָט אַ שמייכל געטאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

פּאָטשינסקי האָט מיט אַ זיפץ גענומען דעם לעפל און זיך איינגע־בויגן איבערן טעלער. און אין דעם מאָמענט האָט זיך זיין פּנים געענ־דערט אויף אַ דערשטוינענדיקן אופן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וועלכער האָט דערזען אַן אומגעריכט גליק. ניין, דער אָנבליק פון אַ טעלער זופּ האָט אים נישט געקאָנט אַזוי ענדערן. צום וואָרשיינ־לעכסטן האָט ער אין דער רגע דערזען עפּעס מער, אַ סך מער.

XI

די פלעוועכע האָט זיך זייער שנעל צוגעוווינט צום מאַנס נייע משונהדיקע גענג. ס'האָט איר שוין נישט געוווּנדערט און נישט געאַרט, וואָס יעדן טאָג אינדערפרי, נאָכן אומקערן זיך פון פאַבריק, נאָכן אַרומוואַשן זיך און אָפּעסן דעם נעבעכדיקן פרישטיק, האָט ער זיך נישט געלייגט שלאָפן — ווי דאָס פלעגט זיין פריער — נאָר אַרויסגעשלעפּט פון שאַנק די העפטן, וואָס ער האָט געקויפט באַלד נאָכן שמועס מיט וואָיטשיצקין, אַ גלעזל טינט און אַ פעדער און זיך געזעצט הינטערן טיש אויף עטלעכע שעה, פאַרגעסנדיק לחלוטין אין דער וועלט. עס האָט זי אפילו טיף אין דער נשמה — אומבאַוווּסט פאַרוואָס — געפרייט, וואָס די מיאוסע קאָטשערעס, וועלכע ער האָט אין אָנהייב געמאַכט אויפן ערשטן זייטל, האָבן זיך איצט געענדערט אויף פיינע, גלייכע, קלאָרע

אותיות. דער דאָזיקער פאַקט האָט אפילו דערוועקט אין איר אַ גרעסערע אַכטונג צום מאַן. מיט אויפריכטיקער אָנערקענונג און מיט אומצווייפל־האַפטן שטאָלץ האָט זי מודה געווען, אַז אויסלערנען זיך אַזוי שרייבן, נישט האָבנדיק דעם גרויסן פינגער, איז נישט קיין ליאַדע־וואָס...

וואָרן אין משך פון אַזוי פיל יאָרן איז דאָך בלאַזשעיען נישט אויסגעקומען צו נעמען קיין פעדער אין האַנט אַריין. תמיד, וויפל מאָל ס׳איז נישט אומבאַדינגט נייטיק געווען עפּעס אָנצושרייבן, האָט דאָס געטאָן עמעצער פון די זין. און פון זינט אָן זיי זיינען נישטאָ, איז אויך צו שרייבן כמעט אינגאַנצן נישט נייטיק געווען, ווייל ס׳איז געווען מלחמה... אויב ס׳האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ נויטווענדיקער פאַל, האָט זי געשריבן, און בלאַזשעי האָט בלויז דיקטירט, ווייל זי האָט דאָך נישט געקענט אַזוי פאָרשטעלן אָן ענין, ווי ער האָט דאָס געקאָנט. און איצט האָט ער זיך אַליין גענומען צום שרייבן און דערצו, ווען מע דאַרף עס גאַרנישט.

המם, נו... אַלע ריידן, אַז איצט זיינען געקומען נייע צייטן, האָט זיך אויך דעם אַלטן געקאָנט אין קאָפּ איבערדרייען...

אינגיכן איז פלעווע אַרויסגערופן געוואָרן אין פאַרטיי־קאָמיטעט פון דער פאַבריק. פאַר דער שוועל פון ניעגליצקיס קאַבינעט האָט פלעווע נישט איבערגעלעבט די געפילן, וואָס האָבן אים אויפגערודערט, איידער ער איז אַריינגעגאַנגען צום דירעקטאָר. ער האָט געהאַלטן, אַז די פאַרטיי איז עפּעס־וואָס אייגנס, אַז דער פאַרטיי־סעקרעטאַר קאָן נישט זיין קיין טשינאָווניק, און ס׳איז נישטאָ וואָס זיך פאַר אים צו שרעקן. דאָ קאָן קיינעם קיין בייז נישט געשעען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי בייז ער האָט געקוקט אויפן סעקרעטאַר, בעת זייער ערשטער באַגעגעניש ביי דער בודקע, און ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט לאַכן. אָן איינפאַל — זיך שרעקן פאַר אַן אייגענעם מענטשן...

ער איז דרייסט אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט.

ניעגליצקי האָט מיט אים געשמועסט אויף פאַרשיידענע טעמעס. האָט פעסטגעשטעלט, אַז פלעווע שרייבט פּולשטענדיק גוט, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס פעלט אים אַ פינגער. האָט אפילו באַמערקט, אַז פלעווע האָט ווי באַקומען אַ געוויסע חשיבות, ערנסטקייט, ווי ער וואָלט אָפּגע־טרייסלט פון זיך דעם וועכטערישן טינק. ער דריקט זיך אויס באַדענקטער, אָפּגעהיטענער. פון איין זייט האָט ער זיך געפרייט דערמיט, פון דער צווייטער זייט אָבער באַקומען אַ מורא, צי פלעוון האָט זיך שוין דער קאָפּ נישט פאַרדרייט מחמת געוויסע השערות און דערוואַרטונגען. ער האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן, אַז ווען ס׳וואָלט אפילו אַזוי געווען, איז

אָבער פּלעווע אַזאַ אויפריכטיקער מענטש, אַז ס'וועט לייכט זיין עס אויסצוואָרצלען פון אים מיטן שורש.

— ציטונגען לייענט איר, פּלעווע? — האָט ער צום סוף געפרעגט.

— ווי דען...

— און ביכער?

— אויך.

— וואָסערע?

— כ'ווייס... מיין עלטערער זון האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ ביסל פאַרשיידענע ביכער, און אַז ער איז אַוועק פון דער היים, האָט ער אַלץ פאַרגראָבן... האָב איך ערשט אויסגעגראָבן און לייען פּאַמעלכינקע. קלוגע ביכער...

— און וואָס טראַכט איר מכח דער פּאַרטיי?

פּלעווע האָט אַ סמאָטשקע געטאָן מיט די ליפּן.

— זעט איר... פאַר דער מלחמה זיינען די פּאַרטייען געווען דער טייוול ווייסט וויפל, נאָר איך האָב צו קיין איינער נישט פון זיי געהערט.. ווייל אפילו די פּעפּעעסניקעס וואָס זיינען געווען? יעדערער האָט זיך געריסן דעם גאָרגל, געריסן, ביז ער האָט זיך נישט צוגעקריגן צו דער מלוכהשער שיסל.

— נו, און היינט?

— און היינט? נו... איך קוק זיך צו, און מיר דאַכט זיך, אַז... אַז פון אַלע וויל פפר ווי צומבעסטן. אויך דאָ טרעפט נאָך, אַז עפּעס-וואָס קומט נישט תמיד אַרויס גוט, אָבער מע זעט, אַז די מענטשן ווילן און וואָס זיי קאָנען, דאָס טוען זיי ווי צום בעסטן...

— נו, איז קוקט'זשע זיך ווייטער צו, פּלעווע, און אַז איר וועט שוין האָבן צו אַלץ זיך גוט צוגעקוקט, קומט צו מיר. מירן נאָך שמועסן. און לייענט ביכער...

ניעגליצקי, האָט געזאָגט זיין מיינונג וואָיטשיצקין, און אינגיכן איז פּלעוועס ענין געשטעלט געוואָרן פאַרן אונטערנעמונגס-ראַט. וואָיטשיצקי האָט אָן מי איבערגעבראַכן דעם שוואַכן ווידערשטאַנד מצד אייניקע ראַט-מיטגלידער, וועלכע האָבן איבריקנס נישט געהאַט אַ וועלכע ס'איז ספּעציעלע באַוואָרעניש בנוגע דעם קאַנדידאַט, נאָר פּשוט אויסגעדריקט די מורא, צי וועט זיך פּלעווע „שטעלן אויף דער הייך".

דעם זעלבן טאָג האָט וואָיטשיצקי, פּערזענלעך מיטגעטיילט פּלעוועןדעם באַשלוס פון ראַט.

הגם פּלעווע האָט געהאַט גענוג צייט אויף אַ סך מאָל איבערצוי-לעבן און זיך צוגעוווינען צו התפּעלותן, אויפרעגונגען און ספיקות, הגם

ער האָט זיך לייכט אָנגעשטויסן, אַז עפּעס רודערט זיך ארום אים, האָט אים פונדעסטוועגן די אָפיציעלע ידיעה וועגן דער דאָזיקער באַשטימונג שטאַרק איבעררעשט. אַזוי הויך — דעם אמת געזאָגט — האָט ער נישט געגרייכט אין זיינע פאַנטאַזיעס... האָט זיך טאַקע אין אים קודם-כּל דערוועקט די מורא, צי וועט ער זיך אַן עצה געבן מיט דער וויכטיקער אויפגאַבע. צי קריכט ער נישט נאָכן טעלערל פון הימל. וואָיטשיצקי האָט דאָס איבערגעלייענט אויף זיין פּנים, און ס׳האָט אים הנאה געטאָן, וואָרן ער האָט געהאַט אַ באַווייז, אַז פלעווע טראַקטירט דעם דאָזיקן ענין ערנסט, פאַלט נישט אַריין אין פוסטער פרייד און שטאָלץ, פאַרכלי-ניעט זיך נישט מיטן כּבוד, וואָס פאַלט אים צו. מע קאָן פון דעם אַרויסדרינגען, אַז ער וועט ווייטער צוגיין צו דעם ערנסט, אַז — ווי מען זאָגט דאָס — די סאָדע-וואַסער וועט אים נישט שלאָגן אין קאָפּ אַריין.

פלעווען האָט די דאָזיקע ניכטערע מורא פאַרטונקלט די עכטע, מיטרייסנדיקע פרייד, וואָס האָט מיטאמאָל אויסגעבראָכן אין זיין נשמה. צום סוף האָט ער זיך פונדעסטוועגן געזאָגט מיט עקשנות — קיין מייסטער ווערט מען נישט געבוירן... ווער עס ריזיקירט נישט, זיצט נישט אין חד-גדיא.

שפּעטער, ווען ער האָט דעם ענין דורכגעטראַכט ביז אין דער טיף, פון אַלע זייטן, אויף קאַלט און אָן התפּעלות, איז ער געקומען צום דערפרייענדיקן אויספיר, אַז זיינע אָנפירער וועלן דאָך אים נישט לאָזן אויף גאָטס באַראָט, וועלן אים נישט זאָגן — צעבורעך זיך דעם קאָפּ, הענג זיך אויף, טו וואָס דו ווילסט, נאָר דו מוזט זיין אַ מייסטער כּדבעי. ס׳זיינען דאָך פאַראַן מענטשן קלוגערע, געבילדעטע, מער דערפאַרענע, וועלכע וועלן לערנען, אַן עצה געבן, קערעווען, אויב ס׳וועט נייטיק זיין, און ערשט דעמלט וועלן זיי פאָדערן. און דערצו, אַז מען וויל, קאָן מען אַלץ מאַכן...

ביי אַזאַ אויסזיכט האָט ער זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און זעלבסטזיכערקייט. איבעריקנס, נאָך אַ געוויסער צייט, האָט זיך אים דער גאַנצער ענין אויסגעוויזן פולשטענדיק פּשוט און נאַטירלעך. נו, וואָס? ער וועט זיין אַ מייסטער און פּטור. צי איז דאָס אַזאַ גרויסע חכמה? די אַרבעט קען ער גוט, און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע.

דעם ווייב האָט ער גאָרנישט געזאָגט, פאַרוואָס ער האָט אויפגע-הערט צו גיין אויף ביינאַכט, און גייט היינט אויפן טאָג. ער האָט איר דיפּלאָמאַטיש אויפגעקלערט, אַז מע דאַרף די פאַבריק שנעל צוריק אָפּבויען, און דאָס איז וויכטיקער ווי דאָס וואַרטעווען. הגם אינעווייניק האָט אים צעשפּאַרט אַ פרייד און אַ נישט געוויינלעכער שטאָלץ, האָט

ער אָבער אָנגעשטרענגט דעם גאַנצן ווילן און קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, כּדי זיך מיט גאָרנישט צו פאַראַטן פאַרן ווייב און פאַר קיינעם נישט. ס׳איז אים געגאַנגען דערין, וואָס אָפּיציעל איז ער נאָך נישט געווען באַשטימט פאַר אַ מייסטער, און ס׳האָט אים כּסדר דורכגעדרונגען אַן אומזיכערקייט, צי דאָס וועט פאַקטיש געשען, צי ס׳וועט זיך נישט ענדערן. און ווי־זשע וואָלט ער אויסגעזען פאַר מענטשן און פאַרן ווייב, ווען ער וואָלט וועגן אַלץ צעפּויקט, און נאָכדעם וואָלט אַרויסגעקומען אַנדערש... אומאָפּיציעל האָט ער שוין אָנגעפירט מיט דער אַרבעט ביים רעמאָנט פון דער קוזניע, אָבער דאָס האָט מען אויסגע־טייטשט מיט זיין פּיליאַריקער פּראַקטיק אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג און אין אַ געוויסער מאָס ווי אַ מאָראַלישע באַלוינונג פאַרן אומקערן דער פאַבריק די מאָטאָרן. דאָס אָפּיציעלע נאָמינירן אים פאַר אַ מייסטער האָט געדאַרפט צוזאַמענקומען בעת דעם פייערלעכן דערעפענען און לאָזן אין גאַנג די קוזניע, אין וועלכן ס׳דאַרפן זיך באַטייליקן דעלעגאַציעס פון דער גאַנצער פאַבריק, און ס׳זאָל אַפילו זיין עמעצער פון מיניסטעריום. און ביז יענעם טאָג האָט פּלעווע אָפּגעלייגט די פרייד פון מיטטיילן דעם ווייב וועגן זיין נייער פּאָזיציע, ווייל דעמלט וועט שוין די דאָזיקע פרייד נישט פאַרטונקלט זיין פון קיין שום מוראס און אומזיכערקייטן.

ענדלעך איז געקומען דער דאָזיקער טאָג.

די פרייד איז געווען נאָך אַ גרעסערע צוליב דעם, ווייל די פייערונג פון דערעפענען די קוזניע איז זיך כּמעט צונויפגעפאַלן מיטן פאַרענדיקן די מלחמה. ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט מען געפייערט דעם טאָג פון נצחון. די דייטשן האָבן קאַפּיטולירט, דער פאַשיזם איז געלעגן אַ באַזיגטער. די מענטשן, וואָס האָבן געגאַרט נאָך שלום, האָבן באַקומען פליגל פון זעלטענער גליקזעליקייט, און דאָס האָט געמוזט לייגן אַ ליכ־טיקן חותם אויף דעם יום־טוב פון דער פאַבריק.

די קוזניע איז געווען באַצירט מיט גרינס, אין אָרדענונג געבראַכט, די האַמערס אָפּגעפּוצט, באַשמירט מיט אייל, גרייט אַ שלאָג צו טאָן מיט אַ שנעלן שעפערישן ריטם. די מאָטאָרן זיינען געשטאַנען אויף זייערע אַמאָליקע ערטער אָפּגעפּאָלירטע, גלאַנצנדיקע, ווי אָנגעקוואָלן מיט נישט אויסגענוצטער ענערגיע, וואַרטנדיק בלויז, אַז דער עלעקטרע שטראָם זאָל אַ זעץ טאָן אין זייערע פעסטע נערוון. פון די אָפּרעמאָנטירטע אויוונס האָט געזעצט אַ היץ.

נאָך דער קורצער פייערלעכקייט, נאָך די הייסע רעדעס פונעם דעלעגאַט פון מיניסטעריום, פונעם פאַבריק־דירעקטאָר, פון ניעגליצקין

דעם סעקרעטאַר פון דעם פּאַרטיי-קאָמיטעט פון דער פאַבריק, וועלכע האָבן ביי די פאַרזאַמלטע אַרבעטער ווידער אויפגעוועקט און פאַרשטאַרקט די פרייד צוליבן אָפּגעהאַלטענעם נצחון און זיי לייכט באַגייסטערט צו שעפערישער רויקער אַרבעט, איז פלעווע מאַיעסטעטיש אַרויפגעגאַנגען אויף די בעטאָנענע שטיגלעך, איבער וועלכע ס'האָט זיך געפונען דער פאַרטיילונגס-טאָוול און די קעסטעלעך מיט די אויסשליסער.

אין האַל האָט געהערשט אַ דורכויסיקע שטילקייט. ביים נאָענטסטן האַמער און ביים אויוון זיינען שוין געשטאַנען די אַרבעטער גרייט אָנצוהייבן די אַרבעטן לכּבוד דער פייערלעכער דערעפענונג. פלעווע האָט מיט עפּעס אַ כּוהנישער, חשיבותדיקער באַוועגונג אויפגעהויבן די הענט, אָנגענומען דאָס הענטל פונעם איינשליסער און אַריינגערוקט זיינע אָרעמס אין די ספּרענזשינעס. אין דער פייערלעכער שטילקייט האָט זיך אַריינגעשניטן דער כאַראַקטעריסטישער פייף פון אַ מאָטאָר, וואָס נעמט אַרבעטן און גייט איבער פון שטילע קלאַנגען צו אַלץ העכערע, ביז ער איז געבליבן הענגען איבער אַלעמען אַ גלייכמעסיקער, גראָדער און אומ-אויפהערלעכער, ווי דאָס נישט שטילווערנדיקע שפּילן פון אַ לעבעדיקער סטרונע. אין אַ רגע אַרום האָט זיך דער האַל צעהילכט צעשפּילט מיט די ריטמישע, אייליקע קלעפּ פון האַמער.

פלעווע האָט איבערגעפירט אַ טראַלנדיקן בליק איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף די פינגער און אויסגעצויגן, די העלדזער ווי אויף עפּעס אַן אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל. אין זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן. ער האָט נישט געוווּסט אויף זיכער, צי זעצט דאָס דער האַמער אַזוי פעסט, אָדער זיין האַרץ.

קאַליטע האָט מיט דער צוואַנג אַרויסגעשאַרט פון אויוון אַן אָנגע-גליטע שטיק שטאָל, איבערגעגעבן דעם געהילף פונעם שמיד, וועלכער האָט שוין געוואַרט, און יענער איז נישט צוגעלאָפן נאָר צוגעשפּרונגען צום נאָענטסטן האַמער, ביי וועלכן ס'איז שוין געזעסן שעלאָנג מיט דער האַנט אויפן ריגל. יענער האָט אונטערגעשטעלט דאָס אייזן, וואָס ער האָט גענומען פונעם געהילף, אונטערן האַמער, און דער האַמער האָט גענומען קלאַפּן אַזוי שנעל, ווי אויך אים וואָלט מיטגעריסן די אַלגעמיינע פרייד. אַרום האָבן געשפּריצט פונקען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אַ הונדערטפאַכיק בלינצלען אין די פרייד-פייכטע אויגן פון די מענטשן. די אַנדערע שמידן זיינען פלינק צוגעשפּרונגען צו זייערע האַמערס.

פלעווע איז אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגלעך און געהיים אָפּגעווישט די טרערן מיט אַן אַרבל. ס'האָט זיך דאָך אַ ריר געטאָן די ערשטע אָפּטיילונג אין דער פאַבריק... זיין ליבלעכע אָפּטיילונג...

אין דעם מאָמענט האָט אים וואַיטשיצקי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַן אָרבל און צוריקגעצויגן אויף די שטיגלעך.

— חברים! — האָט ער איבערגעשריגן דאָס געקלאַפּעריי פון די האַמערס. — פּלעווע האָט העכער צען יאָר געאַרבעט אין דער דאָזיקער קוזניע און איז געווען אַ גוטער פּאַכמאַן. נאָר ווען ער האָט פאַרלוירן ביי דער אַרבעט אַ פינגער, האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ וועכטער. אָבער מיר וועלן אים איצט מאַכן פאַר אַ מייסטער!...

די האַמערס זיינען שטיל געוואָרן, ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל.

— בראַוואָ! פּלעווע!

— זאָל לעבן דער מייסטער!

— זאָל לעבן דער דירעקטאָר וואַיטשיצקי!

ס׳האָבן זיי ביידן אַרומגעכאַפּט אָן אַ שיעור הענט, אַריינגעצויגן אין געדראַנג און דערנאָך אַ וואָרף געטאָן הויך איבער די קעפּ איינמאָל, אַ צווייט מאָל, אַ צענט מאָל...

פאַרוואָס האָבן די אַרבעטער מיט אַזאַ התפּעלות אויפגענומען פּלעוועס דעם מייסטער?

קודם־כל דערפאַר, וואָס זיי זיינען בכלל משוגע געוואָרן פון פרייד. די מלחמה האָט זיך געענדיקט, דאָ ווידער האָט פאַר זייערע אויגן אַ שלאָג געטאָן די ביז איצט טויטע אָפּטיילונג פון דער צעשטערטער פאַבריק מיט אַ לעבעדיקן פּולס. אין אַזאַ מאָמענט וואָלטן זיי אונטער־געוואָרפן אין דער הייך יעדן איינעם, וואָס וואָלט זיך אונטערגערוקט אונטער דער האַנט.

אחוץ דעם האָבן פּלעווען, אַפילו ווי אַ וועכטער, אַלע ליב געהאַט און אים געאַכטעט, און זעלטן האָט אים אַן אַרבעטער טראַקטירט פון אויבן אַראָפּ אָדער חסדיק. וועגן זיין ווערט ווי אַ פּאַכמאַן האָבן טייל געוווסט פון לאַנג, אַנדערע האָבן זיך איבערצייגט ביים רעמאָנטירן די אָפּטיילונג. און וואָס ס׳איז דער עיקר — פּלעווע האָט ביז היינט נישט געהאַט קיין שונאים, ווייל נישט זיין באַציונג צו די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט פאַרקערט, און נישט זיין פּאָסטן האָבן נישט געגעבן דערצו קיין סיבות.

ס׳איז פונדעסטוועגן שווער צו פאַרלאַנגען, אַז דער ענטוזיאַזם פון אַזאַ מאָמענט זאָל זיך פאַרציען אויף אַ לאַנגער צייט. דאָס דאָזיקע האָט פּלעווע נישט פאַרשטאַנען. די אויסרופן, די אויסדרוקן פון גינציקייט, די גראַטולאַציעס האָט ער אויפגענומען איינגאַנצן אויפריכטיק, מיט דער גאַנצער פּשטות פון זיין ערנסטער נשמה, און זיך אָן אַ שיר געפרייט, וואָס אַלץ האָט זיך אַזוי גוט איינגעשטעלט. ווייל אויב ער האָט ווען

ס׳איז געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן מאָמענט, האָט ער זיך גיכער געריכט אויף ברוגזן, גרימאַסן, און אַפילו אומאַנגענעמלעכקייטן. און דאָ איז עס גאָר אַוועק אַזוי גלאַטיק...

ער האָט זיך געשמאָלצן אין אַבסאָליוטער גליקזעליקייט, ווייל ער האָט נישט גענומען אין באַטראַכט דאָס, אַז אַלע זיינען געווען דערפרייט שיר נישט פונקט ווי ער, ווייל ער האָט געזען די מאַסע, און נישט קיין באַזונדערע מענטשן. און דאָס האָט זיך געדאַרפט אין אים שפעטער נוקם זיין.

איצט האָט ער געטראַכט בלויז וועגן איין זאַך — ער זאָל מיט זיין פרייד ווי צומשנעלסטן זיך טיילן מיטן ווייב.

ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ יום־טובדיקער, אַ שטראַלנדיקער, אַ פייערלעכער און אַ חשיבותדיקער. היינט האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרבייגיין דעם ווייבס אויפמערקזאַמקייט. און ער האָט שוין נישט געוואָלט, ס׳זאָל פאַרבייגיין. פאַרקערט — ער האָט געוואָלט, ס׳זאָל זיך איר וואַרפן אין די אויגן תיכף, ווייל אַנדערש וואָלט די אַזוי לאַנג דערוואַרטע רגע אָנגעווירן אַ סך פון איר ווערט.

און ס׳איז געשען אַזוי, ווי ער האָט זיך דאָס געווונטשן. ווי נאָר זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, דאָס ווייב, האָט זי גלייך אויסגעגלאָצט די אויגן. האָט אים פאַראינטריגירט באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, איין מאָל און אַ צווייט מאָל.

— וואָס ביסטו עפּעס אַזאַ... פּאַווע?

— וואָס איז דאָס ווידער? אַ פּאַווע?...— האָט ער אַ שפּריץ געטאָן מיט אַן עכט פריי געלעכטער.

— אַהאַ... ווי אַ פּאַווע, — האָט זי אויפגעקלערט מיט פריילעכער עקשנות, זיך לייכט אָנשטעקנדיק מיט זיין אויפגעפּוישטער פרייד.

ער האָט זיך אָנגעבלאָזן גראַטעסקאַרטיק.

— קיין שום פּאַווע נישט, נאָר אַ מייסטער.

— וואָס פאַראַ אַ מייסטער?

— איך...— האָט ער זיך טעאַטראַליש געשטאָכן מיט אַ פינגער אין ברוסט. — איך בין אַ מייסטער.

זי איז שטיין־געבליבן ווי אַ גולם. פון אירע אויגן האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ גאָר־אומגעהויערע פרייד, אָבער מאָמענטאַל איז די פרייד פאַרטונקלט געוואָרן מחמת אומגלויבן.

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן פּלוידערסטו דו?

— קיין שום נאַרישקייטן נישט.

— אַ מייסטער? — האָט זי מיט מי אַראָפּגעשלונגען די סלינע.

— אַ מייסטער.

— דו?

— איך.

— ווו?

— אין קוזניע. ווו דען אַנדערש?

זי האָט פאַרמאַטערט אַ פּאַל געטאָן אויף דעם נאָענטסטן שטול און מיט אַ שווערער באַוועגונג אָפּגעווישט פון שטערן דעם שווייס, וואָס איז גאָר אויף איר נישט אַרויס. זי האָט זיך נאָכאַמאָל אין אים איינגע־קוקט, לאַנג און אויפמערקזאַם, און עטלעכע מאָל אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרכישופטן בליק זיין קאָמפּאַקטע, יאָדערדיקע פיגור. מיט אומבאַ־מערקלעכן פאַרגעניגן האָט זי אויסגעפונען אַ סך נייע פּרטים אין דער דאָזיקער פיגור און אין דאָזיקן פּנים, וואָס איז איר דאָך אַזוי אָן אַ שיעור באַקאַנט; פּרטים, וועלכע זי האָט ביז היינט נישט געזען — סיידן נאָך פאַר די צייטן פון דער יוגנט און פאַרליבטקייט. דאָס יום־טובדיקע מלבוש האָט אים עפּעס געקליידט ווי קיינמאָל נישט ביז היינט... די צוגעשוירענע וואָנסעס האָבן אויסגעזען גאָר לייטיש און אים נישט פאַר־עלטערט, נאָר ווי זיי וואָלטן אים גאָר פאַריונגערט. זיי האָבן זיך געפּאַסט צו די פאַררויטלטע באַקן און צעשמייכלטע, פון פרייד בליש־טשענדיקע אויגן. נו... פאַרוואָס עפּעס נישט?... צי וואָלט עס אים נישט געפּאַסט צו זיין אַ מייסטער? ניין... פונדעסטוועגן האָט זיך עס איר נישט געלייגט אויפן שכל.

— ניין... אויף אַן אמת, בלאַזשעק? טרייבסט נישט קיין לצנות?

— מיין טייערע... אַזוי וואָלט דאָס אויסגעזען לצנות? — האָט ער געפינקלט צון איר מיט די צעלאַכטע אויגן, מיטן גאַנצן צעלאַכטן אָנבליק.

ווי ליב זי איז אים געווען פאַר דעם דאָזיקן אומגלויבן. ווייל נעמלעך דאָס איז פאַר אים געווען די גאַנצע, גרויסע פרייד. ווען זי וואָלט זיך פּשוט אָנגעהויבן צו פרייען, שטאַרק זיך פרייען, וואָלט דעמלט דאָס גליק נישט געווען אַזוי גרויס. גליק איז גרויס ערשט דעמלט, ווען דער מענטש קאָן אין דעם נישט גלייבן. און דערפאַר טאַקע האָט ער אַזוי באַגערט, זי זאָל זיך נישט דערוויסן פון עמעצן אַנדערש, נאָר אַז ער אַליין זאָל איר ברענגען די דאָזיקע פרייד און זען איר אומגלויבן. און ס׳האָט זיך איינגעגעבן. אָט אָ זעט ער אין אירע אויגן אַנטציקונג, אָנערקענונג; דער שאָטן פון אומגלויבן, וואָס טרעט נאָך אַלץ נישט אָפּ, שטרייכט בלויז אונטער זייער בלישטש. די דאָזיקע אויגן ווייזן זיך אים ווידער אויס יונג ווי אַמאָל, אַז זיי קוקן ווידער

מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט ווי אַ מאָל. נאָר דאָס געמיינע קליידל האָט זיך נישט געפּאַסט צו דעם אַלעם. אויך די האָר זיינען פאַרקעמט אָט אַזוי זיך...

זי האָט נאָכאַמאָל טיף אָפּגעזיפצט, געמאַכט מיט די הענט עטלעכע אומבאַשטימטע, אינגאַנצן צוועקלאָזע באַוועגונגען.

— אויף אַן אמת, בלאַזשעק?... — האָט זי אַרויסגעבראַכט מיט אַ געדעמפּט שעפּטשען, אָבער שוין נישט מיט קיין טאָן פון אומגלויבן, נאָר גיכער צערטלעך.

— אויף אַן אמת, אויף אַן אמת, מאַדאַם מייסטערשע...

— זי האָט אים אַ שמייכל געטאָן גלייך אין די אויגן אַריין, צוחנדלענדיק.

ער האָט צוגערוקט צו זיך אַ שטול, זיך אַנידערגעזעצט אַזוי פּשוט, פריי און לייכט אָנגעשפּאַרט די הענט אויף איר אַקסל. אַ וואַרעמקייט אַזאַ איז זיך צעגאַנגען איבער איר לייב מחמת דער דאָזיקער באַרירונג... אַ סך נייס איז געווען אין דעם אַלעם. ער האָט איר דערציילט די אַלע פּאַסירונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע טעג. ער האָט איר דערמאָנט אָן פירהאַלט דעם פאַרדרוס, וואָס זי האָט געהאַט אויף אים פאַרן אָפּגעבן די מאַטאָרן, און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען ער וואָלט זי דעמלט געווען געהאָרכט, וואָלט ער אָן ספק געווען אָפּגעשטויסן דאָס דאָזיקע גליק, ווייל ווער וואָלט דאָרט געלייגט אַכט אויף אַ געוויינלעכן וועכטער. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ לייכט געצייכנט בילד פון די נייע צייטן, וואָס וועלן זיך פאַר זיי אָנהייבן פון דעם היינטיקן טאָג...

— גאָט ליבער... ווען אונדזער יוזעק וואָלט זיך נאָך דערצו אומגעקערט, און ס׳זאָל אמת זיין, אַז ער איז אַן אָפיציר... ווייל העניעקן וועט מען שוין קיינמאָל נישט... — זי האָט טיף אָפּגעזיפצט און אייליק אָפּגעווישט די טרערן פון — אומבאַוווּסט — פון גליק צי פון טרויער.

אָבער שוין אויף צומאָרגנס, ווען די דאָזיקע ערשטע התפּעלות איז פאַרביי און ס׳איז געבליבן נאָך איר אַדויערנדיק געפיל פון צופרידנקייט און אַ געוויסע חשיבות, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוזאַמען מיט אויפלויכטן גייען תמיד געפּאַרט שאָטנס. דעם מייסטערס ווייב קאָן דאָך נישט אַזוי אויסזען און אַזוי זיך קליידן, ווי מ׳האָט אויסגעזען, זיך בעקליידט אַלס דעם וועכטערס ווייב. דערין האָט די פלעוועכע נישט געהאַט קיין שום ספק. און די אויספירן דערפון זיינען געווען פּשוטע, אָבער איינפירן זיי אין לעבן איז געווען שווערער. ווייל דער מייסטערשע איז דאָך נישט אויסגעפאַלן צוזאַמען מיט דער חשיבות דאָס אַלץ, וואָס

דאַרף די דאָזיקע חשיבות באַגלייטן. אין קופּערט איז ווייטער געווען דאָס איינע געוויינלעך קליידל אויף יום-טוב און דאָס צווייטע אויף „איין מאָל אין אַ יובל". ווי פּאַר אַ מייסטערשע איז דאָס אומבאַדינגט צו ווייניק. און דערצו נאָך זיינען שוין ביידע לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. פונדעסטוועגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שפּיגל איז נישט בלויז אַ דעקאָראַטיווער קעגנשטאַנד, אַז ער ברענגט געוויסע נוצן ביים פּאַרקעמען די האָר, ביים באַטראַכטן דאָס פּנים, ביים אַרומוויקלען די שאַל אויפן קאָפּ... און ער האָט באַוויזן זי איבערצוצייגן, אַז זי איז לגמרי נישט אַזוי אַלט, ווי איר האָט זיך דאָס געדאַכט...

זי האָט בכלל אָנגעהויבן צו באַמערקן פאַרשיידענע זאַכן און דער-שיינונגען, וועלכע זי האָט פריער נישט באַמערקט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יום-טובדיקע פּאַנטאָפל זיינען שוין שרעקלעך אָפּגעטראָגן, אַז די זאָקן — צופיל פאַרצערעוועט... די קרומע שטולן ביים טיש, דאָס סקריפּענדיקע און אָפּגעריבענע בעט — דאָס אַלץ האָט איר איצט אָנגעהויבן צו אַרן און מאַטערן וואָס אַמאָל מער.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זי זיך וועגן דעם אַלעם אַראָפּגערעדט פאַרן מאַן, כדי זיך אַ ביסל לייכטער צו מאַכן. ווייל זי האָט דאָך געוווסט, אַז ער וועט קיין שום וווּנדער נישט באַוויזן, הגם ער איז געוואָרן אַ מייסטער. ער האָט אַ בלינצל געטאָן אויף איר מיט אַ בייזן בליק און אַ וואָרטשע געטאָן.

— זאָל זיך דיר נאָר נישט צופיל דער קאָפּ פאַרדרייען, אַז דו ביזט אַ גרויסע מאַדאַם מייסטערשע. ס'זיינען נישט יענע צייטן...

אָבער אין האַרץ האָט ער איר אָפּגעגעבן גערעכט. ער האָט זיך אפילו אַרויסגעכאַפּט וועגן דעם. נו וואָס? ס'איז שווער, אָבער אַנדערש קאָן נישט זיין תיכף נאָך דער מלחמה. דאָס מוז דאָך זיכער יעדער איינער פאַרשטיין.

איבעריקנס האָט ער נישט געהאַט קיין קאָפּ צו אַזעלכע שטותים, ווייל ער האָט צעקייעט און פאַרדייעט דעם געדאַנק וועגן די שווע-ריקייטן אין דעם אָנהייב-פּעריאָד פון זיין מאַכט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפון, אַז ער פאַרלירט צופיל צייט אויף פּרטים אין זיין אַרבעט, וואָס דאָס מוז אים ווילנדיק-נישט-ווילנדיק אָפּרייסן פון איר גאַנצן אומפאַנג. און דאָס האָט אים געערגערט. צופיל צייט האָט ער געפּטרט אויף אויפנעמען אין זיך און תופס זיין כמעט יעדע פאַראָרדע-נונג, צופיל האָט ער זיך געמוזט צוקוקן כמעט צו יעדער צייכענונג, ביז ס'האָט זיך אין זיין פאַרשטעלונג אויסגעפורעמט אַ קלאָר בילד דערפון,

וואָס די צייכענונג שטעלט מיט זיך פאָר, אָדער געגוויער—וואָס עס דאַרף לויט דער געגעבענער צייכענונג אויסגעפירט ווערן.

און ס'דאַרף זיין אַנדערש. ער דאַרף ווי אַ מייסטער אַלץ אויפ-כאַפּן מאָמענטאַל, יעדע צייכענונג-און די צייכנונגען זיינען דאָך נישט גע-ווען צופיל קאָמפּליצירט — דאַרף ער דערקאָנען אויפן ערשטן בליק, ווי מע דערקענט אַ מענטשן אויף אַ פאָטאָגראַפיע. אינעם ערשטן פעריאָד איז דאָס געווען באַזונדערס וויכטיק, ווייל ס'איז דאָך נאָך נישט געווען קיין שום ציקל-פּראָדוקציע, נאָר ס'זיינען בלויז צוגעמאַכט געוואָרן טיילן צו רעמאָנטירטע מאַשינען און איינריכטונגען.

אויב ס'האָט געטראָפן, אַז אַ האַמער האָט געמוזט וואַרטן אויף אַרבעט כאָטש בלויז עטלעכע מינוט, אַז ער האָט קיין אַרבעט נישט געקאָנט געבן, ווייל ער האָט נאָך נישט באַנומען די צייכענונג — האָט דאָס אים דערפירט כמעט צון אַ חולאת. ווייל אַזעלכע צופאַלן האָבן דאָך נישט בלויז געהאַמעוועט דאָס אַפּבויען די פאַבריק, נאָר אויך געשטעלט אין געפאַר זיין מייסטערישע אויטאָריטעט. און ער האָט נישט געקאָנט דער-לאַנגען דעם אויספירער אַן אַרבעט, וואָס ער גופא האָט נישט פאַרשטאַ-נען. ווייל טאָמער וועט דער אויספירער קומען מיט אַ פראַגע וועגן עפּעס אַן איינצלהייט...

ווען ס'האָבן זיך אָנגעזאַמלט מערערע צייכנונגען, איז ער געבליבן אין קאָנטאָר ביז אויפדערנאַכט און זיך אין זיי פונאַנדערגעקליבן.

דערפאַר האָט ער זיך נאָכהער אין דעם האַל צווישן די האַמערס געפילט ווי אין זיין אייגענער סטיכיע. דאָ זיינען שוין פאַר אים נישט געווען קיין שום רעטענישן. איין וואָרף מיטן אויג אויף דער צייכנונג, וואָס הענגט לעבן האַמער, און אויפן שטיקל אייזן, וואָס דאָ ווערט באַאַרבעט אויף דער קאָוואַדלע, איז פאַר אים גענוג געווען אויף זיך צו אָריענטירן — וואָס דאָ ווערט געמאַכט, צי ווערט עס געמאַכט ריכ-טיק, ווי מען דאַרף מאַכן, כדי עס שנעל און גוט אַרויסצוגעדיקן.

אָבער אויך דאָ זיינען געווען געוויסע אָבערס — און דערצו זייער ערנסטע.

פלעגט האָט זיך כמעט פון סאַמע אָנהייב אָנגעשטויסן מיט ביטע-רער אַנטוישונג אויף אַ געוויסן ווידערווילן מצד אייניקע אַרבעטער. ער האָט אפשר באַמערקט אַפּילו עפּעס מער — שלעכט פאַרמאַסקירטע חוצפּה, פאַרבאָרגענע בייזוויליקייט, אָבער וועגן אַזעלכע דערשיינונגען האָט ער זיך נישט געוואָלט מודה זיין אַפילו פאַר זיך אַליין. ער האָט פשוט געוואָלט באַהאַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד, ווייל ער, איז נישט געווען אימשטאַנד זיך צו דערקלערן פונוואַנען דאָס נעמט זיך ביי די מענטשן.

ער האָט קיינעם מיט גאָרנישט פאַרטשעפּעט, זיך באמת צו זיין העפ־לעך און באַהילפיק. ער האָט פון אַלעמען גלייך געפאָדערט און צו אַלע געווען גלייך יושרדיק, הגם נישט אַלע האָבן זיך אויף דעם גלייך פאַר־דינט. און מיט דער צייט האָט ער זיך וואָס אַמאָל אַלץ טיפער איבער־געצייגט, אַז זיין דאָזיקע האַנדלונג ברענגט נישט די דערוואַרטעטע רע־זולטאַטן. פאַרקערט — אַז דאָס גיט דווקא אומגעוווּנטשענע רעזולטאַטן, ווייל דאָס מאַכט וואָס אַמאָל מער חוצפּהדיקער די חוצפּהניקעס. נישט איינמאָל האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ מורא, אַז אין דער אָפּטיילונג קאָן קומען צון עפּעס גרילצן, און דאָס וואָלט אים געווען זייער נישט אויף דער האַנט, ווייל אַרומרייסן זיך מיט מענטשן האָט ער נישט ליב געהאַט, און נישט געקאָנט.

ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם, ווי אַזוי צו פאַרלויפן דעם וועג אַזעלכע נישט געוווּנטשענע שטרעמונגען, באַשלאָסן צו זיין שאַרפער און האַרטער — אָבער אין דער פּראַקטיק איז ער נישט געווען ביכולת דאָס אויסצופירן.

און די געפאַר פון קאָנפליקטן איז וואָס אַמאָל מער אָנגעוואַקסן.

XII

צווישן די חוצפּהדיקע איז דער ערשטער געווען ניעדזיעלע. אַ פעיקער אַרבעטער און אַ גוטער פאַכמאַן, אָבער פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ נישטגוטער. ער איז געווען אַ היציקער, אַ חוצפּהדיקער. האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט, נישט צו דערגיין די יאָרן דעם מייסטער מיט עפּעס אַ שטאָך־ווערטל, צי כאָטש מיט אַ גרינגשעצנ־דיקן זשעסט. פלעווע האָט לאַנג נאָכגעטראַכט, וואָס עס קאָן זיין די סיבה פון דער דאָזיקער באַציונג מצד ניעדזיעלען צון אים, און וואָס אַמאָל מער נוטה געווען צו טראַכטן, ווי מענטשן האָבן געזאָגט — אַז ניעדזיעלען קרענקט דאָס, וואָס נישט ער איז געוואָרן מייסטער.

ענדלעך איז דאָס דערגאַנגען צון אַזאַ צושטאַנד, אַז מ׳האָט געמוזט אויפקלערן די לאַגע און אָדער געווינען אַן אַנטשיידנדיק איבער־געוויכט איבער אים, אָדער... זיך אונטערגעבן...

פלעווע האָט אים אַרויסגערופן אין קאָנטאָר, צו געבן אים אויסצו־שמידן אַ שיבער פאַר דעם גרויסן מאָקער־וואַרשטאַט, וואָס מ׳האָט רע־מאָנטירט אין אַ שנעלן טעמפּ. ער האָט דאָס אומיסטן געטאָן „מיט שי־

קאַנעס", וועלנדיק שטעלן דעם קעגנער אין אַ וואָס ערגערער פּאָזיציע, ווייל נישט געקוקט אויף זיין אינערלעכן פאַרשטייפן זיך, האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער טרעמע פאַרן דאָזיקן קעגנער. ער האָט געקענט יענעמס אומגעצוימטע חוצפה, און דאָס האָט אים אָפּגעשראָקן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ער גופא וועט זיך צון אַזאַ חוצפה נישט דערשלאָגן.

ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שוין גוט דורכשטודירטע צייכנונג און געוואַרט, שווערלעך באַהערשנדיק דעם אומרו. ער האָט געוואָלט אַנהייבן פון אַ שמועס וועגן דער צייכנונג, און שפּעטער איבערגיין צום עצם ענין.

ניעדזיעלע איז אַריינגעקומען אַן אָנגעבלאָזענער, קוקנדיק פון אונטערן שטערן. ער האָט זיך אָן אַ וואָרט דערנענטערט צום טיש און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים מיטן עלנבויגן, אויסדריקנדיק פולשטענדיקע גרינגשעצונג מיט דער גאַנצער פיגור, די באַוועגונגען און דעם בליק.

פּלעווע האָט זיך באַהערשט און אים געוויזן די צייכנונג.

— מע דאַרף מאַכן אַזאַ שטיקל אַרבעט... נאָר באַמיט זיך, הער ניעדזיעלע, וואָס וויניקער איבערצולאָזן פאַר דער פרעז·מאַשין, מע זאָל זיך נישט מוזן דערמיט לאַנג עסקן. דאָס... — ער האָט אָנגעטיילט מיט אַ פינגער אויף דער צייכנונג, כדי צו ווייזן עפּעס אַ פרט, אָבער אין דעם מאָמענט האָט ניעדזיעלע גראָב אַרויסגעריסן ביי אים די צייכנונג. — מע דאַרף נישט לערנען, הער מייסטער. נישט יעדערער איז געווען אַ וועכטער.

ער איז שנעל געגאַנגען צו דער טיר, פון דער שוועל אַ וואָרף געטאָן דעם מייסטער אַ פאַראַכטנדיקן בליק און אַרויסגעגאַנגען.

דעם רויקן פּלעווען האָט עס אונטערגעטראָגן. צומגערנסטן וואָלט ער אַרויסגעשפּרונגען נאָך אים, געכאַפּט פאַרן גאַרגל און גענומען שטיקן. אָבער דאָס האָט מען נישט געטאָרט... און צוממיינסטן האָט אים נעמלעך געפּייניקט די אוממעגלעכקייט פון רעאַגירן מיט מעשים, פון אויסלאָדענען דעם האַסטיק אויפגעגאַנגענעם ווילדן כעס און ווייטיק. דער אומבאַהאָלפענער גרימצאָרן האָט דורך עפּעס אַ האַסטיקער ווענדונג זיך פאַרוואַנדלט אין האַס צו זיך גופא. צו וואָס, צום טייוול, איז אים נייטיק געווען זיך שטופּן צו ווערן פון אַ וועכטער אַ מייסטער? ביזן סאַמע טויט וועלן עס אים דאָך פאַרוואַרפן אַזעלכע לומפּן ווי ניעדזיעלע... אַז דאָס לעבן וועט אַזוי נמאס ווערן. צי איז נישט בעסער צו גיין גלייך צו וואַטשיצקין און זאָגן — כ׳וויל נישט!... לאָזט מיך צורו...

— אַ שוטה...

פלצווע האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג, פונוואַנען ס'איז דערגאַנגען צו אים דער דאָזיקער געדעמפּטער אויסרוף. אין ווינקל איז אויף אַ קעסטל געזעסן דאָס ייִנגל פון קאָנטאָר, דער ספּריטנער פּעלעק. ער איז אינגאַנצן געווען צעפּלאָמט, זיינע אויגן האָבן געבלישטשעט, דעם קאָפּ האָט ער קריגעריש אַרויסגעשטעקט פאָרויס, ווי ער וואָלט זיך אין אַ רגע אַרום געדאַרפט וואַרפן אויף עמעצן מיט די פויסטן און די ציין.

— ווער איז אַ שוטה? — האָט פלצווע היציק אַ פרעג געטאָן.

— דער דאָזיקער ניעדזיעלע... אַ כאַם, אַ צעבונטעוועטער...

פלצווע האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע צעפלאַקערטע אויגן, אויף די בייזע פאַרקלעמטע בליקן, און דער כעס האָט זיך אויסגעלופטערט פון אים, ווי די דושנעקייט פון אַ שטוב נאָכן עפענען די פענצטער. די פאַרביסנקייט פון דעם ייִנגל, וואָס ער האָט אים שוין באַוויזן ליב צו קריגן פאַר זיין ספּריט און געוויסנהאַפטיקייט, איז אין דער עמפינדלעכ־קייט פון דעם תמימותדיקן פלצווע אויסגעוואַקסן צו דער גרייס פון אַ קעגנגעוויכט צו אַלערליי שווערקייטן און דאגות מיט די ניעדזיעלעס. דאָס דאָזיקע ייִנגל האָט מיט זיין אויסרוף, ווי מיט אַ דרייסטן זעץ, צעקלאַפּט אין אים דאָס געפיל פון ביטערער איינזאַמקייט, וואָס האָט געוועקט צאָרן און פאַרצווייפלונג. ער איז אויסגעוואָקסן אין זיינע אויגן צו אַ גיגאַנטישן פאַרבינדעטן, וועלכער איז גרייט אַלע זיינע כּוחות אַוועקצוגעבן פאַרן געמיינזאַמען נצחון.

אָבער באַלד האָבן גענומען אויפקומען געדאַנקען. פלצווע האָט איילִיק פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און, געדיכט רייכערנדיק, גענומען מיט אַן אימפּעטיקן, שווערן טראָט מעסטן דעם קאָנטאָר.

וואָס פאַר אַ נחת קאָן זיין פון אַזאַ פאַרבינדעטן? צי ער וועט עס אויפהייבן דעם מייסטערס אויטאָריטעט, גובר זיין דאָס, וואָס דער מייסטער אַליין קאָן נישט גובר זיין? זאָל ער זיך שטעלן אים פאַרטיי־דיקן, וועט אַזאַ ניעדזיעלע אַ הויקע טאָן אויף אים, אַדורכטרייבן און מיט דעם וועט זיך ענדיקן. איבריקנס... ס'וואָלט געווען לעכערלעך צו זוכן אונטערשטיצונג ביי פּעלעקן... און וויפל אַזעלכע ניעדזיעלעס זיינען פאַראַן אין דער אָפּטיילונג? און וויפל נישט ניעדזיעלעס?... ווער איז פאַר אים, און ווער קעגן? ווער קאָן זיין מיט אים, און ווער וועט קיינמאָל נישט זיין? וויפל פּעלעקס זיינען פאַראַן אין דער אָפּטיילונג?...

נאָך די דאָזיקע האַרבע פראַגן האָט ער כמעט פיזיש אָפּגעפילט אַ פיינלעכע, שווערע פוסטקייט אַרום זיך. ער האָט זיך גופא נישט געקאָנט אויפקלערן, פונוואַנען דאָס האָט זיך גענומען. ווען ער איז

געווען וועכטער, האָט ער דאָך געוווּסט אַלץ, נישט בלויז וועגן יעדן אַרבעטער און באַאַמטן אין דער אָפּטיילונג, נאָר אַפילו וועגן זייערע ווייבער, וועגן די פאַמיליעס. ער האָט געוווּסט, ווער עס טרינקט, ווער עס טרינקט נישט, ווער וואָס פאַר אַ דאגות עס האָט — שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אַרבעט גופא און די ענינים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פאַבריק. און היינט, וואָס ווייסט ער וועגן זיינע אַרבעטער פון דער אָפּטיילונג?

ניין, אַזוי קאָן נישט זיין... ער האָט פאַרשטאַנען מיט פיינלעכער קלאָרקייט, אַז ער מוז מיט אַלע רמח-אברים שטעקן אין דער אָפּטיילונג, ער מוז וויסן מיט וואָס די אָפּטיילונג לעבט, מיט וואָס זי אָטעמט. וואָס עס שפּירט זיך אין איר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן דעם איז יעדער אָנפירער בוכשטעבלעך בלינד און טויב, בלאָנדזשעט אַרום אין אַ פוסטקייט, האַנדלט טאַפּנדיק אַ וואַנט. ער איז דער אַרבעטס-פונאַנדערטיילער, דער ראַטגעבער אין דער אַרבעט, דער קאָנטראָליאָר פון דער אַרבעט — איז אָבער נישט דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג. און די אַרבעט פירן דאָך אויס לעבעדיקע מענטשן — אַזעלכע ווי ניעדזיעלע און נישט אַזעלכע ווי ניעדזיעלע...

יאָ... פאַרוואָס האָט ער פריער ניט וועגן דעם קיין טראַכט געטאָן. און פאַר דער מלחמה האָט ער דאָך געוווּסט ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן.

יעדער מייסטער האָט זיך געהאַט עטלעכע זיינע צוטראָגערס, וואָס ער זיי האָט געגעבן אַ לייכטערע און מער איינטרעגלעכערע אַרבעט, און זיי האָבן אים דערפאַר צוגעטראָגן וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט אין דער אָפּטיילונג. און דעמלט איז דער מייסטער געווען קלוג, האָט געוווּסט וואָס אין טאָפּ קאָכט זיך. האָט געוווּסט וועמען ער דאַרף גלעטן און וועמען שלאָגן.

פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסן? ער איז דאָך אויך דער אייגענער מייסטער... און איינער קאָן נישט האָבן הונדערט פאַר אויגן און הונדערט פאַר אויערן, כדי אַלץ צו זען און אומעטום הערן.

ער האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו באַראָטן זיך, איידער ער נעמט אונטער וועלכע ס'איז שריט, מיט וואָיטשיצקין, און דאָס, נישט אָפּשלעפּנדיק, ווייל דער דאָזיקער ענין, וועלכער איז אויסגעוואַקסן פאַר אים אַזוי פּלוצלינג, האָט אים צו שטאַרק געבריט.

— פעלעק! אויב עמעצער וועט זיך פרעגן, זאָלסטו זאָגן, אַז כ'וועל באַלד קומען — האָט ער קורץ צוגעוואָרפן דעם יינגל, ווייל ס'איז קיין אַנדערער נישט געווען אין דעם מאָמענט אין קאָנטאָר, האָט געכאַפּט דאָס היטל און אַרויסגעגאַנגען.

פּעלעק איז אַראָפּגעשפּרונגען פון קאַסטן און זיך געריבן די הענט.

— אָט אַזוי! אַזוי! דער מייסטער וועט זיך פאַרקלאָגן, און ניעדזיעלע וועט פון שבת אָן פליען פון דער אַרבעט!...

פּלעווע האָט עס שוין נישט געהערט; ער וואָלט אָן ספק זיך געווען דערפרייט, וואָס זיין פאַרבינדעטער איז אַזוי פאַרביסן און באַגערט אַזוי פּטור צו ווערן דעם געמיינזאַמען שונא. דאַקעגן האָט ער באַמערקט, אַז אַרום ניעדזיעלעס האַמער האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע אַרבעטער, פאַר וועלכע ניעדזיעלע דרשנט עפּעס, מאַכנדיק מיט די הענט. דאָס דאָזיקע בילד האָט ווידער דערוועקט אין אים פּיין, כּעס און פאַרביטערונג. נאָר דאָס מאָל האָט די פּערספּעקטיוו פון זיין גלענצנדיקן — ווי אים האָט זיך געדאַכט — איינפאַל, באַדייטנדיק געלינדערט די דאָזיקע געפילן.

ווען ער האָט זיך געפונען אין קאָרידאָר פון דער דירעקציע, האָט אים פאַרכאַפּט אַ פולשטענדיק ניי געפיל. אומגעוויינלעך לעבעדיק האָט זיך אים דערמאָנט ווי ער האָט זיך געפילט אַמאָל, ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו געפינען זיך אין דאָזיקן קאָרידאָר — וואָס ס'האָט זיך איבעריקנס געטראָפן זייער זעלטן. אַמאָל האָט אים דאָ געמאַכט ציטערן יעדע שוועל, וואָס ער האָט געדאַרפט אריבערטרעטן, ס'האָט אים געשראָקן יעדע טיר, ווייל ס'איז נישט באַוווסט געווען, וואָס הינטער איר באַהאַלט זיך. ער האָט מורא געהאַט זיך אָנצורירן עמעצן, ווייל די אַלע וואָס ער האָט דאָ באַגעגנט, אויב זיי זיינען נאָר נישט שמוציקע און פאַראייליצט, האָט ער געהאַלטן פאַר הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן. ער איז דאָך אַהערגעקומען הויפּטזעכלעך אין ענינים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צון אים און זיינען געווייינלעך געווען אומאָנגענעם.

און אָט איצטער קומט ער באַרירן פּראָבלעמען פון אַרבעט, פאַבריקס-פּראָבלעמען. ער ווייסט וווהין און נאָך וואָס ער דאַרף זיך ווענדן. ער איז געקומען אַליין, פון קיינעם נישט אַרויסגערופן. ער פילט זיך כמעט ווי ביי זיך אין דער היים, ווי אויפן אייגענעם מיסט.

דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר צו וואָיטשיצקין זייער דרייסט. צום גליק איז דער דירעקטאָר געווען אַליין.

פּלעווע האָט גלייך און אָפן דערציילט וועגן דעם גאַנצן אינצידענט מיט ניעדזיעלען, בעת וועלכן ס'האָט זיך פון זיין שטים אַרויסגעהערט אַ טאָן פון פאַרביטערונג, טענה און באַליידיקטער מייסטערישער חשיבות.

— נו איז וואָס? — האָט זיך וואָיטשיצקי צעלאַכט.

— וואָס הייסט... וואָס? — האָט זיך פּלעווע פאַרהיקעט מיט ביטערער שטוינונג.

— אַז ער האָט אייך דערמאָנט וועגן דעם וואָרטעווען, איז וואָס? איר ווייסט דאָך אויך וועגן דעם און איך ווייס, און אַלע ווייסן, אַז איר זענט נישט געווען קיין כראַביע, נאָר אַ וועכטער.

— אָבער... אָבער... — האָט פּלעווע נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַזאַ באַציונג צום ענין, הגם ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער האָט צו ענטפערן. ער איז פּשוט געווען איבערראַשט און געטראָפן דערפון, וואָס וואָיטשיצקי האָט אַזוי לייכט טראַקטירט דעם וויכטיקן ענין. ער האָט זיך דערשראָקן, אַז איצט וועט ער שוין אין ערגעץ נישט געפינען קיין פאַרשטענדעניש און רעטונג.

— אָבער וואָס?

— אָבער ער טאָר נישט אַזוי, ווייל אַז מע זאָל אים לאָזן, איז... האָ! האָ!

— יאָ, ער טאָר נישט. און מע דאַרף אים דאָס זאָגן, אָבער איר דאַרפט זיך נישט באַליידיקן. נו וואָס? איך בין אויך געווען אַ שווייסער, און היינט בין איך דער אַדמיניסטראַציע־דירעקטאָר פון דער פאַבריק, און כ׳האָב גאָרנישט בדעה זיך צו באַליידיקן, אויב עמעצער וואָלט מיר עפּעס געזאָגט אויף דער דאָזיקער טעמע. און אונדזער פּרעזידענט, האָ? איז געווען אַ זעצער, און היינט איז ער דער קאָפּ פון דער מלוכה.

— און ווער איז דאָס אַזוינס אַ זעצער? כ׳האָב נישט געהערט...

— דאָס איז אַזעלכער, וואָס שטעלט צונויף אין דער דרוקערײ די אותיות.

— אַזוי?

— אַזוי. ס׳איז נישט קיין קונץ צו זיין אַ ליאַדע וועלכער מייסטער, אויב מ׳האָט דיר העכער אַ צענדליק יאָר אין די שולן אַריינגעשטאָפּט אין קאָפּ. אַ קונץ איז אַרויפצודראַפּען זיך מיט די אייגענע נעגל... און דערמיט איז נישטאָ וואָס זיך צו שעמען. מע קאָן בלויז שטאָלץ זיין.

פּלעווען איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון הארץ, אָבער קיין פול־שטענדיקע דערלייכטערונג האָט ער נישט דערפילט. וואָרן ווען אַזאַ ניעדזיעלע וואָלט געקומען צו אים, אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט: — נו, ברודערל, ביסט אַ כוואַט. ביסט געווען אַ וועכטער און היינט ביזטו אַ מייסטער... מ׳האָט זיך דערקענט אויף דיר...–דאָס וואָלט געווען אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. אָבער אַזוי... ניין, דאָ איז עפּעס נישט אין אָרדנונג. דאָס קאָן מען אַזוי נישט איבערלאָזן. מען דאַרף וויסן מיט וואָס די ניעדזיעלעס שמעקן. און דערצו איז פאַראַן נאָר איין וועג — האָבן אין דער אָפּטיילונג אייגענע מענטשן.

ער האָט נישט נאָכגעגעבן. האָט וואָיטשיצקין פאָרגעשטעלט זיין פּלאַן. וואָיטשיצקי האָט אין אָנהויב געהערט מיט פאַראינטערעסירונג,

בער ווען ס׳איז צוגעקומען צום עצם ענין, האָט ער גענומען דרייען מיטן קאָפּ פון אַקסל ביז אַקסל און מילד שמייכלען.

— ניין, ליבער פּלעווע, ניין! ניין! ניין! — האָט ער אים קאַטע־גאָריש איבערגעריסן. — דאָס זיינען געווען בורזשואַזע מעטאָדן, שמוציקע מעטאָדן, מיט וועלכע מיר דאַרפן זיך מיאוסן און וועלכע מיר באַקעמפן מיט אַלע כוחות. דאָס האָט אויסגעקרומט מענטשלעכע נשמות, און מיר מוזן היינט פאַר די דאָזיקע נשמות קעמפן, זיי אויסגלייכן. אַזאַ איינער, וועט היינט זיך אייך פאַרקויפן, ווייל איר זענט די מאַכט, מאָרגן וועט קומען צון אים דער טייוול, וועט ער זיך דעם טייוול פאַרקויפן, ווייל ער האָט זיך אויסגעלערנט דינען פאַר אָפּפאַל. אַחוץ דעם וועט אַזאַ איי־נער, אויב ער וועט גאָרנישט דערזען און גאָרנישט דערהערן, אויסזייגן פון פינגער, אַבי נאָר ביי אייך נושא־חן צו זיין. איז וואָס־זשע פאַר אַ נוצן וועלן מיר האָבן דערפון? ניין, פּלעווע, אונדז זיינען נישט נייטיק אַזעלכע מענטשן, און מיר טאָרן זיי נישט אַזוי דערציען. אונדז זיינען היינט נייטיק מענטשן מיט פעסטע פּרינציפּן, מענטשן, וועלכע זאָלן זיך אַליין היטן אין דער אַרבעט און אין טאָג־טעגלעכן לעבן, וועלכע זאָלן זיך אַליין פאַרהאַלטן די פעלערן, זאָלן זאָגן זיך און אייך אין די אויגן אַריין, וואָס ס׳איז גוט און וואָס שלעכט.

פּלעווע איז רויקער געוואָרן, ער האָט זיך דערמאָנט יענעם שמועס מיט וואָיטשיצקין, בעת וועלכן ער האָט טאַקע גערעדט וועגן אַרויסזאָגן זיך אַלץ אין די אויגן אַריין. הייסט עס בכן, אַז ס׳איז שלעכט געווען זיין פּלאַן, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף אַלטע מוסטערן...

וואָיטשיצקי, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן זיינע געדאַנקען:

— איר געדענקט, פּלעווע, וואָס איר אַליין האָט געזאָגט וועגן אָפנהאַרציקייט?

— כ׳געדענק... — האָט ער זיך מודה געווען אין פאַרלעגנהייט מיט חרטה.

— נו זעט איר שוין...

— אָבער... צי וועלן דען אַלע זאָגן?... — האָט ער זיך געוואָלט צוריקציען מיט דער קלענסטער קאָמפּראָמיטאַציע.

— זיי וועלן זאָגן, זיי וועלן זאָגן, פּלעווע. אַלץ, וואָס זיי האָבן אויפן האַרץ, וועלן זיי אַרויסלייגן. נאָר מע דאַרף נישט וואַרטן, ביז זיי וועלן אַליין דערמיט קומען. מע דאַרף מיט די מענטשן לעבן, פאַרברענ־גען, זיך דערנענטערן. נישט שרעקן זיך פאַר דעם, וואָס די מענטשן באַקלאָגן זיך, וואָס זיי זידלען. די מענטשן איז שווער, און מע דאַרף זיי העלפן.

— און וואָס וועל איך זיי העלפן?

— א סך וועט איר זיי העלפן, פּלעווע. איר וועט זיי העלפן, און זיי וועלן אייך העלפן. נאָר זוכט אַזעלכע, וואָס וועלן אייך וועגן אַלץ זאָגן נישט צוליב דעם, כדי אייך געפעלן צו ווערן, כדי צו געווינען אייער חסד, נאָר דערפאַר וואָס זיי טוט וויי דאָס זעלבע, וואָס אייך טוט וויי, און גלייך ווי אייך. מענטשן, וועלכע פילן זיך מיטבאַלעבאַטים פון דער אָפּטיילונג און וויטיקן איבער אירע ענינים.

— אָבער ווו זוכט מען אַזעלכע?... — האָט דער מייסטער אומבאַ-האָלפן געזיפצט.

— ארום זיך, פּלעווע. זאָגט מיר, וויפל מאָל האָט איר געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג פון דער אָפּטיילונג, אַזאַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער איר וואָלט אַ שמועס געטאָן מיט די מענטשן וועגן אַלץ?

— אַזאַ פאַרזאַמלונג?... קיין איין מאָל נישט...

— און וויפל מאָל האָט איר גערופן דעם אָדער יענעם אַרבעטער, צו ריידן מיט אים נישט בלויז וועגן דער אַרבעט, נאָר אויך וועגן זיין משפחה, וועגן זיין מאָגן-קראַנקהייט, וועגן זיינע צעריסענע שיך?

— ס'איז דען דאָ צייט?... — האָט ער געהויבן די אַקסל.

— ס'איז פאַראַן צייט, פּלעווע, זי וועט זיך אויף זיכער געפינען, מע דאַרף זי קענען זוכן.

פּלעווע איז אַרויסגעגאַנגען פון וואָיטשיצקין מיט אַ שווערן קאָפּ, ווי אַ שטיין.

... דאָס דאַכט זיך בלויז אַזוי, אַז אַלץ איז אַזוי פּשוט. מאַך פאַר-זאַמלונגען, רוף אַרויס אַרבעטער, איז וועלן זיי באַלד זאָגן — אָהאָ! וואָס פאַר א גרויסהאַלטער ער איז געוואָרן, ווי ער האָט זיך עס אָנגעהויבן גרויס צו האַלטן, ווי נאָר ער איז איבערגעקראָכן פון דער בודקע אין קאָנטאָר...

XIII

פאַר שעף פון דער אָפּטיילונג פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן איז אָנגענומען געוואָרן יענער „אָשוויענטשימער" פּאַטשינסקי. נאָך דעם ווי דער לאַגער איז באַפרייט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, און ער האָט באַקומען אַן אַנטשפּרעכנדיקן דאָקומענט און די פרייהייט, אין וועלכער ער האָט צוזאַמען מיט זיינע מיט-חברים שוין טויזנט מאָל גע-צווייפלט, האָט ער מיט די לעצטע אויפסניי צוריקגעווינענע כוחות זיך

געלאָזט צו זיין געבוירן-שטאָט — קיין וואַרשע. אָבער אויפן וועג האָט ער געמוזט אָנהייבן גלייבן אין דעם, אין וואָס ער האָט ביז איצט בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן — אַז קיין וואַרשע איז אייגנטלעך נישטאָ. אויפן וועג האָט ער זיך אויך דערוווּסט, פון קוועלן, וואָס לאָזן נישט איבער קיין שום ספקות, אַז זיין ווייב און טעכטערל לעבן נישט. צו וואָס-זשע ווידער האָט ער געהאַט זיך אומצוקערן צו אַזאַ וואַרשע, וואָס האָט פאַר אים איצט געקאָנט זיין בלויז די וואַנט פון טרערן...

אָנטרעפנדיק זיך אויפן וועג אויף פּלאַקאַטן, וואָס רופן אַלע פאַכ-מענער צו מעלדן זיך צו דער אַרבעט אין דער זיך אָפּבויענדיקער פאַבּ-ריק, האָט ער, ווי אַ געזוכטער פאַכמאַן נעמלעך, אַן אינזשיניער-מעכאַ-ניקער, וואָס האָט נישט קיין שום אַנדערן ציל — זיך געמאָלדן.

ער איז גלייך אויפן אָרט צוגענומען געוואָרן, האָט גלייך אויפן אָרט באַקומען — אין הסכם מיט דער מיניסטעריאַלער פאַראָרדענונג — אַ חודשלעכן געהאַלט און אַ שפּייז-קאַרטע, מיטן צוועק, ער זאָל אַ חודש צייט אָפּרוען, אָנזאַמלען כּוחות און ערשט נאָכן דאָזיקן אָפּרו זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

וואָס שייך דעם אָפּרו האָט ער זיך גלייך אויפן אָרט קאַטעגאָריש פון אים אָפּגעזאָגט.

— כ'זאָל אַפילו דאַרפן גיין אויף אַלע פיר, וועל איך אַרבעטן, ווייל דאָס וועט מיך גיכער שטעלן אויף די פיס, ווי דאָס ליידיק אַרומ-גיין— האָט ער קורץ דערקלערט און מער נישט געוואָלט אויף דער טע-מע דיסקוטירן.

— דאָס איז אַ מיניסטעריאַלע פאַראָרדענונג און מיר האָבן קיין רעכט נישט זי צו ענדערן —האָט וואָיטשיצקי געפּרוווט זיך איינשפּאַרן.

— איר האָט נישט קיין רעכט זי צו ענדערן, אָבער איך האָב זי-כער דאָס רעכט נישט צו געניסן פון איר.

מע האָט אים נישט איבערצייגט, ווייל מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער מענטש מוז גלייך געפינען אַ וואָסער מאָראַלישן אָנשפּאַר, אַ וואָסער פּסיכישן באָדן אונטער די פיס. אומטעטיקייט און איינזאַמקייט וואָלטן אים געצווּנגען זיך צו דערמאָנען אין דעם, וואָס ער האָט אי-בערגעלעבט. דער כּוח פון זיין כאַראַקטער האָט אים געשטויסן צו זוכן אַ טראַמפּלין פאַר אַ באַלדיקן אַריבערוואַרפן זיך אויפן באָדן פון אַ לעבן.

די נאָענטסטע טעג האָבן אַרויסגעוויזן, אַז זיין עקשנות איז געווען אַ גערעכטע.

אומדערוואַרט שנעל האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיס, צוריק-געוווּנען די ענערגיע און נישט בלויז זיך גענומען צו דער אַרבעט, נאָר

אינגיכן אָנגעהויבן פשוט צו ברענען. ער האָט אַלע אָנגעשטעקט מיט זיין היציקייט, געוווינען מיט זיין פשטות און אוממיטלבאַרקייט און אונטער־געיאָגט אין דער אַרבעט נישט מיט קיין געשריי, נישט מיטן אויטאָרי־ריטעט פון אַ שעף, נאָר מיטן פשוטן ביישפּיל. ער האָט נישט אַמטירט הינטערן ביוראָ־טיש, נישט אָנגעפירט פון שעף־פּיעדעסטאַל, נאָר יעדן טאָג אַרומגעלאָפן איבער דער אָפּטיילונג, צוגלייך מיט די אַרבעטער, אַ פאַרריסטער, אַן אָפּגעשאָטענער מיט זשאַווער־פאַבריקן שטויב, אַן איינ־געשמירטער מיט אייל. צו וואָס אַמטירן הינטערן ביוראָ־טיש, שפּילן די ראָל פון אַ גרויסן שעף, ווען מע דאַרף די אָפּטיילונג אַרויסהויבן פון די חורבות.

ער האָט נישט מוותר געווען נישט בלויז אויף עפּעס אַ רעשט פון אַ מאַשין, נאָר אַפילו פאַרביי אַ טייל, פאַרביי עפּעס אַ צעשעדיקט שטיקל איז ער נישט פאַרבייגעגאַן גלייכגילטיק. האָט צוזאַמענגענומען אַלץ, באַטראַכט, צוגעפּאַסט און ערשט נאָך מיטאָג, ווען די אַרבעטער זיינען אַהיימגעגאַנגען, זיך פאַרשפּאַרט אין זיין קאַבינעט, קאָמבינירט, צוזאַמענגעפּאָרט, געמאַכט צייכנונגען און צוגעגרייט באַשטעלונגען אויף די נייטיקע טיילן.

ווען דער דאָזיקער ברען צו דער מאַשין־כירורגיע האָט אַרומגע־כאַפּט אויך זיינע געהילפן, האָט די מעכאַנישע קוזניע נישט געקאָנט אָניאָגן מיט דער אַרבעט, ווייל ס׳האָבן אין איר אויסגעפעלט קוואַליפי־צירטע אַרבעטער. ס׳איז געבליבן בלויז איין אויסוועג — פאַרלענגערן דעם אַרבעטס־טאָג.

אַזאַ אויפגאַבע האָט טאַקע פלעווע באַקומען.

פון זינט דעם אינצידענט מיט ניעדזיעלען און דעם שמועס מיט וואָיטשיצקין, וואָס ער האָט גורם געווען, האָט פלעווע זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי די דעמלט באַקומענע אָנווייזונגען פונעם דירעקטאָר דורכצופירן אין לעבן. אין אָנהויב איז ער אין זיי נישט געווען איבער־צייגט, אָבער, דורכטראַכטנדיק זיי אַלזייטיק און אויף קאַלט, האָט ער איינגעזען זייער קלוגשאַפט און פּראַקטישקייט. דאָס לאַנגיאָריקע וואַר־טעווען, דאָס פאַרברענגען די נעכט אין דער וועכטער־בודקע און די טעג אין דער הייזקע האָבן אים אָן ספק אָפּגעריסן פון אַ ברייטערן פאַרקערן מיט מענטשן. איבעריקנס, ווי אַ וועכטער האָט ער אָן שוועריקייטן געפונען אַ בשותפותדיקע שפּראַך מיט אַלעמען, ווייל דעמלט האָט ער אויף אַלע געקוקט ווי אַ וועכטער, און אַלע האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ וועכטער — אָן פּרעטענזיעס און קנאה. וואָס פאַר אַ פאַר־גלייך איז עס: היינט איז עפּעס אַנדערש. היינט איז ער אַ מייסטער. היינט דאַרף מען אַנדערש זוכן אַ בשותפותדיקע שפּראַך און אַן אַנדערע שפּראַך...

די שווערִיקייט צו געפינען פאַר זיך דאָס פּאַסיקע אָרט, די פּאַסיקע פאָרעם פון אויספירן די אייגענע פליכטן האָט אים אנגעפילט מיט פאַר־ביטערונג און אים באַוויגן זיך צוריקצוציען אין זיך, מגזם צו זיין אַלער־ליי קליינִיקייטן, וואָס זיינען ווירקלעך, אָדער בלויז אויסערלעך געווען געוואָנדן מיט זייער שאַרף קעגן אים. זיין איינציקער אָנשפּאַר איז גע־ווען וואָיטשיצקי. נאָך יעדן שמועס מיט אים האָט ער זיך געפילט פּשוט נידערגעשטעלט אויף די פיס, אַלץ האָט זיך אָנגעצייכנט פאַר אים פּראָסט און קלאָר. אָבער בלויז, ביז וואַנען ער איז נישט געבליבן שטיין אויג אויף אויג מיט די שווערִיקייטן. און ענדלעך האָט אים געשראָקן אויך דאָס, וואָס מע קאָן דאָך נישט מיט אַלצדינג לויפן צום דירעקטאָר, ווייל ער האָט דאָך מסתם געגוג אייגענע דאגות און קאָן נישט זיין קיין ניאַנקע פאַר יעדן מייסטער...

די לאַגע איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער, און פּלעווע האָט געוואָלט אַרויסקריכן פון איר.

היות אויף דער באַראַטונג פון די מייסטערס איז געווען אַ רייד וועגן פאַרלענגערן דעם אַרבעטס־טאָג, כדי די קוזניע זאָל קאָנען אָניאָגן דעם וווּקס פון די באַדערפענישן פון דער אָפּטיילונג פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן און דעם וווּקס פון די באַדערפענישן פון דער פאַבריק אין אַלגעמיין — האָט פּלעווע באַשלאָסן צו רעאַליזירן די דאָזיקע פּלענער. ער האָט גענומען אַ שפּאַר שטיק קאַרטאָן און צוגעגאַנגען צום שרייבער, וואָס האָט געאַרבעט ביים צווייטן טיש.

— מע דאַרף דאָ שיין אויפשרייבן אַ מעלדונג, אַז די דירעקציע פאַראָרדנט צו פאַרלענגערן דעם אַרבעטס־טאָג, ווייל מיר מוזן באַווייזן מיט די באַשטעלונגען פאַר די מעכאַנישע וואַרשטאַטן און בכלל... מיט אַנדערע...

— ביז וויפל אַזייגער?

— ביז זעקס.

— אָהאָ... — האָט דער שרייבער היפּש אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.— עלף שעה. דאָס איז אַפילו פאַר דער מלחמה נישט געווען...

— נו, פאַרפאַלן... אַז מע דאַרף, דאַרף מען. איך מיין, אַז לאַנג וועט עס אַזוי נישט זיין. מענטשן קומען צוריק פון דער מלחמה, וועלן מיר די נייע אויסלערנען די אַרבעט. מע וועט לאָזן אין צוויי שיכטן און... און דערווייל וועט, מסתם, יעדערער פאַרשטיין...

דער שרייבער האָט זיך שווייגנדיק אַראָפּגעבויגן איבערן קאַרטאָן און גענומען מיט אַ גראַבן, רויטן בלייער קאַליגראַפירן די מעלדונג. דער מייסטער האָט זיך אומגעקערט אויף זיין אָרט, אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס

און אָפּגעלייגט אין אַ זייט די באַשטעלונגען, וועלכע דאַרפֿן היינט אויסגעפֿירט ווערן. טייל אַרבעטער האָבן געהאַט אַזעלכע זאַכן צו באַאַרבעטן, אַז דאָס האָט זיי געדאַרפֿט קלעקן ביז זעקס. אַנדערע האָט מען געדאַרפֿט עפּעס צוגעבן. אין אַ רגע אַרום האָט דער שרייבער אַנידערגעלייגט פֿאַר אים אַ קאַרטל באַשריבן מיט רונדיקע אותיות. פּלעווע האָט שטיל איבערגעלייענט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אין די איצטיקע באַדינגונגען באַווייזט נישט די מעכאַנישע קוזניע אויסצופֿירן די דרינגענדיקע באַשטעלונגען, ווערט פֿאַראָרדנט פֿון היינט אָן ביז צום אָפּרופֿן צו פֿאַרלענגערן דעם אַרבעטס־טאָג ביז 18.00 אַזייגער.

די דירעקציע.

— גוט?

— גוט. וואָס דאַרף מען זיך דאָ צעשריי בןן ס׳איז פֿיין צוזאַמענגעשטעלט... פּעלעק! נעם עס און הענג אַרויס אויפֿן טאָוול.

דאָס ייִנגל האָט גענומען די מעלדונג, אַרויסגעצויגן מיט די נעגל פֿון דער וואַנט די טשוועקלעך, וואָס האָבן אין איר אומנייטיק געשטעקט און פֿאַרהאַלטן שטיקלעך פֿון עפּעס אַ „בעקאַנטמאַכונג“ און איז געגאַנגען צום טאָוול.

פּלעווע האָט זיך געשטעלט ביי דער שויבן־וואַנט און געקוקט, רייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס און פֿאַרזשמורענדיק די אויגן פֿאַרן רויך, וואָס האָט זיך אין זיי אַריינגעגנבעט. פּעלעק איז נאָכנישט אָפּגעגאַנגען פֿונעם מעלדונגס־טאָוול, ווי די אַרבעטער האָבן זיך איינציקווייז, פּאָרווייז, זאַלבעדריט גענומען אָפּרייסן פֿון דער אַרבעט און צוגיין, צו דער מעלדונג. אייניקע זיינען אַוועקגעגאַנגען באַלד נאָכן איבערלייענען, אָבער מער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פֿאַרהאַלטן, געשמועסט, געדרייט מיט די קעפּ, לעבעדיק אָדער אפֿילו נערוועז געמאַכט מיט די הענט. דערהערן זייערע שמועסן איז נישט מעגלעך געווען, וואָרן דאָס געקלאַפּעריי פֿון די האַמערס האָט זיי אינגאַנצן פֿאַרטויבט, נאָר פּלעווע האָט אויף אייניקע פּנימער בפּירוש געזען עפּעס אַ פֿאַרביסנקייט, און פֿון די באַוועגונגען פֿון אייניקע הענט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויפֿגעבראַכטקייט.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט וואָלט מען געדאַרפֿט אַרויסגיין אין דער אָפּטיילונג, זיך צוהערן, וואָס מענטשן ריידן, כאַפּן מיט זיי אַ שמועס. אָבער ער האָט זיך נישט באַשלאָסן דערויף. ווייל וועגן וואָס זאָל ער איצט מיט זיי ריידן? זיי וועלן ווידער פֿיסקעווען, אַז צו עסן איז נישטאָ וואָס, אַז צו זאָרגן זיך וועגן אַרבעטער איז נישטאָ ווער, אָבער אַרבעטן וואָלט מען געהייסן פֿיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת

לעת... אַז יעדער פאַרשטייט, וואָס ס'איז נייטיק פאַר דער פאַבריק, אָבער יעדער פילט אויך, וואָס אים אַליין און זיינע קינדער איז נייטיק... אַז אַזאַ דעמאָקראַטיע וועט אוודאי יעדן באַקעם אויספּאַלן... מע ווייסט דאָך — מענטשן ווי מענטשן — זיי וואָלטן וועלן פאַראַמאָל אַלץ...

עמעצער פון די אַרבעטער האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער און צומוואָרשיינלעכסטן דערזען דעם מייסטער, ווייל ער איז בפירוש געקומען אין פאַרלעגנהייט און גלייך אַוועק צו דער אַרבעט. פּלעווע האָט, נישט וויסנדיק פאַרוואָס, זיך צוריקגעצויגן פון פענצטער און ווידער געזעצט אויף זיין אָרט. ער האָט געריכערט דעם פּאַפּיראָס און אונטער אַן אויסערלעכער מאַסקע פון רויקייט געפירט אין דער נשמה אַ פאַרביסענעם קאַמף. דער שכל, די שמועסן מיט וואָיטשיצקין, וואָס זיינען לעבעדיק געווען אין זכרון, האָבן אים געשטויסן אַרויסצוגיין אין האָל, צו די מענטשן, אָבער דאָס אַנוואַקסנדיקע געפיל פון אומבאַהאָלפנקייט האָט אים צוגעשמידט צום אָרט. ער האָט זיך אַ סך מאָל אויסגעשטעלט אין קאָפּ צו וועמען ער וועט צוערשט צוגיין, פון וואָס ער וועט אָנהייבן דעם שמועס און וועגן וואָס ער וועט ווייטער ריידן, אָבער ווען ער האָט זיך געשטעלט אין דער לאַגע פון יענעם אויסגעדמיונטן מיטשמועסער און אין זיין נאָמען צוגעוואָרפן עפּעס אַ פראַגע אָדער פאַרוואורף פון דער באַקאַנטער סעריע פאַרוואורפן — האָט זיך זיין פּלאַן מאָמענטאַל איינגעבראָכן, און דער מוט האָט אים פאַרלאָזן.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער סוף פונעם נאָרמאַלן אַרבעטס-טאָג, און דעם מייסטער האָט אַרומגעכאַפּט אַ וואָס אַמאָל גרעסערער אומרו, ער האָט אַ סך מאָל איבערגעוואָרפן די אויף היינט אָפּגעקליבענע באַשטעלונגען, אַ סך מאָל איבערגעטראַכט, וועמען פון די אַרבעטער מע דאַרף זיי געבן אויסצופירן, און אין דער נשמה געגאַרט, ס'זאָל דערשיינען עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער כוח, וועלכער זאָל אָפּרוקן פון אים דעם דאָזיקן מאָמענט ווי צומווייטסטן.

דערפאַר טאַקע האָט אים קשאָנזשעקס — דעלעגאַט פון דער אָפּטיילונג אין אונטערנעמונגס-ראַט — באַוויזן זיך אין קאַנטאָר פאַרשאַפט אַן אומבאַשרייבלעכע דערלייכטערונג. קשאָנזשעק איז מסתם געווען דער ערשטער און איינציקער אַרבעטער פון דער אָפּטיילונג, מיט וועלכן פּלעווע האָט זיך איינגעלעבט ביז אַ געוויסן גראַד, כאָטש דאָס איינלעבן זיך האָט גיכער געהאַט אַן אַמטלעכן כאַראַקטער. פּלעווע האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי אַ מייסטער דאַרף זיך באַציִען צון אַ דעלעגאַט. אָט האָט ער געאַכטעט קשאָנזשעקן פאַר זיין ערלעכקייט און געוויסנהאַפטיקייט — און שוין...

ער האָט אים באַגריסט האַרציק און מיט דערלייכטערונג, ווייל ער האָט געזוען אין אים אַ רעטונג. און אויב נישט קיין רעטונג איז ווי-ניקסטנס אַן אָנשפּאַר.

— וואָס הערט זיך, קשאַנזשעק? — האָט ער אַ פרעג געטאָן גלייכ-גילטיק, כאָטש ער האָט געוואָלט ס׳זאָל אַרויסקומען האַרציק.

— ס׳הערט זיך נישט גוט, מייסטער... — ער האָט אַרויסגעשטאַרצט די אונטערשטע ליפּ און פון אונטער די הויך אויפגעהויבענע ברעמען שווער געקוקט אויף פּלעווען.

— נו?

— די מענטשן בונטעווען זיך.

— נו?

— ווילן נישט בלייבן נאָך דריי...

— נו?-האָט פּלעווע איבערגעחזרט מיט אַ וואָס אַמאָל העכערן טאָן.

— נו, נו...

— ס׳איז דאָך אָבער פאַראַן אַ פאַראָרדענונג פון דער דירעקציע...

— באַ! אַ פאַראָרדענונג... און וואָס וועט איר טאָן, אויב דריי אַזייגער וועלן די מענטשן אַוועק פון דער אַרבעט און זיך גיין אַהיים?

ווירקלעך... וואָס וועט ער טאָן? ווידער לויפן צו וואָיטשיצקין זיך פאַרקלאָגן? דאָס וועט זיין אַן ענדגילטיק מודה זיין זיך אין אומבאַ-האָלפנקייט... ער האָט זיך אַזש אַ דריי געטאָן אויף דער שטול אונטער דער לאַסט פון דער צודריקנדיקער שרעק.

— נו.. אָבער פאַרוואָס זאָלן זיי נישט איבערבלייבן? — האָט ער אומגעלומפּערט געפרווט זיך ראַטעווען, הגם ער האָט לחלוטין נישט געגלייבט אינעם דערפאָלג פון דאָזיקן אַרויסדריי, הגם ער האָט געפילט זיין אומבאַהאָלפענע נאַיווקייט.

— באַ! פאַרוואָס?-האָט זיך קשאַנזשעק פלינק אַ באַוועג געטאָן. — גלייך ווי אַליין פאַרשטייט איר עס נישט. איר ווייסט נישט ווי דאָס זעט אויס? איר וועט בלייבן, איך וועל בלייבן, נאָך אַ צווייטער און אַ צענ-טער וועט בלייבן. אָבער נישט אַלע זיינען אַזעלכע. און דאָ גייט וועגן דער גאַנצער אָפּטיילונג. און ס׳זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס גייען אַרום און בונטעווען. און מע האַרכט זיך צו צו זיי. ווייל ס׳איז שטענדיק לייכטער אַ מענטשן אויפצובונטעווען איידער צום שכל ברענגען. אונדזערע מענטשן זיינען שוין אַזעלכע, וואָס שכל דאַרף מען זיי לערנען לאַנגע יאָרן און דערצו וועסטו זיי נישט שטענדיק אויסלערנען. אָבער אויפבונ-טעווען, דאָס איז איינס - צוויי... וועסט זאָגן דריי נאַרישע ווערטער, אַ געשריי טאָן און פאַרטיק...

די דאָזיקע טרוקענע, מאָנאָטאָן אַרויסגעזאָגטע ווערטער זיינען ווי בליי געפאַלן אויף פּלעוועו. ער האָט פולשטענדיק מסכים געווען מיט קשאַנזשקען, ווייל ס׳איז שווער געווען נישט מסכים צו זיין. אָבער ווי זאָל מען זיך דאָס אַלץ אויסטייטשן? ווי אַזוי זיך אויסטייטשן דאָס, וואָס די מענטשן ווילן נישט איבערבלייבן נאָך דריי? אַלע האָבן דאָך געגאַרט צו באַפרייונג, אַלע האָבן געגאַרט אַ נאָרמאַל לעבן, אַ מנוחהדיק לעבן אָן פּחד פאַר אַ דייטשן זשאַנדאַר, פאַר אַרויספירן אין אַ לאַגער, פאַר אַ פּלוצלינגן טויט פון די הענט פון אַ געשטאַפּאָווניק. און איצט האָבן זיי אַזאַ לעבן. זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס די פאַבריק וועט אָפּגעבויט ווערן, געריסן זיך צו דער אַרבעט. פאַרוואָס־זשע זאָלן זיי זיך פון איר ארויסדרייען, ווען זי איז אזוי שטאַרק נייטיק?...

אין זיין ערלעכער השגה איז פּראָסט־פּשוט קיין אָרט נישט געווען אויף אַ וועלכער־ס׳איז אַנדערער באַציונג צו די דאָזיקע פּשוטע פראַגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מע קאָן האָבן טענות, אַז ס׳זיינען אפילו אויך פאַראַן סיבות פאַר טענות, אויב עמעצער זוכט זיי, ווייל נאָך נישט אַלץ איז אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווי עס וואָלט זיך וועלן, אָבער... בונטעווען זיך? נו גוט — קעגן וועמען זיך בונטעווען?

נאָך אַ לענגערער פּויזע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ווי כּדי פּלעוועו זאָל זיך רויק קאָנען פאַרטראַכטן איבער דער לאַגע, האָט קשאַנזשעק ווייטער גערעדט אויפגעלעבט צי אפילו מיט אויפרעגונג.

— און די מעלדונג האָט איר אומזיסט ארויסגעהאַנגען.

דער מייסטער האָט אַ פינטל געטאָן מיט די וויעס און אויסגעצויגן דעם האַלדז.

— וואָס הייסט אומזיסט?

— לחלוטין אומזיסט. בכלל וווּנדער איך זיך שטאַרק, וואָס זיי האָבן עס נישט דאָרט אַנדערש צוגעטראַכט, ווי ס׳געהער צו זיין... מע וואָלט דאָך געדאַרפט מיט אַ טאָג פריער צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער אָפּטיילונג, אַדורכשמועסן זיך מיט די מענטשן, אויפקלערן זיי, פּשוט אַפּעלירן צו זיי, ווי עס געשיקט זיך היינטיקע צייטן. און נישט אַזוי פון דער הוילער הויט — בענץ!... די מענטשן וואָלטן זיך אויף דער פאַרזאַמלונג פון האַרץ אַראָפּגערעדט, אויסגעטענהט זיך, זיך אויסגעקרעכצט, מע וואָלט זיי אַלץ מיט שכל אויפגעקלערט, און זיי וואָלטן זיכער פאַרשטאַנען. און אַלץ וואָלט געווען אין אָרדענונג. מע וואָלט פאַרמאַכט די פּיסקעס די אַלערליי מנוולים און הולטייעס. און אַזוי איז וואָס? מ י ר האָבן נישט אויפגעקלערט די מענטשן, איז קלערט מען זיי אויף קאַפּויער. מע מאַכט קאַליע די מענטשן. און דאָ נאָך אַזאַ מעלדונג פון דער העלער הויט...

— נו דאָס... דאָס קאָן מען דאָך נאָך ענדערן... — האָט פּלעווע אומגעשיקט אונטערגעכאַפּט.

— באַ, ענדערן... איצט ענדערן וואָלט געווען נאָך ערגער. לעכער־לעך... מע וואָלט באַלד געזאָגט — אָ, איר זעט ווי מע וויל אונדז אַריינגנאַרן אין זאַק. ניין, די מעלדונג איז שוין פאַרפאַלן. מען דאַרף שטענדיק פריער אַ טראַכט טאָן. מיין קאָפּ קאָן עס בכלל נישט באַנעמען ווי מ׳האָט דאָס עס אַזוי געמאַכט... מ׳האָט אייך געהייסן ארויסהענגען אַזאַ מעלדונג?

— ניין... נאָר בכלל מוז דאָך... — האָט פּלעווע געשטאַמלט.

קזשאָנזעק האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פירהאַלט, נאָר זיין בליק איז באַלד מילדער געוואָרן:

— דאָס איז נישט גוט, מייסטער... — האָט ער גערעדט ווייך, נאָר סוגעסטיוו. מיר מוזן דאָך תמיד געדענקען, אַז דאָרט, ווו מיר וועלן נישט אויסאַקערן די ערד און נישט פאַרזייען קיין גוטע זוימען, דאָרט וועט אומבאַדיגגט אויסוואַקסן ווילד־גראָז. פאַרשטייט, אַז הויל שטייט נישט די ערד, ליבער מייסטער...

פּלעווען האָט עס אַזש אַ שטאָך געטאָן. דאָס אַלץ, וואָס קזשאָנ־זשעק האָט געזאָגט, איז דאָך געלעגן אין אים אָפן. איצט זעט ער דאָס מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, גלייך ווי קזשאָנזשעק וואָלט געזאָגט נישט קיין אייגענע, נאָר זיינע געדאַנקען איבערגעחזרט. גלייך ער וואָלט מיט אַ פינגער אַ דריק געטאָן אויף עפּעס אַ שפּירעוודיק אָרט, וואָס פאַר־באָרגט אין זיך אַן אומבאַוווסטן ווייטיק, וועלכער האָט ערשט בעתן דאָזיקן דרוק וועגן זיך צו וויסן געטאָן. פאַר דעם דאָזיקן פרישן נייטיקן ווייטיק האָט פּלעווע אַ קוק געטאָן אויפן דעלעגאַט מיט גינציקייט.

— זייער קלוגע ווערטער... — האָט ער אָפנהאַרציק צוגעוואָרפן...— זייער קלוגע...

— און זעט איר, חבר פּלעווע — קזשאָנזשעק האָט געמילדערט דעם טאָן. —כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט אַ שמועס טאָן מיט אייך וועגן אַ גע־וויסן ענין. מיינט נישט, אַז איך וויל זיך גלאַט אַזוי שטופּן, אָדער, אַז... איך האַלט זיך פאַר עפּעס... איבעריקנס, טראַכט זיך ווי איר ווילט, און איך וועל זאָגן דאָס, וואָס איך טראַכט. איר זענט אַ מייסטער, און דאָס איז אין אָרדנונג, אָבער, איך מיין, אַז עס וואָלט געווען גאָרנישט שלעכט... אַז עס וואָלט געווען גאָר גוט, ווען מיר וואָלטן אַזוי פון צייט צו צייט, זייער אָפט אָפילו זיך באַראַטן וועגן די ענינים פון דער אָפּ־טיילונג, נישט אַזוי ווי אַ מוז־זאַך, נאָר אַזוי... פון אייגענעם ווילן טייל־מאָל, פון זיך...

ער האָט מיט אַ וואַרעמען בליק געפּאָרשט פּלעווען צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער האָבן געמאַכט. ער האָט קאָנטיק דער־זען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, ווייל זיינע ליפּן האָבן זיך אויסגע־בויגן אין אַן איינגעהאַלטענעם, דערנעענטערנדיקן שמייכל.

פּלעווע האָט אויך אַ שמייכל געטאָן פריינדלעך.

— ווייל זעט איר... — האָט קשאָנזשעק צוגעגעבן אין אַ טאָן כלומרשט אַ וויציקן, אָבער האַרציקן— איין קלוגער קאָפּ איז גוט, אָבער צוויי איז נאָך בעסער...

די דאָזיקע מענטשן זיינען נישט געווען צוגעוווינט צו פּראָווען זיך קאָמפּלעמענטן, צו העפלעכן שפּילן אין ווערטער. זייערע ווערטער זיינען געווען פּשוטע, אומגעטעסעטע, אָבער תּמיד אויפריכטיקע, אָן אַ מאַסקע, אָן שמינקע.

— און פאַרוואָס זענט איר פריער נישט געקומען מיט דעם ענין? — ער האָט נישט פאַרגעהאַלטן, נאָר גיכער זיך באַקלאָגט, פּלעווע, אַריינ־זינקנדיק מיטן בליק אין קשאָנזשעקס שוואַרצאַפּלען, אין וועלכע ער האָט מיט דערמוטיקונג אָנגעהויבן זוכן נעמלעך דאָס, וואָס איז אים אַזוי שטאַרק נייטיק געווען.

— נו, ניין — האָט זיך דער דעלעגאַט אַ כאַפּ געטאָן — ווען איך וואָלט אַזוי פון דער העלער הויט געקומען, וואָלט דאָס געהאַט אַ פּנים, אַז כ׳שטופּ זיך... אַז כ׳שטעק די נאָז אין פרעמדע ענינים. איר זענט מייסטער, דאַרפט איר אָנהייבן. און אַז אי ר קומט נישט צו קיינעם, האָט אויך קיינער צו אייך נישט קיין דרייסטקייט, ווייל מענטשן טראַכטן זיך — אַהאָ! פּלעווע איז געוואָרן אַ גרויסהאַלטער...

דער מייסטער האָט האַסטיק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, נאָר ווערטער צום פּראָטעסטירן האָבן אים אויסגעפעלט. ער האָט זיך געפילט אַזוי ווייט פון „גרייסהאַלטעריי", אַז ער איז געווען איבערצייגט, יעדער זעט און פילט עס. ס׳איז אים אַפילו אויפן זינען נישט געקומען, אַז מענטשן קאָנען דאָס נישט זען און טראַכטן אַנדערש. ער האָט זיך אָנגעכמורעט און דערפילט אַ בפירושן פאַרדרוס און פאַראיבל. נישט אויף קיינעם, נאָר ווידער אויף זיך אַליין.

נו, איצט וועט ער זיך שוין אינגאַנצן אַרויסזאָגן, אַז ס׳איז שוין דערצו דערגאַנגען. ער האָט זיך געשטעלט מיט אַן ערנסט־קאָנצענטרירט פּנים צום דעלעגאַט און אנגעהויבן צוקלייבן ווערטער, כּדי אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס אין אים האָט זיך צוזאַמענגענומען, ווי צום פּשוטסטן און ווי צום אויפריכטיקסטן. ער האָט בכלל געהאַט חשק זיך צו פונאַנדערצו־שמועסן און אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם, אַז איצט דאַרף מען האַנדלען,

און דאָס, נישט אָפּשלעפּנדיק, ווייל די צייט לויפט, און די פראַגע וועגן אַרבעטן איבערשעהען איז פאָרמעל נישט דערליידיקט געוואָרן.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דורכן געקלאַפּעריי פון די האַמערס און גערויש פון דער אַרבעט אין דער אָפּטיילונג דורכגעבויערט אַ הייכער, דורכנעמענדיקער ריטש פון דער סירענע. אַ סיגנאַל „איינצופּאַקן די זאַכן" — ווי די אַרבעטער פלעגן זאָגן און זיך גרייטן אַרויסצוגיין פון פאַבריק.

דער דאָזיקער קלאַנג האָט זיך נאָך געוויגט צווישן די פאַבריק-ווענט, ווי פון הינטער דער דינער קאָנטאָר-וואַנט האָט אויפגעטויכט די כאַראַקטעריסטישע גאַמע, וואָס ס'גיט אַרויס אַ מאָטאָר נאָכן אויסשליסן אים, אַן אויסגעצויגענעם או-או-או... איבערגייענדיק פון די הויכע טענער דורך וואָס אַמאָל נידעריקערע אַזש ביז צום פולשטענדיקן אויסגיין. דאָס האַקעריי פון די האַמערס און דער גערויש פון די טראַנסמיסיעס איז ראַפּטעם שטיל געוואָרן, אין האַל איז שטיינגעבליבן אַן אומהיימלעכע, בייז-בשורהדיקע שטילקייט, ווי נאָכן אויפרייס פון אַ ווולקאַן, וועלכער האָט אַלץ פאַרניכטעט און איז אַליין אָפּגעשטאָרבן.

פלעווע איז בלאַס און פאַרשטיינערט געוואָרן. זיינע אויגן, וואָס זיינען געווען פאַרשטאָכן אין קשאָנזשעקן, האָבן אַ פינקל געטאָן און פאַרשטאַרט געוואָרן. אין אַ מאָמענט אַרום האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון דער שטול און אַרויסגעלאָפן פון קאָנטאָר. ער איז כמעט מיט איין אימפּעט צוגעלאָפן צום פאַרטיילונגס-טאָוול, און זיך אָנגעשטויסן אויף טאַרנאָווסקין, וועלכער איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער גאַלעריע. מיט די שאַרפן פון די שוואַרצאַפּלען האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין יענעמס זינלאָזן פוסטן בליק, און אַ רגע זיינען זיי אַזוי געשטאַנען ווי עפּעס צונויפגעקלאַמערט. ענדלעך האָט דער מייסטער אַרויסגעקוועטשט דורך דער קעל, וואָס איז געווען פאַרקלעמט מחמת אויפרעגונג.

— ווער האָט אויסגעשלאָסן די מאָטאָרן?

ער האָט, משמעות, אויסגעזען שרעקלעך, ווייל טאַרנאָווסקי האָט זיך אַזש איינגעהויקערט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ אויסדרוק אויפן מייסטערס פנים. קיינער האָט, מסתמא, נישט געזען...

— איך... — האָט ער אַ ברום געטאָן שרעקעוודיק.

— ווער האָט אייך געהייסן?

— ס'איז פינף מינוט פאַר דריי... ס'איז געווען אַ פייף...

— און די מעלדונג האָסטו געלייענט?

— ווי דען...

— נו, איז וואָס-זשע?

— ווייס איך?... אַלע זאָגן, אַז מיר גייען אַהיים...

— גלייך איינשליסן די מאָטאָרן.

טאַרנאָווסקי האָט זיך פֿאַלגעוודיק, הכנעהדיק אויסגעדרייט אויפֿן אָפּצאַס, אַרויפֿגעגאַן אויף די שטיגלעך און אויפֿגעהויבן דאָס הענטל פֿון די קאָנטאַקטן. די מאָטאָרן האָבן אויפֿגעשפּילט אַ פֿאַרקערטע גאַמע — פֿון די נידעריקע טענער ביז צו די הויכע, איבערן האָל האָט אַ קלאַפּ געטאָן איין האַמער, אָבער עפּעס נישט דרייסט, דערנאָך אַ צווייטער, אַ דריטער. דער גרעסטער טייל אַרבעטער איז פֿונדעסטוועגן געשטאַנען אומבאַוועגלעך דאָרט, ווו ס׳האָט זיי געטראָפֿן דער דאָזיקער מאָמענט. זיי האָבן געקוקט צו זיך אויף די פֿיס אָדער ערגעץ אַרויף.

פֿלעווע האָט זיך שנעל אָפּגעקילט. אין זיין געדאַנק האָט אויפֿגעהעלט דער זין פֿון דעם שמועס, וואָס ער האָט נאָר-וואָס געהאַט מיט קשאָנזשעקן. דאָס איז עס דאָך טאַקע דאָס אמתע „גרויסהאַלטעריי״, דאָס אמתע איבערלאָזן אַן אומפֿאַרזייט פֿעלד פֿאַר ווילד-גראָז. נאָך נישט קלאָר באַזינען, ווי ער דאַרף אייגנטלעך האַנדלען, האָט ער פֿאַרהאַלטן טאַרנאָווסקין, וועלכער איז גראָד אַראָפּגעגאַנגען פֿון די שטיגלעך און זיך געלאָזט מיט אַ נישט זיכערן טראָט צו די האַמערס.

— אויסשליסן די מאָטאָרן.

— טאַרנאָווסקי האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און זיך נישט גערירט פֿון אָרט, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרטראַכט, צי האָט עס נישט צו טאָן מיט משוגעת. ער האָט פֿאַרגאַפֿט געקוקט דעם מייסטער אין די אויגן, וועלכע האָבן שוין באַקומען אַ פֿולשטענדיק אַנדערן אויסזען. פֿלעווע האָט זיך גובר געווען אויף אַ וואָס ברייטערן שמייכל און לייכט אַ שטופּ געטאָ טאַרנאָווסקין ביים אַקסל. איז טאַרנאָווסקי ווידער אַרויפֿגעגאַנגען אויף די שטיגן און איבערגעלייגט דאָס הענטל פֿון די קאָנטאַקטן אויף אַראָפּ.

ווען די מאָטאָרן זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך אין האָל איינגעשטעלט אַ פֿולשטענדיקע שטילקייט, אָבער אַלעמענס בליקן זיינען דאָס מאָל געווען געווענדט אויפֿן מייסטער. אייניקע זיינען אַפֿילו אָפּערגעגאַנגען פֿון הינטער די האַמערס, וואָס האָבן זיי פֿאַרשטעלט די סצענע. אין אַלע פֿיגורן האָט זיך געפֿילט אַן אָנגעשטרענגטע פֿאַר-אינטריגירטקייט.

פֿלעווע האָט האַסטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און הויך אַ געשריי געטאָן.

— האַלאָ! קומט נאָר אַלע אַהער צום קאָנטאָר. לאָמיר זיך אַביסל אַדורכריידן. לאָמיר זען, צי מיר זיינען קלוגע מענטשן, צי ניין...

און ער האָט זיך געלאָזט גיין צום קאָנטאָר, זיך נישט אומקוקנדיק גאָר הינטער זיך.

אויפן העכסטן שטיגל פון קאָנטאָר, איז געשטאַנען קשאַנזשעק, עפּעס אַן איינגעהויקערטער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. פּלעווע איז רירעוודיק אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגלעך און זיך פאַרהאַלטן אויף זיי אינמיטן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום האָל, די פיס ברייט צעשטעלט, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. די אַרבעטער זיינען פאַמעלעך, בפירוש אָפּשלעפּנדיק, צוגעגאַנגען צון אים. די פאַמעלעכדיקסטע האָט דער מייסטער אונטערגעאיילט מיט עקשנותדיקע בליקן. ווען אַלע האָבן זיך ענדלעך צוזאַמענגעקליבן אין אַ לויז צוזאַמענגעדריקטער מאַסע, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן האַלטן אויף אַ פאַסיקער דיסטאַנץ, האָט ער, כאַפּנדיק אַ ציטער אין די קניען, קורץ צוגעוואָרפן.

— איז ווילט איר נישט לענגער אַרבעטן, יאָ?

אַ שטילשווייגן, אַן אומהיימלעך שטילשווייגן. טייל פּנימער זיינען אין פאַרלעגנהייט, אַנדערע — גלייכגילטיק צי אַפילו קריגעריש. צומיינסטן אָבער — הילצערן, אָן אויסדרוק, מיט אַ קינצלעכן אָנשטעל פון גלייכגילטיקייט.

— ווער ס'וויל נישט בלייבן, זאָל אַרויסטרעטן דאָ, אויף רעכטס — האָט ער ברייט אַ וויז געטאָן מיט אַ שטייפער האַנט.

קיינער האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. זאָלן זיי זיך האָבן דערשראָקן?...

ניין, ס'איז נישט אַזוי... — האָט פּלעווען פלוצלינג אַ ברי געטאָן אַן אומאָנגענעם געפיל. — דאָס איז נישט קיין אָקערן און זייען, קשאַנזשעק...

און דער דאָזיקער געדאַנק האָט אויסגעלופטערט פון אים דאָס לעצטע ביסל בייזקייט און אויפרעגונג. ער איז אינערלעך ווייך געוואָרן, ווי ס'וואָלטן אין אים לויז געוואָרן אַלע מוסקולן און נערוון, וועלכע זיינען ביז ערשט געווען אָנגעשפּאַנט. דאָס האָט זיך באַלד אָפּגעשפּיגלט אויף זיין פּנים. די צוזאַמענגעצויגענע ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן, די אויגן זיינען מילד געוואָרן, אויף די ליפּן האָט זיך באַוויזן אַן אומדרייסטער, אָבער פולשטענדיק נאַטירלעכער שמייכל. ער האָט אויטאָמאַטיש צי באַוואוסטזיניק געביטן די פּאָזיציע, שטעלנדיק דעם לינקן פיס אויף אַ העכערן שטיגל, צוליב וועלכן זיין פּנים איז געווען געווענדט צון אַ גרעסער געזעמל אַרבעטער. ער האָט פאַרפלאָכטן די הענט מיט די פינגער פאַר זיך. האָט איבערגעפירט אַ ווייכן בליק איבער די פאַרזאַמלטע און באַקומען דעם איינדרוק, אַז די אויגן, וואָס האָבן זיך אין אים איינגעגעסן, און די פּנימער צון אים געווענדטע, זיינען אויך מיל-

דער געוואָרן. אפשר האָט זיך עס אים בלויז אויסגעדראָכטן, אָבער דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט.

— זאָגט מיר, מיינע טייערע — האָט ער אָנגעהויבן כמעט מילד, אָבער מיט פאַריבל — צי אַז די דירעקציע וויל, מיר זאָלן לענגער אַרבעטן, איז דאָס אונדז אויף צו להכעיס?

מע האָט אים אויסגעהערט פאַרשטייפּט.

— אָדער זאָגט מיר... אויב מיר וועלן איצט וואַרפן די אַרבעט און אַהיימגיין, וועלן מיר דערמיט טאָן צולהכעיס דער דירעקציע און דעם אונטערנעמונגס־ראַט, צי זיך גופא? ווּעמען וועלן מיר טאָן צולהכעיס?

אייניקע אַרבעטער האָבן זיך אומגעשיקט אַ באַוועג געטאָן. פּלעווע האָט נישט צופעליק געזאָגט — מיר. ער האָט זיך בכיוון איינגעשלאָסן אין זייערע רייען און אַקצענטירט דאָס וואָרט — מיר! זיי זאָלן וויסן, אַז ער מאכט נישט קיין אונטערשיד צווישן זיך און זיי. און מיטאַמאָל האָט ער זיך פאַרטראַכט איבער די פראַגן, וואָס ער האָט געוואָרפן, ווי ער וואָלט נעמלעך אין זיך געצילט זייערע שפּיצן. עס האָט אים געערגערט, וואָס מיט דערוואַקסענע מענטשן, מיט אַרבעטער, דאַרף מען נאָך היינט ריידן וועגן אַזעלכע ענינים, וועגן ענינים, וועלכע דאַרפן זיין לויט זיין מיינונג — קלאָר פאַר אַ זייג־קינד. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מילדן, גוטן ברען. דערצו נאָך האָט זיך קשאָנזשעק אַוועקגעשטעלט לעבן אים און מיט די אויגן, מיטן פּנים, מיט זיין גאַנצער פיגור אַרויסגעוויזן, אַז ער סאָלידאַריזירט זיך פאָרויס מיט אַלץ, וואָס דער מייסטער וועט זאָגן.

— נו, גוט — האָט דער מייסטער געזאָגט נאָך אַ קורצן איבעררייס מיט אָנוואַקסנדיקער ליידנשאַפט — מיר וועלן זיך צעבונטעווען און לענגער נישט אַרבעטן, איז וואָס וועט אונדז דערפון אַרויסקומען? וואָס וועלן מיר דורך דעם געווינען? מיר וועלן אָפּרוקן דאָס אָפּבויען אונדזער פאַבריק אויף א חודש, אויף צוויי, אויף אַ האַלב יאָר, אויף אַ יאָר, און וואָס באַדייט דאָס פאַר אונדז? דאָס באַדייט, אַז נאָך אַ חודש, נאָך צוויי, נאָך אַ האַלב יאָר, אַ יאָר וועט אונדז זיין שווער, אָנשטאָט וואָס אַמאָל לייכטער. איר האָט זיך פאַרטראַכט איבער דעם? זיכער נישט. גוט, מיינע טייערע, לאָמיר זיך צעבונטעווען און אינגאַנצן אַוועקוואַרפן די פאַבריק צו אַלדי רוחות, לאָמיר זיך לייגן מיט די ציין אַרויף און וואַרטן, ביז גאָטס מן וועט אונדז פון הימל אַראָפּפאַלן, ביז עמעצער וועט אונדז ברענגען אַלץ גרייט און אַריינלייגן אין מויל...

— מיר וואָלטן אַליין אַריינגעלייגט, נאָר ס'איז נישטאָ וואָס...

— איך פאַרשטיי נישט, חברים, ווי גאָט איז מיר ליב!... האָט ער פאַרצווייפלט צעשפּרייט די הענט און געטרעסלט מיטן אַריינגעקוועטשטן

קאָפּ אין די אַקסלען — קינדער זענט איר צי וואָס? איר האָט פאַרגעסן, אַז ס׳איז צוויי חדשים נאָך דער מלחמה? איר פאַרגעסט, אַז היינט טוען מיר אַלץ פאַר זיך, ווייל קיין הערן זיינען שוין נישטאָ?... מיר דאַכט זיך, אַז מיר אַליין דאַרפן מאָנען אַרבעט, מיר אַליין דאַרפן פאָדערן, ס׳זאָל וואָס שנעלער אָפּגעבויט ווערן די פאַבריק, ווייל דאָס איז דאָך פאַר אונדזער טובה וועגן. וועלן מיר שנעלער אויפבויען, וועט זיך אונדז דאָס לעבן שנעלער פאַרבעסערן. אָט, זעט איר — ס׳פעלן אונדז קוילן. נישט דערפאַר, ווייל זיי זיינען נישטאָ אין לאַנד. זיי זיינען פאַראַן אין שלעזיען, וויפל איר ווילט, די קוילן־גרעבער באַקומען זיי שוין אַרויס. נאָר ס׳איז נישטאָ מיט וואָס זיי איבערצופירן, ווייל ס׳פעלן וואַגאָנען. און מיר האָבן דאָך פאַר דער מלחמה געמאַכט קוילן־וואַגאָנען, ניין? אויך ערשט וועלן מיר מאַכן, נאָר מע דאַרף די פאַבריק אָפּבויען. אָט וואָס... וועלן מיר שנעלער אָפּבויען, וועלן מיר שנעלער מאַכן וואַגאָנען, און מע וועט אונז שנעלער קאָנען ברענגען קוילן, וויפל ס׳איז נייטיק. און אַזוי מיט יעדער זאַך. מע ווייסט, אַז ערשט איז נאָך שלעכט — דאָס פעלט, יענץ פעלט. אָבער קיינער וועט דאָך אונדז נישט מאַכן בעסער, אויב מיר וועלן זיך אַליין נישט בעסער מאַכן. מע זאָגט — מיקאָלייטשיק איז געקומען קיין פוילן, וועט אונדז אַמעריקע אַלץ געבן. נו... וועלן מיר זען. מיר גלייבט זיך עפּעס נישט שטאַרק דערין. כ׳האָב געלייענט אין צייטונג, אַז ווען מען האָט באַפרייט יענעם טייל פוילן הינטער דער ווייסל, האָבן די סאָוויעטן גלייך געשיקט קיין פּראַגע צען טויזנט טאָן מעל אויף ברויט, ווייל זיי ווייסן, אַז ווען ס׳איז פאַראַן ברויט, איז שוין נישטאָ קיין הונגער. און אַמעריקע האָט געשיקט אָבסערוואַטאָרן, זיי זאָלן אויספאַרשן וואָס אונדז פעלט — שאָקאָלאַד צי באַנאַנען. און דערויף האָט זיך געענדיקט. מע ווייסט, אַז טיילמאָל איז דעם מענטש פיינלעך. סיי דער מאָגן דערקוטשעט, סיי דאָס, סיי יענץ. נו, טאָ זאָל זיך איינער מיטן צווייטן צונויפקומען, לאָמיר זיך צונויפנע־מען זיך באַראַטן, אַ ביסל זיך אויסזידלען, און מיר וועלן זיך קלאָר מאַכן, אַז צו אונדזער ביטערער מערכה איז פאַראַן בלויז איין עצה. נע־מען זיך פעסט צו דער אַרבעט. קיין אַנדערע עצות זיינען נישטאָ. און מיר וועלן זיך נעמען צו דער אַרבעט, און מיר וועלן זען, אַז דאָס העלפט. אָט וואָס... און איצט זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען, כּדי זיך אַזוי צו באַראַטן. ווער עס האַלט, אַז מיר דאַרפן נישט אַרבעטן לענגער, כאָטש ס׳איז נייטיק, זאָל ער אונדז אויפקלערן, זאָל ער אונדז געבן צו פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט.. זאָל ער אונדז איבערצייגן, אַז אויב מיר וועלן נישט אָפּבויען די פאַבריק, וועלן

זיך אַלע היילעקע איבער אונדז דערבאַרעמען און אָפּבויען פאַר אונדז...

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער באַמערקט, ווי אַן אַרבעטער, איינער פון די, וואָס זיינען נישט לאַנג צוריק צוגענומען געוואָרן, אַ גע-ווייסער וואַנג, וואָס אַלע האָבן אים שוין געהאַלטן פאַר אַ קלוגן מענטשן, האָט פאַרקרימט דאָס פּנים מיט אַן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט און עפּעס בייז אַ קוק געטאָן אויפן מייסטער, שאָקלענדיק דערביי מיטן קאָפּ. דאָס האָט פלעוועץ צעטומלט. ער האָט אין צעשטרייטקייט געמאַכט אַ פאַרבעטנדיקן זשעסט.

— ביטע...

און ער איז אַ ביסל אָפּגעטרעטן פון זיין אָרט.

די אַרבעטער האָבן זיך שווער באַוועגט, איבערשטעלנדיק זיך פון איין פוס אויפן צווייטן. אייניקע האָבן נידעריק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי זיי וואָלטן פלוצלינג שווער געוואָרן. אויף אַ סך פּנימער האָט זיך געמאָלן אומרו און שווער-פאַרמאַסקירטע חרפּה.

קשאָנזשעק האָט אַ טאַרקע געטאָן דעם מייסטער אין עלנבויגן און יענער האָט, אַ קוק געבנדיק אויף אים, פאַרשטאַנען, אַז דער דעלעגאַט וויל ריידן. האָט ער זיך נאָך מער אָפּגערוקט אין אַ זייט.

— אייגנטלעך דאַרף מען מער גארנישט צוגעבן צו דעם, וואָס ס'האָט אונדז געזאָגט אונדזער ליבער מייסטער- האָט קשאָנזשעק אָנגע-הויבן רויק, דערביי האָט דער דאָזיקער „ליבער מייסטער" אָפּגעקלונגען אַזוי נאַטירלעך, אַז פלעוועץ האָט אַזש אַראָפּגעשלונגען די סלינע. — נאָר כ'וויל שטעלן נאָך איין פראַגע. זאָגט מיר, חברים, ווען ס'וואָלט אַזוי ביי עמעצן פון אייך איינפאַלן די הייזקע, און ער וואָלט זי געמוזט אונטערשפּאַרן, צי דעמלט וואָלט ער אויך געציילט די שעהן, אָדער געקוקט דערויף, וואָס עס ווילט זיך עסן? וואָס?

ער האָט געמאַכט אַ גרויסע פּויזע, ווי ער וואָלט ווירקלעך ווילן הערן פון עמעצן אַן ענטפער, און געקוקט איבער די פאַרזאַמלטע. דעמלט האָט זיך ניעדזיעלע, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון די שטיגלעך, דורכגעשטופּט מיט אַ בייזער מינע פאָרויס און אויפגעהויבן אַ האַנט.

— איך קאָן עפּעס זאָגן?

— באַלד... איך ענדיק באַלד — האָט קשאָנזשעק אים מילד צוריק-געהאַלטן און זיך ווידער געוואָנדן צו די אַרבעטער. — איך מיין, אַז דאָס, וואָס אונדזער מייסטער האָט אונדז אויפגעקלערט, פאַרשטייט יעדער פון אונדז גוט, נאָר מיר האָבן זיך נישט פאַרטראַכט איבער דעם. און

זאָל נאָר יעדער אַריינקוקן אין זיין אַרבעטאָרעריש געוויסן און זיך פרעגן, צי האָט ער גוט געוואָלט טאָן? איך האָב געענדיקט, חברים, ווייל ס'אַ שאָד די צייט. ביטע... — ער האָט אָפּגעטרעטן דאָס אָרט ניעדזיעלען.

ניעדזיעלע איז אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגלעך. ער האָט אָפּגעהוסט. האָט באַהאַלטן די הענט אין די קעשענעס, ווייל זיי האָבן אים בעשיימפּערלעך געציטערט. זיינע אויגן זיינען געלאָפן שנעל, דער קאָפּ איז אים געווען עפּעס מאָדנע אַריינגעקוועטשט צווישן די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך געריכט, אַז עפּעס וועט אים פּלוצלינג אַראָפּפאַלן אויפן קאָרק.

— איך האָב נישט ליב אַזאַ נאַריש הכמהנען זיך — האָט ער געזאָגט אויף אַ קול, אַרויסרופּעריש. — אַ הייזקע, אַ הייזקע איז אַ הייזקע. רעדט וועגן ברויט, וועגן מאָגן, און נישט וועגן אַ הייזקע. פון אַזאַ הינטישער באַשפּייזונג. קלעקט נישט דעם מענטשן קיין כוח אויף אַכט שעה, און דאָ גיב נאָך מער. דאָס איז נישטאָ, יענץ איז נישטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נישטאָ, אָבער פאַרלאַנגט אויך נישט מער ווי מע קאָן. און אַז איר ווילט פאַרלאַנגען מער, איז פריער גיט. און וועגן מיקאָלייטשיקן רעדט נישט, כל-זמן איר זעט נישט. מיט אַלעמען דאַרף מען קאָנען... איך בין אַן אַלטער אַרבעטאָרער! — האָט ער אָנגעהויבן מיט געשריי צו קלאַפּן זיך אין ברוסט — כ'בין געווען אַן אַרבעטער, כ'בין אַן אַרבעטער, און אַן אַרבעטער וועל איך פאַרבלייבן. כ'שטופּ זיך נישט צו ווערן אַ מייסטער, צו קיין מאַכט. אָבער כ'ווייס, אַז פאַר דער מלחמה האָט מען געשמועסט, אַז מע זאָל נישט בלייבן נאָך דער אַרבעטס-צייט, מע זאָל זיך נישט יאָגן ביי אַקאָרד-אַרבעט, ווייל מיט דעם טוען מיר זיך גופא אַן עוולה. און איצט איז כלומרשט אַ נייע מאַכט, נייע פּראָנדקעס, כלומרשט דעמאָקראַטיע, און מע הייסט אונדז בלייבן נאָך דער אַרבעטס-צייט, מע הייסט אונדז האָרעווען וואָס מער. איז אָט אַזאַ דאַרף עס זיין די גערעכטיקייט פאַר אונדז?

— אַז דו פאַרשטייסט נישט, עפן נישט דעם פּיסק! — האָט זיך פּלוצלינג ליפּעצקי אָנגעצונדן און אַרויס מיט אַ געשריי.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער. אָבער פּלעווע האָט שאַרף אָפּגעהאַקט:

— רויק, חברים! זאָל זיך יעדער אַרויסריידן...

— ווער ס'איז אַ שוטה, זאָל ער פאַרשוואַרצט ווערן אין הונגער און קעלט, און איך האָב נישט בדעה... ניעדזיעלע איז אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגלעך און דעמאָנסטראַטיוו זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

פון דעם לויזן עולם האָבן זיך איליק אויסגעשיילט אַרבעטער און שנעל זיך געלאָזט נאָך אים.

פלעווע האָט ווידער פאַרלייגט די הענט אויפן הינטן און, קוקנדיק נאָך זיי, מיט זיין אומרויקער שטים געציילט:

— איינער, צוויי, דריי, פינף, ניין... עלף... דרייצן... פערצן... — ער האָט איבערגעוואָרט אַ רגע, אָפּגעזיפּצט מיט דערלייכטערונג און זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי זיינען פאַרשווונדן אין טויער. צום סוף האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צוגעוואָרפן צעקאָכט:

— נו, איז גייען זיי צום טייוול, אָט וואָס... ווי זיי וועלן זיך אויס-בעטן, אַזוי וועלן זיי זיך אויסשלאָפן. מיר וועלן זיך מיט אַזעלכע אַן עצה געבן.

XIV

דעם פאַקט, וואָס די גרעסטע מערהייט אַרבעטער איז איבערגע-בליבן, הגם פאַרנומען האָט זיך עס אויף עפּעס אַנדערש, האָט פלעווע געהאַלטן פאַר אַ פולשטענדיקן נצחון. ווי צו האַנדלען בנוגע די, וואָס זיינען אַוועקגעגאַנגען — וועגען דעם האָט ער זיך אין דער רגע נישט פאַרטראַכט. ער האָט, איבעריקנס, געהאַלטן, אַז דאָס ליגט שוין נישט אין זיינע קאָמפּעטענצן. ער האָט אין דעם מאָמענט געהאַט אין די הענט די, וועלכע זיינען געבליבן, און זיין זאַך איז געווען ווייטער מיט זיי אָנצו-פירן. ענדלעך וועט ער האָבן מיט וואָס זיך אַ רים צו טאָן פאַר וואַיטשיצקין...

ער האָט געפירט אַ פאָרמעלן קאַמף מיט אַ בונט און אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. איצט דאַרף מען נאָר דערפירן דעם דאָזיקן נצחון ביז צום סוף. מע דאַרף מיט די אַרבעטער, וועלכע זיינען געבליבן, אויספירן די היינ-טיקע אויפגאַבע און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. אָבער אויך ביי די האָט ער נישט געזען קיין גוזמאדיקן ברען.

— נו, און מיר וואָס? מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט, פריינד? — האָט ער אַ פרעג געטאָן הייס און מיט פאַריבל.

— נו, כ׳מיין...

— פאַרשטייט זיך... — האָבן געענטפערט עטלעכע שטימען.

ער האָט נאָך געוואָלט אַפּעלירן צו זיי, זיי זאָלן איינטיילן צווישן זיך די אַרבעט, וואָס ס׳האָבן געדאַרפט אויספירן די, וועלכע האָבן דע-זערטירט, זאָגן, אַז דאָס וועט אויף זיכער פאַרלענגערן די אַרבעט איבער

דער באַשטימטער שעה, וואָס איז אָנגעגעבן אין דער מעלדונג, אָבער דערפאַר וועלן אַלע דרינגענדיקע באַשטעלונגען אויסגעפירט ווערן, און יענע וועט זיין אַ חרפה, וואָס מ'איז זיך אָן זיי אויך באַגאַנגען. ער האָט שוין צוזאַמענגענומען די געדאַנקען צו האַלטן אַ גלאַטע רעדע, וואָס זאָל טרעפן אין געוויסן, ווי וואָנד האָט זיך אַרויסגערוקט פון צווישן דעם עולם.

ער איז געווען אַ רעעמיגראַנט. עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה האָט ער עמיגרירט קיין פראַנקרייך. פון פערציקסטן יאָר אָן האָט ער געלעבט אין די דייטשישע אַרבעטס-לאַגערן. צום סוף פון דער מלחמה האָט ער זיך געפונען אין דער געגנט פון וואַלבזשיך און, באַפרייט דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, איז ער אַריבערגעקומען קיין צענטראַל-פוילן. קיינער האָט ביז היינט נישט געוווסט, אַז ער איז נישט בלויז אַ גוטער פאַכמאַן, נאָר אויך אַ מענטש מיט פעסטע פּאָליטישע פּרינציפּן און אַ גוטער רעדנער. ער האָט געהייסן באָנאַווענטורע וואָנד. ער איז געווען אַ געפונען קינד, וואָס די גאַס האָט אים דערצויגן און ער האָט עס לגמרי נישט אויסבאַהאַלטן.

ער איז שטיינגעבליבן ביי די שטיגלעך, פּנים-אל-פּנים קעגן מייסטער. ער האָט געהאַט אַן ערדיק-דורכזיכטיק אויסזען, ווי ער וואָלט געווען אויסגעקנעטן פון שיטערן וואַקס, אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן-ביינער, טיף-איינגעפאַלענע אויגן. פון זיין פּנים און זיין גאַנצער פיגור האָט זיך נאָך געטראָגן דער אומהיימלעכער בייגעשמאַק פון דעם היטלעריסטישן „אַרבייט מאַכט פריי". אָבער דער בליק האָט געגליט מיט שאַרפער פאַרביסנקייט.

— ס'איז זייער אַ שאָד די צייט, דאָס איז אמת, אָבער כ'וואָלט נאָך וועלן זאָגן אַ פּאָר ווערטער — האָט ער געזאָגט מיט אַן איבער-צייגנדיקן טאָן.

פלעווע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. נישט איבעריק פריינדלעך.

— וואָס? ווידער בונטעווען?

— ניין, איך האָב געבונטעוועט דעמלט, ווען ס'איז געווען די צייט דערויף... — האָט ער קורץ אָפּגעענטפערט.

— נו... רעדט. אָבער נישט צו לאַנג.

— ניין, בקיצור...

ער איז ענערגיש אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגלעך און מיטאַמאָל אָנגענומען די טיפּישע פּאָזע פון אַ רעדנער. די לינקע האַנט אין דער הויזן-קעשענע, די רעכטע מיט די פינגער פאַרשטעקט הינטער דער אויס-געשמירטער בלוזע. ער האָט אַ פיר געטאָן איבער די פאַרזאַמלטע אַ

דרייסטן, אוממיטלבארן בליק. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט יעדן טיף אַריינגעקוקט אין דער נשמה און יעדע נשמה אַרויפגעצויגן אויף עפּעס אַ האַטשיק, פון וועלכן ס׳איז שווער זיך אָפּצוטשעפּען.

— חברים! איך גיב זיך געזוי אָפּ אַ רעכענונג, ווי טייער ס׳איז אונדז די צייט, ווייל וואָס לענגער מיר וועלן זיך דאָ פאַרהאַלטן, אַלץ לענגער וועלן מיר מוזן אַרבעטן...

„אָ... ווי קלוג ער האָט אָנגעהויבן...״ — האָט פלעווע אַ טראַכט געטאָן מיט צופרידנקייט?

— אָבער איבער דעם, וואָס דאָ איז געשען, קאָן מען נישט, טאָר מיר נישט אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדנונג. ווייל דאָס, וואָס איז געשען, איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע! — ער האָט געטייטלט מיט אַ פינגער אין דער ריכטונג פון טויער, ווי אָנווייזנדיק אויף די, וועלכע זיינען מיט אַ רגע פריער אַוועק. — לאָמיר זיך פרייען דערמיט, וואָס ס׳האָט דעזערטירט בלויז העכער אַ צענדליק, און מיר זיינען געבליבן, אויב פון שלאַכט־פעלד דעזערטירט כאָטש דער קלענסטער טייל פון דער אָפּטיילונג, טויג צום טייוול די גאַנצע אָפּטיילונג, און מיט אַזאַ אָפּטיי־לונג געווינט מען נישט קיין שלאַכט. דערין וואָס יענע האָבן דעזער־טירט, זיינען נישט בלויז זיי שולדיק, נאָר מיר, קודם־כל מיר! — ער האָט זיך געשטאָכן מיט אַ שטייפן פינגער אין ברוסט, דערנאָך מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט געצייכנט אַ ברייטן קרייז איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע, און די דאָזיקע קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעבויגן. ווי אונ־טער דער לאַסט פון שולד. — מיר אַלע צוזאַמען און יעדער פון אונדז באַזונדער. ווייל דאָס באַווייזט, אַז מיר זיינען נישט קיין אָפּטיילונג מענטשן, נאָר עפּעס אַ צופעליק געזעמל, וואָס גייט מיט פאַרשידענע וועגן, און אַז יעדער איינער קאָן טון מיט אונדז, וואָס ער ווייל. ער קאָן אונדז צעשפּליטערן, קאָן אָנרייצן איינעם קעגן צווייטן, קאָן העצן, צעטומלען. איך זע, וואָס ס׳טוט זיך דאָ צווישן אייך, און ס׳טוט מיר וויי. אַ סך וואָלט מען געקאָנט וועגן דעם ריידן, אָבער היינט איז נישטאָ דערויף קיין צייט. איין זאַך נאָר מוז איך אייך זאָגן — נישט שטענדיק מעסט מען די אַרבעטס־צייט לויט שעהן, ווער ס׳איז געווען אין אַ דייטשן אַרבעטס־לאַגער, יענער ווייסט, אַז דאָרט האָט מען די צייט געמאָסטן לויט די באַקומענע שמיץ און קלעפּ. און די שמיץ און קלעפּ האָט מען באַקומען סיי זעקס אין דער פרי, סיי צוועלף ביינאַכט, און צו יעדער צייט. היינט איז די דאָזיקע בייטש צעבראָכן. אָבער מיר האָבן נאָך נישט די זיכערקייט, צי ס׳וועט זיך ווידער נישט געפינען קיין בעלן, וועלכן ס׳וועט זיך פאַרגלוסטן איבער אונדז אַזאַ בייטש

פֿאַרפֿלעכטן. די טשערטשילס שלאָפֿן נישט. און כדי פֿאַר דער דאָזיקער בייטש מער נישט מורא צו האָבן, כדי זיך און אַנדערע פֿאַר איר צו פֿאַרהיטן, לאָמיר נישט מעסטן, חברים, אונדזער אַרבעט לויט שעהען, נאָר לויט די באַדערפֿענישן. לאָמיר נישט פֿרעגן, צי ס'איז שוין צייט, נאָר לאָמיר אַ קוק טאָן, צי מיר האָבן אויסגעפֿירט דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצופֿירן. און לאָמיר אַ קוק טאָן צי אונדזער קאָלעגע, דער שכן ביים צווייטן האַמער טוט אויך דאָס אייגענע. לאָמיר קעמפֿן פֿאַר דעם, אַז אין אונדזער אָפּטיילונג זאָלן נישט זיין קיין דעזערטירן, דעמלט וועלן מיר זיין אַן אמתע אָפּטיילונג. לאָמיר זיך נישט פֿרייען, וואָס מ י ר זיינען גוטע, נאָר לאָמיר זיך באַמיען, אַז אַלע זאָלן זיין אַזעלכע. אויף אַזאַ אופֿן, נאָר אויף אַזאַ אופֿן וועלן מיר זיך דער־וואַרטן אַ פֿאַרדינטן אָפּרו, און דאָס אַ מנוחהדיקן אָפּרו. נאָר אויף אַזאַ אופֿן וועלן מיר באַזייטיקן דאָס געשפּענסט פֿון אַ בייטש אין אונדזער צוקונפֿט. אַזוי! — האָט ער אַ זעץ געטאָן צום פֿאַרענדיקן, ווי ער זאָל אַרויפֿקלאַפּן אַ זיגל, און איז פֿלינק אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די שטיגלעך.

עמעצער האָט האַסטיק אַ פּאַטש געטאָן מיט די דלאָניעס און מאָמענטאַל האָבן דאָס אַלע סטיכיש אונטערגעכאַפּט. אין יענער צייט פֿלעגן זיין אַ סך רעדעס, און נאָך זיי פֿלעגן זיין אַ סך אַפּלאָדיסמענטן. אויף אַלע מיטינגען האָבן אייניקע געפּאַטשט, כדי אויסצודריקן זייער אָנערקענונג, אַנדערע ווי עפּעס מחמת פֿליכט, און ס'זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פֿלייסיק געפּאַטשט, נישט אויסהערנדיק אויפֿמערק־זאַם קיין איין זאַך. אָבער דאָס מאָל איז אַנדערש געווען. די מענטשן האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער און געקוקט אויפֿן רעדנער נאָך דעמלט, ווען ער איז שוין אַראָפּגעגאַנגען פֿון די שטיגלעך און האָט זיך געפֿונען צווישן זיי.

— און איצט צו דער אַרבעט, מיינע טייערע. איר האָט שוין מסתּם אַלץ פֿאַרשטאַנען... — האָט פֿלעווע פֿאַרענדיקט. — ווייל די אויוונס ווערן אויסגעקילט...

דאָס האָט געזאָלט זיין זייער האַרציק און באַמוטיקנטיק, אָבער ס'איז אַרויסגעקומען קרום. די פֿרייד, וואָס האָט מיט אַ רגע פֿריער באַהערשט זיין נשמה, איז טריב געוואָרן. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס אַלץ איז נישט אַזוי פּשוט... דאָס, וואָס ער האָט אַזוי לייכט און איילִיק אָנערקענט פֿאַר אַ נצחון, האָט וואָנך אָנגערופֿן אַ דורכפֿאַל און — ליידער — מע מוז אים אָפּגעבן גערעכט. דערצו נאָך צוגעבן אַ זאַך, וועלכער האָט זיך געפֿונען צווישן די שורות פֿון זיין רעדע, און וועלכן פֿלעווע האָט זיך שוין אָן שוועריקייטן דערזאָגט — אַז אויב די אָפּטיילונג טויג

צו גאָרנישט, טויג אויך דער אָנפירער פון דער אָפטיילונג צו גאָרנישט. אויב די גאַנצע אָפטיילונג דאַרף זיך פילן שולדיק פאַר דער דאָזיקער דעזערציע, איז דער פירער פון דער אָפטיילונג — קודם־כל...

דעריבער האָבן זיין פרייד און צופרידנקייט מיט זיך געדויערט קורץ, זייער קורץ, און ווידער געמוזט אָפטרעטן דאָס אָרט פאַר ווידער־געפיל און ערגערניש. אָבער זיי זיינען נישט פאַרביי אָן אַן אָפּקלאַנג. זיי האָבן איבערגעלאָזט עפּעס אַן אָפּזאַץ פון אַ נאָך שוואַכן גלויבן אין זיך, מחמת דעם פאַקט, וואָס פונדעסטוועגן האָט ער אין קריטישע מאָמענטן באַוויזן שנעל צו טראַכטן און ענערגיש צו האַנדלען.

פון די דאָזיקע מחשבות האָט אים אויפגעוועקט קשאַנזשעקס שטים.

— אַז דער מענטש טראַכט אַליין — האָט דער דעלעגאַט אומעטיקלעך אַ מורמל געטאָן, ווען די אַרבעטער האָבן זיך דערווייטערט — אָדער רעדט מיט אַ צווייטן, שטעלט זיך אַלץ אַזוי קלוג אויס אין קאָפּ. אָבער אַז מען דאַרף ריידן פאַר מענטשן, קריכן שטותים אויף דער צונג, צום טייוול... — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און שווערלעך זיך געשלעפּט צו די האַמערס.

אין דעם האַל איז נאָך געווען שטיל. די האַמערס האָבן נישט געקלאַפּט און די מאָטאָרן זיינען נישט געווען איינגעשלאָסן, ווייל מ׳האָט דאָך פריער געמוזט אָנווארעמען מאַטעריאַל צום שמידן. כמעט אַלע אַרבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין צוויי גרופּעס ביי די אויוונס, פון וועלכע ס׳האָט געזעצט אַ היץ.

פלעווע איז צוגעגאַנגען צו דער נענטערער גרופּע.

— און איך זאָג אייך, אַז ניעדזיעלע איז אַ געמיינער יונג — האָט מיט אַ געהעכערטער, אַ ביסל אויפגערעגטער שטים פאַרענדיקט קאַשוב־סקי. — ס׳נעמט ביי אים דער לעבער, וואָס נישט ער איז געוואָרן מייס־טער, אָט דאָס שטעכט אים. און צוליב דעם קאָן ער אָפּטאָן יעדע חזירײַ.

— איז דאַרף מען אים אויפקלערן, אַז מיט אַזאַ וועג וועט ער קיינמאָל נישט דערגיין צו ווערן אַ מייסטער — האָט וואָנג רויק אויפ־געקלערט. — מע דאַרף אים ווייזן, אַז מיר שאַנעווען און אַכטן דעם מייסטער, וועלכן מיר האָבן, און קיין בעסערן דאַרפן מיר נישט, און אַז ער וועט נעמען אונטערשטעלן פיסלעך, דאַרפן מיר זיך אָפּקערן פון אים, אים אָנצולערנען. און דאָ הערט אים גאָר אויס נישט איינער פון אייך זייער גערן, ווען ער באַרעדט דעם מייסטער, און נישט איינמאָל צעלאַכט ער זיך נאָך און איז עפּעס מוסיף. ער פילט זיך דערפאַר שטאַרק, ווייל ער מיינט, אַז מיר זיינען אויף זיין צד...

דער דאָזיקער שמועס האָט פּלעווען פאַרשאַפט אַן אמתע סאַטיס־פאַקציע. ער האָט זיך דערפריייט, וואָס זיין אַריינקומען האָט אים נישט איבערגעריסן, וואָס די אַרבעטער ריידן פריי ווען אים אין זיין בייזיין. וואָנך האָט זיך אַפילו געוואָנדן דירעקט צום מייסטער.

— און איר, פאַניע מייסטער, צאַצקעט זיך צופיל מיט אים, און דערפאַר רוישט ער אַרום וואָס אַמאָל מער. אים דאַכט זיך, אַז איר פילט זיך נישט גענוג זיכער, דערפאַר וויל ער אייך קריכן אויפן קאָפּ.

— נו! שקאַרפּעטקעס — אַ בגד — האָט זיך טשיכאָן אַ ריס געטאָן. — ווען ער זאָל דאַרפן זיין דער מייסטער, אַנטלויף איך דער ערשטער פון דער אָפּטיילונג...

— מע דאַרף אים דערלאַנגען אַ ביסל איבער דער נאָז — האָט וואָנך ווייטער געצויגן — אַז איר וועט אים דערלאַנגען, און מיר וועלן אים דערלאַנגען, וועט ער ווייכער ווערן.

— אָדער ער וועט נאָך מער אַרויסשטעלן די הערנער... — האָט זיך אַריינגעמישט רוזשאַנסקי.

פּלעווע איז פּשוט דערשיטערט געוווען פון דאָזיקן שמועס, ווי מע וואָלט דאָ אויפגעטאָן עפּעס אויסערגעוויינלעכס. און אין דער אמת האָט ער זיך בלויז צוריקגעקערט צו די צייטן. ווען ער האָט אַליין ווי אַ וועכטער געשטעקט אין דער אַרבעטער־מאַסע. ער האָט זיך אין דער רגע קלאָר געמאַכט, אַז די אַרבעטער אינטערעסירן זיך דאָך תּמיד לעבהאַפטיק דערמיט, וואָס קומט פאָר אַרום זיי, און האָבן וועגן אַלץ אַ געזונטע מיינונג. ער האָט זיך פאַרכלינעט מיטן אויסהערן די דאָזיקע מיינונגען און פאַרשאָלטן דעם כּוח, וואָס האָט אים דערווייטערט פון די מענטשן, אָפּגעבנדיק זיך אומקלאָר אַ חשבון, אַז ער אַליין האָט דאָך דעם דאָזיקן כּוח אויסגעכאָוועט.

— איך האָב געוואָלט אויף אַ מענטשלעכן אופן... — האָט ער אויפגעקלערט נישט אַזוי ווייט זיי, ווי זיך.

וואָנך האָט עקשנותדיק פאַרענדיקט זיין געדאַנק.

— און קודם־כּל דאַרף מען אָוועקרייסן פון אים יענע מענטשן, וועלכע לאָזן זיך פון אים צעטומלען און פירן פאַר דער נאָז. נישט אַלע זיינען זיי שלעכט.

— און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז אַ מגוול... — האָט זיך קאָשובסקי איינגעשפּאַרט. — איך האָב אים גוט געקענט פאַר דער מלחמה. אַן אונטערלעקער, אַ משרת...

וואָנך האָט זיך געוואָנדן צו אים.

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ, חבר. נישט מיר האָבן דערצויגן די מענטשן פאַר דער מלחמה. און היינט מוזן מיר דערציען און פאַרריכטן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן אַמאָל קאַליע געמאַכט. און מע דאַרף שטענדיק אויסנוצן אַלע מעטאָדן צו פאַרבעסערן אַ מענטשן. נו, אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ס'העלפט נישט גאָרנישט, אַז דאָס איז אַ פולשטענדיקער מנוול, איז דעמלט געגעבן אים דעם דרך... אָבער מיט מענטשן דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק...

— האָ! האָ! אַז מיר וועלן אָנהייבן אַזוי פאָרזיכטיק, וועלן מיר זיך פעלן. נעכטן האָבן מיר מקבר געווען דעם קאָמענדאַנט פון דער מיליץ. ער האָט אויך געוואָלט זיין מיט זיי פאָרזיכטיק, און זיי אים אַ קויל אין פלייצע.

— דאָרט איז עפּעס אַנדערש... — האָט וואָנג געדרייט מיטן קאָפּ.

— טאַטאַר, שוין! רוזשאַנסקי, שוין! גלאָוואַניע, שוין! לאַגאַט, שוין! קאַשובסקי, שוין! — האָט קאַליטאַ אַ שאַל געטאָן מיט אַ הילכיקער שטים, אַריינקוקנדיק דורך די בלויע ברילן אונטערן דעקל פון אויוון אין דער שפּאַרונע, פון וועלכער ס'האָט געזעצט אַ היץ.

די אויסגערופענע אַרבעטער האָבן זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן צו זייערע האַמערס, און די געהילפן האָבן אַ כאַפּ געטאָן די צוואַנגען און געלאָפן צום אויוון. קאַליטע האָט אַרויסגעכאַפּט פון אויוון די ביז ווייסקייט צעגליטע שטיקער מעטאַל, דערלאַנגט זיי דעם צוגעלאָפענעם, יענער האָט אָנגעכאַפּט מיט דער צוואַנג און געלאָפן צום אויוון, ווי ער וואָלט געטראָגן אַן אָפּגעהאַקט שטיקל זון.

קאַליטע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גלענצנדיקן זכרון און אָריענטאַציע. ער האָט געמעגט האָבן אין אויוון עטלעכע צענדליק פאַרשיידנערליי שטיקלעך, און האָט שטענדיק געוווּסט צו וועמען יעדעס פון זיי געהערט. ליסטעצקי, וועלכער האָט געאַרבעט ביים צווייטן אויוון, האָט זיך נישט געקאָנט גלייכן צון אים אין דער הינזיכט, און דאָס האָט אים דערפירט צו משוגעת. בעת ווען פון קאַליטעס אויוון האָט יעדער געטראָגן דאָס באַקומענע שטיקל צום האַמער, נישט באַטראַכטנדיק עס, האָט ביי ליסטעצקין יעדער געוואָלט באַטראַכטן, וואָס ער האָט באַקומען, כדי נישט צו דאַרפן שפּעטער זיך אומצוקערן.

נאָך די אויסגערופענע זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען די איבריקע, ליסטעצקי און קאַליטע האָבן ווייטער פונאַנדערגעטיילט שטיקלעך זון. טאַרנאָווסקי האָט איינגעשלאָסן די מאָטאָרן, און די האַמערס האָבן גענומען קלאַפּן פלייסיק — איינס, צוויי, דריי, וואָס אַמאָל לעבעדיקער. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן גערדיכטע פונקען פון דעם געשמידטן מעטאַל.

פלעווע איז אַ רגע געשטאַנען אויף אַן אָרט, האָט דורכגעטראַכט די נייע באַאָבאַכטונגען. וואָרן אין דעם, וואָס ער האָט מיט אַ רגע פריער געהערט, האָט ער בפירוש געפונען דעם תּוך פון וואָיטשיצקיס עצות און אָנווייזונגען. די היינטיקע געשעענישן זיינען געשטאַנען פאַר אים ווי קלאָרע וועג-ווייזערס אויף די וועגן צו זוכן די מענטשן און זיך גופא. ער האָט געזען די פערספּעקטיוון פון די דאָזיקע וועגן, דערפילט זייער גרונט אונטער די פיס און מיט פרייד אַנטפּלעקט אין זיך די זיכערקייט, אַז איצט וועט ער זיך קאָנען באַוועגן אויף זיי.

אַ געקרעפּטיקטער גייסטיק, איז ער געגאַנגען אין דער ריכטונג צו די האַמערס. אייניקע האָבן שוין געשמידט מיט ברען, אַנדערע האָבן נאָך געוואַרט, ווייל די גרעסערע שטיקער האָבן נישט באַוויזן זיך אָנצו-וואַרעמען. אָבער פון די פנימער פון די אַלע, דאַכט זיך, וואָס האָבן געוואַרט, און פון זייערע בליקן, וואָס זיי האָבן געוואָרפן אין דער ריכטונג פון אויוון, האָט זיך געפילט אומגעדולד.

ס'איז פונדעסטוועגן שווער געווען פעסטצושטעלן די סיבה פון דעם דאָזיקן אומגעדולד. צי די מענטשן איז געגאַנגען דערין, וואָס גיכער אויסצופירן די דרינגענדיקע אַרבעט, אָדער זיי האָבן גאָר פשוט געגאַרט שנעלער צוקומען צום סוף און אַהיימגיין.

דער מייסטער האָט באַשלאָסן זיך איבערצוצייגן דערין. זבראָיע האָט פולשטענדיק אָפן אַרויסגעוויזן אומגעדולדיקייט, איז ער דעריבער צון אים צוגעגאַנגען.

— וואָס? מ'האָט נאָכנישט אָנגעוואַרעמט?

— אָט, מ'האָט נאָכנישט אָנגעוואַרעמט... — האָט זבראָיע געמורמלט — מע פטרט אומזיסט די צייט אויפן וואַרטן, און דערנאָך פּראַצעווע כ'ווייס נישט ווי לאַנג...

פלעווע האָט אַ וואַרף געטאָן מיטן אויג אויף דער צייכנונג, וואָס איז געהאָנגען אויפן טאָוול, און אויפן שאַבלאָן, וואָס איז געשטאַנען ביים האַמער.

— די דאָזיקע קאָרבע צון אַ קאָמפּרעסאָר מאַכט איר?

— המם...

— איר וועט באַווייזן ביז זעקס?

— באַווייזן וועל איך באַווייזן, אָבער מע דאַרף דאָך נאָך עפּעס מאַכן. פאַר יענע ליידיקגייער. אַז מ'האָט גערעדט, אַז אַלץ מוז זיין געמאַכט, איז... און דאָ דער מאָגן, צום טייוול, בורטשעט, ווייל ער איז ליידיק...

— נו... ער וועט אָפּבורטשען און אויפהערן.

— ס׳קומט אויס אַזוי, אָבער ער האָט דאָך אויך זיינע רעכט.

— ער האָט. און מע דאַרף אים הערן, ווייל ער איז אַ גרויסער פּריץ. אָבער אויב מיר טוען עפּעס, איז דאָך עס, כּדי אים צופרידנצו־שטעלן. ווייל וואָס פריער מיר וועלן זיך אָפּפּאַרטיקן מיט דער דאָזיקער אָפּבויונג, אַלץ פריער וועט ער אויפהערן צו בורטשען.

— עעע! צום טייוול! מע האַלט אַזוי כּסדר אין איין שמועסן, אָבער איידער ס׳וועט צו עפּעס דערגיין, וועט מען די קאַפּיטעס אויסציען...

— ניין, זבראַיע, מיר זיינען אַזאַ פאָלק, וואָס אַזוי לייכט וועלן מיר די קאַפּיטעס נישט אויסציען. מיר זיינען צוגעווינט צון אַ האַרט לעבן. ערשט איצט וועט מסתּם קומען אַ בעסערס.

— אַזוי שמועסט מען כּלומרשט, אָבער איידער עפּעס וועט קומען...

— מיר וועלן אַליין אויסשמידן, וועט מוזן קומען.

זבראַיע האָט אַ שמייכל געטאָן האַלב הייטער און האַלב ביטער. מיטאַמאָל איז ער פריילעך געוואָרן.

— אַהאַ! ער לויפט שוין! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, כאַפּנדיק די צוואַנג.

פונעם אויוון איז מיט אַ קאָמיש טריטעלע געלאָפן זיין געהילף, טראָגנדיק מיט דער צוואַנג אַ היפּשע שטאַנג צעגליט אייזן צוליב דער היץ האָט ער נישט געקאָנט האַלטן די מאַסע נאָענט צו זיך, ווייל דאָס אָנטועכץ וואָלט זיך געקאָנט אָנצינדן, און די שפּאָרע וואָג פון דער שטאַנג ווידער האָט געפאָדערט נישט קיין קליינע אָנשטרענגונג, כּדי זי צו טראָגן אויף אַ לייטישן אָפּשטאַנד. דאָס האָט דעם טרעגער געצוווּנגען זיך איינצובויגן גראָטעסקאַרטיק אין דער טאַליע און זיך צו באַוועגן נעמלעך מיט אַזאַ קאָמיש טריטעלע. זבראַיע איז אים אַנטקעגנגעלאָפן געכאַפּט די שטאַנג ביים צווייטן עק, און זיי האָבן זי ביידע פלינק גע־וואָרפן אויף דער קאָוואַדלע. מיט איין שטופּ מיטן דרענגל האָט דער ארבעטער אַראָפּגערוקט דעם פּאַס פון דער שטייענדיקער ראָד אויף דער אַרבעטנדיקער, און דער האַמער האָט גענומען ריטמיש, ערנסט אויס־קלאַפּן פון דער שטאַנג אַ פאַנטאַן לייכטנדיקע פונקען.

פלעווע האָט באַוואונדערט ווי שנעל ס׳האָט זיך געענדערט זבראַיעס אויסזען. פון די אויגן זיינע איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן דער נעפּל פון מידקייט און אומווילן, דאָס פּנים איז פאַרשטייפט געוואָרן אין אַן אויס־דרוק פון קאָנצענטרירטקייט און אויפמערקזאַמקייט.

„אָ, ווי נאָר דו דערלאַנגסט דעם שמיד אין לאַפּע אַריין אַ האַמער מיט אַ שטיק אייזן, פאַרגעסט ער גלייך אין דער גאַנצער וועלט...״— האָט מיט שטאָלץ און פרייד אַ טראַכט געטאָן דער מייסטער, אַוועקגייענדיק.

אין האָל איז ווידער געוואָרן הייטער און טומלדיק.

וואַנך איז געזעסן ביי זיין האַמער אויפן בענקל. מיט איין צוואַנג האָט ער געהאַלטן דעם באַאַרבעטן מאַטעריאַל, און מיט דער אַנדערער געפירט איבער אים אַ דין שטענגעלע שטאָל. ער האָט געוויינלעך אויס־געאַרבעט די שווערסטע דעטאַלן, איז דערפאַר זיין האַמער געווען אַ קליינער, האָט געשלאָגן לייכט, מיט אַ דריבנע, איילנדיק קלעפּעלע. אויף דער פּאָליטשקע ביי זיין קאָוואַדלע זיינען געלעגן שטיקלעך שטאָל פון פאַרשיידענע פאָרמען און פאַרשיידענער גרייס–רעדעלעך, שטאַנגעלעך, וואַלצן, רינגען, – וואָס האָבן געדינט אויסצושמידן די נייטיקע קרימונגען אַרויסשטאַרצונגען, ריוולעך, איינטיפונגען אין דעם באַאַרבעטן שטיק. די קראַפט און די שנעלקייט פון די קלעפּ האָט ער רעגולירט מיטן פוס.

ביים מייסטער האָט זיך אַזש דאָס האַרץ געפרייט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז וואַנכס ליפּן זיינען אָנגעשטעלט צו פייפן. צי ער האָט געפייפט האָט מען נישט געקאָנט הערן צוליבן טומל פון דער אַרבעט, אָבער פּלצוע איז געווען איבערצייגט, אַז ער פייפט. אָט אַ מענטש...– האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין, נישט אויסצודריקן כאָטש אַ טייל פון דעם נחת־רוח, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין דער נשמה. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער וואַנכס פּלייצעס, זיך איינגעבויגן און באַרימעריש אים אַריינגעזאָגט אין סאַמע אויער.

– מיר שמידן, וואָס?

וואַנך האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ קורצן, אַ ביסל איבער־ראַשטן בליק, אָבער באַלד זיך צעלאַכט.

– מיר שמידן, ווי די טייוולאָנים! – האָט ער אַ געשריי געטאָן דורך דעם געקלאַפּעריי פון די האַמערס.

– אויף אייך רעכן איך צוממיינסטן – האָט אים דער מייסטער געפּיעשטשעט מיט ווערטער: ווייל מיר האָבן נאָך אַ שפּאָר ביסל אַזעלכע שטיקער.

– ס'וועט געמאַכט ווערן. זאָל נאָר קאָליטע גוט וואַרעמען...

מע וועט דאַרפן קאָליטען אַ בעט טאָן – האָט דער מייסטער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אַ רגע געקוקט, ווי אונטער די שנעלע קלעפּ פונעם האַמער שניידט זיך איין דאָס שטאָלענע שטאַנגעלע אין דעם צעגליטן מאַטעריאַל. ער האָט זיך ווידער אַראָפּגע־בויגן צו וואַנכס אויער.

– איר וואָלט געמעגט אַמאָל אַריינקומען צו מיר. מיר וואָלטן געכאַפּט אַ שמועס... – האָט ער צוגעוואָרפן, צוגעבנדיק חשק.

קאָנקרעט איז אים געגאַנגען אין דעם, וואָס ער האָט נישט פאַרטשאַנען יענעם אויסדרוק פון אומצופרידנקייט אויף וואַנכס פנים, וועלכן ער האָט באַמערקט ביים סוף פון זיין רעדע.

וואַנך האָט זיך ווידער ברייט צעשמייכלט און עטלעכע מאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט אָפּרייסנדיק זיך פון דער אַרבעט.

מע וועט אפשר דאַרפן אַליין אויך זיך אַוועקזעצן ביי אַ וועלכן ס׳איז האַמער...— האָט דער מייסטער נישט אַנטשלאָסן אַ טראַכט געטאָן. ער איז אַריבערגעגאַנגען צום אויוון, צו קאַליטען. האָט אים פריינדלעך אָנגענומען פאַרן אַקסל.

— איך בעט אייך, קאַליטע, קערעוועט מיט דעם וואַרעמען ווי צומבעסטן, אַלץ זאָל גיין גלאַטיק, די מענטשן זאָלן נישט וואַרטן, ווייל ס׳איז אַ שאָד די צייט.

קאַליטע האָט אַרויפגעהויבן די אויגן פון הינטער די טונקעלע ברילן, וואָס האָבן געגלאַנצט קעגן פייער, און אויסגעשטשירעט די לאַנגע, שוואַרצלעכע ציין.

— אָ! איך וועל שוין, פאַניע מייסטער, אַזוי אויסקאַרקולירן — אַזוי געמלעך האָט ער געזאָגט: אויסקאַרקולירן — ס׳זאָל אַלץ זיין אין אָרדענונג. קיין שום האַמער וועט נישט וואַרטן קיין סעקונדע, איצט נאָך דריי איז שוין דער גאַז אַ סך אַ בעסערער...

פלעווע האָט אים מיטן בליק אויסגעדריקט אָנערקענונג און געוואָלט גיין ווייטער, האָט אָבער באַמערקט, אַז קאַליטע וויל נאָך אָפּנים וועגן עפּעס רעדן, ווייל ער האָט מיט אַן אומזיכערער באַוועגונג פאַרריכט די ברילן אויפן שטערן און דורך אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל ווידער געוויזן זיינע לאַנגע ציין.

— מיך, פאַניע מייסטער — האָט ער אָנגעהויבן נישט גלאַטיק — אינטערעסירט איין זאַך עפּעס... איך ווייס, אַז אויב מען דאַרף, דאַרף מען... און מע דאַרף אָפּנים, אויב אַלע קלוגע מענטשן זאָגן אַזוי. אָבער דאָס איז אמת, וואָס ניעדזיעלע האָט געזאָגט, אַז פאַר דער מלחמה האָט מען אַנדערש גערעדט, אָ... איך ווייס, אַז איצט איז עפּעס אַנדערש, און אַז איצט דאַרף מען, אָבער ס׳וואָלט זיך וועלן אַזוי פאַרשטיין, מע זאָל קענען אויך אַ צווייטן מענטשן אויסטייטשן...

מיטאַמאָל איז פאַר פלעווען אויסגעוואַקסן פּעלעק...

— מע בעט שנעל צום טעלעפאָן...— האָט ער אונטערגעאײַלט און געטרעסלט מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון קאָנטאָר.

דער מייסטער האָט אַ ציטער געטאָן.

— גוט, קאַליטע... — האָט ער צוגעוואָרפן צעשטרייט. — שפּעטער וועלן מיר שמועסן וועגן דעם... — און ער איז אַוועקגעלאָפן צום קאָנטאָר.

ביים טעלעפאָן איז געשטאַנען דער שרייבער מיטן טרייבל אין האַנט. פּלעווע האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרחידושט, וואָס דער דאָזיקער פאַרשוין שטעקט נאָך אין קאָנטאָר, כאָטש קיינער האָט נישט פאַרלאַנגט פון אים אַזאַ פלייסיקייט, אָבער, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך לענגער איבער דעם, גענומען בײַ אים דאָס טרייבל.

— דער דירעקטאָר וואָיטשיצקי... — האָט פאַרטרויליך אַ שעפּטשע געטאָן דער שרייבער.

— כ'הער... — האָט דער מייסטער געזאָגט אין טעלעפאָן אַריין מיט אַן עטוואָס ציטערדיקער שטימע. — יאָ, דאָס בין איך... אין אָרדנונג, ס'גייט... יאָ, פּערצן... איך ווייס, דאָס איז אַ ביסל מיין שולד, אָבער אַ ביסל אויך אייערע... מיינע?.. נו יאָ, דורכן טעלעפאָן וועט מען זיך נישט דעררעדן... באַלד נאָך דער אַרבעט, יאָ? גוט... נישט פריער ווי אַכט מסתמא... כל־זמן זיי וועלן נישט אַלץ אויסענדיקן, זיי האָבן אַליין אַזוי געזאָגט... גוט, גלייך נאָך דער אַרבעט וועל איך קומען...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, שווער אַ זיפץ געטאָן און אינגאַנצן אומגעריכט פאַר זיך אַליין אויסגעלאָזט צום שרייבער.

— און איר וואָס זיצט דאָ גלאַט אַזוי?

דער שרייבער איז שטאַרק מבולבל געוואָרן, אפילו דייטליך בלאַס געוואָרן, אָבער שנעל געקומען צו זיך, אַזוי אַז דער מייסטער האָט אפילו נישט באַמערקט זיין צעטומלעניש.

— איך אייל זיך נישט אין ערגעץ — האָט ער געענטפערט באַשיידן.— וואָס אַרט עס מיר, אַז איך בלייב, ווען אַנדערע בלייבן. ס'וועט זיך פאַר מיר אויך געפינען וואָס צו טאָן...

פּלעווען האָט באַנג געטאָן זיין אומזיסטער כעס. ס'איז דאָך נאָך אַזוי בעסער, ווען אַ מענטש בלייבט פון אייגענעם ווילן, כאָטש קיינער האָט עס אים נישט געהייסן. ס'איז איבעריק, אָבער דאָס זאָגט גוט עדות וועגן דעם שרייבער, וואָס ער גייט אַזוי האַנט בײַ האַנט מיט די אַרבעטער.

— נו גוט... — האָט ער באַלד אָפּגעצאָלט מיט אַ וואַרעמען שמייכל און פריינדלעכן בליק. — דאָס שטערט דאָך קיינעם נישט, און אויך נישט... איך האָב גלאַט אַזוי... כ'האָב זיך געחידושט און מער גאָרנישט...

פון קאָנטאָר איז ער פונדעסטוועגן אַרויסגעגאַנגען אַ דענערוווירטער. דער איבל צוליבן קליינעם אינצידענט מיטן שרייבער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער פערספעקטיוו פונעם שמועס מיט וואַיטשיצקין, וואָס וועט מסתם זיין נישט קיין זייער אָנגענעמער, און דאָס האָט אים קאַליע געמאַכט די שטימונג.

XV

קאַליטע און ליסטעצקי האָבן אויסגעלאָשן די אויוונס, וואָרן אַלע שטיקלעך זיינען געווען אַרויסגעגעבן די שמידן. די מערהייט האַמערס האָבן שוין פאַרענדיקט זייער קלאַפּנדיקע אַרבעט. בלויז סקוביק, טשיסטאַלסקי און וואָנך האָבן נאָך געדרייט אויף די קאָוואַדלעס די זיך אָפּקילנדיקע שטיקלעך שטאָל, וועלכע האָבן שנעל פאַרלוירן דעם גלאַנץ און זיך באַדעקט מיט די שיפּעלעך פון דער אָקסעדירטער אויבערפלאַך, וועלכע ווערן צעשפּריצט מיט יעדן זעץ פון האַמער. אַ סך אויסגעשמידטע שטיקעלך האָבן שוין אַוועקגעוואַנדערט אין קאָנטאָר אַריין, ווו זיי זיינען נאָכן קאָנטראָלירן און פאַררעגיסטרירט ווערן אין בוך, פאַרזעענע מיט נומערן, געפאַלן אויפן ברייטן, צעקראַצטן טיש פון גראָבע ברעטער. די לעצטע שטיקלעך האָט מען געמאָסטן נאָך אויף הייס. מ'האָט זיי געמוזט האַלטן מיט די צוואַנגען און זיך אויסהיטן זיי נישט אָנצורירן, כדי זיך נישט אָפּצובריען.

פלעווע האָט נישט פאַרפעלט צוצוואַרפן יעדן איינעם, וואָס האָט אָפּגעגעבן די אַרבעט, עטלעכע ווערטער פון אָנערקענונג און לויב, נישט איינמאָל איבערטרייבנדיק גאַנץ באַוווסטזיניק, צי אַפילו פאַרטושנדיק אַן אינערלעכע אומצופרידנקייט. וואָס אַן אמת, איז קיין איין שטיק נישט געווען אָפּגעפּאַרטאַטשעוועט אַזוי, סע זאָל נישט טויגן צום ווייטערדיקן באַאַרבעטן, ס'האָבן זיך פונדעסטוועגן געטראָפן געוויסע בלויזן אין דער אויספירונג, אָבער היינט איז נישט די צייט אויף קיין טענות און אויסבעסערונגען. ס'איז דערגרייכט געוואָרן אַן אמתער נצחון, און מע טאָר אויף אים נישט וואַרפן קיין שום שאָטן. דער מייסטער האָט געשעפּט נחת פונעם נצחון, געפילט ווי ס'גלאַנצן זיינע אויגן און פאַר יעדן פרייז געוואָלט כאָטש אַ קליינעם פונק פון אַזאַ גלאַנץ אָנצינדן אין די אויגן פון יעדן איינעם, וואָס האָט אָפּגעגעבן די אַרבעט.

די אַרבעטער זיינען געווען איינגעמידט. מ'האָט געהאַט, דעם איינדרוק, אַז די באַקן זיינען זיי שטאַרקער איינגעפאַלן. און די אויגן

טיפער איינגעזונקען. זיי האָבן זיך באַוויזן שווערלעך, ווי נאָך אַ הייסער באָד. די פּלייצעס זיינען זיי געווען איינגעבויגענער ווי תמיד. די הענט, באַפרייט פון וועלכער ס'איז נויטווענדיקער טעטיקייט, זיינען אוממעכטיק אַראָפּגעהאָנגען לענגויס די קערפּערס, נישט זוכנדיק קיין שום אָנשפּאַר. דער שווייס, אַ פאַרמישטער מיט רויך און שטויב, האָט, אויסטריקענענדיק, געצייכנט אויף אַלע גרעסערע פלאַכן פון די פּנימער פאַנטאַסטישע מאַפּעס, צוזאַמענגעשטעלטע פון רעטושירטע פלעקן, וואָס פון הינטער זיי האָט ערטערווייז אַרויסגעקוקט אַ פאַרויטלטע הויט פון היץ. אייניקע האָבן, אָפּגעבנדיק זייער לעצט שטיק, זיך אומגעקערט צו זייערע האַמערס און שווערלעך זיך אַנידערגעזעצט אויף די בענקלעך, אָדער אָנגעשפּאַרט זיך אויף די אייזערנע קאָרפּוסן. אַנדערע האָבן אויסגעטאָן די העמדער, זיך גרייטנדיק אַרומצווואַשן. זייערע בליקן, געווענדט אין דער זייט פון די האַמערס, וואָס קלאַפּן נאָך, האָבן אויסגעדריקט דערלייכטערונג, און טיילמאָל אויך מיטגעפיל פאַר די, וואָס מאַטערן זיך נאָך, קלאַפּן נאָך.

טשיסטאָלסקי האָט אַריבערגערוקט דעם פּאַס אויף דער שטייענדיקער ראָד, געכאַפּט מיט דער צוואַנג דעם שוין אינגאַנצן שוואַרץ-געוואָרענעם מעטאַל, דערלאַנגט די מאָס און, אַרומנעמענדיק דאָס אויסגעשמידטע שטיקל מיט די קינעץ פון דעם נאָניוש*) אין פאַרשיידענע ערטער, קאָנטראָלירט דעם מאָסשטאַב. ער האָט אָנגעשפּיגן אויפן אייזן, געדולדיק כמעט מיט פאַראינטערעסירונג זיך איינגעהאָרכט ביז דאָס זידנדיקע שפּייעכץ האָט אויפגעהערט צו צישען, דערנאָך פלומרשט אין כעס אַ וואָרף געטאָן דאָס אייזן אויף דרערד אויפהייבנדיק אַ שטויב. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט די ביינער און תמעוואַטע אַ שמייכל געטאָן צו די אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען אַ ביסל ווייטער.

— ס'איז ווי אַ לייבלעך קינד. האָסט עס אויסגעשמידט, אויסגעצאַצקעט און דאָס צישעט דיר דערפאַר... — האָט ער געזאָגט פילאָזאָפיש, און ווייל דער דאָזיקער וויץ האָט נישט אַרויסגערופן קיין געלעכטער, ווייל וואָרשיינלעך האָבן אים אַלע שוין נישט איינמאָל געהערט, האָט ער אַליין זיך צעלאַכט, אָן אַ זין.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אויך סקוביך אויפגעהויבן. בלויז איין וואָנד האָט נאָך איינזאַם געקלאַפּט ביז פאַרביסנקייט. ס'זיינען צוגעגאַן צון אים עטלעכע אויסגעמאַטערטע פיגורן, וועלכע האָבן אים אַרומגע-

*) נאָניוש—אַ קעגנשטאַנד, (לויטן נאָמען פון פּאָרטוגעזישן געלערנטן נאָניוש) וואָס באַשטייט פון באַוועגלעכע ליניעס מיט אַ מאָסשטאַב און דינט צום מעסטן און באַשטימען די גענויעסטע גרעב פון מעטאַלן.

רינגלט מיט אַ רויק, גערולדיק-אָפּוואַרטנדיקן האַלב-קרייז. דער אָנבליק פון דער דאָזיקער גרופּע האָט געאָטעמט מיט שטילער, אומפּרעטענציעזער סאָלידאַריטעט, וואָנך האָט אַ וואָרף געטאָן אויף זיי אַ קורצן, פריינד־לעכן בליק.

— און וואָס שטעקט איר דאָ און גייט זיך נישט וואַשן? איך וועל נאָך אַ קלאַפּ טאָן עלף מאָל און פאַרטיק... שפּעטער וועט זיין אַן ענגשאַפט ביי די קראַנען. און ס'איז שוין צייט דאַכט זיך אַהיימצוגיין. ס'וועט קלעקן...

געלאָסן זיינען זיי גרופּעסווייז געגאַנגען צום וואַש-צימער, נאַקעטע ביז צו דער טאַליע. קאַליטע איז געזעסן אַ דערשעפּטער אויפן בענקל לעבן זיין אויוון און צו יעדן פאַרבייגייענדיקן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט אַ פולשטענדיקער אַנטשלאָסנקייט.

— איך וועל זיך אין שטוב אַרומוואַשן.. כ'זאָל זיך נאָר דערשלעפּן...

אָבער עמעצער האָט אים אָנגענומען פאַר דער פּלייצע, אונטער־געהויבן פון בענקל און געשטופּט צו די קראַנען.

— ס'וועט דיר לייכטער ווערן, אַלטער, אַז דו וועסט אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ האַלבן פוד. צו שלעפּן אויף זיך אַזוי פול שמוץ דריי קילאָ־מעטער דאַרף מען האָבן כּוח...

דאָס קילע וואַסער האָט געווירקט אומגעוויינלעך אָפּפרישנדיק. זיי האָבן עס אָנגענומען פולע שופלען, געמאַכט פון די צוזאַמענגעלייגטע דלאָניעס, און זיך עס געשמיסן גלייך אין פּנים אַריין, אויפן קאַרק, אויף די אַקסלען און אויף די פּלייצעס, און זיך מחיה געווען מיט זיין קיצלען דאָס דערשוויצטע לייב. אייניקע האָבן פּשוט אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן שאַרפן שטראָם וואַסער, געטרעסלט מיט דער טשופּ־רינע, געפּאָרסקעט, צעטרייבנדיק מיט די דלאָניעס די שטרעמלעך וואַ־סער אויף די אַקסלען און פּלייצעס. די באַוועגונגען זיינען געוואָרן לעבעדיקער, קרעפּטיקער, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ליצנותן און געלעכטערס. דאָס געבענטשטע וואַסער האָט אָפּגעוואַשן דעם שווייס און שמוץ פון דער הויט און אויסגעשווענקט די מידקייט פון די מוסקולן. צוערשט איז עס ווי אַ שוואַרצער, כּמעט געדיכטער שטראָם געפלאָסן לענגויס דער אייזערנער קאָרעטע אין דער אָפּפלוס-רער, דערנאָך איז עס ווייס געוואָרן פון דער זייפן-שוים, ביז ס'איז ענדלעך געוואָרן לויטער.

פונקט אַזוי זיינען אויך לויטער געוואָרן די מענטשן.

טשיסטאָלסקי, וועלכער האָט געהאַט אַן איינגעבוירענע נייגונג צו „פילאָזאָפירן”, האָט גלייך, ווי נאָר ער האָט אַרויסגעצויגן דעם קאָפּ פון

הינטערן קראַן, און דאָס וואַסער האָט אים נישט פאַרגאָסן דאָס מויל, געבומען ריידן לויט זיין טבע.

— ווען מיר וועלן זיך שוין אויסקאָמבינירן די דעמאָקראַטיע מיטן גאַנצן קנאַק, דעמלט וועט זיין אַנדערש. וועסט זיך דערשוויצן ביים האַמער, בחור, ס׳וועט זיך דיר פאַרגלוסטן טרינקן, וועסטו אַ דריק טאָן אַ קנעפּעלע, און לימאָנאַד ססםיק! פון רערל גלייך אין גערגעלע אַריין. ס׳וועט זיך דיר פאַרגלוסטן פרעסן, וועסטו אַ דריק טאָן אַ צווייט קנעפּעלע, און פון הינטער דער קאָמאָדעלע האָפּ! צען דעקאָ ווורשט און אַ ווייסינקע זעמעלע ווי פּסחדיקער לעקעך...

— וואָלסטו עס, ברודער, אויסגעקאָמבינירט אַ דעמאָקראַטיע חאָ! האָ!... — האָט זיך סוכאָמאַנסקי צעלאַכט.

— און אַ דריט קנעפּעלע, איז פּערציקער מיט צובייסעכץ, וואָס?

— נו, וואָס, אפשר נישט?

— און אַ פערט קנעפּעלע, און האָפּ! אַ באַבע מיט אַ שטייסל... — האָט עמעצער צוגעוואָרפן מיט אַ געמאַכטן ערנסט.

— נו וואָס, אפשר נישט?... — האָט זיך טשיסטאָלסקי פאַרגאַלאָפּירט. ער האָט זיך געכאַפּט ערשט דעמלט, ווען ס׳האָט אויסגעשאָסן אַ זאַלפּ געלעכטערן. האָט ער דעריבער איילּיק געראַטעוועט די סיטואַציע. — נו וואָס, אפשר וועסטו שטענדיק אַזוי האָרעווען? ניין, בחור, מיר וועלן זיך באַפרייען פון דעם שמידן. ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט נישט גיין אין צעריסענע הויזן און זיך דערנערן בלויז מיט קאַשע. און אַרבעטן וועסטו אַזוי פיל, וויפל אַ מענטש דאַרף אַרבעטן. היינט זיינען מיר אַליין די באַלעבאַטים און פאַשען נישט קיינעמס בויך...

— דאָס איז עפּעס אַנדערש, אָבער נישט קיין ווורשט פון אונטער דער קאָוואַדלע.

— דער טייוול זאָל עס וויסן. טעכניק, בחור, טעכניק... ראַדאַר. טעלעוויזיע...

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע אויף דער טעמע דעמאָקראַטיע, אין וועלכער זאַכלעכע אַרויסזאָגונגען האָבן זיך דורכגעפלאָכטן מיט שטותים און וויצן.

וואָנך האָט אפּגעבן די לעצטע פרוכט פון זיין היינטיקער אַרבעט. דאָס שטיק איז געווען אויסגעשמידט ביז אויף אַ האָר. ווי אַלע פריערדיקע. פלעווע האָט געוווּסט, אַז מע דאַרף נישט קאָנטראָלירן. ער האָט עס אונטערגעהאַלטן מיט דער צוואַנג אויף דער אייזערנער פּליטע, דער שרייבער האָט געשטעלט אויף דעם אַ נומער מיט קרייד, וואָס איז באַלד ברוין געוואָרן פון דער היץ. דער מייסטער האָט מיט אַ פאָרנעמער באַ-

וועגונג עס איבערגעטראָגן פון אויבן אויף די פריער אויסגעסדרטע שטיקער און מיטן שטאַרקן קלאַפּ ווי אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס איז שוין די לעצטע זאַנג פון דעם היינטיקן שניט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם שטויס פאַרשיידנפאַרמיקע, קאַנטיקע און רונדיקע שטאַבעס און איבערגעטראָגן אויף וואָנכן אַ לייכטענדיקן בליק פון די דערפרייטע אויגן.

— די דעזערטירן בלייבן דעזערטירן און מיר האָבן אונדזערס אָפּגעטאָן.

וואָנך האָט אַ שמייכל געטאָן אָן תּרעומות.

— און מיר האָבן אוודאי נישט ווייניק אָנגעפּאַרטאַטשעוועט.

פּלעווע האָט מיט אויסדרוק צעשפּרייט די הענט.

— אָנגעפּאַרטאַטשעוועט האָבן זיי נישט אָנגעפּאַרטאַטשעוועט, נאָר מ׳האָט דאָך היינט נישט געקאָנט פאַרלאַנגען פון די מענטשן אַזוי ווי שטענדיק.

— נישט נאָר מ׳האָט געקאָנט, נאָר מ׳האָט געדאַרפט. און שטענדיק דאַרף מען — האָט וואָנך טרוקן אַ זאָג געטאָן.

— אָבער, אָבער...

— יאָ! יאָ!

— אָבער — מיינע טייערע, מיינע ליבע, מע דאַרף דאָך האָבן אַ ביסל פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן.

— וועט איר שלעכט...

— וואָס שלעכט?

— איר וועט שלעכט צוליב דעם אָפּשניידן.

פּלעווע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן נישט איבעריק פריינדלעך.

— איך האַלט אייך פאַר זייער אַ קלוגן מענטשן... — האָט ער אַ וואָרטשע געטאָן.

— עס שמייכלט מיר זייער... און איצט וועט איר מיך אויפהערן צו האַלטן פאַר אַזעלכן, וואָס?

דער מייסטער האָט פויל אַ הייב געטאָן די אַקסלען און אַנטשוויגן געוואָרן.

— ערשטנס — האָט וואָנך רויק אויפגעקלערט — אַז איר וועט פאַרלייכטערן די שמידן, וועט איר שווער מאַכן דעם פרעזער, דעם טאָקער, דעם שלאָסער. און ביי יענע וועט אַ סך מער צייט פאַרנעמען דאָס, וואָס אַ שמיד וואָלט געקאָנט מאַכן מיט דריי קלעפּ מיטן האַמער. און אָרום און אָרום וועט דאָס אונדז אויספאַלן לרעה. און מע קאָן אויך

נישט טראַכטן בלויז וועגן דער אייגענער אָפּטיילונג און וועגן די אייגענע מענטשן. מיר זיינען אַלע אייגענע. און צווייטנס — איר מיינט דאָך מסתמא נישט, אַז דאָס איז בלויז היינט אַזוי אויסגעפאַלן לענגער צו אַרבעטן. איך מיין, אַז דאָס וועט אָפט אַזוי געשען. און אַז איר וועט צוגעוווינען די מענטשן צו שלעכטער אַרבעט, וועלן זיי אייך אָנהייבן צו פּאַרטאַטשעווען אַרום און אַרום. דעמלט וועט איר זיך נישט קיין עצה געבן. בעסער באַלד צו דעם נישט דערלאָזן, נישט צוגעוווינען די מענטשן.

פלעווע האָט נישט געקאָנט נישט זען דעם האַרבן אמת פון די דאָזיקע ווערטער, ער האָט אָבער נישט געוואָלט גלייך נאָכגעבן. ער האָט היינט געמאַכט אַ גרויסע אַנטדעקונג — געפונען דעם וועג צו זיינע מענטשן, און בשום אופן וועט ער נישט דערלאָזן, מע זאָל אים אויפן דאָזיקן וועג לייגן וועלכע ס'איז שטרויכלונגען, און אַוודאי וועט ער גופא זיי נישט לייגן. ער האָט דאָך נישט צו טאָן מיט קיין קינדער, וועלכע וואָלטן אויסגענוצט די גוטהאַרציקייט פונעם טאַטן. די מענטשן פאַרשטייען אַליין גוט, וואָס און ווי מע דאַרף. נו, און ווען ס'וואָלט צו עפעס אַזעלכעס דערגאַנגען, ווען זיי וואָלטן אָנגעהויבן צו פאַרטאַטשעווען, וועט שטענדיק זיין צייט זיי אויפמערקזאַם צו מאַכן און נישט היינט. ניין, וואָנך איז אַ קלוגער יונג, אָבער ער וויל אַ ביסל צו שאַרף... דערויף איז דער מייסטער מייסטער, ער זאָל וויסן, ווי אַזוי וואָס צו טאָן...

ער האָט אויסדריקלעך אַ קוק געטאָן אויף וואָנכן פון אויבן אַראָפ און איז דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעגאַנגען פון קאָנטאָר. גלייך נאָך אים האָט זיך אַרויסגערוקט וואָנך. זיין פנים איז געווען פולשטענדיק רויק, די אויגן אפילו צעשמייכלט. וואָרשיינלעך האָט ער שוין געטראַכט וועגן גאָר אַנדערע ענינים. ער האָט זיך פלינק געלאָזט צום וואַש־צימער, אַראָפּציענדיק אויפן וועג דאָס העמד.

פלעווע האָט זיך צוריקגעקערט אין קאָנטאָר. פעלעק האָט אים יעדן טאָג געבראַכט אַ גרויסע שיסל, פול מיט וואַסער, אין וועלכער דער מייסטער האָט זיך אַרומגעוואַשן די הענט און דאָס פנים נאָך דער אַרבעט. דאָס זעלבע האָט ער געזאָלט טאָן אויך היינט. ער האָט שוין איינגעטונקען די הענט אין וואַסער, ווי פלוצלינג איז ער אָפּגעשפּרונגען, ווי דאָס וואַסער וואָלט אים אָפּגעבריט. ער האָט שנעל אַראָפּגעצויגן דאָס העמד און געלאָפן צו די קראַנען, ביי וועלכע ס'האָבן זיך געוואַשן אַלע אַרבעטער. ער האָט זיך באַזונדערס בהרחבהדיק געפליעסקעט אין וואַסער, באַזונדערס הויך און אָפט געפּאָרסקעט, כדי אַלע זאָלן אויפמערקזאַם ווערן, אַז דער מייסטער וואַשט זיך צוזאַמען מיט אַלע.

דער פּועל-יוצא איז געווען דער, אַז די אַרבעטער האָבן זיך צו-נויפגעשטופּט ביי די עקן פון דער קאָרעטע, איבערלאָזנדיק מער פרייען פּלאַץ אינדערמיט פאַרן מייסטער.

— טפוי... צום טייוול... אַלץ קומט אַרויס קאַפּויער... — האָט פּלעווע געוואָרטשעט אין זיך אַריין. אָבער ער האָט זיך עס באַלד אויסגעטייטשט.— נו, אַזוי איז עס... דו האָסט זיך אָפּגערוקט פון מענטשן, איז איצט ווונ-דער זיך נישט שטאַרק, וואָס די מענטשן רוקן זיך אָפּ פון דיר...

ווען זיי האָבן אַלע פאַראַמאָל פאַרלאָזט די אָפּטיילונג, האָט ער זיך אויסגעמישט מיטן עולם. און דאָ האָט זיך שוין מער קיינער נישט אָפּגערוקט פון אים. דער עולם האָט זיך געצויגן ווי אַ געדיכטער, ראַ-שיקער שטראָם, אַריינגיסנדיק זיך צווישן די ווענט פון געביידעס, פּאַלי-סאַדעס, הויפנס ברוכוואַרג און גרוז, זיך ברייטער פונאַנדערגעגאָסן אויף די פרייע פּלעצער. עמעצער האָט באַלד אין אָנהייב באַרעדעוודיק דערציילט פאַרן גאַנצן עולם, ווי טשיסטאָלסקי שטעלט זיך עס פאָר די דעמאָקראַטיע, אַריינלייגנדיק, פאַרשטייט זיך, אין זיין מויל די וויצן וועגן פּערציקער מיט צובייסעכץ און וועגן דער באָבע מיטן שטייסל. דאָס האָט אַרויסגערופן אָן אַ שיעור געלעכטערייען, און טשיסטאָלסקין ווידער אויפגע-צוווּנגען פאַרביסן זיך צו פאַרטיידיקן, וואָס האָט אַרויסגערופן נאָך גרעסערע געלעכטערן.

— דאָס וועגן דער באבע מיטן שטייסל, בחור, האָב נישט איך געזאָגט, און כ׳בעט דיך זייער, מאַך נישט פון מיר קיין אַלטן משוגענעם...

— וואָס הייסט איר האָט נישט געזאָגט?

— דאָס האָב איך נישט געזאָגט...

— נו, האָט עס טשיכאָן געזאָגט, און איר האָט אַזוי געמיינט, ווייל איר האָט באַלד געזאָגט: — נו, וואָס, אפשר נישט?

— איך האָב אַזוי נישט געזאָגט... ניין, איך האָב אַזוי געזאָגט, אָבער כ׳האָב געמיינט עפּעס אַנדערש. די באבע מיטן שטייסל, דאָס האָט קיין זין נישט. אַז מיר וועלן זיך שוין שאַפן אַ דעמאָקראַטיע, בחור, וועסטו קיין באבע מיט קיין שטייסל נישט געפונען אויף קיין רפואה, ווייל קאַרטאָפל וועט מען רייבן מיט עלעקטרע...

— און אַז דו וועסט אַהיימקומען אַ שיכורער, וועט דאָס ווייב דיך אויך אַ רייב טאָן מיט עלעקטרע?...

— מיט קיין שוטים רייד איך נישט... — האָט ער שאַרף אָפּגעשניטן און איבערגעגאַנגען אויף אַ טאָן, מיט וועלכן ער האָט בפירוש אונטער-געשטראָכן, אַז אַזעלכע וויצן קריכן אים נישט אַפילו אין דער לינקער פּאה. — איך ווייס, ווי ס׳איז ביי די סאָוויעטן אין די גרעסערע שטעט.

אַז דאָס ווייב וויל קאָכן אַ מיטיקל, קאָכט זי. און אַז איר גלוסט זיך נישט, אָדער זי האָט קיין צייט נישט, ווייל זי איז אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער אָדער אַ פּרעזעס, גייט זי געוויינלעך אין דער פאַבריקס-קיך, קויפט, וואָס איר ווילגעפעלט, ברענגט דיר פּאַרטיקעראַהייט אַלץ אויפן טיש און דאַרף נישט קיין שום רייב-מכשירים...

פּלעווע האָט געלאַכט צוזאַמען מיט אַלע, און דאָס דאָזיקע געלעכטער האָט געשטראָמט פון טיפן האַרצן, וואָס איז פול געווען מיט פרייד און שטאָלץ מחמת היינטדערגרייכטן טאָפּלטן נצחון. נישט געקוקט אויפן געפאַר פון אַרונטעררייסן די אַרבעט, האָט ער אויסגעפירט די היינטיקע באַשטעלונגען אינגאַנצן, און... אַנטדעקט מענטשן אין זיין אָפּטיילונג. ער וואָלט דעריבער איצט גערן געגאַנגען מיטן דאָזיקן עולם אין דער אומענדלעכקייט אַריין. וואָלט גערן יעדן אָפּגעפירט אַהיים און ביי זיין שוועל האַרציק זיך געזעגנט, אינדערפרי ווידער וואָלט ער יעדן געוועקט צו דער אַרבעט, באַגריסט ווי אַן אייגענעם, וואָלט זיי אַלע צונויפגעזאַמלט און ווידער מיטן גאַנצן עולם געגאַנגען אין דער אָפּטיילונג. אָבער קעגן זיין אויפריכטיקן חשק האָט ער זיך געמוזט שיידן מיט זיי, ווייל ער האָט דאָך נאָך געדאַרפט גיין צו וואָיטשיצקין. און דאָ טאַקע, ביי דער געביידע פון דער קעסל-קאַמער זיינען זיך זייערע וועגן פאַנאַנדערגעגאַנגען. צעשיידנדיק זיך, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל און הויך אויסגערופן, איבערשרייענדיק דעם געפילדער:

— נו, צום ווידערזען, חברה! איך מוז נאָך גיין אין דער דירעקציע צו כאַפּן איבער די תחתונים...

זיי האָבן אים געענטפערט מיט אַ כאָראַלן — צום ווידערזען! און מיט געלעכטער.

— איר וועט אונדז מאָרגן איינטיילן צו ביסלעך, אויב איר וועט אַ סך באַקומען.

— אַז איר וועט שיין בעטן, איז פאַרוואָס נישט... — האָט פּלעווע צולהכעיסדיק אָפּגעענטפערט.

ער האָט זיך אָוועקגעדרייט אויף רעכטס צווישן די פּאַליסאַדעס, הינטער וועלכע מ'האָט שוין געזאַמלט קאָקס און אַרץ צום גרויסן אויוון. דעם אויוון האָט מען אייליק רעמאָנטירט, און אינגיכן האָט מען אים געזאָלט לאָזן אין גאַנג.

אַמאָל האָט די פאַבריק געהאַט צוויי גרויסע אויוונס, וועלכע זיינען געשטאַנען לעבן איינאַנדער ווי אַ צווילינג. אָבער בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה איז איינער פון זיי שטאַרק צעשעדיקט געוואָרן. נישט אָפּגערעמאָנטירט, האָט ער זיך מיט דער צייט אינגאַנצן צעשיט, און

ס'זיינען געבליבן בלויז די אייזערנע רייפן, וועלכע שטאַרצן עד היום אומהיימלעך, ווי דער סקעלעט פון אַ ברוסט קאַסטן פון עפּעס אַ גיגאַנט. די אומנוציקע רערן פון פאַרשידענעם קאַליבער, וואָס האַלטן זיך עקשנות־דיק ביים שטאָלענעם סקעלעט און קוקן מיט די שוואַרצע לעכער, האָבן אויסגעזען ווי מעכטיקע אָטעמקאַנאַלן און אָפּגעשטאָרבענע, פּוסטע בלוט־געפעסן.

דער צווייטער גרויסער אויוון האָט געאַרבעט אומדערמידלעך גאַנצע יאָרן, גלייכגילטיק צו דער סקעלעטישער טויטקייט פון זיין שכן. ערשט קורץ פאַר זייער אַנטלויפן האָבן די דייטשן אים צענומען און היפּש באַשעדיקט, אָבער נישט אויף אַזוי פיל, מע זאָל אים נישט קאָנען אָפּ־רעמאָנטירן. דאָס מיניסטעריום האָט באַשטעטיקט אין פּלאַן, ער זאָל אָפּגעבויט ווערן, פאַרפּראָיעקטירט אַפילו וויכטיקע אויסבעסערונגען אין דער קאָנסטרוקציע און באַפוילן זיך צוצואיילן. דעריבער טאַקע האָט מען געאַרבעט ביי אים פון באַגינען ביז ביינאַכט. אויך איצט האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט מענטשן, האַמערס האָבן געקלאַפּט, קייטן געקלונגען. פון ערגעץ אין דער הייך האָבן פון אונטער דעם אַצעטילין ברענער געקאַפּעט גרויסע טראָפּנס צעשמאָלצן מעטאַל, זיך צעשפּריצנדיק אינעם געפלאַנטער פון רושטאַוואַניעס אויף דריבנע שטערנדלעך, וואָס פאַלן געדיכט אַראָפּ ווי קליינינקע מעטעאָרן.

— הע... צום טייוול... — האָט פלעווע אַ טראַכט געטאָן. — ווען באַלד נאָך יענער מלחמה וואָלט געווען זיין אונדזער מאַכט, וואָלט אויך יענער אויוון אָפּגעראַטעוועט געוואָרן...

די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעקאָלערט הינטערן האָריזאָנט; פון מערב זייט האָט זיך איבער די דעכער צעגאָסן אַ לויטערע און טיפע רויטקייט, וואָס איז וואָס נענטער צו מזרח אַלץ וואַסערדיקער געוואָרן.

אין מיטן הימל האָבן אומבאַוועגלעך געשטעקט עטלעכע האַלקנדלעך ענלעכע צו שטיקלעך שוימיקן שלאַק, וואָס זיינען נאָך פון איין זייט נישט אָפּגעקילט געוואָרן און גליִען מיט אַ זיך־אויסלעשנדיקן שימער. די אויבערשטע טיילן פון די מעכטיקע קוימענס, וואָס זיינען נישט פאַר־שאָטנט פון די געביידעס, זיינען געווען העל רויט, ווי זיך־אָפּקילנדיקע בלאָקן שטאָל, וואָס זיינען נאָר וואָס אַרויסגענומען געוואָרן פון די פאָרמעס. אין די פענצטער פון דער הויכער נעבן געביידע איבער די מאַרטענס האָט געפלאַמט די אָפּגעשפּיגלטע שיין פון דער אינטערגייענ־דיקער זון, ווי דער זשאַר אין די אָפענע טירלעך פון אַן אויוון. די פאַרשטויבטע דעכער פון די געביידעס האָבן געהאַט דעם קאָליר פון זיך־אָפּקילנדיקן אַש. און אין די טיפע שפּאַלטן צווישן די געביידעס, אין

די געדרייטע ווינקלען פון די אויסבייגונגען און אַרויסשטאַרצונגען פון דער מויער האָט זיך צעשמאָלצן אַ וואַרעמער, רויקער זומערדיקער בין־השמשות. די גאַנצע פאַבריק איז געווען ווי פאַררויטלט נאָך דער פילשעהדיקער מי, און די דאָזיקע רויטקייט איז זיך פאַמעלעך צעפלָיסן, לויט דעם ווי ס׳האָבן זיך אויפגעהויבן וואָס אַמאָל העכער די שאָנס, ערטערווייז נאָך דורכזיכטיקע און ערטערווייז שוין ווערנדיק געדיכטער. אַן אָפּפרישנדיקער אָטעם האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די אייזערנעביינער פון דעם פאַבריקס קאָלאָס.

ביינאַכט האָט זיך די אַרבעט אין פאַבריק כמעט פולשטענדיק אָפּגעשטעלט. ס׳זיינען נישט געווען קיין גלי־לעמפּלעך, די אינסטאַלאַציע איז געווען קאַליע. מ׳האָט אַלץ געטאָן בייטאָג מיט אַ טאָפּעלער ענערגיע. בלויז אין דער אָפּטיילונג פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן האָבן אָפט ביינאַכט ביי דער נישט גענוגנדיקער באַלייכטונג גערוישט און געוואָרטשעט די מאַשינען צו באַאַרבעטן מעטאַל, ס׳האָט געקלונגען דער מעטאַל און ס׳האָבן געגרילצט די מעסערס, וואָס שניידן דעם מעטאַל. בלויז אין עטלעכע קאַבינעטן האָבן זיך בין השמשות אָנגעצונדן ליכט און אָפטמאָל געברענט כמעט ביז אינדערפרי. זיי האָבן צוגעלויכטן די מענטשן, וועלכע די נייע פרייהייט האָט איינגעשלונגען און אַריינגעוואָרפן אין געווירבל פון דער אַרבעט, וועלכע זיינען אַוועקגעגאַנגען אויף אַ קורצן אָפּרו מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן און מיט אַ גערויש אונטערן שאַרבן.

XVI

אין סעקרעטאַריאַט האָט זיך פלעווע איינגעקורטשעט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וואַרט אומבאַדינגט צו לאַנג. ער האָט געהאַלטן, אַז נאָך דעם, וואָס ער האָט היינט אויפגעטאָן, דאַרפן די טירן וואַרטן אויף אים אָפענע, אַלע דאַרפן אים באַגריסן, אויסדריקן אָנערקענונג, קלאַפּן אין די פלייצעס. ער האָט זיך צוגעהערט צו די שטימען, וואָס זיינען דערגאַנגען פון יענער זייט טיר, אָבער אַזוי ווי ער האָט קיין סך נישט געקאָנט דערהערן, האָבן זיי אים נישט פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער שרייב־מאַשין, וואָס איז געשטאַנען אויפן ביוראָ־טיש. די מאַשין־שרייבערין איז שוין נישט געווען, ער איז געווען אין צימער אַליין, און קיין זאַך האָט אים נישט קרעמפּירט. די דאָזיקע מאַשין האָט אים פאַראינטערעסירט, ווייל צום ערשטן מאָל אין לעבן

האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן צו איר אַזוי גענוי. אָבער זי אָנצורירן האָט ער קיין דרייסטקייט נישט געהאַט, מחמת מורא טאָמער וועט ער זי באַשעדיקן. אין פאַרגלייך מיטן אויטאָמאַטישן האַמער איז דאָס אַ צו דעליקאַטע זאַך...

ער האָט הונדערט מאָל איבערגעלייענט די צעהאַנגענע לאָזונגען און פּלאַקאַטן אויף דער וואַנט. און ער האָט שוין נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. ס'זיינען אָנגעוואַקסן אין אים כעס און אומגעדולד, ער איז אַפילו גרייט געווען אַהיימצוגיין, האָט זיך אָבער מיטאַמאָל באַרעכנט, אַז ווען מע וואָלט אים פאַר דער מלחמה געהייסן דאָ אַזוי וואַרטן, וואָלט ער אַפילו קיין טראַכט נישט געטאָן, אַז ער וואַרט צו לאַנג, און וואָלט זיך נישט דערוועגט צו בונטעווען.

ביים דאָזיקן געדאַנק האָט זיך ווידער דערוועקט אין אים, נישט באַוווּסט צום ווייפּלטן מאָל שוין, אַ געפיל פון טיפער צופרידנקייט און חשיבות. ער זיצט דאָך אין דער געביידע, וואָס ער האָט במשך פון אַזוי פיל יאָרן געהאַלטן פאַרן זיצאָרט פון מענטשן נישט פון זיין וועלט, פאַר אַ נישט-צוטריטלעכער פאַר די פאַרריסטע האַמער-מענטשן. ס'האָט געטראָפן, אַז אַרבעטער זיינען אַריינגעקומען וועגן פאַרשידענע ענינים אין פאַרטער, אָבער ווייטער איז דאָס קלאַפּן פון אַרבעטאָרערישע שטיוול איבער דער פּראָטערירטער פּאָדלאָגע געווען אַ גרויסע זעלטנקייט. סיידן אין זעקסאונדרייסיקסטן אָדער זיבנאונדרייסיקסטן יאָר, ווען אַ דעלעגאַט פון זייער אָפּטיילונג איז געווען דאָ צוזאַמען מיט די אַנדערע דעלעגאַטן ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט, און דער דירעקטאָר האָט זיי אַפילו מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן. די אַרבעטער האָבן זיך אַ לענגערע צייט באַצויגן צום דאָזיקן דעלעגאַט מיט גרעסערער אַכטונג, ווי זיי וואָלטן אים געהאַלטן פאַר „עפּעס אַ בעסערן".

און איצט זיצט אין זעלבן קאַבינעט וואַיטשיצקי, ס'קומט צו אים אריין דער ערשטער-בעסטער אַרבעטער און זאָגט:

— בירגער דירעקטאָר דאָס קאָן אַזוי נישט זיין...

אויך ער, בלאַזשעי פּלעווע, דער געוועזענער וועכטער, וועט נעמ-לעך אַזוי זאָגן וואַיטשיצקין גלייך פון דער שוועל: — דירעקטאָר, עס עס קאָן אַזוי נישט זיין... איר שטעלט מיך אַרויס צום נאַר. איר גיט אַרויס אַ פאַראָרדענונג, און טייטשט נישט אויס, ווי מע דאַרף האַנדלען. וואָס מיינט איר, אַז איך האָב געענדיקט גרויסע שולן?... און וואַיטשיצקי וועט זאָגן: — און איך האָב געענדיקט גרויסע שולן, פּלעווע?

אַ גערויש פון אָפּגערוקטע שטולן און אַ געפילדער פון פּלוצלינג אויסגעמישטע שטימען האָבן איבערגעריסן פּלעוועס פאַלעמישע מחשבות.

פון קאַבינעט איז אַרויסגעגאַנגען אַ הייפל מענטשן, וועלכע וואַיטשיצקי האָט באַגלייט ביז צו דער סאַמער שוועל. דורך דער אָפענער טיר האָט ער באַמערקט פּלעווען און צון אים אַ מאַך געטאָן.

— נו, קומט, מייסטער.

ער האָט זיך באַגריסט מיט אים באַלד ביי דער שוועל און גלייך אַ נעם געטאָן.

— וואָס האָט איר דאָרט אָנגעאַרבעט?

— וואָס האָב איך געהאַט אָנצואַרבעטן?... הונדערט זעכצן שטיק באַשטעלונגען...

דער מייסטער האָט זיך דווקא געוואָלט אַ רים טאָן.

— גוט, גוט, וועגן די באַשטעלונגען וועלן מיר ריידן שפּעטער — האָט וואַיטשיצקי געזאָגט אָן אויפרעגונג, גייענדיק צוריק אויף זיין אָרט הינטערן ביוראָ-טיש. — קודם וועלן מיר שמועסן וועגן אַנדערע ענינים. זיצט. ווי איז דאָרט ביי אייך פאַרגעקומען?

נישט ווייט פון ביוראָ-טיש זיינען געזעסן: דער פאַרזיצער, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף וואַיטשיצקיס אָרט, פּיוואָוואַרסקי און אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פונעם אונטערנעמונגס-ראַט, נאָוואַק. זיי האָבן געקוקט אויפן מייסטער בייז. פּלעווע האָט זיך געזעצט אויף דער נאָ-ענטסטער שטול, פאַרלייגט א פוס אויף אַ פוס, דעם לינקן עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אויף דער קני, און די רעכטע האַנט געטאָן אַ לייג אַוועק שווער אויפן טיש. ער האָט בכיוון פאַזירט אַ דרייסטן. ער האָט חשק געהאַט צו טאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אומצווויידייטיק אונטערשטרייכן זיין אויפרעגונג – פייפן, וואָרטשען... אָבער דערויף האָט אים פונדעסט-וועגן אויסגעפעלט דרייסטקייט. ער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און נישט באַזונדערס פריינדלעך געקוקט אויפן פאַרזיצער.

-- נו... איר האָט דאָך געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג, אַז די קוזניע מוז אַרבעטן לענגער, איז... האָב איך געהייסן...

אויף וואַיטשיצקיס פּנים האָט אַ ציטער געטאָן אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעדריקט גוטווינטשענדיקע פאַרגעבונג.

— און אַ סך מענטשן האָבן זיך ביי אייך צעבונטעוועט?

— איז וואָס? האָב איך זיי געזאָלט פאַר די הויזן צוהאַלטן? — האָט ער אַרויסגעזייפט נישט גערן.

— אַז איר קאָנט נישט אַנדערש, האַלט צו פאַר די הויזן... — האָט האַרב צוגעוואָרפן נאָוואַק.

„אַהאָ! ס׳האָבן זיך פאַרזאַלמט חכמים...״ — האָט פּלעווע אַ טראַכט געטאָן — „וואָס נאָך פאַר אַ קלוגע זאַכן וועלן זיי אויסטראַכטן דאָ אין צימער...״

— זאָגט נאָר איר אַליין, פּלעווע, ווי דאָס איז פאָרגעקומען? — האָט וואָיטשיצקי זאָרגעוודיק אַקצענטירט די שטים, זעענדיק, אַז דעם מייסטערס אויגן באַקומען אַ נ שט גוטן גלאַנץ.

פּלעווע איז לחלוטין נישט געשטימט געווען צו דערציילן. ער האָט זיך דאָך געגרייט צו הערן שבחים און אויסדרוקן פון אָנערקענונג, און נישט קיין פאָרוואורפן. און נאָך אַ וואָסערע... אַנדערש וואָלט געווען, ווען די באַשטעלונגען וואָלטן נישט אויסגעפירט געוואָרן. דעמלט וואָלטן זיי געהאַט רעכט אַרויסצושפּרינגען מיט טענות... ער האָט געפילט, אַז אין זיין ברוסט זאַמלט זיך אָן אַ שטעכיקער פאַרדרוס. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט אַן אומגלייכמעסיקן ריטם, און פון איינעווייניק האָט אים די אויפרעגונג געשפּאַרט אין האַלדז אַריין אַ קאָרעק, וואָס האָט געהאַמעוועט דאָס פּ־ייע אָטעמען. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, כסדר אין דער זעלבער פּאָזע, האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דעם פּרעזעס, אָבער דאָס בלוט אין זיינע שלייפן האָט פּולסירט וואָס אַמאָל העפטיקער. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז ער האָט אָנגעהויבן פּויקן מיט די פינגער אויפן טיש. נאָך אַ לענגערער ווײַלע האָט ער דאָך באַהערשט דעם אויפברויז, וועלכער האָט זיך אָפּגעזעצט ווי שוים אין אַן אויפגעטרייסלטן קופל ביר. ער האָט אָנגעהויבן ריידן מיט אַ נישט פולשטענדיק נאַטירלעכער שטים.

— אויב ס׳האָט שוין יאָ עמעץ אָנגעאַרבעט, האָט איר עס אָנגעאַרבעט, און נישט איך... איך בין צו אייך נישט אַראָפּגעפאַלן פון דער לבנה, און איר ווייסט צַליין גוט, אַז איך בין אַ פּראָסטער יונג, און נישט עפּעס אַ געבילדעטער אָדער אַ פּאָליטיקער. איר ווייסט גוט, אַז מע דאַרף מיך פריער אויפקלערן, און ערשט דערנאָך פרעגן. צו האַלטן די מענטשן פאַר די הויזן האָב איך נישט בדעה, און אַז מע טוט עפּעס אַ נייע זאַך, דאַרף מען אַזאַ מייסטער ווי איך פריער געבן אָנווייזונגען...

וואָיטשיצקי האָט אים אומגעדולדיק איבערגעריסן.

— פּלעווע, פירן יעדן איינעם פאַרן הענטל וועלן מיר נישט, ווייל מיר האָבן נישט דערויף קיין צייט און נישט קיין כוח. איך האָב אייך הונדערט מאָל געפרעגט: — פּלעווע, ווי איז עס דאָרט אין דער אָפּטיילונג? — אַלץ אין אָרדענונג...— פּלעווע, ווי זיינען דאָרט די מענטשן? — אין אָרדענונג, בלויז איין ניעדזיעלע פּאַסקודזיעט אַ ביסל...— און איצט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, עס זיינען דאָ פערצן ניעדזיעלעס. און אפשר איז נאָך דאָס אויך נישט אַלץ. אויף זיכער נישט אַלץ... איר האָט געוווּסט וועגן דעם, פּלעווע? איך האָב הונדערט מאָל געזאָגט: —

פלעווע, מע דאַרף קאָנען די מענטשן, מע דאַרף קאָנען די אייגענע אָפטיילונג, מע דאַרף שטעקן אין דער אָפטיילונג מיט דער נשמה...

ס׳האָט זיך אַריינגעמישט פיוואָוואַרסקי.

— איצט איז דאָס באַזונדערס וויכטיק. איר ווייסט מסתם וועגן דעם, אַז מיקאַלייטשיק איז געקומען קיין פוילן?

— כ׳ווייס...

— נו, איז דאַרפט איר וויסן, אַז ער איז געקומען נישט בלויז קיין פוילן, נאָר אויך אין אונדזער פאַבריק, און אין אייער אָפטיילונג. און אַז ער איז געקומען, כדי צו מאַכן אַ צעמישעניש. אייך דאַכט זיך מסתם, אַז פוילן איז עפּעס אַנדערש, און די פאַבריק, און אייער אָפטיילונג איז עפּעס אַנדערש, אַחוץ דעם ווייסט איר מסתם, אַז דער שעף פון אייער אָפטיילונג דינט צוויי געטער...

— וועגן מיקאַלייטשיקן זאָגן מענטשן, אַז ס׳איז גוט... ווייל איצט וועלן שוין אַלע שלום מאַכן... — האָט פלעווע נישט געהרן אַ וואָרטשע געטאָן.

— איר קוקט נישט דערויף, וואָס זיי זאָגן, נאָר וואָס זיי טוען. זיי וועלן מיט אַלע שלום מאַכן, נאָר נישט מיט אונדז. איר האָט געזען, ווי זיי האָבן שלום געמאַכט מיט אונדזער קאָמענדאַנט פון דער מיליץ, ווייל איר זענט געווען אויף זיין לוויה...

— אָבער וואָס דרייט איר דאָ אַ קאָפּ וועגן מיקאַלייטשיקן. ער גייט מיך אַזוי פיל אָן, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

— איז שלעכט... — האָט צוגעוואָרפן פיוואָוואַרסקי.

— און רעדט מיר נישט איין קיין קינד אין בויך... — האָט פלעווע אויפגעהויבן די שטימע. — מיך גייט אָן די אָפטיילונג און די אַרבעט, מיך גייט אָן דאָס, וואָס איר דערקלערט נישט, זאָגט נישט, ווי אַזוי מע דאַרף עפּעס טאָן, און שפּעטער טאַדלט איר. איר האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף לענגער אַרבעטן, האָב איך די מענטשן געהייסן... נו, האָבן זיך די מענטשן צעבונטעוועט, געוואָלט אַלע גיין, אָבער איך האָב נישט געלאָזט... און בוקן זיך פאַר די מנוולים האָב איך נישט בדעה, און אויך נישט פאַר די הויזן צו האַלטן... און כ׳מיין, אַז קיינער דאַרף זיי נישט האַלטן פאַר די הויזן, העכסטנס דאַרפן זיי קריגן איבער די הויזן...

— נישט בוקן זיך פלעווע... — האָט אים דער פאָרזיצער געוואָלט איבערשלאָגן.

— און איצטער דאַנק איך אייך שוין פאַר די עצות. זאָל גאָט באַצאָלן... כ׳האָב זיך שוין אַליין אַן עצה געגעבן. מ׳האָט געדאַרפט אַן

עצה געבן דעמלט, ווען ס׳איז געווען די צייט דערויף... — האָט ער זיך פאַרהאַקט און אָנגעהויבן סאָפּען פון אויפרעגונג.

— און ווו איז קשאָנזשעק? — האָט דער דירעקטאָר רויק אַ פרעג געטאָן.

— קשאָנזשעק? קשאָנזשעק איז אויך געקומען מיט די עצות נאָך דער צייט...

— און פאַרוואָס איז ער אַהער נישט געקומען?

— כ׳ווייס נישט, צי איר האָט אים געהייסן קומען...

— ער דאַרף אַליין וויסן.

— נו, איז פרעגט נישט מיר... — האָט פּלעווע טרוקן אָפּגעהאַקט און פאַרענדיקט דעם איבערגעריסענעם געדאַנק: — איצט האָב איך זיך שוין אַליין אויפגעקלערט. אַליין געפונען דעם וועג. און אין אַ חודש אַרום וועל איך האָבן אַזאַ אָפּטיילונג, אַז כ׳קאָן קומען מיט מיינע מענטשן און אייך דאָ די דאָזיקע גאַנצע געביידע איבערקערן מיט די פיס אַרויף... אָט וואָס...

וואַיטשיצקי האָט רויק פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— און ווי איז מיט די באַשטעלונגען?

— אַלע זיינען געמאַכט. הונדערט זעכצן שטיק...

— אָבער ווי אַזוי געמאַכט, פּלעווע?

— ס׳האָט מיר שוין איינער וועגן דעם געפרעגט. איך מיין, אַז מע קאָן נישט פון די מענטשן צופיל פאָדערן. אַז זיי שלעפּן, איז גיב זיי נאָך מיט דער בייטש...

— איז טראַכט איר שלעכט.

— איך טראַכט שלעכט?

— איר טראַכט שלעכט און ברענגט שאָדן...

— נו, האָב איך אייך דאָך שוין געזאָגט, אַז איך טויג פאַר אַ מייסטער ווי אַ ציגענער הינטן פאַר אַ טרומייטער!... — האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען און טרעסלען מיט די הענט. — ס׳איז דאָ אין דער אָפּטיילונג אַזעלכער, וואָס קאָן זיך אויף דער אַרבעט נישט ערגער פון מיר, און אַ פּאָליטיקער איז ער הונדערט מאָל אַ בעסערער. מאַכט אים פאַר דעם מייסטער און מיך לאָזט צורו. ס׳איז דאָ איינער אַ וואָנך... און איך וועל גיין פאַר אַ וועכטער!...

ער האָט געכאַפּט דאָס היטל און ראַפּטעם אַרויסגעלאָפן פון קאַבינעט.

וואַיטשיצקי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און אַ ברייטצעשמייכלטער, הרחבהדיק רייבנדיק די הענט, אַ זאָג געטאָן:

— ער וואַקסט, מיין פלעווע.

— און איך וואָלט אים אַרויסגעוואָרפן צון אַלדי רוחות... — האָט נאָוואַק געצישעט.

— ער וואַאַקסט, מיין מייסטער פלעווע... — האָט וואָיטשיצקי איבערגעחזרט, דרייענדיק מיטן קאָפּ פון אַקסל צו אַקסל און רייבנדיק די הענט.

— נישט אַזויפיל אייערער, מיין איך, וויפל ניעגליצקיס...— האָט זיך רויק אַריינגעמישט פיוואָוואַרסקי.

— נו... ניעגליצקיס איז מיינער, און מיינער איז ניעגליצקיס... — האָט וואָיטשיצקי, אָפּגעקילט אַביסל, אַ וואָרטשע געטאָן, נישט וועלנדיק זיך אָפּזאָגן פון זיין אָנטייל אין דעם אַנטדעקן פלעווען.

פלעווע איז נישט אַזויפיל געוואַקסן, וויפל ער האָט געזאָגט. פון פאַבריק איז ער אַוועק מיט אַ שנעלן, לאַנגן טראָט, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן גיין באַדייטנדיק פאַמעלעכער און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ס׳האָט אים געפּייניקט דאָס באַוווסטזיין וועגן דער מפלה. ער האָט זיך ניכטער אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז וואָנד איז גערעכט געווען, און וואָיטשיצקי איז גערעכט געווען. אָבער דערפאַר טאַקע האָט זיין צו־להכעיסדיקע נאַטור שטאַרקער זיך געבונטעוועט. ווען ער וואָלט איינגעזען, אַז ער איז דער גערעכטער, וואָלט ער געזוכט אַרגומענטן דאָס אויפצו־ווייזן און נישט אַנטלאָפן אויף אַן אַוואַנטוריסטישן אופן. און נאָך דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, וועלן זיי אויף זיכער באַשטימען וואָנכן פאַרן מייסטער. גראָד איצט, ווען ער האָט דערפילט אַ באָדן אונטער די פיס, ווען ער איז אַרויס פון דער פינצטערניש אויף קלאָרע וועגן, אַריינגענומען אין די הענט דאָס, וואָס ער האָט אַזוי עקשנותדיק און אומבאַהאָלפן געזוכט. נאָר פאַרפאַלן... ער וועט דאָך נישט גיין אָפּרופן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט... באַ, ס׳וואָלט שיין אויסגעזען...

און פונדעסטוועגן...

און פונדעסטוועגן וויל ער איצט זיין מייסטער... ער וויל אַזוי שטאַרק, ווי ער האָט קיינמאָל ביז איצט נישט געוואָלט... אָבער בעטן זיך וועט ער שוין נישט. פאַרפאַלן...

דער איינער געדאַנק איז אים ענדגילטיק שטעקנגעבליבן אין קאָפּ. ער האָט אים געשלעפּט לענגויס דער גאַס, וועלכע איז אין דער צייט זייער באַוועגלעך און טומלדיק, אַריבערגעטראָגן אים איבערן וואַל ביים טייך, זיך אַריינגעדרייט מיט אים אין שמאָלן, שוין כמעט היגטערשטאָטישן געסל, לעבן וועלכן ס׳איז געשטאַנען זיין הייזקע. דאָ איז געווען פול־שטענדיק רויק, אין דער צייט האָט זיך זעלטן געטראָפן אַ פאַרבייגייער,

באַזונדערס איצט, ווען ס'זיינען געבליבן נישט קיין סך הייזער נאָך דער שׂרפה און דער באָמבאַרדירונג אום סעפּטעמבער פון נײַנאונדרײַסיקסטן יאָר. די איינגעזונקענע געמיינע הייזלעך הינטער די געמיינע פּלויטן האָבן אינעם ליכט פון דער האַלבער לבנה געהאַט אַ רויק, שלעפעריק, אַפילו עטוואָס סודותדיק אויסזען. אָבער פּלעווען איז דאָ באַקאַנט געווען יעדער פּרט, דאַכט זיך, יעדער נאָגל אין פּלויט. ער האָט אויף דעם אומגלייכן וועג געקאָנט גיין דרייסט מיט פאַרמאַכטע אויגן. האָט געוווסט, ווו ס'איז דאָס ציגל-בערגל פונעם איינגעפאַלענעם קוימען פון דער פאַר-ברענטער הייזקע, ווו עס זיינען די גריבלעך, וואָס נאָך יעדן רעגן ווערן אין זיי קאַלוזשעס. איז ער זיך אַזוי געגאַנגען, נישט קוקנדיק בכלל אויפן וועג, און געבלאָנדזשעט מיטן בליק און מיט אַלע געדאַנקען אין אַ פוסטקייט, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט גובר זיין.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן זיך ביי זיינעביידע זייטן געפונען אומבאַוווסט פונוואַנען, עפּעס צוויי פיגורן. פּלעווע האָט אויפגעצייטערט, אויטאָמאַטיש שטיינגעבליבן, אָבער מאָמענטאַל זיך באַהערשט און מיט אַ נאָרמאַלן טראָט געגאַנגען ווייטער. ער האָט קורץ, אָבער דורכדרינגלעך באַטראַכט די אומבאַקאַנטע און אומגעבעטענע באַגלייטער. די פּנימער איז נישט מעגלעך געווען צו באַטראַכטן, אָבער לויט די פיגורן איז קענטיק געווען, אַז דאָס זיינען יונגע מענטשן. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין לאַנגע, פרייע מאַנטלען, אויף די קעפּ האָבן זיי געהאַט וועליסאָפּעד-היטלען.

— גוטן אָוונט, הער פּלעווע... — האָט אַ זאָג געטאָן איינער מיט אַ געדעמפטער, באַהערשטער שטים.

— גוטן אָוונט...

— איר קאָנט אונדז נישט?

פּלעווע האָט אים נאָכאַמאָל אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאָרשנדיקן בליק פון קאָפּ ביז די פיס, זיך איינגעקוקט אין פּנים. דער פּראָפיל איז אין־גאַנצן אַ פרעמדער...

— ניין... — האָט ער נישט אַנטשלאָסן אַ ברום געטאָן. וואָס קאָנען זיי וועלן?

— און מיר אייך קענען. מיר קענען אייך פאַר אַ קלוגן, געזעצטן, רויקן מענטשן און דערפאַר וווּנדערט אונדז זייער, וואָס פאַר אַ ביסל ברעקלעך דינט איר זיך צו אַזוי געטריי די קאָמוניסטן.

איצט האָט זיך פּלעווע אָנגעשטויסן מיט וועמען ער האָט צו טאָן, ס'האָט אים דורכגענומען אַ שוידער.

— און מיט וואָס דין איך זיך צו? — האָט ער איילי‌ק אַ מאַך געטאָן מיט די פאַרגליווערטע ליפּן.

— מיט וואָס איר דינט זיך צו, דאָס ווייסט איר אַליין גוט, און מיר האָבן נישט בדעה דאָס אויפצוקלערן, נישט ערשט, און נישט ווען ס׳איז. דערווייל האָבן מיר גאָרנישט קעגן דעם, וואָס איר זענט אַ מייסטער, אָבער שפּרינגט נישט צופיל. און שרייט נישט, אַז „מיר וועלן זיך מיט זיי אַן עצה געבן", ווייל די, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַן עצה געבן, האָבן נישט זייער גוט אָפּגעשניטן.

פלעווע האָט זיך אָפּגעקילט פונעם ערשטן איינדרוק. ער איז נישט געווען קיין פּחדן און האָט זיך שנעל באַהערשט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער נישט געקאָנט זיך באַשליסן, וואָס פאַר אַן ענטפער אויסצוקלייבן. ער האָט נישט געוואָלט זאָגן אַזעלכעס, וואָס וואָלט באַוויזן, אַז ער האָט זיך דערשראָקן, אָבער אויך נישט געוואָלט שטעלן זיך האַרט, כדי נישט צו צערייצן דעם הונט, וועלכער וואָרטשעט נאָך דערווייל גענוג מ״לד. עפּעס אַ מיטלמעסיקן ענטפער האָט ער נישט געקאָנט געפינען. איבריקנס האָט עס קיינער פון אים נישט געפאָדערט. אַזוי זיינען זיי צוגעקומען צום טירל.

דער וואָס האָט געפירט דעם דאָזיקן דיפּלאָמאַטישן שמועס האָט איבערגעיאָגט פלעווען אויף אַ טראָט, איז שטייענגעבליבן ביים טירל מיטן פאָרנט צון אים און אַ בליץ געטאָן קעגן דער לבנה־שיין מיט אַ רעוואָלווער, וועלכן ער האָט עטלעכע מאָל אונטערגעוואָרפן אויף דער דלאָניע. דער צווייטער האָט אַלץ אַסיסטירט אַ שווייגנריקער. פלעווע האָט ווידער דערפילט אַ קעלט אין קרייצביין, אָבער, נישט פאַרהאַלטנדיק זיך אויף קיין איין רגע, זיך אַריינגעדרייט אינעם אָפענעם טירל. נאָך קיינמאָל איז דער אָפּשטאַנד פונעם טירל צו דער שוועל נישט געווען אַזאַ גרויסער, נאָך קיינמאָל זיינען די טריט נישט געווען אַזעלכע פאַמעלעכע. און ס׳האָט דאָך נישט געפּאַסט פשוט צו אַנטלויפן.

— מיר וואָרענען אייך, הער פלעווע! — האָט ער דערהערט הינטער זיך.

ערשט פון יענער זייט שוועל פונעם טונקעלן פאָדערהויז האָט ער לאַקאָניש געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ הער בין איך עפּ דאָרט...

ער האָט אין דער פינצטערניש נערוועז געזוכט די קליאַמקע, די אַ קוועטש געטאָן מיט אַ געוואַלדיקן, קאָנוווּלסיוון כאַפּ, און אין מיט איין שפּרייז אַריבערגעשפּרונגען די שוועל, פאַרהאַקנדיק די טיר הינטער זיך. יאָ, און דאָך האָט זיך צום סוף באַקומען, אַז ער איז אַנטלאָפן... ערשט אין שטוב האָט ער זיך באַדאַכט, אַז ווען זיי וואָלטן אים געוואָלט עפּעס טאָן, האָבן זיי דאָך דערויף צייט געהאַט אויף דער גאַס. און אויך

גאָכגיין אים אין שטוב אַריין וואָלט זיי נישט פאַרשאַפט קיין שום שוועריקייטן. און דאָך איז ער אַנטלאָפן...

ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז ער איז בלאַס.

דאָס ווייב האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אומרו און ברייט צעעפנטע אויגן.

— מיט וועמען האָסטו גערעדט?

ער איז דערצו לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט. ס'איז אָפילו קיין צייט נישט געווען צו טראַכטן וועגן דעם, אַז דאָס ווייב איז אין דער היים. ער האָט זיך געפונען אין אַ פאַסטקע.

— כ'האָב מיט קיינעם נישט גערעדט... — האָט ער אומגעשיקט אַרויסגעשאָסן.

— וואָס הייסט? כ'האָב דאָך געהערט... — איר שטים איז געוואָרן צודרינגלעכער און אומרויקער.

ער האָט זיך געמוזט אָנכאַפּן פאַר אַ קונציקן אַרויסדריי.

— אָ, גיי בעסער אַרויס און פאַרמאַך די טיר פון פאָדערהויז, ווייל איך האָב פאַרגעסן...

זי איז פאָלגעוודיק אַרויסגעגאַנגען. האָט פון דער זייט שוועל פון פאָדערהויז אַרויסגעקוקט אינדרויסן און אין קאַרגן לבנה-אָפּשיין גאָך דערזען צוויי אַוועקגייענדיקע פיגורן. דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן מיט אַן אומבאַוווסט, שלעכט פאַרגעפיל. זי האָט זאָרגעוודיק פאַרמאַכט די טיר, איבערגעדרייט צוויי מאָל דעם שליסל, פאַררוקט דעם ריגל און איילִיק זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין.

— ווער איז דאָס געווען? — זי האָט זיך פאַרשנדיק איינגעקוקט אין דעם מאַן.

פלעווע האָט זיך שוין געהאַט באַהערשט און באַוויזן צוצוטראַכטן אַ פּיפּיקן אַרויסדריי.

— עי דאָרט... צוויי פראַנטן האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, כ'זאָל זיי אַריינדרייען צו דער אַרבעט אין פאַבריק...

— און פאַרוואָס ביזטו געווען אַזוי בלאַס?

— ווייל ס'איז קאַלט...

— ס'איז לגמרי נישט קאַלט. און די הענט האָבן ביי דיר גע-ציטערט.

אַ טייוול אַ באַבע... אַלץ מוז זי באַמערקן...

— דיר איז אפשר נישט געווען קאַלט, אָבער מיר איז קאַלט.

— דו דרייסט עפּעס, בלאַזשעק...

ער האָט אויסגעשאָסן אומגעריכט פאַר זיך גופא.

—דער טייוול האָט דיך באַשאָנקען מיט דער דאָזיקער ווייבערישער נייגעריקייט... וואָלסטו אַבי געגאַנגען אויף אַ גאַנצן טאָג אין פאַבריק אַריין האָבן צו טאָן מיט די מענטשן און מיט דער אַרבעט, וואָלט שוין פון דיר די נייגעריקייט אָפּגעפאַלן. וואָלסט אַבי פון זיך דאָס אינגעווייד אַרויסגעצויגן, אַז אַלץ זאָל זיין ווי צום בעסטן, און זיי וואָלטן דיר נאָך דערצו געזאָגט, אַז ס'איז שלעכט, איז וואָלסטו שוין געווען רויט, נישט בלאָס... מע גייט, צום טייוול, אין דער הייזקע אַריין און מע פרייט זיך, אַז ענדלעך וועט זיך דער קאָפּ אַ ביסל אויסלופטערן, און דאָ טשעפּעט זי זיך צו — און דאָס... און יענץ... און דערום... גיי זיך צו די שכנטעס און פלוידער אָן וויפל דו האָסט חשק, נאָר מיך לאָז צורו, אָט וואָס...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אַ דערדריקטע איינגעקאָרטשעט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן האָט עפּעס שווערע איבערלעבונגען, מיט וועלכע ער קאָן זיך אַפילו מיט איר נישט טיילן. האָט זיך מער נישט אָפּגערופן, אָבער נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן. דורכויס געוואָלט עפּעס דערגיין. ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן נערוועז אויסצוטאָן, האָט זי הכנעהדיק געפרעגט:

— וועסט נישט עסן?

— עס אַליין. האָסט מיך שוין זאַט געמאַכט, אָט וואָס...

ער האָט זיך געוואָרפן אויפן בעט מיט אַזאַ אימפעט, אַז שיעור עס נישט איינגעלייגט. האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער שטוב, כמעט אַריינגעשטעקט די נאָז אין וואַנט. און דאָ ערשט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים דאָס אמתע גיהנום.

זיינע געדאַנקען און געפילן האָבן זיך צוזאַמענגעדרייט אין אַ שרעקלעכן פּלאָנטער. אומגעוויינלעך רייך אין איבערלעבונגען איז געווען דער דאָזיקער גליקלעכער, פאַרשאָלטענער טאָג... און דערצו איבערלעבונגען נישט אַזעלכע, וואָס ענדיקן זיך אין אַ באַשטימטן מאָמענט און לאָזן איבער נאָך זיך בלויז אָנגענעמע זכרונות. די היינטיקע איבערלעבונגען זיינען געווען פון יענע, וואָס שפּינען ערשט אויס אַ נעץ פון פּראָבלעמען, פאַרטשעפּען אַ סך פּעדעמלעך און פאַרפּלאָנטערן זיי אין אַ גרויסער קנויל, וועלכע מע דאַרף שפּעטער מיט מאַטערניש פאַנאַנדערפּלאָנטערן און נישט תמיד מיט דערפאָלג.

ער האָט טויזנט מאָל געפּרוווט איבערשניידן די דאָזיקע קנויל מיט עפּעס אַ פעסטן באַשלוס, אָבער יעדער באַשלוס האָט זיך אויסגעדאַכט פעסט בלויז אין ערשטן מאָמענט, און שוין אין ווייטערדיקן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּשוט נייער פּעטליע.

ער וועט מער נישט גיין אין פאַבריק, וועט קראַנק ווערן אויף עטלעכע טעג, און מע וועט מוזן אַוועקשטעלן וואָכן, אָדער... ניעדזיעלען.. און דערנאָך וועט ער שוין אַזוי פאַרבלייבן און פטור. אָבער ווי אַזוי וועט ער פאַרבלייבן?

ער וועט ווידער פאַרבלייבן אַ וועכטער...

ניין... ער וואָלט זיך דאָך נישט דערוועגט צו קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין, ווייל קיינער וועט דאָך נישט גלייבן, אַז ער אַליין האָט נישט געוואָלט זיין קיין מייסטער. ווי קומט דאָרט אַ וועכטער צו שטופן זיך ווערן אַ מייסטער — וואָלטן אַלע געזאָגט. און וואָס וואָלטן געזאָגט די, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן צו סטראַשען. זיי וואָלטן זיך געפרייט, אַז זיי האָבן אים אויף אַן אמת אָפּגעסטראַשעט, אַז ער האָט זיך אויף אַן אמת פאַר זיי דערשראָקן. אָבער ער פייפט אויף זיי. ער האָט זיי ערגעץ־אַנדערש... אָבער זיי קאָנען, די מנוּוולים, נישט בלויז סטראַשען, קאָנען אַוועקלייגן ערגעץ אין אַ פינצטער ווינקל. זיי קומט נישט שווער אָן אַזאַ העלדישקייט... און צו וואָס זיך איינשטעלן? צו וועלכן טייוול זאָלן זיי אים טרעטן אויף די פּיאַטעס און סטראַשען מיטן קנאַלער... „דערווייל האָבן מיר גאָרנישט קעגן דעם, וואָס איר זענט מייסטער״. — ער האָט זיך דערמאָנט און שיעור נישט אַרויסגעפּאָרסקעט אַ האַרציק געלעכטער. ווייל דער דאָזיקער יונגער חברהמאַן האָט דאָס געזאָגט אַזוי, ווי ער וואָלט געווען צומוייניקסטן וויצע־דירעקטאָר פון דער פאַבריק.

און מיטאַמאָל האָט אין אים אויפגעקאָכט אַ צאָרן.

צום טייוול! און ווו זיינען זיי געווען, ווען מ׳האָט געדאַרפט די פאַבריק ראַטעווען? ניין, ער וועט שוין דווקא יאָ זיין מייסטער און וועט פייפן אויף די דאָזיקע ווילדע יונגען, וואָס סטראַשען אים. און ערשט איצט וועט ער באַווייזן, ווי אַזוי מע דאַרף עס זיין אַ מייסטער.

אָבער ער האָט זיך דאָך צעקריגט מיט וואָיטשיצקין.. צון אַלדי רוחות... ער האָט אָנגעפּלוידערט אַזויפיל שטותים. גיין איצט און איבערבעטן? אַזוי וואָלט זיך געפּאַסט, אָבער... ניין, ער וועט צו קיינעם נישט גיין, וועט קיינעם נישט איבערבעטן. אַז זיי ווילן, זאָלן זיי קומען אים בעטן...

אָבער וואָיטשיצקי האָט פונדעסטוועגן געהאַט רעכט. איבעריקנס... ער האָט וואָיטשיצקין גאָרנישט אַזעלכעס געזאָגט. אָבער דערנידעריקן זיך טאָר מען נישט... ניין! ער וועט מער נישט גיין אין פאַבריק און וועט האָבן מנוחה. ער וועט זיך אָפּזוכן עפּעס אַ רויקע אַרבעט, און ס׳וועלן צון אים נישט צושטיין קיין פינצטערע טיפּן ביינאַכט...

וואָס? ער וועט נישט גיין אין פאַבריק?... נאָך אַזויפיל יאָרן?

XVII

צומאָרגס איז פלעווע געגאַנגען אין פאַבריק אַ סך פריער ווי געוויינלעך. ער האָט באַשלאָסן, אַז קודם-כל וועט ער אַריינגיין צו וואָלטשיצקין, זיך מתוודה זיין אויף אַלע זיינע שלעכטע און גוטע געדאַנקען און פאָדערן אַן ענדגילטיקן באַשלוס. זאָל ער וויסן ווו ער איז אין דער וועלט.

לסוף האָט ער פונדעסטוועגן צומווייטסטן אויסגעמיטן די געביידע פון דער דירעקציע און זיך געלאָזט גלייך צו דער אָפּטיילונג.

אין דער אָפּטיילונג איז קיינער נישט געווען. אפילו קאַליטע און ליסטעצקי זיינען נאָכנישט געקומען וואַרעמען די אויוונס. די האַמערס זיינען געשטאַנען אין צוויי טויטע רייען, שטילע, דרימלענדיקע, נישט דערמאָנענדיק מיט גאָרנישט דעם כוח און די קונציקייט פון זייערע קלעפּ. פלעווע איז געשטאַנען אין דער מיט האַל מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן און האָט זיך צו זיי צוגעקוקט סענטימענטאַל, מיט געריררטקייט, איבערטראַגנדיק אַן אומעטיקן בליק פון איין קאָרפּוס אויפן צווייטן קאָרפּוס. דערנאָך האָט ער פאַרריסן די גאָמבע אין דער הייך און, פאַמעלעך זיך אויסדרייענדיק, געקוקט אויך די ווענט, אויף דער הויכער וועלבונג.

ווי דאָס אַלץ איז היימיש... פאַר אַזויפיל יאָרן האָט זיך דאָ כמעט גאָרנישט געענדערט. ס'זיינען אויפגעקומען אין פאַבריק נייע אָפּטיילונגען, נייע האַלן, צוממיינסטן פון שטאָלענער קאָנסטרוקציע, אַנדערע אָפּטיילונגען זיינען געוואָרן פונאַנדערגעבויט, איבערגעבויט, פאַריכט פאַרבעסערט, אָבער די דאָזיקע, ווי זי איז אויסגעבויט געוואָרן, אַזוי שטייט זי כמעט אין דעם זעלבן צושטאַנד ביזן היינטיקן טאָג.

מ'האָט זי אויפגעשטעלט פון הילצערנע באַלקעס, באַהעפט מיט שרויפן, די ווענט זיינען געווען פון גראָבע ברעטער, דער דאַך געדעקט מיט ברעטער און פאַפּע. ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ איבערגעהאַלטן צוויי מלחמות און נישט פאַרברענט געוואָרן?... די פאַרצעלייענע איזאָלאַטאָרס די דראָטן פון דער עלעקטרישער אינסטאַלאַציע, אַלץ איז געווען פונקט אַזוי שוואַרץ, ווי די באַלקעס, ברעטער, שרויפן. אויף אַלע אַריינבייגן און אַרויסשטאַרצן פון דער קאָנסטרוקציע זיינען געלעגן גראָבע שיכטן שטויב. אָבער גראָד דאָס אַלץ איז אין זיין פרימיטיווקייט געווען היימיש און טייער, און האָט גערעדט צום האַרצן און געווען סימפּאַטיש מיט דער טאָג-טעגלעכקייט... נעמלעך מיט דער דאָזיקער פאַרשטויבטער טאָג-טעגלעכקייט...

און דערפון אוועקגיין?

די געוויסנקייט האט אים פארהאקט דעם אטעם, עס זיי נען אים פשוט אנגעלאפן טרערן אין די אויגן אריין.

מיט א שווער אראפגעלאזטן קאפ האט ער זיך אוועקגעשלעפט אין קאנטאר. ער האט געקוקט אויפן נעכטיקן אנשטרענג פון דער אפטיילונג, וועלכער איז געווען אויסגעשמידט אין פארשיידנפארמיקע שטאלענע שטאנגען, אבער געקוקט אן דער פרייד און דעם שטאלץ — פון די נעכטיקע געפילן.

— — אפגעפארטאטשעוועטע...

און וואס גייט עס אים בכלל היינט אן?

ער האט זיך שווער אנידערגעזעצט אויף דער שטול און זיך פארקוקט אין פענצטער. נישט ווייט האבן געשטארצט די רויט-געפארבטע סלופעס פון דער נייער קאנסטרוקציע. וועלכע מ׳האט אנגעהויבן אויפשטעלן הארט פאר דער מלחמה און נישט פארענדיקט. דאס האט געזאלט זיין אן אפטיילונג פאר פראדוקציע פון ארטילעריע-גראנאטן. מ׳האט געטראכט וועגן אזא בויונג דעמלט, ווען די היטלעריסטן האבן שוין אנגעהויבן אריינגיסן בענזין אין די טאנקן און עראפלאנען...

נישט ווייט הינטער דעם האט זיך געענדיקט א דריימעטערדיק אויבער אנשיט פון שלאק, און ס׳האט זיך געשפרייט א ברייטע לאנקע, וואס איז אין משך פון יארן וואס אמאל מער אויפגעפרעסן געווארן פון דער פאבריק מיט אירע געביטן. ערשט הינטערן וועג, וואס איז באצייכנט געווען מיט טעלעפאן-סלופעס און יונגע קאשטאן-ביימער, האבן זיך אנגעהויבן אקער-פעלדער, וועלכע האבן זיך לייכט ארויסגעהויבן וואס אמאל העכער. ווייטער האט זיך אנגעהויבן א דארף, איבער וועלכן ס׳האט געהערשט א בערגל באוואקסן מיט אלטע ביימער. איבער די באהעפטע ביימער-קרוינען האבן ארויסגעשטארצט צווייצווילינג-טורעמס פון א באראק-קאסטיאל. ווי באקאנט ס׳איז די לאנדשאפט, וואס ער האט אזויפיל מאל באטראכט אין פארשיידענע צייטן פון יאר, זיצנדיק לעבן דער טיר פון ווערטער-ביידל...

נעמלעך דאס דאזיקע ביידל...

פון דאזיקן פענצטער האט מען עס נישט געקאנט זען, און פלעגט האט לגמרי נישט געבענקט עס אנצוקוקן. ביז היינט פלעגט ער עס דערמאנען מיט א סענטימענט, און ערשט פילט ער דערצו אן אומווילן, וואס קאן לייכט איבערגיין אין א ווידערגעפיל. ניין, אין דעם ביידל וואלט ער שוין נישט צוריקגעגאנגען פאר קיין שום זאך...

ס'האָבן אָנגעהויבן קומען אַרבעטער אין דער אָפּטיילונג. פּלעווע איז אַריינגעגאַנגען אין דעם האָל. ער האָט גלייכגילטיק געקוקט ווי יעדער פון די געקומענע הענגט אויף דאָס מעטאַלענע „מאַרקע"-רעדעלע אויפן טאָוול, וואָס איז צוגעשלאָגן ביי דער טיר, און וואָס זיבן אַזייגער האָט מען אים פאַרשטעלט מיט אַ דראָטענער נעץ און פאַרמאַכט אויף אַ שלעסל.

ער האָט זיך באַגריסט מיט די אַרבעטער, איז אָבער כסדר געווען נידערגעשלאָגן און ס'איז אים שווער אָנגעקומען אַ וואָרט אַרויסצוריידן. ער האָט אויפגעלעבט ערשט דעמלט, ווען וואָנך איז געקומען. האָט זיך באַגריסט מיט אים, כלומרשט אויף אַ פריינדלעכן אופן, אָבער שטייף אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט באַשולדיקנדיקער פאַרשעריקייט און איז אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. ער האָט געהאַט צו אים, נישט וויסנדיק פאַר וואָס, אַ פאַרבאָרגענע פּרעטענזיע, ווי ע ר וואָלט דאָס געווען די סיבה פון זיינע עגמת-נפשן.

קאַליטע, וועלכער איז ווי שטענדיק געקומען דער ערשטער, האָט שוין באַוויזן צו פאַרוואַנדלען זיין אויוון אין אַ גיהנומל. אויך ליסטעצקי האָט שוין אין זיינעם געפּאַליעוועט.

— כ'האָב זיך צעקריגט מיט וואָיטשיצקין, איר ווייסט?-האָט פּלעווע געזאָגט אָנגעכמורעט, קוקנדיק זייטיק אויף וואָנכן. ס'האָט אים פאַרפאָלגט דער געדאַנק, אַז ווי נאָר וואָנך וועט זיך דערוויסן וועגן זיין שוואַך-געוואָרענער פּאָזיציע, וועט ער נישט פאַרזאָמען אויסנוצן עס פאַר זיך און אים אונטערגראָבן ביזן סוף.

— איבער וואָס? — האָט וואָנך געפרעגט מיט לעבעדיקער פאַראינ-טערעסירטקייט.

— וואָרן וואָס...—האָט פּלעווע אַ שאָט געטאָן מיט אַ צערייצטקייט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן. — אַ מענטש ציט פון זיך די בעבעכעס אַרויס, אַלץ זאָל זיין ווי צום בעסטן, און דאָ איז כסדר שלעכט. מע דערקלערט נישט אַ מענטשן, ווען ס'קומט עפּעס אַ נייע זאַך, מען טייטשט נישט אויס, און שפּעטער האָט מען פּרעטענזיעס. וואָיטשיצקי, פּיוואָווארסקי...

— וואָס האָבן זיי אייך אַזעלכעס געזאָגט?

פּלעווע האָט צוזאַמענגעדריקט די ליפּן און אַ ווילע געשוויגן, וואָרפנדיק מיט די אויגן אין אַלע זייטן. ווי אַזוי שטעלט מען עס דאָ פאָר דעם גאַנצן ענין, מע זאָל קאָנען אַרויסבאַקומען פון וואָנכן, וואָס ער טראַכט וועגן דעם אַלעמען, צי ער וועט נישט אונטערשטעלן קיין פיסל...

— דעם אמת זאָגנדיק, איז... האָבן זיי גאָרנישט אַזעלכעס געזאָגט... בלויז אַז... בלויז אַז... אָבער דערפאַר האָב איך זיי געזאָגט...

— וואָס?

— כ'האָב זיי געזאָגט, אַז איך טויג נישט פאַר קיין מייסטער... — האָט ער איילִיק אַרויסגעוואָרפן, פאַרגעסנדיק אין דער כיטרעקייט פונעם כלומרשטן קאָנקורענט. — כ'האָב געזאָגט, אַז אין דער אָפּטיילונג איז דאָ אַ מענטש, וואָס איז הונדערט מאָל קלוגער פון מיר און אַ גוטער פאַכמאַן. ער קאָן זיך אויף דער אַרבעט און קאָן זיך אויף פּאָליטיק, ווייסט ווען ווי אַזוי צו האַנדלען. אָט וואָס...

— דאָס האָט איר אוודאי וועגן גיצדזיעלען געטראַכט? — האָט וואָנג פאַרביסן די ליפּן.

— וויצלט זיך נישט... איר ווייסט וועגן וועמען כ'האָב גערעדט...

וואָנג האָט אים ווייך אַריינגעקוקט אין די אויגן. אויף זיין מויל האָט אַ שפּיל געטאָן אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל צי פון גינציקייט, צי פון מיטגעפיל.

— און איר האַלט, אַז איר האָט קלוג געהאַנדלט, מייסטער?

דער טאָן פון די דאָזיקע ווערטער, און באַזונדערס פונעם לעצטן, האָט געהאַט עפּעס אַ באַזונדערן אויסקלאַנג, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין פלעוועס האַרץ ווי אַ שטראָם האָפענונג, האָט צעהעלט פאַר אים די וועלט.

זיי זיינען שוין געשטאַנען לעבן דער שאַנק. וואָנג האָט, נאָכן אויפהענגען אין איר די מאַרינאַרקע, פאַרקאַשערט די אַרבל פון גראַנאַטענעם העמד און מיט אַ מילדן פאַרוואורף געקוקט דעם מייסטער גלייך אין פּנים אַריין. פלעווע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין פאַרלעגנהייט, אויף זיינע באַקן האָבן זיך בולטער געצייכנט די אָדערן. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין רויטקייט פון חרפּה, נאָר פון פרייד, וועלכע האָט זיך גענומען דערפון, וואָס נישט אין די ווערטער, און נישט אין וואָנגס אויגן האָט ער נישט אויפגעכאַפּט דעם שוואַכסטן גלאַנץ פון הנאה, וואָס דער בפירושער שאַנס וואָלט געקאָנט און געדאַרפט פאַרשאַפן. די דאָזיקע אויגן האָבן אַזוי נאַטירלעך און גינציק געקוקט, אַז פלעווע האָט דערפילט אַ פאַראיבל אויף זיך אַליין פאַר די אומזיסטע חשדים.

— ווייל זעט איר... — האָט ער אָנגעהויבן ווי זיך צו פאַרענטפערן — כ'מוז אייך זאָגן אָפן, אַז וואַטשיצקי האָט מיר געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס איר האָט מיר נאָך פריער געזאָגט. איר ברענגט שאָדן, זאָגט ער, אויב איר דערלויבט מענטשן צו פאַרטאַטשעווען... און איך האַלט וואַטשיצקין פאַר אַ קלוגן מענטשן. און אויב איר אָריענטירט זיך פונקט ווי וואַטשיצקי, הייסט דאָס, אַז איר זענט אויך אַ קלוגער מענטש און וועט שטענדיק וויסן, ווי אַזוי מיט וועמען צו האַנדלען. דאָס זאָג איך אייך אַזוי אויפריכטיק, ווי איך טראַכט...

וואַנך האָט ווייך אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל.

— איר, מייסטער, האָט דאָך אויך פונקט אַזוי געטראַכט, נאָר איר האָט נישט געהאַט קיין מוט זיך מודה צו זיין דערין, ווייל ס'איז אייך געווען אומבאַקוועם. נישט אַזוי?

— דעם אמת זאָגנדיק, איז עס... אַזוי... — האָט פלעווע שטיל מסכים געווען.

— נו, זעט איר. און אַזאַ מוט דאַרף מען האָבן, ווייל פון אָפּנאַרן זיך און מענטשן קומט קיינמאָל קיין גוטס נישט אַרויס, און ס'קאָן קיינמאָל לאַנג נישט אָנהאַלטן. מע דאַרף אַלץ אָנרופן ביים נאָמען. דאָס איז אונדזער הויפּט-פּרינציפּ אין לעבן. און וואָס שייך מיר, צי מיינט איר, אַז איך בין אַ נביא, אָדער אַז איך בין געבוירן געוואָרן מיט די קענטעניש? כ'האָב זיך אויסגעלערנט. מענטשן האָבן מיך אויסגעלערנט, דאָס לעבן האָט מיך אויסגעלערנט. אויף די פעלערן לערנט זיך דער מצנ״ש, מע דאַרף נאָר די פעלערן נישט איבערחזרן, און מע דאַרף זיך אויף די פעלערן מודה זיין. טעותים טרעפן זיך ביי יעדן. איר ווייסט, ווער ס'איז זיך נישט טועה ביי דער אַרבעט? דער הייליקער פּאָטער — ווייל ער טוט גאָרנישט... און אַז ער טוט שוין יאָ עפּעס, איז פונקט נישט אַזוי ווי מע דאַרף...

פלעווע האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול. העכער ווי ס'האָט געפּאַסט. נישט דערפאַר, וואָס דער זאָג וועגן דעם הייליקן פּאָטער איז געווען אַזוי קאָמיש, נאָר דערפאַר, וואָס די ווערטער וועגן טעותים און וועגן אויסלערנען זיך זיינען אים זייער ווילגעפעלן. דאָס זיינען נעמלעך געווען אַזעלכע ווערטער, וועלכע ער האָט נישט קיין מוט געהאַט זיך אַליין צו זאָגן, הגם ער האָט זיי שטאַרק באַגערט. ער האָט געוואָלט הערן נאָך מער אַזעלכע ווערטער, כדי זיי זאָלן דורכויס באַפעסטיקן אין אים זיין אויפגעוואַכטע האָפענונג.

— אָבער צו וואָס זאָל איך זיך לערנען, ווען ס'איז שוין פאַראַן אַזעלכער וואָס קאָן...

— האָאָאָ! — האָט וואָנך אָנגעהויבן. — שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען מיר וואָלטן וועלן אַזוי טראַכטן און האַנדלען. ס'וואָלט זיך דאָך תמיד געפונען איינער אַזעלכער, וואָס קאָן שוין. איז וואָס? אַנדערע וואָלטן זיך שוין נישט געדאַרפט לערנען, אַז? וואָלטן מיר זיך דאָך קיינמאָל פון אָרט נישט גערירט. ניין, מייסטער. איצט מוזן מיר צו די דאָזיקע ענינים אַזוי צוגיין, אַזוי זיך לערנען, אַז דער ערשטער בעסטער אַרבעטער זאָל קאָנען פאַרטרעטן דעם מייסטער אויף יעדן רוף. דעמלט ערשט וועט די פּראָדוקציע שטיין אויף דער געהעריקער הייך. איר ווייסט

ווי לענין האָט געזאָגט? לענין האָט געזאָגט, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג דאַרף יעדע קעכין קאָנען אָנפירן מיט דער מלוכה.

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?

— אַז יעדע קעכין דאַרף קאָנען אָנפירן מיט דער מלוכה.

— לענין האָט אַזוי געזאָגט?

— לענין.

פּלעווע האָט זיך פאַרטראַכט. אויף קיין איין רגע האָט ער נישט גע־צווייפלט אין דער קלוגשאַפט און ריכטיקייט פון די דאָזיקע ווערטער, ווי באַלד לענין האָט זיי געזאָגט, אָבער ווען ער האָט געוואָלט צעקייען זייער טיפן זין ביזן סוף, האָט ער דערשפּירט אַ לייכטן קאָפּ־שווינדל.

— ס'איז מאָדנע... — האָט ער אַ וואָרטשע געטאָן מבולבל.

— אונדז ווייזט זיך אויס מאָדנע, אָבער פאַר אונדזערע אייניקלעך וועט דאָס זיין אינגאַנצן אַ געוויינלעכע זאַך. אין רוסלאַנד ווונדערט עס שוין קיינעם נישט, וואָס קעכינס, שמידן, צי קוילנגרעבער ווערן אויסגעוויילט צום העכסטן מלוכה־ראַט.

— דאָס איז אמת...

— נו, זעט איר. וואַרט, מיר וועלן אייך נאָך אויסוויילן פאַר אַ דע־פּוטאַט, און איר וועט אָנפירן מיט דער מלוכה — האָט וואָנג זיך אַ וויצל געטאָן, און ביידע האָבן זיך פריי צעלאַכט. פּלעווע האָט נישט געהאַט אַזעלכע אַספּיראַציעס, אָבער דער וויך האָט אים אַ גלעט געטאָן און שוין אינגאַנצן פאַריאָגט יעטוועדע מורא. ווי כדי אים ענדגילטיק צו באַרויקן, האָט וואָנג צוגעגעבן ערנסט:

— און אויב ס'גייט וועגן מיר, איז מיינט נישט, אַז איך שטופּ זיך צו ווערן אַ מייסטער און וואָלט אייך אונטערגעגראָבן. ערגער פון אייך פאַרדין איך נישט... און דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס אייך קענען די מענטשן, און איך בין אַ מענטש אַ פרעמדער. איבריקנס, אַז ס'וועט נייטיק זיין, וועט מען אויך מיך ערגעץ אַוועקשטעלן...

מיטאַמאָל איז דער גאַנצער האָל פול געוואָרן מיט עפּעס אַ שרעק־לעך געהייל, אַ קרעכצנדיק וואָיען פאַראייניקט מיט אַ פּויקן און קראַכן, ווי ס'וואָלט אויפגעפלאַמט פאַראַמאָל אַ מיליאָן שוועבעלעך. אייניקע אַרבעטער האָבן זיך אויטאָמאַטיש באַהאַלטן הינטער די קאָרפּוסן פון די האַמערס, געזוכט מיט די איבערגעשראָקענע אויגן דעם קאַטאַקליזם, וואָס דאַרף זיך אויף זיי אַרויפוואַלגערן אומבאַוווּסט פון וואַנען. אַנדערע זיינען שטיינגעבליבן פאַרגליווערט דאָרט, ווו דאָס האָט זיי געטראָפן, זוכנדיק מיט אַ מטורפן בליק אַ ריכטונג וווהין צו אַנטלויפן. דאָס אַלץ

האָט געדויערט העכסטנס אַ סעקונדע, און אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען די ניכטערע, און נאָך זיי אַלע, געלאָפֿן צו די מאָטאָרן.

אײדער פּלעווע און וואַנג זײַנען צוגעלאָפֿן, איז דער רעכטער מאָ-טאָר געווען באַלאַגערט פֿון צו געדיכטער מאַסע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט אין דער מיט אַרײַן און אויסגעשטרעקט די העלדזער מיט נײַגעריקייט. פּלעווע האָט גענומען געוואַלטיק פּאַנאַנדערשטופּן די צוזאַמענגעדריקטע מענטשן און, ווי אַ טירעברעכער, זיך דורכגעריסן אין דער מיט אַרײַן.

פֿון די עפֿענונגען אין דער דעק פֿונעם מאָטאָר האָבן זיך געוויזט פּאַסמעלעך בלויער רויך. אין דער לופֿט האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ מעטאַ-לענער טשאַד פֿון סמאַלינעס.

דער מײַסטער איז אין דער ערשטער רגע טויט געבליבן, אָבער באַלד אונטערגעשפּרונגען, האָט ראַשיק אַ וואָרף געטאָן ביידע הענט אין דער הייך און אַ ריטשע געטאָן מיט אַן אומנאַטירלעך קול.

— נישט אײַנשליסן דעם צווייטן מאָטאָר!

ביים פֿאַרטיילונגס-טאָוול איז נאָך אַלץ געשטאַנען טאַרנאָווסקי, בלאַס, זיך טרייסלענדיק, האָט געקלאַפּט מיט די ציין און נישט ביים פֿולן זינען אַרויסגעקערט די אויגן.

נאָכן מײַסטערס דאָזיקן אויסגעשריי האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ טויב, אומנאַטירלעך שווייגן. די אַרבעטער האָבן זיך שוין מער נישט געשטופּט אין דער מיט אַרײַן, אָבער אויך נישט לויזער געמאַכט די ענגשאַפֿט. זיי האָבן אויסגעזען ווי איין פֿילקעפּיקער גוף, וועלכער האָט זיך פֿאַרטייעט אין אומהיימלעכן אָפּוואַרטן. פּלעווע איז מיט אַ טויטלעכן בליק פֿאַרזונ-קען אין מאָטאָר. ס׳וואָלט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, וואָס עס קנוילט זיך דאָרט אונטער זײַן שאַרבן, נאָר דאָס פּנים האָט זיך בולט געענדערט. צוערשט איז עס פֿאַמעלעך בלאַס געוואָרן ביז בלויקייט אין די ליפּן, דערנאָך האָט זיך עס געגומען באַדעקן מיט פּורפּורנע פֿלעקן, ביז ס׳איז דורכויס רויט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך פֿאַרגלייזט מיט פֿאַרביסענעם גלאַנץ. נאָך אַ לענגערער ווײַלע האָט ער זיך אַ באַוועג געטאָן, אויסגע-דרייט דעם קאָפּ און ביז-בשורהדיק אַ קוק געטאָן אין די אויגן פֿון די אַרבעטער, וואָס זײַנען געשטאַנען צום נאָענטסטן.

— נישט אײַנשליסן דעם צווייטן מאָטאָר. — האָט ער ביז איבער-געחזרט. — מע דאַרף אָנקלינגען אין דער עלעקטראָסטאַנציע...

ערשט איצט איז געקומען אַן אויסלאָדונג פֿון דער שפּאַנונג. די ענגשאַפֿט איז לויזער געוואָרן. אייניקע זײַנען אַוועקגעגאַנגען פֿון מאָטאָר, זיך נאָך אומקוקנדיק, ווי ער וואָלט דאַרפֿן אויפֿרייסן, אַנדערע האָבן,

אויסנוצנדיק דעם פרייערן פלאַץ, זיך איבערגערוקט פאָרויס, ווי זיי וואָלטן פון דער נאָענט געזאָלט זען מער, איידער זיי האָבן ביז איצט געזען. וואָנד איז אַוועקגעלאָפן אין קאָנטאָר. האָט זיך פאַרבונדן מיט דער עלעקטראָסטאַנציע, צו וויסן געטאָן דעם פאָרפאַל און געפאָדערט תיכף־ומיד אַ מאָנטער ווייל די אָפּטיילונג שטייט. באַלד נאָך אים איז אין קאָנטאָר אַריינגעקומען יעלוּויצקי. ער איז געווען בלאַס און אומרויִק.

— קענטיק, אויך איר נעמט זיך איבער? — האָט וואָנד באַמערקט.

— נו, ווי־זשע דען... ווער וואָלט עס... — האָט דער שרייבער אומבאַהאָלפן געוואָרטשעט, צום סוף זיך געזעצט הינטערן טיש און זיך איינגעבויגן איבער די פּאַפּירן.

ס׳איז אַריינגעקומען קשאָנזשעק.

— שוין?

— שוין.

— איך וויל אָנקלינגען אין ראַט.

— קלינגט, מע דאַרף...

— עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַ סאַבאָטאַזש.

— מירן זען.

— אויף זיכער אַ סאַבאָטאַזש! — איז מיט ברען אַרויסגעשפּרונגען דער שרייבער — איך גיב דעם קאָפּ... פאַרוואָס האָבן ביז היינט די מאָטאָרן געאַרבעט און גאָרנישט...

אין האָל האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעשטויסן, געפּרוווט טרעפן, געשאָטן מיט קללות. פּלעווע האָט בקיצור איבערגעשלאָגן אַלע השערות.

— ס׳וועט קומען דער עלעקטריקער, וועלן מיר זיך דערוויסן...

ס׳איז געקומען צו לויפן פון זיין קאַבינעט דער שעף פון דער אָפּטיילונג, אינזשיניער זאַפּאָלאָטקע, אַן אַנטלאָפענער פון דעם אָקטאָבער־רוסלאַנד, וועלכער איז אין משך פון זעקס און צוואָנציק יאָר געווען פייערלעך איבערצייגט, אַז ער האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל דער־וויטערט און אָפּגעצוימט פון דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס, וואָס איז פאַר אים אומפאַרשטענדלעך און אָפּשרעקנדיק. בעת דער אָקופּאַציע האָבן אים די דייטשן באַטראַכט ווי אַ „וויסן" און דאָס איז אים באַ־קוועם געווען. און נאָך זעקס און צוואָנציק יאָר האָט ער זיך געמוזט איבערצייגן, אַז פאַרן פּראָגרעס עקזיסטירן נישט קיין שום געאָגראַפישע און עטנאָגראַפישע גרענעצן, אַז דער דאָזיקער פּראָגרעס קאָן פּלוצלינג אויסברעכן אויף אַ באַליביקער געאָגראַפישער ברייט און אין יעדן ווינקל געפונען דעם, וואָס אַנטלויפט פאַר אים.

ער איז נישט געווען קיין שונא און קיינמאָל נישט געטראַכט צו קעמפן. האָט בלויז געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן, און ווען דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך, געפּרוווט צו רעזווידירן זיין וועלט-אָנ-שויונג, נאָר דערווייל איז ער בלויז אַריינגעפאַלן אין פאַרפלאָנטערנישן, און דאָס האָט אים אָנגעפילט מיט כסדרדיקער אומקלאָרער שרעק און אומזיכערקייט.

אויף דער ידיעה וועגן דעם פאַרפאַל איז ער געקומען צו לויפן אַ בלאַסער, אויפגעטרעסלטער, איבערגעשראָקענער. ער האָט געוואָלט תיכף זיך דערוויסן אַלץ, אָבער אַזוי ווי קיינער איז נישט אימשטאַנד געווען אים אַלץ אויפצוקלערן, האָט ער דאָס אויפגענומען ווי אַ סימן פון אומצוטרוי מצד די אַרבעטער. אָן שום יסוד האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ מורא, אַז ס'קאָן אויף אים פאַלן אַ שרעקלעכער פאַרדאַכט. ער האָט פאַרצווייפלט געזוכט מיט די אויגן עמעצן, וואָס ער וואָלט אים געקאָנט באַטראַכטן פאַר אַ נאָענטן און דערוואַרטן פון אים אונטערשטיצונג. האָט אַ ווײַלע פאַרהאַלטן דעם בליק אויף פלעווען, אָבער זיך גלייך דער-מאָנט, אַז ער איז דאָך אַ געוועזענער וועכטער...

ער האָט זיך דערפילט פאַרצווייפלט איינזאַם, איז ער אַריין אין זיך און זיך אָנגעכמורעט. האָט זיך געפּלאָנטערט אומבאַהאָלפן צווישן די אַרבעטער און זיך איינגעהאָרכט, נישט אָנרופנדיק זיך מיט קיין וואָרט. קיינער האָט זיך מיט גאָרנישט און וועגן גאָרנישט צון אים נישט גע-וואָנדן, און אַזוי איז אים גוט געווען...

XVIII

ענדלעך האָט זיך באַוויזן דער עלעקטריקער מיט אַ האַנט-קעסל. ער איז באַלד געוואָרן דער העלד פון מאָמענט. אַלע האָבן אים אַרומ-געריגנלט אין אַ געשלאָסענעם קרייז און אַזש געאָטעמט מיט אומגעדולד, באַגערנדיק אַרויסצולאָזן זייערע איינדרוקן, באַאָבאַכטונגען און השערות. אין מיטן קרייז האָבן זיך געפונען — אַ חוץ דעם געקומענעם — פלעווע, קשאָנזשעק, וואָנג און דער שעף פון דער אָפּטייל.

— דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן.. — האָט פלעווע בקיצור דערקלערט.

— וועלכער?

— דער, דער רעכטער-האָט ער שווערלעך אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— ווייסט עס דער טײַוול. נאָכן איינשליסן האָט ער זיך צערווישט, אָנגעהויבן רײַכערן און פּאַרטיק. אַ בר־מינן...

ערשט האָט זיך אויפגעהויבן אַ געפּילדער. יעדער האָט געהאַלטן פּאָר נייטיק אַרײַנצוואַרפן אַ וואָרט. מ'האָט זיך אָנגעהויבן קעגנזייטיק איבערצושרײַען, אָבער דער עלעקטריקער האָט זיך מיט אַן אַנטשלאָסענעם טראָט געלאָזט צום אָנגעוויזענעם מאָטאָר. זײַנען זיי אַנטשוויגן געוואָרן און אין אַ געזעמל געגאַנגען הינטער אים טראָט בײַ טראָט, איבערלאָזנדיק פרײַען פּלאַץ בלויז אויף אַזויפיל, מע זאָל נישט אָנטרעטן אויף די פּיאַטעס דעם שעף פון דער אָפּטיילונג און די איבעריקע פאָרשטייערן פון דער מאַכט.

דער מאָנטער איז צוגעגאַנגען צום מאָטאָר. האָט אים באַטראַכט פון אַלע זײַטן, אויף אַ רגע אַרײַנגעשטעקט די נאָז אין דער עפענונג פון דער דעק, אַ שמעק געטאָן, אַ קלאַפּ געטאָן דעם מאָטאָר ווי אַן אומגעפערלעכע חיה און זיך געלאָזט צום פּאַרטיילונגס־טאָוול. די אַרבעטער זײַנען פון אים נישט אָפּגעשטאַנען אויף קיין טראָט, נאָכשפּירנדיק פרום זײַן יעדע באַוועגונג.

טאַרנאָווסקי האָט זיך נאָך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. מער נישט, וואָס די אויגן זײַנען אים קלאָר געוואָרן, און די ציין האָבן אויפגעהערט צו קלאַפּן. דער מאָנטער האָט אַנידערגעשטעלט דאָס קעסטל לעם די פּיס, מיט מי אַרויסגעשלעפּט דעם הייבער פונעם אויסשליסער, וואָס זײַנען אָרעמס האָבן זיך צוליב דעם קורץ־שלוס אַרײַנגעשמאָלצן אין דער קלאַמרע. האָט געעפנט דאָס קעסטל, אַרײַנגעקוקט דערין, און אַ לאַנגן פּײַף געטאָן. דער נאָך שנעל אַרײַנגעשטעקט די הענט אין קעסטל אַרײַן און גענומען דרייען עפּעס.

— איך האָב אײַנגעשלאָסן, און דאָ זשזשאוואו!...— האָט טאַרנאָווסקי ענדלעך אָנגעהויבן ריידן, טראַגיש פאַרוואַרפנדיק די הענט מיט ברייט־צעעפנטע פינגער אין דער הייך.

— ס'האָט מיר געוואָלט די קוקערס אָפּברינען...— האָט ער ווייטיקלעך צוגעגעבן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער עלעקטריקער אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמענס אויגן אויף זײַן אויסגעשפּרייטער דלאָניע דרײַ ספּיראַלן פון גראָבן, קופּערנעם דראָט, וואָס זײַנען געווען אַרײַנגעדרייט אָנשטאָט פאַרזיכערער. האָט זיי אַ ווײַלע געהאַלטן אַזוי פאַר די דערשטוינטע, אויפפינקלענדיקע אויגן פון די אַרבעטער, ווי דרײַ אומגעווײנלעכע בליץ־אָפּלייטערס, אויף וועלכע ס'דאַרפן אַראָפּפאַלן אַלע דונערן־קללות... דערנאָך מיט אַ נאָכלאָזיקער באַוועגונג זיי אַרײַנגעוואָרפן צו זיך אין קעסטל.

— ער האָט זיך נישט אומזיסט מטריח געווען... — האָט ער אַ זאָג געטאָן געגוג הויך. — דער מאָטאָר איז זיכער פאַרבערענט, כאָטש ס'זעט נישט אויס אַזוי.

ער האָט גענומען זיין קעסטל און זיך ווידער געלאָזט צום מאָטאָר. די אַרבעטער האָבן זיך צערוקט פאַר אים און באַלד ווידער זיך געלאָזט נאָך אים; פאַרביילאָזנדיק בלויז די מאַכט, האָבן זיי זיך צוזאַמענגע־דריקט, שטראָמענדיק אין אַ שווייגנדיקער אומהיימלעכער מאַסע, ווי אַ שטילע סטיכיע, וואָס אין איר שויס ווערט רייף אַ שטורעם.

צוקומענדיק צום מאָטאָר, האָט דער עלעקטריקער ווידער אַנידער־געשטעלט דאָס קעסטל אויף דר'ערד, אַרויסגענומען פון דעם צוויי שליס־לען אויפצודרייען שרויפן און איינעם פון זיי איבערגעגעבן דעם צומנאָענטסטן שטייענדיקן אַרבעטער.

— אויפדרייען די שרויפן — האָט ער אָנגעוויזן און אַליין זיך גענומען אויפדרייען. אַלע האָבן אין שווייגעניש געקוקט אויף זייערע הענט. אָן אַ שיעור לאַנג האָט געדויערט דאָס אויפדרייען, ווייל ס'האָט זיך געמאָסטן מיט אומגעדולד. ווען די שרויפן זיינען ענדלעך אויפגעדרייט געוואָרן, האָט דער עלעקטריקער אַריינגעוואָרפן די שליסלען אין קעסטל און מיט אַ רונדיקער האַנט-באַוועגונג גלייך ווי אַ דיריגיר געטאָן מיטן גאַנצן עולם.

— אַראָפּנעמען די דעק...

אַ סאַך גערנדיקע הענט האָבן אַ כאַפּ געטאָן די אייזערנע שאָל, אַוועקלייגנדיק זי אין אַ זייט, ביי די פיס פון די צוזאַמענגעדרענגטע מענטשן. און דעמלט האָט זיך פון פיל העלדזער אַרויסגעריסן אַ דער־שטיקטער אויסגעשריי פון שטוינונג און אימה.

— אָ אָ אָ!

אין דער קוועך פון די קאָלעקטאָר-רינגען איז געלעגן אַ גראָבער קופּערנער פּרענט. וועלכער איז שוואַרץ געוואָרן אויף די ערטער, ווו ער גייט זיך צונויף מיט די רינגען, פאַרריסט פון אַ העל-בלויען רויך, צעפּרעסן, איינגעשמאָלצן אין זייער פון די באָרשטן אויסגעגלעטיקטער אויבערפלאַך. דער עלעקטריקער האָט אים פעסט אָנגענומען מיט די פינגער און אַן אויסגעגלייכטער געקוקט אויף די אַרבעטער מיט אַ בליק פון אַ פּראָקוראָר, וועלכער שטעלט פאַר פאַר די געשווירענע ריכטער אַ זאַכלעכן באַוויז, וואָס מאַכט איבעריק יעדע אויפקלערונג, יעדעס וואָרט.

— סאַבאָטאַזש... — האָט אין אַ ווײַלע אַרום אַ זאָג געטאָן טשיס־טאָלסקי מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי ער וואָלט אַלעמען צו וויסן געטאָן אַ פאַקט, וואָס בלויז ער אַליין איז אימשטאַנד געווען פעסטצושטעלן.

וואָנך האָט זיך ענערגיש אַרויסגעשיילט פון דער מאַסע און געלאָפן צום טעלעפאָן. נאָך אים האָס געאיילט קשאָנזשעק.

— יעדנפאַלס איז עס נישט קיין פּאַכמעגישע אַרבעט — האָט דער עלעקטריקער דערקלערט, אויסקרימענדיק די ליפּן אין אַן אויסדרוק צי פון גרינגשעצונג, צי פון פאַראַכטונג. — אָן אַזויפיל מי וואָלט ער געקאָנט אָנמאַכן אַ סך מער שאָדן. אַ גליק, וואָס ס'האָט זיך גענומען דערצו עפּעס אַ פּריץ...

דער נידעריקער, יאָדערדיקער, לאַנגהענטיקער קאָנטשאַק איז מיט אַ ווילדן גלאַנץ אין די אויגן, מיט עפּעס אַ קעצישער באַוועגונג צוגע-שפּרונגען צו טאַרנאָווסקין און מיט ביידע הענט אים אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל, פעסט פאַרקלעמענדיק די פינגער.

— דאָס האָסטו, דו הורנזון!...

טאַרנאָווסקי איז מאָמענטאַל בלוי געוואָרן, די אויגן זיינען אים אַרויסגעקראָכן, דאָס פּנים איז אויפגעלאָפן. ער האָט זיך אומזיסט געריסן פון דער מערדערלעכער קלעם. ער האָט זיך קאָנוווּלסיוו געקלאַמערט מיט די פאַרחלשטע פינגער פאַר די הענט, וואָס האָבן אים געשטיקט, זיך געצאַפּלט מיטן גאַנצן גוף, ווי אַ געטראָפענער פון אַן עלעקטרישן שטראָם. די אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען צומנאָענטסטן, האָבן אָנגעכאַפּט קאָנטשאַקן פאַר די הענט, פאַר די אַקסלען, פאַר די זייטן און מיט מי אים אָפּגעריסן פונעם קרבן, וואָס זיין שולד האָט דאָך נאָך קיינער נישט פעסטגעשטעלט.

— דאָס האָט ער!... דאָס האָט ער!... — האָט קאָנטשאַק געריטשעט, שפּריצנדיק מיט שפּייעכץ און אַלץ רייסנדיק זיך צו טאַרנאָווסקין, ווי אַ צעיושעטער ביק.

דער געשריי זיינער איז געווען אַזאַ הייסער, אַז אין אַ סך אויגן, געווענדטע צו טאַרנאָווסקין, האָבן זיך אָנגעצונדן בייזע פייערלעך. די פּנימער האָבן גענומען ציטערן מיט אַ נקמה-צוקעניש.

טאַרנאָווסקי האָט ספּאַזמאַטיש געכאַפּט די לופט מיט אַ ברייט גע-עפנט מויל. דאָס בלוט האָט פּאַמעלעך אָפּגעטרעטן פון זיין פּנים, און דאָס דאָזיקע פּנים האָט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע פון אַ באַליידיקט קינד. ענדלעך האָט ער מיט אַן אומבאַהאָל-פענער, רחמנותדיקער באַוועגונג אויסגעצויגן ביידע הענט פאַר זיך און, אַריבערפירנדיק איבער אַלעמען אַ פאַרטערטן בליק, אויסגערופן וויינעריש:

— וואָס מיינט איר?... וואָס מיינט איר?... מענטשן!... — האָט ער אָנגעהויבן כליפּען.

ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּלוצלינגער האַרמידער, אַלע האָבן פאַר־אַמאָל זיך צעשריגן, געטומלט, געמאַכט מיט די הענט. ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן געמיינע קללות, דראָאונגען אויפן אַדרעס פונעם אומבאַ־קאַנטן פאַרברעכער. ער וואָלט שלעכט אָפּגעשניטן, ווען ער וואָלט אין דער רגע אַריינגעפאַלן אין די דאָזיקע אָדערדיקע, נקמה־גיריקע הענט. לויט זייערע געוואַלטיקע באַוועגונגען, געשרייען, קללות, און לויטן בליצן פון זייערע אויגן איז קענטיק געווען, אַז דעם אַטענטאַט אויף דער טויטער מאַשין האָבן די אַרבעטער אָנגענומען ווי אַן אַטענטאַט אויף זייער עקזיסטענץ, אויף זייער טעגלעך ברויט, אויפן גורל פון זייערע קינדער.

דער אינזשיניער זאַפּאָלאָצקע האָט אויסנוצנדיק די מהומה, אײליק זיך אַרויסגעגליטשט פון דער מאַסע און אָפּגעטראָגן אין זיין קאַבינעט אַריין.

— אַ רעוואָלוציע... — האָט אים גערוישט אונטערן שאַרבן.

ס'איז אים באַקאַנט געווען דער צאָרן פון מאַסן, וואָס הגם אים אַליין האָט ער נישט אָנגערירט, ווייל ס'איז נישט געווען דערצו קיין סיבה, האָט ער אים פונדעסטוועגן איבערגעשראָקן און זיך פעסט איינ־געקריצט אין זיין זכרון. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער דעם שליסל אין שלאָס איבערגעדרייט צוויי מאָל, געכאַפּט דעם שווערן ביורא־טיש און אים צוגעשלעפּט צו דער טיר. ער האָט זיך דערפילט אַ ביסל זי־כערער, אָבער נאָך נישט אינגאַנצן. האָט באַטראַכט דאָס פענצטער צי ס'עפנט נישט זיך לייכט. האָט שוין אפילו געהאַלטן דערביי אַרויסצו־שפּרינגען דורך דעם און זיך אָפּטראָגן פון פאַבריק. האָט זיך אָבער באַזיניקט. אפשר וואָלט דאָס געווען נאָך צו פריצייטיק... ער האָט גע־כאַפּט דאָס טעלעפאָן־טריבל, כדי אַרויסצורופן הילף, אָבער שנעל רע־זיגנירט. צו הילף וועלן דאָך זיכער קומען פונקט אַזעלכע ווי די, פאַר וועלכע ער איז מיט אַ רגע פריער אַנטלאָפן... האָט ער זיך, נישט זעענדיק קיין אַנדערן אויסוועג, אָנגענומען מיט מוט, און באַשלאָסן צו וואַרטן און זיך צוהאָרכן, וואָס ווייטער וועט זיין. פון צייט צו צייט בלויז האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער נאָכצוזען, צי עמעצער האָט נישט אָפּגעשניטן דעם איינציקן וועג, פון וועלכן ער וועט עווענטועל מוזן געניסן.

פלעווע איז פון דעם מאָמענט, ווען מ'האָט אַראָפּגענומען די דעק פון דעם מאָטאָר, געשטאַנען איבער אים, ווי איבער אַ טרומנע מיט אַ קערפּער פון אַ זייער נאָענטן מענטשן.

ער האָט ליב געהאַט זיין אָפּטיילונג, געשאָנעוועט יעדעס טיילעכל אירס, אָבער די מאָטאָרן האָט ער תמיד געהאַלטן פאַר נאָך עפּעס מער

ווי זיין אייגן טייער אייגנטום. דער אַקט פון אומקערן דער פאַבריק די מאַטאָרן איז געווען דער גרעסטער פאַרבאָרגענער אוצר פון זיין נשמה. וויפל מאָל האָט ער זיך עס מיט פשוט קינדערישער התפעלות איינגע־האָרכט אין זייער געדויש, וויפל מאָל, זיך איינהאָרכנדיק אינעם קלאַפּן פון די האַמערס, זיך קלאָר געמאַכט מיט וואָרעמען שטאָלץ, אַז זיי קאָ־נען אַזוי קלאַפּן טאַקע נאָר אַ דאַנק די מאַטאָרן, וואָס ער האָט אומגע־קערט. וויפל מאָל האָט ער די דאָזיקע מאַטאָרן געקלאַפּט איבער די איי־זערנע פלייצעס, ווי באַליבטע הויז־חיות און געריידט צו זיי פון האַרצן...

דער אַטענטאַט אויף זייער גאַנצקייט, אויף זייער געזונט האָט אים ערשט זייער ווייטיקלעך געטראָפן. ער האָט, וויסנדיק די מאַטיוון, וואָס האָבן אים באַוויגן אומצוקערן זיי דער פאַבריק, פאַרשטאַנען מיט טיפער קלאָרקייט די מאַטיוון, וועלכע האָבן געקאָנט עמעצן באַוועגן צון אַזאַ אַטענטאַט. האָט פאַרשטאַנען דעם קענגזאַץ פון די דאָזיקע מאַטיוון, פאַרשטאַנען דעם מענטשן, וועלכער האָט געקאָנט לויט אַזעלכע מאַטיוון האַנדלען.

און דער דאָזיקער עמעצער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין זיין דמיון ווי אַ פינצטערער פאַרברעכער, אַ פאַרזעעניש, וואָס רופט אַרויס אומגעצוימטן, סטיכישן האַס, וועלכער האָט געשטויסן צו קעמפן מיט אים ברוסט קעגן ברוסט, ביז צו שטיקן זיין פאַרשאָלטענעם האַלדז, צו בייסן.

פלעווע האָט נאָך מסתם קיינמאָל אין לעבן נישט געפילט אין זיך אַזאַ שטאַרקן האַס און לעכצונג נאָך נקמה. מיט פאַרביסנקייט האָט ער אין די השערות נאָכגעשפירט זיין אומבאַוווסטן שונא, געזוכט אין חלל זיין געשטאַלט אָדער כאָטש זיין שאָטן. ס׳האָט אים פאַרשאַפט כמעט פיזישן ווייטיק דאָס געפיל פון אוממעכטיקייט, דאָס באַוווסטזיין פון נישט קאָנען אויספירן די נקמה פלענער שוין, תיכף־ומיד... דער האַס האָט געכוואַליעט אין זיין האַרץ, בלויז צייטנווייז איינגעשטילט דורך עפּעס אַ זייטיקן געדאַנק. ער האָט געכוואַליעט און וואָס אַמאָל מער זיך אַריינגעזייט אין אַלע געוועבן, אין אַלע קעמערלעך פון אָרגאַניזם. פּאַ־ראַלעל דערמיט איז אין אים געוואַקסן און האָט זיך פאַרטיפט דאָס געפיל פון פאַרבינדונג מיט די, וואָס זיינען געווען געטראָפן און אויפ־געבראַכט צוליבן פאַקט פונעם אַטענטאַט אויף די מאַטאָרן. אין זיין באַוווסטזיין איז צושטאַנד געקומען אַ בולטע פאַנאַנדערטיילונג אויף אַזעלכע, וואָס האָבן געשעדיקט אָדער געוואָלט שעדיקן, און אויף אַזעלכע, וואָס וואָלטן קיינמאָל נישט געשעדיקט און וואָלטן נישט דערלאָזט צו קיין שעדיקעריי. פון דאָזיקן אויסגאַנגס־פונקט האָבן זיך אויסגעשפּונען אַלע זיינע ווייטערדיקע געדאַנקען וועגן די איינע און די צווייטע.

אינצווישן האָט ער זיך דערמאָנט די יונגעלייטלעך פון נעכטן אין אָוונט. און ס'האָט אויפגעקאָכט אין אים אַ חשק זיך צו טרעפן מיט זיי באַכאַמאָל... ווייל הגם ער האָט נישט געהאַט דערצו קיין שום קאָנקרעטן גרונט, האָט זיך פונדעסטוועגן באַלד באַקרעפטיקט אין אים די איבער־צייגונג, אַז דיביידע ענינים קאָנען נישט נישט האָבן קיין צוזאַמנהאַנג. זיי זיינען געוועזן פון איין לאַגער די העלדן, וועלכע האָבן אים געוואָלט אָנשרעקן, און די, וועלכע האָבן געוואָלט קאַליע מאַכן דעם מאָטאָר. סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע איז דאָך געווען אַן אַטענטאַט אויף זיין גורל און אויפן גורל פון די חברים.

אַלץ, וואָס האָט זיך אין דער דאָזיקער צייט געטאָן אַרום אים, איז נישט דערגאַנגען צו זיין באַוווסטזיין, אַזוי פאַרזונקען אין געדאַנקען איז ער געווען. ס'האָבן אים ערשט אויפגעמונטערט די ווערטער פונעם עלעקטריקער, וועלכער האָט, וועלנדיק איינשטילן דעם אַנטשטאַנענעם האַרמידער נאָכן טאַט פון קאָנטשאַק, הויך אַ זאָג געטאָן.

— נו, אינטערעסאַנט, וואָס איז מיטן צווייטן מאָטאָר...

פלעווע האָט זיך אויפגעכאַפּט און ערשט איצט דערפילט, ווי שטאַרק ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן און פאַרביסן די ציין. ער האָט אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט אַ קוק געטאָן אויף די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, און בלאָס אַ פרעג געטאָן, נאָך נישט אינגאַנצן צוריקגעקומען מיט די געדאַנקען צום איצטיקן מאָמענט.

— און וואָס?... אפשר איז אויך יענער?...

— נו ניין, יענער איז דאָך נישט געווען איינגעשלאָסן...

— ער איז נישט געווען.

— נו, איז אים גאָרנישט געשען. און איצט וועלן מיר זעען וואָס צו טאָן. זיי זיינען אַריבערגעגאַן אין צווייטן ווינקל פון האַל. די אַרבעטער, ווידער, פאַראינטריגירטע, זיינען שטיל געוואָרן און אַוועק נאָך אים צום צווייטן מאָטאָר. דער עלעקטריקער האָט פאָרזיכטיק אַריינגערוקט די האַנט אין דער עפענונג פון דער דעק איבערן קאָלעק־טאָר און אין אַ ווייַלע אַרום פונקט אַזוי פאָרזיכטיק זי צוריק אַרויסגע־צויגן. ער האָט געהאַלטן צווישן די פינגער אַ שטיקל קופּערנעם פּרענט ענדלעך צו דעם, וואָס איז געווען אין ערשטן מאָטאָר. האָט דאָס געוויזן די אַרבעטער און ווידער אַרויסגערופן אַן אויסגעצויגענעם בייזן:

— אָ אָ אָ אָ!...

ער האָט אַליין ביטערלעך אַ שמייכל געטאָן, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַ שרעקלעכער פריץ האָט דאָס געטאָן...

ער האָט מיט אַ נאָכלאָזיקער באַוועגונג אַריינגעוואָרפן דעם דראָט צווישן זיינע גראַטעס און איז ווידער געגאַנגען צום פאַרטיילונגס-טאָוול. האָט געעפנט אַ צווייט קעסטל, אַריינגעקוקט דערין און זיך צעלאַכט מיט אַ שאָטן פון טריומף.

— דאָ האָט ער שוין נישט באַוויזן. ער האָט זיך קענטיק פאַר עפּעס דערשראָקן. אָבער אַ פריץ...

ער איז, דרייענדיק מיטן קאָפּ און אָנבלאָזנדיק די ליפּן, געגאַנגען אין קאָנטאָר. האָט איבערן אַקסל פונעם שרייבער, וואָס איז געווען איינגעבויגן איבער די פּאַפּירן, אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן-טרייבל.

— איך בעט די דיזשורקע פון דעם ענערגעטישן... האַלאָ! קאָטשינסקי? דאָ זאַפּראָמע. מע קאָן שוין אַריינשטעלן די קאָרקעס. אַהאַ... איינער, און דאָס אויך גאָרנישט קיין שרעקלעכס, אַ סאַבאָטאַזש, אָבער אַ שרעקלעך פריצישער... נו, יאָ. נו, כ׳וואַרט ביים טעלעפאָן, ווייל כ׳וויל זיי באַלד איינשליסן. אַ האַלבע אָפּטיילונג וועט זיכער באַלד געלאָזט ווערן אין גאַנג... — אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ וואָרטשע געטאָן: — גוט... — ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל און אַרויסגעגאַנגען.

ווען ער האָט זיך ווידער געפונען ביים קעסטל פונעם אויסשליסער און אָנגענומען דאָס הענטל, האָט זיין פּנים אויסגעדריקט נישט אַנט-שלאָסנקייט. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די אַרבעטער, וואָס האָבן געקוקט שטייף אויף אים, גלייך ער וואָלט דערוואַרט זייער צושטימונג. ער איז נישט זיכער געווען, צי ער האָט באַזייטיקט אַלע געפאַרן, אָבער נישט געוואָלט לאַנג פאַרהאַלטן די אָפּטיילונג אָן אַרבעט. ענדלעך האָט ער אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער און אויסגעשריגן:

— אַ, ווער עס ריזיקירט נישט...

ער האָט מיט אַ געניטער באַוועגונג אַריינגעדריקט דעם אָרעם פו-נעם אויסשליסער און גלייך אויסגעדרייט דאָס שטרענגע פּנים אין דער זייט צום מאָטאָר.

דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן שפּילן. זיין הערלעכע מעלאָדיע, וואָס איז שנעל איבערגעגאַנגען אין אַ ריטמיש גערויש, האָט זיך צעקלונגען איבערן האָל, ווי אַ נצחון-הימן, ווי דער אינטערנאַציאָנאַל. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן לעבעדיק אַרומצווואַמלען, ס׳האָבן אויפגעריסן אַ סך פריידיקע אויסגעשרייען.

פּלעווע האָט כמעט פולשטענדיק אויפגעלעבט און גלייך גענומען קאָמאַנדירן:

— די לינקע זייט צו די האַמערס! קאַליטע, פאַרמאַכן דעם גאַז און אַרויסוואַרפן אַלע שטיקלעך פון אויוון!

די אַרבעטער, וואָס זייערע האַמערס זיינען געשטאַנען פון דער לינקער זייט, זיינען געלאָפן אויף זייערע ערטער. קיינער פון זיי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פונעם פאַרגניגן איבערצורוקן דעם פּאַס אויפן אַרבעטס-ראָד און אָנקלאַפּן עטלעכע מאָל מיטן האַמער אויף דער ליידי-קער קאָוואַדלע, איידער די געהילפן זיינען געקומען צו לויפן מיטן מאַ-טעריאַל צום באַאַרבעטן. דער לעבנס-פולס אין די האַמערס, וואָס זיינען טיילווייז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, האָט זיי געפרייט ווי דאָס צוריק-געפונען אַ טייערע אבידה. ליסטעצקי האָט שנעל אַרויסגעצויגן פון אויוון די אָנגעוואַרעמטע שטיקלעך און דערלאַנגט די געהילפן, נאָך וועלכן יעדער באַשאַנקענער איז אונטערשפרינגענדיק געלאָפן צום האַמער.

קאַליטע האָט פאַררוקט דעם גאַז-שיבער און אַרויסגעוואָרפן פון אויוון די אָנגעוואַרעמטע שטיקער, גלאָצנדיק מיט קנאה אויף ליסטעצקין מיט אויגן פייכטע פון כעס און געשאָלטן, ווי אַן אַלטער ציגיינער.

— אַז הלוואַי וואָלט דיר די האַנט געוועז איינדאַרן, דו לאַ-יוצלח, איידער דו האָסט דאָס געטאָן... אַז הלוואַי וואָלט דיר, טרייפענע בלוט, די לעבער שטיקלעכווייז געוועז דורך דער נאָז אַרויסגעפליען... אַז הלוואַי זאָל דיך די פּעסט נישט אויסמיידן... אַז הלוואַי וואָלט דיין מאַמע אַ בלינד הינטל געוועז געבוירן אַנשטאָט דיך... אַז הלוואַי מע זאָל דיר, מנוול, אין גיהנום ווידלעס אין דער מאָרדע אַריינהאַקן, ווי דאָס דראָט האָט זיך איינגעשמאָלצן אין אונדזער מאָטאָר...

דער עלעקטריקער, כּלעווע, קשאַנזשעק און אַ באַדייטנדיקער טייל אַרבעטער האָבן, נישט קאָנענדיק צוטרעטן צו דער אַרבעט, געשמועסט וועגן דעם באַשעדיקטן מאָטאָר.

— אָט פּשוט אָפּרייסן דעם דראָט און פּטור... — האָט קשאַנזשעק גערעדט פון גאַנצן האַרץ.

— באַ!... אַז מיר וועלן אָפּרייסן דעם דראָט — האָט זאַפּראָמע אויפגעקלערט — וועלן מיר אויסרייסן גריבלעך אין די רינגען, און דער מאָטאָר איז שוין צו גאָרנישט. אַזוי טויג עס נישט... מע וועט בכלל דאַרפן צומאַכן נייע רינגען, אָבער דאָס איז אַן אַרבעט אויף אַ לענגערער צייט. און ס'גייט דערין, אַז אַ האַלבע אָפּטיילונג זאָל לאַנג נישט אַרומגיין ליידיק, מיר וועלן דאָס מאַכן אַנדערש. מען דאַרף האָבן עפּעס אַ גוטן, שלייפער מיט אַן עלעקטרישער שלייפמאַשין, מיט אַ זייער פיינער שלייפמאַשין. יענע שטיקלעך דראָט צווישן די רינגען וועט מען אויסשניידן מיט אַ זעגעלע, דאָס, וואָס וועט בלייבן אויף די רינגען, וועט מען אויבנאויפיק אָפּשניידן מיט אַ פייל, און אויף ריין וועט מען אָפּשלייפן מיט דער שלייפמאַשין, אָפּגלעטן מיט פּאַפּיר, און אין אַ שעה

אַרום וועלן מיר קאָנען לאָזן דעם מאָטאָר. און שפּעטער וועט מען מאַכן נייע רינגען, ווי ס'דאַרף צו זיין.

— אָבער דאָס וועט זיך שוין נישט לאָזן אַזוי אויסגלעטן. די בערשטלעך וועלן קאַליע ווערן. — האָט זיך נישט דרייסט אַריינגעמישט טאַרנאָווסקי.

-- דאָס איז גאָרנישט. די בערשטלעך, דאָס איז אַ נאַרישקייט. די בערשטלעך וועט מען קאָנען פאַרטוישן, מאַטעריאַל איז דאָ... — האָט דער עלעקטריקער געטרייסט, האָט אַרויסגענומען פון קעסטל אַ זעגעלע און זיך גענומען צום זעגן.

— קשאָנזעק, צום בעסטן וואָלט אַוודאי געווען, איר זאָלט אַ שפּרינג טאָן אין דעם מאַגאַזין-צעך, זאָלן זיי געבן אויף אַ האַלבער שעה אַ גוטן שלייפער מיט אַ גוטער שלייפמאַשינקע... ווי איר האָט איבעריקנס געהערט. איר וועט דאָס צום בעסטן דערליידיקן...— האָט דער מייסטער אומזיסט צוגעגעבן חשק, ווייל קשאָנזשעק האָט, נישט אויסהערנדיק אַפילו ביזן סוף, מיט גיכע טריטלעך אַ לויף געטאָן.

ס'האָבן גרופּעסווייז גענומען אַנלויפן מענטשן פון דער דירעקציע, פון דעם אונטערנעמונגס-ראַט, פון אַנדערע אָפּטיילונגען. די ידיעה וועגן דעם סאַבאָטאַזש האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער פאַבריק און אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע אויפרעגונג.

פלעווע איז אַ סך מאָל שטיינגעבליבן ביים מאָטאָר, אָנגעשפּאַרט אויף אים די הענט און געקוקט אויף די פריש-געקומענע מיט אַ בליק פון אַ מענטשן, וואָס מ'האָט אים אָפּגעטאָן אַ מיאוסע עוולה, און ער האָט צוגעשווירן אומברחמנותדיקע נקמה. לויטן אָרט און דעם טאָן פון די פראַגן, וואָס זיינען אים געשטעלט געוואָרן, לויט די פּנימער און לויט די אויגן פון די מענטשן, וואָס האָבן גערעדט מיט אים, האָט ער דער-קענט ווער עמען ס'טוען ווי די דאָזיקע ברי-ווונדן אויף די רייפן פון מאָטאָר, און ווער ס'מאַכט בלויז אַן אָנשטעל פון באַדויערן, אָדער אויפרעגונג, און טיף אין האַרצן פרייט ער זיך. וואָרן אויך אַזעלכע זיינען געווען, הגם נישט אַזוי פיל. די דאָזיקע, ווען זיי וואָלטן זיך אַפילו מיט טרערן באַגאָסן, וואָלטן זיי נישט אָפּגעקערט פלעוועס פיינטלעכן בליק און אויף די האַרציקסטע פראַגן, וואָלטן זיי נישט באַקומען קיין אַנדערן ענטפער, ווי אַ וואָרטשענדיקן, אַ געצוווּנגענעם, אָדער גאָר אַ בייזן. דאָס ערגערניש און דער צאָרן האָבן אים צוגעגעבן אַ באַזונדערע קראַפט, וואָס האָט אים מעגלעך געמאַכט צו זען מענטשן דורך די אויסערלעכע מאַסקעס.

— שווינדלער... — האָט ער געטראַכט אויפן אַדרעס פון די, וואָס מאַסקירן זיך. — אויב איר באַדויערט באמת, איז דאָס אַוודאי דערפאַר, וואָס ס'האָט דעם גאַנצן מאָטאָר דער שלאַק נישט געטראָפן. מיר קאָנען זיך אויף אייך, גנבים, שעדיקער...

דערפאַר אָבער האָט ער פאַר די, אין וועלכע ער האָט אָפּגעפילט אויפריכטיקע באַדויערונג, ברייט אויסגעגאָסן זיין צער און צאָרן, וועלנדיק אַרויסרופן אין דעם צוהערער די זעלבע געפילן, וואָס האָבן געריזלט אין אים. און ס'איז אים געוואָרן לייכטער אויף דער נשמה, ווען פון עמעצנס מויל איז געפאַלן אַ זאַפטיקע, עכטע קללה.

ס'זיינען געקומען וואָיטשיצקי, דער פּאַרטיי-סעקרעטאַר, ניעגליצקי, און דער פאָרזיצער פון אונטערנעמונגס-ראַט, פיוואָוואַרסקי.

אויף זייער ביטע האָט זאַפּראָמע אויף אַ רגע איבערגעריסן די אַרבעט און זיי דערציילט אויספירלעך, ווי אַזוי דאָס איז געמאַכט גע-וואָרן. ער האָט זיך געאיילט — נאַטירלעך — תיכּף צו באַמערקן, אַז דאָס האָט געמאַכט עפּעס אַ פריץ און ביי גרויסע קאָמבינאַציעס האָט ער דערגרייכט נישטיקע רעזולטאַטן.

— אָבער צום צווייטן מאָל קאָן ער זיך פאַרבעסערן, אמת? — האָט ניעגליצקי טרויעריק באַמערקט.

— נו... יאָ...

— אָט זעט איר...

פלעווע האָט מיט פאַרביטערונג דערציילט דעם גאַנצן פאַרלויף פון דעם פאָרפאַל, בעת וועלכן זאַפּראָמע האָט אים געלויבט פאַר זיין באַטראַכטקייט, אַ דאַנק וועלכער דער צווייטער מאָטאָר איז געראַטעוועט געוואָרן. דער מייסטער, נישט רימענדיק זיך דערמיט, האָט פאַרענדיקט מיט אַ צודרינגלעכער, ליידנשאַפטלעכער פראַגע.

— ווער האָט דאָס געקאָנט טאָן, חבר סעקרעטאַר?

— פרעגט איר דאָס מיר, פלעווע? — האָט ניעגליצקי פירהאַלטנדיק זיך געוווּנדערט: — דאָס דאַרף איך אייך פרעגן. אָבער איר ווייסט אַוודאי אַזויפיל, וויפל איך...

דער מייסטער האָט אַפילו נישט אָפּגעפילט, אַז מע האָט אים פיר-געהאַלטן, אַזוי שטאַרק איז ער געווען פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, בלויז די אויגן זיינען אים גלאָזיק געוואָרן, און די מוסקולן האָבן אים אַ צוק געטאָן אויפן פּנים.

— איך וועל אים געפינען... און באַלד דערשטיקן, דעם הינטישן זון... — האָט ער אַ צישע געטאָן.

ניעגליצקי האָט זיך פאַרקרימט דורך אַ שמייכל, מיט וועלכן ער האָט נישט אַפּראָבירט דעם מייסטערס נקמה-פּלענער, אָבער גאָרנישט געענטפערט. האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם מאָטאָר, אַ קוק געטאָן אויף דער אַרבעט פון דעם עלעקטריקער.

— ווי גיך וועט דער מאָטאָר קאָנען געלאָזט ווערן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

ער וועט געלאָזט ווערן בערך אין אַ שעה אַרום, אָבער... דערמיט איז נאָך די זאַך נישט געענדיקט. מע דאַרף פאַרטוישן די רינגען — האָט זאַפּראָמע געזאָגט מיט זאָרג אין דער שטום.

— און ווען קאָנען זיין נייע רינגען?

— ס'איז שווער צו זאָגן גענוי, חבר סעקרעטאַר, וואָרן איך אָריענטיר זיך נישט ווי עס האַלט דאָרטן מיט די ווערקשטעלן צו באַאַרבעטן מעטאַל.

ניעגליצקי האָט אַרויסגענומען אַ נאָטיץ-ביכל און עפּעס פאַרשריבן.

— ס'איז נישט גוט, חבר פּלעווע — האָט ער הויך געזאָגט — דאָס איז אַן אָנגריף נישט בלויז אויף אייער אָפּטיילונג, נאָר אויך אויפן גרויסן אויוון, דאָס הייסט אויף דער גאַנצער פאַבריק. מע דאַרף פאַרשטאַרקן די וואַכזאַמקייט אין אייער אָפּטיילונג...

די דאָזיקע רויקע ווערטער האָבן פּלעווען פאַרשאַפט אַן אומדערטרעגלעכן ווייטיק.

וואָיטשיצקי און פּיוואָווארסקי זיינען אָפּגעגאַנגען מיט קשאָנזשעקן אין אַ זייט און לעבהאַפט וועגן עפּעס געשמועסט. זיי באַראַטן זיך מסתם, צי מען קאָן וואָנכן מאַכן פאַר אַ מייסטער... — האָט פּלעווע געטראַכט מיט ערגערניש, ווייל איך טויג נישט דערצו. ניין... בשום-אופן וועל איך זיך איצט נישט לאָזן... אַז איך וועל אַרויספירן אַלץ ווי בוימל אויפן וואַסער, אַרויסטרייבן די גאַנצע געמיינקייט פון דער אָפּטיילונג און שטעלן די אָפּטיילונג אויף די פיס, ערשט דעמלט וועט מיר זיין אַלץ איינס...

ווען ניעגליצקי, וואָיטשיצקי און פּיוואָווארסקי זיינען אַוועקגעגאַנגען, און קשאָנזשעק האָט זיך אומגעקערט צום מאָטאָר, איז פּלעווע גלייך צוגעלאָפן צו אים.

— וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט מיט אייך?

— האָבן זיך געפרעגט, וואָס די מענטשן פון דער אָפּטיילונג שמועסן וועגן דעם.

— און איר וואָס?

— כ'האָב געזאָגט, אַז אַלע קריגן די כאָליערע.

— און זיי וואָס?

— האָבן געזאָגט, אַז מע דאַרף מאַכן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער אָפּטיילונג און ריידן מיט די אַרבעטער וועגן דעם אַלעם.

— און איר וואָס?

— כ'האָב געזאָגט, אַז אַלע זיינען אויפגעבראַכט.

— און זיי וואָס?

— זיי האָבן געזאָגט, אַז מע דאַרף מאַכן אַן אָפּטיילונג-פֿאַרזאַמלונג און זיך דורכשמועסן מיט די מענטשן וועגן אַלץ.

— און איר וואָס?

— מנננא... וואָס... כ'האָב געזאָגט, אַז מיר וועלן מאַכן...

— און זיי וואָס?

— אייגנטלעך... איז דאָס אַלץ... — האָט קשאָנזשעק אַרויסגעזייעט, קוקנדיק זייטיק אויפֿן מייסטער. ער איז דערשטוינט געווען פֿון דעם צודרינגלעכן איבערחזרן — און איר וואָס? און זיי וואָס? ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען אין וואָס דעם מייסטער גייט.

— און וועגן מיר האָבן זיי גאָרנישט געזאָגט? — האָט פּלעווע לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

— ניין... וואָס האָבן זיי געהאַט צו זאָגן?—האָט זיך דער דעלעגאַט אָפּן געוווּנדערט.

— איז גוט... — האָט פּלעווע אָפּגעזיפֿצט און באַלד זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם, צי ס'איז ווירקלעך גוט, אָדער נישט גוט...

ער האָט פֿונדעסטוועגן נישט באַוויזן צו אַנטשיידן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, ווייל אין האָל איז אַריינגעקומען אַן אומבאַקאַנטער פֿאַרשוין, באַגלייט פֿון עטלעכע פֿאַבריקס-וועכטער, און דאָס האָט אָפּגעוואָנדן דעם מייסטערס אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די געדאַנקען, וואָס האָבן אין אים געריזלט. די געקומענע האָבן זיך אַ רגע פֿאַרהאַלטן ביים טויער, דאָרט עפּעס גערעדט צווישן זיך, געטייטלט מיט די פֿינגער, דערנאָך זיך געלאָזט צו פּלעווען און קשאָנזשעקן, וואָס האָבן זיך געפֿונען נישט ווייט פֿון טויער. דער ציווילער האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן זיי און, קוקנדיק פּלעווען גלייך אין פּנים אַריין, אַמטלעך אַ פֿרעג געטאָן:

— בלאַזשעי פּלעווע, דער מייסטער פֿון דער אָפּטיילונג?

— יאָ.

— איר וועט גיין מיט אונדז. קושיזשאַנאָווסקי, פֿירט אָפּ דעם מייסטער אַהין — האָט ער אַ מאַך געטאָן צו איינעם פֿון די וועכטער.

דערנאָך האָט ער זיך געוואָנדן צו קשאָנזשעקן.

— און איר זענט יאַן קשאָנזשעק, דער דעלעגאַט, יאָ?

— יאָ... — האָט קשאָנזשעק געענטפערט, בלאָס ווערנדיק.

— איר וועט אונדז אָנווייזן אַזעלכע געסט... — האָט יענער אַ זאָג געטאָן דורך דער נאָז, איבערמישנדיק די בלעטלעך פון נאָטיץ-ביכל.

פלעווע האָט מיט אַן אָפּשטאַרבנדיק האַרץ זיך געשלייכט צום אַרויסגאַנג, הערנדיק בלויז די טריט פונעם וועכטער, וואָס גייט הינטער אים. יעדע אַנדערע זאַך, אפילו די אָפּטיילונג, וואָס איז אים אַזוי נאָענט, אפילו דער מאָטאָר, וואָס איז אים איצט אַזוי טייער, האָבן אויפגעהערט פאַר אים צו עקזיסטירן, פּונקט ווי אַלץ וואָלט איינגעשלונגען געוואָרן פון אַ פאַרבלאָזער הוילקייט, וואָס איז פּלוצלינג באַפאַלן די וועלט.

די דאָזיקע סצענע איז נישט דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט פאַר דעם וואַכזאַמען און באַאָבאַכטונגס-פעיקן וואָנכן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'קאָן געשען, פלעווע זאָל אַ לענגערע צייט זיין אָפּוועזנדיק און, אַז פאַר דער דאָזיקער צייט מוז אים עמעצער פאַרטרעטן. ער האָט נישט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין עמעצער אַ נישט באַרופענער, און נישט לאַנג געטראַכט באַשלאָסן צו נעמען עס אויף זיך.

ער איז דערמיט אַוועק צום שעף פון דער אָפּטיילונג...

ער איז דערשטוינט געוואָרן, ווען ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די טיר פון זיין קאַבינעט איז פאַרמאַכט. דער שעף איז דאָך דאָ פאַראַן, נישט לאַנג צוריק איז ער געווען אין האָל. ער האָט אַריינגעקוקט דורכן שלאָס-לעכל און געזען, אַז דער שליסל שטעקט פון אינעווייניק. ס'איז אים באַפאַלן אַ לייכטע מורא, אַז אפשר האָט זיך דער פּחדנותדיקער שעף מחמת שרעק פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן סאַבאָטאַזש גענומען דאָס לעבן... ביים דאָזיקן געדאַנק האָט ער, נישט האָבנדיק בדעה אָפּצוטרעטן, גענומען צודרינגלעך זעצן אין דער טיר. ער האָט לאַנג געשטורעמט, איידער פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַן אומזיכער קול:

— ווער איז?

— וואָנך.

— וואָס ווילט איר?

— כ'האָב אַ וויכטיקן ענין...

— איז אפשר שפּעטער?...

— ניין, דאָס איז זייער אַ דרינגענדיקער ענין — האָט וואָנך, פאַראינטריגירט ביז דער העכסטער שטופע, וואָס עס קאָן זיך דאָרט טאָן אין קאַבינעט, נישט נאָכגעגעבן.

ס'האָט געהערשט אַ לאַנג שטילשווייגן, בעת וועלכן דער אינזשעניער זאַפּאָלאָטקע האָט געפירט אַ פאַרצווייפלטן אינערלעכן קאַמף. נישט עפענען די טיר — ווייסט עס דער טייוול, וואָס פאַר אַ פאָלגן דאָס קאָן האָבן, וואָס פאַר אַ חשדים דאָס קאָן דערוועקן... עפענען — וועט זיך דאָך יעדער אָנשטויסן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, ווייל צוערשט דאַרף מען אַוועקרוקן דעם ביוראָ-טיש, און דאָס וועט זיך נישט לאָזן מאַכן שטילערהייט... אָפּשלעפּן — איז נאָך ערגער, ווייל יעדער וועט גלייך אַ טראַכט טאָן, אַז ער האָט דאָ עפּעס אויסבאַהאַלטן...

פאַרצווייפלט ביזן העכסטן גראַד, האָט ער געכאַפּט דעם ביוראָ-טיש און גענומען אַוועקרוקן. האָט זיך אָבער ערשט אַרויסגעוויזן, אַז דאָס פאָדערט אַן אָנשטרענגונג איבער זיינע כּוחות, גלייך ווי דער הילצערנער ביוראָ-טיש וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בלייענעם. דער אינזשעניער האָט אַזש געשטויגט, ווי אַזוי ער האָט זיך פריער געקאָנט אַן עצה געבן מיט אים. האָט אים אָפּגעשלעפּט איבער אַ מעטער און שוין נישט גע-קאָנט לחלוטין דעם אָטעם כאַפּן. ס'קאָן קיין רייד נישט זיין, ער זאָל אים דערשלעפּן ביז צום אָרט... האָט ער פּולשטענדיק רעזיגנירט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איבערגעדרייט דעם שליסל.

וואָנך איז אַריינגעגאַנגען און פאַרגליווערט געוואָרן אין ערשטן מאָמענט. ער האָט אָבער שנעל אַלץ באַטראַכט און פאַרשטאַנען די גאַנצע לאַגע. דעמלט האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַן אומגעצוימט האַרציק סטיכיש געלעכטער.

זאַפּאָלאָטקע איז פייער-רויט געוואָרן, האָט נישט געוווּסט, וווּ די אויגן אויסצובאַהאַלטן. אָבער באַלד איז די חרפּה-רויטקייט אָפּגעפּלאָסן, איבערלאָזנדיק אַ פּולשטענדיקע בלאַסקייט, און אין אַ רגע אַרום ווידער צוריקגעקומען, אָבער שוין ווי אַ רויטקייט פון אויפרעגונג. דאָס דאָזיקע געלעכטער האָט דאָך געצילט גלייך אין זיין שפּפישער חשיבות.

די זקניש-איינגעבראָכענע פיגור האָט זיך אויסגעגלייכט, די האַנט, באַוועגט דורכן כּוח פון פּריצישן צאָרן, האָט זיך כמעט הערשעריש אויפגעהויבן צו דער טיר.

— איך בעט אַרויסגיין! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ קווי-טשענדיקער שטים.

וואָנך האָט נישט אָן אָנשטרענגונג גובר געווען דאָס געלעכטער, פאַרבייסנדיק עס פּשוט מיט די ציין.

— כ'בין נישט אַהערגעקומען דאָ צו בלייבן...— האָט ער געזאָגט אָן איראָניע. — אָבער כ'וויל דערליידיקן אַן ענין...

דער שעף האָט זיך גלייך איינגעבראָכן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווידער זיך איינגעהויקערט, אומאַנטשלאָסן געמאַכט אַ טראָט אין דער זייט, ווו ס'איז געווינלעך געשטאַנען דער ביוראָ-טיש, און געבליבן שטיין. וואָנך האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין כּוונה אָפּצוחוזקן, זיך פריילעך צו מאַכן איבער יענעמס שוואַכקייט, אָבער די דאָזיקע לאַגע האָט זיך אים אויסגעוויזן לחלוטין נישט ערנסט. ער האָט בקיצור דערקלערט נאָך וואָס ער איז געקומען. דערהערט וועגן דעם מייסטערס אַרעסט, איז דער אינזשיניער בלאַס געוואָרן און זיך אַ דריי געטאָן אויפן אָרט, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפן. אויף וואָנכס פאָרשלאַג וועגן פאַרטרעטן פלעווען, האָט ער גלייך געענטפערט מיט אַן אומשולדיק קול:

— אויב דער אונטערנעמונגס-ראַט... אויב דער פאַריין... איז, האָב איך גאָרנישט קעגן דעם...

ס'איז קענטיק געווען, אַז ער האָט שטאַרק חשק וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון דעם גאַסט, וועלכער איז אים דאָ אין דער סיטואַציע געווען זייער אומבאַקוועם. אָבער וואָנך איז נישט אַרויסגעגאַנגען.

— אפשר זאָל איך אייך העלפן, הער שעף, אַוועקשטעלן דעם ביוראָ-טיש אויפן אָרט. — האָט ער פאָרגעלייגט באַשיידן, ווי אַ גוט דערצויגן מיידל.

דער שעף האָט זיך באַגאָסן מיט אַ פייערדיקער רויטקייט. האָט אָן אַ וואָרט צו ריידן אָנגענומען דעם ביוראָ-טיש ביי איין עק, וואָנך האָט אָנגעכאַפּט דעם צווייטן, און זיי האָבן אים אָן מי אַריבערגערוקט אויפן ריכטיקן אָרט. ערשט דעמלט האָט זיך וואָנך העפלעך פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען. דער שעף האָט אים קיין איין מאָל נישט אַריינגעקוקט אין די אויגן.

ערשט אין קאָרידאָר האָט ער אים אָנגעיאָגט, אַלץ נאָך אַ צעפּלאָנטער. האָט אים לייכט אָנגענומען פאַרן אַקסל און, נישט קוקנדיק אויף אים, אַ מורמל געטאָן בעטנדיק:

— הער וואָנך, איך בעט אייך... זאָל דאָס פאַרבלייבן צווישן אונדז...

— אָבער, פאַרשטייט זיך, הער שעף! — האָט וואָנך הייס פאַרזיכערט.

ערשט דעמלט האָט דער שעף אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און אָפּנהאַרציק אַ שמייכל געטאָן, ווי ער זאָל וועלן זאָגן — כ'ווייס, וואָס דו טראַכסט וועגן מיר, אָבער פאַרפאַלן. וואָנך האָט באַקומען רחמנות אויפן אומגליקלעכן. אין גאַנג צו דער אָפּטיילונג האָט ער זיך ערנסט פאַרטראַכט, ווי צו העלפן דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס איז ערלעך פון דער נאַטור, און פייניקט זיך אינגאַנצן אומזיסט.

XIX

ווען מ׳האָט פלעווען ענדלעך אַריינגערופן אין צווייטן צימער, האָט ער זיך געפילט גאָר נישט היימלעך.

הינטער אַ גרויסן ביוראָ-טיש איז געזעסן עפּעס אַ מענטש פון עטלעכע און דרייסיק יאָר אין אַ טונקל-גראַנאַטענעם אָנצוג אין בלויע פּאַסיקלעך. זיין פּנים איז געווען טונקל-ברוין צי אפשר פּשוט געל, די באַקן איינגעפאַלן, און די באַקן-ביינער שטאַרק אַרויסשטאַרצנדיק. די שיין-געשניטענע ליפּן האָבן געהאַט אַזאַ לעבעדיק-רויטן קאָליר, אַז גיכער וואָלטן זיי געפּאַסט צום פּנים פון אַ יונגער, קאָקעטירנדיקער פרײלין. געדיכטע, קראָ-שוואַרצע האָר זיינען זיך אים צעפאַלן איבערן הויכן שטערן מיט הפקרדיקע פּאַסמעס. פּונקט אַזוי שוואַרץ זיינען געווען זיינע אויגן, וועלכע זיינען אימשטאַנד געווען צו קוקן מיט עפּעס אַ סטאָאישער רויקייט, מילד, אָבער דורכדרינגלעך, און נישט אָפּשפּיגלען קיין שום געדאַנק, וואָס באַהאַלט זיך הינטער זיי.

פלעווע איז אומזיכער געבליבן שטיין אין מיטן צימער.

— ביטע זיצן... — האָט ער אים אָנגעוויזן מיט אַ באַוועגונג, וואָס זאָגט אויך גאָרנישט, אויף דער שטול, וואָס שטייט פאַרן ביוראָ-טיש.

ער האָט זיך געזעצט. האָט אַ קוק געטאָן אין די דאָזיקע אויגן און גאָרנישט נישט געקאָנט פון זיי אַרויסלייענען. האָט זיך דערפילט נאָך אומהיימלעכער...

— איך בין אַ פונקציאָנאַר פון זיכערהייטס-אַמט — האָט יענער אַ זאָג געטאָן אינגאַנצן אָפיציעל, גאָרנישט אונטערשטרייכנדיק און גאָר-נישט פאַרטושנדיק. — איך דערקלער, אַז איר געפינט זיך אונטער אַן אויספאָרשונג, און וואָרן, אַז פאַר געבן פאַלשע דערקלערונגען וועט איר צוגעצויגן ווערן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ס׳איז נישט געווען נישט אין די דאָזיקע ווערטער, נישט אין דעם טאָן, מיט וועלכן זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, קיין שום דראָאונג. ס׳איז גיכער געווען אַ נאָרמאַלער אַמטלעכער אַריינפיר. אָבער פלעווע איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, ווייל פּלוצלינג האָבן זיך אים דערמאָנט די פאַרשיידענע געשיכטעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון פאַרשיידענע זייטן וועגן דעם זיכערהייטס-אַמט.

ער האָט נישט געגלייבט אין די דאָזיקע געשיכטעס, ער האָט זיי פראָסט פּשוט אָנגערופן פּלאַפּלערייען, כּל-זמן ער איז געשטאַנען ווייט פון די דאָזיקע ענינים און פון די דאָזיקע מענטשן. אָבער דאָ... אין אָנבליק פון אומבאַוווּסטע פּחדים — איז ער גרייט געווען צו גלייבן

אויב ער האָט נאָך נישט געגלייבט, איז ער שוין אָבער נישט זיכער געווען. ווי ביז איצט, אַז דאָס איז בלויז פלאַפּלעריי.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרשרייבן די פּערסאָנאַליען. פאַמיליע-נאָמען, נאָמען, פאָטערס נאָמען, דאַטע און אָרט פון געבוירן. וווינונגס-אָרט. וואָס האָט ער געטאָן פאַר דער מלחמה... וואָס האָט ער געטאָן אין דער אָקופּאַציע-צייט... צי ער האָט געהערט צו וועלכע ס'איז פּאַר-טייען אָדער אָרגאַניזאַציעס פאַר דער מלחמה, בעת דער אָקופּאַציע, צי געהערט ער איצט... ווי לאַנג...

זיי האָבן שרעקלעך איינגעמידט די דאָזיקע פאַרשיידענע פראַגן — ווען, ווי אַזוי, פאַרוואָס?... דער פרעגער האָט גערעדט פּאַמעלעך, דייט-לעך. נאָכן באַקומען אַן ענטפער האָט ער אים זאָרגעוודיק פאַרשריבן אויפן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פאַר אים. דער געפרעגטער האָט זיך צומערגסטן געפילט דעמלט, ווען ער האָט זיך געדאַרפט דערמאָנען עפּעס, אַוועלכע ס'איז דאַטע צי אַ פּרט. דעמלט זיינען די סצענעס פון די מאַקאַברישע געשיכטעס וועגן טאָרטורן און פּייניקונגען בעת אויס-פאָרשונגען העל אויפגעגאַנגען אין זיין צעפיבערטן דמיון. זיי האָבן פאַר-אומערט דעם באַוווסטזיין און פאַרשטאַרקט די מורא, אַז דאָס אָפּשלעפּן דעם ענטפער קאָן דערוועקן אַ חשד וועגן אומאויפריכטיקייט, אָדער וועלן אויסבאַהאַלטן דעם אמת. ער האָט געשטאַמלט, פאַרלוירן דעם פאָדעם פון די געדאַנקען און מיט אַ וואָס אַמאָל שטאַרקערער אינערלעכער שרעק דערוואַרט דעם מאָמענט, ווען מע וועט אים אויפהערן צו פרעגן און זיך נעמען פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל און קרעפּעווען די הענט און פיס מיט שטעכיקן דראָט. מיט גרויסער מי האָט ער גובר געווען דאָס ציטערן פון גאַנצן קערפּער.

ענדלעך איז דער אויספאָרשער צוגעטרעטן צום ענין.

— אין אייער אָפּטיילונג איז פאָרגעקומען אַ סאַבאָטאַזש, וואָס קאָנט איר אונדז וועגן דעם זאָגן?

די דאָזיקע פשוטע פראַגע האָט פלעווען פאַרשאַפט אַ פולשטענדיק אומדערוואַרטע דערלייכטערונג. ער האָט זיך בעסער געזעצט אויף דער שטול און אָנגענומען אַ פולע ברוסט לופט. ביז איצט איז אַלץ געווען אַזוי אומגעריכט און זיך פאַרלאָפן איינס נאָכן אַנדערן אַזוי שנעל, אַז ס'איז קיין צייט נישט געווען ברייטער אַ שמועס צו טאָן מיט עמעצן וועגן דעם ענין. ערשט וועט מען זיך ענדלעך קאָנען פאַרטראַכטן וועגן דעם.

— איך האָב פונקט גערעדט מיט וואָנכן, ווען טאַרנאָווסקי האָט איינגעשלאָפן דעם מאָטאָר, און גלייך איז פון מאָטאָר אַרויס אַ רויך, ס'האָט בלויז אַ זעץ געטאָן... — האָט ער אויסגעשאָסן אין איין אָטעם.

— דאָס ווייס איך, אַז ס'איז אַרויס אַ רויך — האָט אים דער אויספאָרשער רויק איבערגעשלאָגן.

— אויפן קאָלעקטאָר איז געווען אַוועקגעלייגט אַ דראָט און אָנשטאָט פאַרזיכערער...

— דאָס ווייס איך — האָט ער אים ווידער איבערגעשלאָגן. — זאָגט מיר, ווער האָט אונטערגעלייגט דעם דראָט און אָנשטאָט פאַרזיכערער אַריינגעדרייט אַ ספּרענזשינע?

פלעווע האָט זיך ווידער איינגעשרומפּן. ווען ער זאָל וויסן, וואָלט ער דאָך באַלד פון אונטער דער ערד אויסגעגראָבן דעם דאָזיקן מנוול און אים דערשטיקט.

— ווען איך וואָלט דאָס געוווּסט... — האָט ער שטיל אַ וואָרטשע געטאָן.

— דאָס איז שלעכט, וואָס איר ווייסט נישט. זאָגט מיר, ווער איז נעכטן נאָך דער אַרבעט געבליבן אין דער אָפּטיילונג?

פלעווען איז אויפן זינען נישט געקומען וועגן דעם זיך צו פאַר-טראַכטן. און דאָס אין באמת אַ טשעקאַווע זאַך... ערשט איצט האָט עס אים אַ בלענד געטאָן, ווי אַן אַנטפּלעקונג, אַז מ'האָט דאָך געדאַרפט וועגן דעם אַ טראַכט טאָן.

— פּערצן אַרבעטער זיינען אַוועק פון דער אַרבעט פופצן אַזייגער, יאָ? — האָט דער אויספאָרשער ווידער געפרעגט.

— יאָ.

ער האָט אַרויסגענומען פון אַ טעקע אַ פּאַפּיר און איבערגעלייענט פּערצן פאַמיליע-נעמען.

— די זעלבע... — האָט פלעווע האַסטיק באַשטעטיקט.

— און די איבעריקע האָבן געאַרבעט ביז אַכט?

— יאָ.

— צי קאָנט איר פעסטשטעלן, אַז נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט זיינען אַלע אַרויס פון דער אָפּטיילונג און פון דער פאַבריק?

— פון דער אָפּטיילונג, דאַכט זיך מיר, זיינען אַלע אַרויסגעגאַנגען, אָבער פון דער פאַבריק, ווייס איך נישט, ווייל איך בין אַוועקגעגאַנגען...

— פאַרוואָס זיינט איר אַוועקגעגאַנגען?

— איך האָב נאָך געדאַרפט גיין אין דער דירעקציע.

— אַהאַ... זענט איר געגאַנגען אין דער דירעקציע און וואָס?

פלעווע האָט געשוויגן. זאָגן דעם גאַנצן אמת, צי נישט...

— און וואָס איז געווען אין דער דירעקציע? — איז דער אויספאָר-שער צוגעשטאַנען.

אָ... צומבעסטן איז זאָגן אַלץ, ווי ס'איז געווען...

— כ'האָב זיך אַ ביסל צעקריגט מיטן דירעקטאָר וואָיטשיצקין... — האָט ער געזאָגט אין פאַרלעגנהייט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, ווי אַ שי־לער, וואָס קאָן נישט די לעקציע. — וואָרן מע יאָגט פון זיך די קישקעס אַרויס, אַז אַלץ זאָל זיין ווי צום בעסטן, און מ'האָט נאָך פּרעטענזיעס...— האָט ער צוגעגעבן ווי זיך צו פאַרענטפערן.

— ס'שטימט. איר האָט זיך צעשריגן, אַז איר ווילט נישט זיין קיין מייסטער, געכאַפּט דאָס היטל און אַרויסגעלאָפן.

— אַזוי איז געווען...—האָט זיך פּלעווע מיט חרטה מודה געווען.

— און וואָס ווייטער?

— און כ'בין אַהיימגעגאַנגען.

— נו? ביטע, ביטע, איך הער. זענט איר אַליין אַהיימגעגאַנגען, צי איר האָט זיך אפשר געטראָפן מיט עמעצן אויפן וועג?

— כ'בין געגאַנגען אַליין. אַז אמת!.. — האָט ער מיטאַמאָל אויפגע־לעבט, דערפרייט דערפון, וואָס ענדלעך וועט ער דערציילן וועגן דעם, וועגן וואָס ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט עמעצן זאָגן. — ווען כ'האָב זיך שוין דערנענטערט צו דער שטוב, זיינען צו מיר צוגעקומען עפּעס צוויי פּראַנטן, מיר פּירגעהאַלטן, אַז איך בין געגאַנגען זיך צודינען די קאָמוניסטן, אַז... זיי האָבן גאָרנישט קעגן דעם, איך זאָל זיין מייסטער, נאָר... כ'זאָל נישט אַזוי שפּרינגען צו פיל... זיי האָבן מיך אַפילו גע־סטראַשעט מיט אַ קנאַלער... — האָט ער זיך צעלאַכט כלומרשט מיט גרינגשעצונג, אָבער נישט אויפריכטיק.

דעם אויספאָרשערס אויגן האָבן אויף אַ רגע אַ בליץ געטאָן מיט עפּעס אַ סאַפּיר־גלאַנץ, אויף די באַקן האָבן אַ ציטער געטאָן עטלעכע מוסקולן, און זיין פּנים האָט גלייך צוריקבאַקומען זיין נאָרמאַל אויסזען.

— וואָס פאַר אַן אורחים זיינען דאָס געווען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן רויק, כמעט גלייכגילטיק.

— ווייס איך? — האָט פּלעווע געצויגן מיט די אַקסלען.

— וואָס הייסט איר ווייסט נישט?

— נו... זיי האָבן זיך דאָך פאַר מיר נישט פאָרגעשטעלט.

— נו גוט. זיי זיינען געקומען, אייך געזאָגט, אַז איר דינט די קאָ־מוניסטן, אַז איר שפּרינגט צו פיל, אָנגעסטראַשעט מיט אַ קנאַלער און אַוועקגעגאַנגען?

— און אַוועקגעגאַנגען... דאָס הייסט... אייגנטלעך בין איך אַוועק־געגאַנגען, ווייל זיי האָבן מיך צוגעפירט צום סאַמע טירל.

— אַהאַ... — האָט יענער פאַרמרוזשעט די אויגן, זיך איינקוקנדיק דורכדרינגלעך אין פלעווען. — זיי האָבן אייך צוגעפירט צום טירל, גע-זאָגט אייך העפלעך אַ גוטע נאַכט און זיינען אַוועקגעגאַנגען. און וואָס ווייטער?

— אַ גוטע נאַכט האָבן זיי מיר נישט געזאָגט...

— דאָס איז נישט העפלעך פון זייער זייט. און וואָס ווייטער?

— נו גאָרנישט. כ'האָב זיך געלייגט שלאָפן...

— איר האָט זיך רויק געלייגט שלאָפן, ווי קיינמאָל גאָרנישט?

— און וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? נו... אַז אַזוי אינגאַנצן רויק קאָן איך אויך נישט זאָגן...

— דאָס געוויסן האָט אַ ביסל געפייניקט, אמת?

פלעווע האָט געשוויגן, נישט פאַרשטייענדיק צו וואָס די פראַגע צילט.

דער אויספאָרשער האָט געכאַפּט די פעדער און מיט ברען גע-שריבן עפּעס אויפן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פאַר אים. דאָס האָט געדויערט גענוג לאַנג, און פלעווע איז אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט אינגאַנצן צו זיך געקומען. ער זיצט דאָך שוין דאָ גענוג לאַנג און ביז איצט האָט נישט פּאַסירט גאָרנישט, וואָס זאָל כאָטש אין דער קלענסטער מאָס באַשטעטיקן די געהערטע פּלוידערייען. מע רעדט מיט אים מענטשלעך און מע רעדט וועגן די זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט מיטן גאַנצן הארצן בדעה געהאַט מיט עמעצן אַ שמועס צו טאָן. אפשר וואָלט דער דאָזיקער שמועס אַן אַנדער פּנים געהאַט, ווען ער וואָלט געפירט געוואָרן מיט עמעצן אַ באַקאַנטן און נאָענטן, אָבער אויך דאָ וועט ער זיך פּאַמעלעך אַראָפּרעדן וועגן אַלץ, וואָס טוט אים וויי. דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר אים אַ שרעקלע-כער מענטש. ער האָט איצט געקוקט אויף אים רויק און צוטרויליך.

יענער האָט געענדיקט דאָס שרייבן, אַוועקגעלייגט די פעדער, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. האָט ווידער צוגעקלעפּט דעם זעלבן בליק אָן אויסדרוק צו פלעוועס פּנים.

— יאָ... נו און וואָס ווייטער? היינט אינדערפרי?

— היינט אינדערפרי? כ'בין אויפגעשטאַנען און געגאַנגען צו דער אַרבעט — האָט דער מייסטער דערציילט פריי מיט אַ דערציילערישן טאָן. — כ'האָב צוערשט געזאָלט אַריינגיין צום דירעקטאָר וואָיטשיצקי, כדי זיך דורכצושמועסן וועגן אַלץ ביזן סוף, אָבער... כ'בין נישט גע-גאַנגען. כ'בין געגאַנגען גלייך אין דער אָפּטיילונג אַריין.

— פאַרוואָס זענט איר נישט געגאַנגען צום דירעקטאָר?

— כ׳ווייס... האָב קיין מוט נישט געהאַט. ס׳איז אַ חרפּה געווען...

— יאָ. איר זענט געקומען אין דער אָפּטיילונג און וואָס? ווער האָט איר געטראָפן אין דער אָפּטיילונג?

— קיינער איז נאָך נישט געווען. כ׳בין געקומען דער ערשטער.

— דער ערשטער?

— המם...

— נו, ווייטער איז שוין נישט אינטערעסאַנט, אָבער דערציילט.

— נו און דערנאָך האָבן אָנגעהויבן צו קומען די אַרבעטער. ס׳איז געקומען וואַנך, און איך האָב מיט אים געשמועסט וועגן דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען ביי וואָיטשיצקין... ווייל כ׳האָב וואָיטשיצקין געזאָגט, אַז וואַנך וועט זיין אַ בעסערער מייסטער פון מיר, ווייל ער קאָן זיך אויף אַליין, אַ קלוגער יונג. מיר שמועסן אַזוי ביי די שענק, און דאָ זשיו—ו—ו! אַ גערויש, אַ קראַך...

— אַהאַ, זשוזשיו—ו, אַ גערויש, אַ קראַך... — האָט אים רויק איבערגעריסן דער אויספאָרשער. — דאָס איז שוין לחלוטין נישט אינטערעסאַנט. הערט, איך וועל אייך דערציילן אַן אינטערעסאַנטע און אמתע געשיכטע. — ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפן ביוראָטיש און אָנגעשטעלט דעם בליק גלייך אויף פלעוועס פּנים. — נעכטן ביינאַכט האָבן אייך געטראָפן יענע צוויי אורחים, אייך אנגעשראָקן מיט אַ רעוואָלווער און אייך געזאָגט, אַז אויב איר וועט נישט פאַרניכטן די מאָטאָרן אין אייער אָפּטיילונג, וועלן זיי אייך אַוועקלייגן אַ טויטן. האָבן אייך אויפגעקלערט, אַז איר קאָנט דאָס צומבעסטן טאָן און, אַז אויף אייך וועט קיינמאָל נישט פאַלן קיין חשד, ווייל איר האָט דאָך אַליין אומגעקערט דער פאַבריק יענע מאָטאָרן. פאַרן אויספירן די דאָזיקע אַרבעט האָבן זיי צוגעזאָגט אַ פעטע באַלוינונג, אפשר געגעבן אפילו אַן אַדערויף. נו וואָס, דאָס לעבן איז שווער... און איר זענט היינט אינדערפרי געקומען אין דער אָפּטיילונג, ווען ס׳איז נאָך קיינער נישט געווען, האָט אונטערגעלייגט די פּרענטן, און דעריבער איז געווען: זשוזשיו—ו! אַ גערויש, אַ געקראַך... און איצט מאַכט איר דעם אָנשטעל פון אַ נאַאיוון, און ס׳דאַכט זיך אייך, אַז מיט דער דאָזיקער אומשולדיקער אויפריכטיקייט וועט איר אונדז לייטיש פירן אין באָד אַריין.

וואָס לענגער ער האָט גערעדט, אַלץ מער זיינען פלעוועס אויגן אַרויסגעקראָכן. צום סוף האָט ער געקוקט מיט אַזאַ שטוינונג און גרויל, גלייך ווי פאַר אים אין די אויגן וואַלט זיך אַ לעבעדיקער מענטש פאַרוואַנדלט אין אַ פאַר־מבולדיקער יאַשטשערקע אָדער פאַרזעעניש. ווען פונעם אויספאָרשערס מויל וואָלט אַרויסגעקראָכן אַ קנויל גיפטיקע שלאַנגען,

וואָלט דאָס נישט געמאַכט אַזאַ איבערראַשנדיקן איינדרוק, ווי ס׳האָבן געמאַכט די דאָזיקע ווערטער. אונטער זייער קלאַפּ איז אים אויף אַ ווייל, אָבער פולשטענדיק פינצטער געוואָרן אין די אויגן. און ערשט ווען דאָס איז פאַריבער, האָט ער דערזען די שוואַרצע, דורכדרינגלעכע, פאָרשנדיקע אויגן, וועלכע האָבן געעפנט פאַר אים עפּעס אַ תהום אָן אַ גרונט. דאָס אָפּילן כמעט פיזיש דעם דאָזיקן תהום האָט צוערשט דערוועקט אין אים דעם אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, דעם ווילן אָנצוכאַפּן זיך פאַר עפּעס זיכערס, און שפּעטער אַ געוואַלטיקן, אומגעצוימטן האַס.

יאָ... זיי זיינען דאָך פּעיק יעדן איינצורעדן אַ פאַרברעכן, איינצושמועסן, וואָס עס קומט זיי אין קאָפּ אַריין, און דערנאָך דערמאָרדן...

דעם אויספאָרשער איז פולשטענדיק גענוג געווען דאָס, וואָס ס׳האָבן געזאָגט די אויגן, דאָס פּנים פון דעם געפאָרשטן. ער האָט זיך איבערצייגט מיט דער פולער זיכערקייט, אַז די צייט און ענערגיע, וואָס ער פאַרנוצט אויף צו קאָמפּאָנירן און דורכפירן די דאָזיקע אויספאָרשונג, איז פאַרלוירנגעגאַנגען אומזיסט. פונדעסטוועגן האָבן אים די נייע פעדעם, וועגן וועלכע ער האָט פאַרן אָנהייבן פון דער אויספאָרשונג געוווּסט, און די פליכט צו דערפירן דעם ענין ביז צום אַ גמר, נישט דערלויבט מיט דעם זיך צו באַגנוגענען. דעריבער האָט ער, פאַרציִענדיק דעם פּאַפּיראָס, טרוקן צוגעוואָרפן.

— ס׳שטימט, יאָ?

— צום טייוול!... — האָט פלעווע מיט דער גרעסטער אויפרעגונג אַרויסגעקרעקט דורך דער פאַרקלעמטער קעל.

דער אויספאָרשער איז כלומרשט אַריינגעפאַלן אין כעס.

— כ׳בעט, נאָר נישט צו טייוולען מיר דאָ! איך בין אַן אויספאָרשער און דערלויב זיך דאָס נישט, און איר זענט אויף אַן אויספאָרשונג. דאַרף איך עס אייך דערמאָנען? און מאַכט מיר דאָ נישט קיין טראַגיקאָמישע מינעס עפּעס, מאַכט נישט דעם אָנשטעל פון אַן אומשולדיק לעמעלע. איך וועל אייך באַווייזן, אַז אַזוי איז עס. ס׳זיינען פאַראַן מענטשן, וועלכע וועלן דאָס באַשטעטיקן — האָט ער באַנוצט דעם אויסגעדראָשענעם טריק.

פלעווע האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון דער שטול, איז געבליבן הענגען איבערן ביוראָ-טיש, ווי אַ דונער-וואָלקן, און אויסגעצויגן בלוט-דורשטיקע הענט.

— גיט מיר אים אַהער... כ׳וועל אים באַלד דערשטיקן דעם כלבֿ-שבכּלבֿים, ווייל דאָס באַשטעטיקן קאָן נאָר דער, וואָס האָט אַליין אונטערגעלייגט... כדי מע זאָל אים נישט זוכן...

די נערוועזע אויפרעגונג האָט זיך אומגעריכט איבערגעגעבן אויך דעם אויספאָרשער. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט באַהערשן. אויך ער האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטערן ביוראָ־טיש, אויסגעבויגן זיך פאָרויס, כמעט באַרירנדיק מיט זיין פּנים דעם מייסטערס, און גענומען שרייען.

— ווער זאָל אים אייך געבן? איר זענט דער מייסטער, צום אלדי רוחות! וואָס מיינט איר זיך, אַז מיר וועלן יעדן געבן אַ ניאַנקע, זי זאָל אים נאָכגיין, היטן, פירן פאַרן הענטל? איר זענט דער מייסטער, דער לייטער פון אַן אָפּטיילונג אין אַ גרויסער פאַבריק, און האָט נישט קיין אַנונג, וואָס אין אייער אָפּטיילונג טוט זיך! פאַר אייערע אויגן פאַר־ניכטן אויסוווּרפן אונדזער בלוטיקן פאַרמעגן, און איר זענט נישט בכוח נישט צו פאַרהיטן דאָס, און נישט אויך די שולדיקע אַנצוווייזן, מע דאַרף דאָך אייך מסתם נישט אויפקלערן, אַז אַזאַ מאַטאָר איז היינט פאַר אונדז אַן אוצר, וועלכן מע מוז היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. ס'איז נישט קיין קונץ צו זאָגן — לאָזט מיר צורו, איך קאָן נישט, שטעלט אַוועק אַ צווייטן. יעדער וואָלט געקאָנט אַזוי זאָגן. איר זעט אַליין, ווי אייניקע פאַלן אַריין אין גאַלאָפּירנדיקע סוכאָטעס מחמת איבערגעאַרבעטקייט, און זאָגן נישט — לאָזט מיך צורו. אַז מ'האָט אייך אַוועקגעשטעלט, און איר האָט זיך אונטערגענומען די אַרבעט — האָט איר גענומען זעצן מיט דער פויסט אין טיש — איז אייער הינטישער חוב אָפּצוהיטן דאָס, וואָס געהער צום אייך. און איר וואָס? אַ חברה שונאים זיצט אייך אויפן קאַרק, און איר ווייסט גאָרנישט וועגן זיי. איר קאָנט אַפילו נישט זאָגן— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס האָבן קופּע אָדער וויטעק געטאָן. איר זאָגט — איך ווייס בלויז, אַז דאָס איז געווען אַ סאַבאָטאַזש. דאָס קאָן יעדער אידיאָט וויסן. ווער ס'פילט נישט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און טאָלערירט שעדיקערייַ, דער איז פּונקט דער זעלבער אויסוווּרף ווי דער שעדיקער אליין. מיר וועלן אויך אייך איינזעצן גלייך ווי יענעם, וואָס האָט דעם מאָטאָר באַשעדיקט...

דער דאָזיקער ווערטער־מבול האָט ווידער וואָס אַמאָל מער צעעפנט פלעווועס דערשטוינטע אויגן. דאָס קלאַפּן מיטן פויסט אין טיש האָט געגעבן אַזאַ רעזולטאַט, ווי מען וואָלט אים געהאַקט איבערן שטערן, און צוליב דעם איז אין זיין מוח אַריינגעפאַלן עפּעס אַן עמולסיע, וואָס האָט אים ביז איצט פאַרטונקלט דאָס באַוווּסטזיין. ער האָט מיט אַ פּלוצלינגער, באַרויקנדיקער קלאָרקייט באַנומען, אַז דעם מענטשן, וואָס שטייט פאַר אים, דעם פולשטענדיקן פרעמדן מענטשן, וועלכער איז דאָך זיכער מיט גאָרנישט געבונדן מיט דער פאַבריק, טוען ווי די

ברי-ווונדן אויף די רייפן פון מאָטאָר, אַז... אַז דאָס איז אַן אייגענער מענטשן, עפּעס אַ זייער נאָענטער...

די דערקענטעניש איז געווען אַזוי אומגעריכט און אַזוי שטאַרק, אַז פּלעווע איז אַזש נשתומם געוואָרן. זיין דערשטוינונג האָט זיך ראַשיק פאַרוואַנדלט אין אַ פרייד, און דאָס צוזאַמענגעפּלעכט פון די דאָזיקע שטאַרקע געפילן האָט אַרויסגערופן אַן אינערלעכן ציטער, צוליב וועלכן די פיס זיינען אים אַזש שוואַך געוואָרן. ער איז, כמעט אינגאַנצן אַן אָפּגעשוואַכטער, אַנידערגעפאַלן אויף דער שטול.

— מענטש... — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ געדעמפּט קול פון געריזטקייט. — וואָלט איר דאָך גלייך געדאַרפט אַזוי זאָגן...

דעם אויספאָרשער האָט פולשטענדיק איבערראַשט די דאָזיקע פּלוצלינגע ענדערונג, און זי האָט אים אַפילו אַריינגעבראַכט אין פאַר־לעגנהייט. אויף אַזאַ רעאַקציע איז ער לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט. אין זיינע אָפּגרונטיקע אויגן האָט זיך געמאָלן עכטע דערשטוינונג, און זיין אויפרעגונג — אַגב אַ געמאַכטע — איז פאַרשווונדן אָן אַ שפּור.

— וואָס? ווי אַזוי זאָגן? — האָט ער אומאַנטשלאָסן אַ פרעג געטאָן.

— מ'האָט געדאַרפט גלייך זאָגן — האָט פּלעווע אויפמונטערנדיק זיך אָנגעצונדן — הער דו אַזוינער און אַזעלכער... ווי איר האָט דאָס געזאָגט... ס'גייט אין דעם, וואָס איינער אַן אויסוווּרף האָט פאַרניכטעט אַ מאָטאָר, און מיר מוזן דעם דאָזיקן אויסוווּרף פאַקן... איז וואָלט איך גלייך בעוווסט אין וואָס עס גייט און מיט וועמען כ'האָב צו טאָן. וואָרן דער דאָזיקער מאָטאָר קאָסט דאָך מיך שוין אַ האַלב געזונט. און ווען כ'וואָלט דעם דאָזיקן אויסוווּרף אַריינגעקריגן אין די הענט אַריין, וואָלט איך אים דערשטיקט ווי אַ שטשור, און איר מאַכט מיר אַזעלכע סקאַנ־דאַלטשיקעס, אַז מען קאָן די פּאַפּלעקציע קריגן באַלד אויפן אָרט, איך האָב פאַרניכטעט דעם מאָטאָר, ווייל אַ פּראַנטל דאָרט האָט געהייסן... הע... די פּאַפּלעקציע קאָן מען קריגן, אָט וואָס...

דער אויספאָרשער האָט גינציק אַ שמייכל געטאָן. ס'האָט אים גערירט די דאָזיגע אויפריכטיקייט פּלעוועס, די דאָזיקע אַרבעטאָרערישע אָפנקייט פון דער נשמה. ער האָט זיך צוריק געזעצט, פאַררייכערט דעם אויס־בעלאָשענעם פּאַפּיראָס. האָט פריינדלעך אַ קוק געטאָן אויפן מייסטער און כסדר צוגעשמייכלט.

— סקאַנדאַלטשיקעס, זאָגט איר... — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום שפּאַסיק אַ וואָרטשע געטאָן, גלייך ווי ס'וואָלט אים געפעלן געוואָרן דאָס וואָרט, וואָס ער האָט ביז היינט נישט געהערט.

— פאַרשטייט זיך, אַז סקאַנדאַלטשיקעס, אומדערלאָזבאַרע סקאַנ־דאַלטשיקעס... — האָט פלעווע שטאַרק אונטערגעשטראָכן,

— אומדערלאָזבאַרע סקאַנדאַלטשיקעס, זאָגט איר... — איז דער אויספאָרשער אַריבער אויף אַן אַנדערן, כמעט צוטריטלעכן טאָן. — עך, פלעווע, איר ווייסט, משמעות, נישט, וויפל טיפשות און נידערטרעכ־טיקייט ס'ליגט נאָך אין די מענטשן, וויפל געדולד און געזונט מע דאַרף האָבן, כדי די דאָזיקע נידערטרעכטיקייט אויפצודעקן און אומשעדלעך מאַכן... ווי ווייט מען טאָר נישט געטרויען די זיסע מינעס און הייסע ווער־טער, אונטער וועלכע ס'באַהאַלט זיך אַזוי גערן די נידערטרעכטיקייט...

— ע, דעם פאַדלעץ פילט מען דורך דער הויט אַרויס...—האָט פלעווע דרייסט צוגעוואָרפן.

דער שמועס איז אומבאַמערקט אַריבער כמעט אויף אַן אינטימען טאָן.

— באַ... וויפל מאָל – האָט דער אויספאָרשער גערעדט געמיטלעך— דאַכט זיך עס דיר, אַז דו האָסט פאַר זיך אַ קרבן, גאָטס אַ שעפעלע, וואָס איז מכפר די עבירות פון דער וועלט, און שפּעטער שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס דאָזיקע שעפעלע האָט געשלאָגן כפרות מיט אַ טוץ אומשולדיקע מענטשן, און דאָס שאָפן־פעלכל האָט עס אָנגעטאָן, כדי אויס־צובאַהאַלטן זיינע וועלפישע ציין. און ווען דו באַווייזט עס אים, דעמלט דערנידעריקט ער זיך, בעטלט, פאַרטיידיקט זיך, אַז ער איז אָפּגענאַרט געוואָרן, אַז ער האָט נישט געוווסט וואָס ער טוט, אַז איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען. און גיב אים אַ „סטענאַ״ אין דער לאַפּע אַריין און דריי זיך אויס צון אים מיט די פלייצעס, וועט ער דיר באַלד אַריינ־האַקן...

ער האָט טיף פאַרצויגן דעם רויך, און זיין פנים האָט באַקומען עפּעס אַ שיין פון שטאָלץ און גערירטקייט.

— נאָר וואָס זאָל די דאָזיקע מענטשן שטייף מאַכן דעם רוקן? כ'געדענק, אין פינפאונדרייסיקסטן יאָר האָב איך געהאַט אַ פּראָצעס צוזאַמען מיט איינער אַן אַכצניעריקער חברטע. מ'האָט אונדז געכאַפּט מיט אַ טשעמאָדאַן ליטעראַטור, און ס'איז דעריבער נישט געווען קיין רייד וועגן אַרויסדרייען זיך. ס'האָט אונדז אַמטלעך פאַרטיידיקט עפּעס אַן אַדוואָקאַטל. ווען דאָס געריכט האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, האָט ער אָנגעהויבן פלוידערן דאָס, יענץ, צום סוף זאָגט ער: — כ'בעט דאָס הויכע געריכט צו נעמען אין אַכט, אַז די באַשולדיקטע איז נאָך זייער יונג און גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון, אין וואָס זי האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט. — אַז זי טוט זיך עס נישט אַ ריס פייער־רויט פון אויפרעגונג און אַ זאָג אויפן גאַנצן קול פאַרן געריכט און פובליקום: —

כ'בעט אַרויספירן דעם דאָזיקן הער פון זאַל, ווייל ער איז נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. איך גיב זיך אָפּ אין דער פולער מאָס אַ רעכענונג וועגן מיינע האַנדלונגען, כ'בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע טאַטן און כ'וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרלייקענען, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש וועט קיינמאָל נישט ווערן צוריק אַ זייג־קינד... — אָ, דאָ האָט מען געזען, אַז אַ מענטש ווייסט פאַר וואָס ער קעמפט... און איר וועט זען ווי יענער כוואַט, וואָס האָט קאַליע געמאַכט דעם מאָטאָר, וועט זיך דערנידעריקן, ווען מיר וועלן אים פּאַקן.

— אָבער צי וועלן מיר אים פּאַקן? — האָט דער מייסטער אַ קרעכץ געטאָן.

— מיר מוזן פּאַקן, ווייל אַנישט קאָן ער אָנטאָן אַ גרעסערן שאָדן, און איר פון אייער זייט מוזט צוהעלפן. איר און אַנדערע פון דער אָפּטיילונג... דאָס, וואָס וואָלט אונדז אָן אייער הילף געקאָסט אַ סך מי און צייט, קאָן זיך ביי דער דאָזיקער הילף איינגעבן אַ סך שנעלער, און בעסער פאַרזיכערן אונדז די רו און עקזיסטענץ...

— דאָס איז אמת... דאָס איז אמת... — האָט פלעווע געשעפּטשעט פאַרטראַכט.

— און די פּאַצעטן, וועלכע האָבן אייך נעכטן פאַרטשעפּעט, וואָלט איר מיר געקאָנט גענויער אָפּשילדערן?

פלעווע האָט דערציילט, וואָס ער האָט געקאָנט, אָבער דאָס איז געווען זייער ווייניק, און דער אויספאָרשער, נישט הערנדיק קיין שום קאָנקרעטס, האָט זיך אָנגעכמוריעט.

— נו וואָס... דאָס גיט מיר גאָרנישט... דאָס גיט מיר גאָרנישט...— האָט ער איבערגעחזרט, רייבנדיק דעם שטערן און פאַרבייסנדיק די ליפּן. ער האָט געקלאַפּט איבערן טיש מיטן פּען־הענטל, וואָס האָט אים געשטעקט צווישן די פינגער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף אַ זייט ווי פון מידקייט און געבליבן זיצן אַזוי אָן באַוועגונג. — דאָס גיט מיר גאָרנישט... — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט... — און איר מוזט זיין פאָרזיכטיק, ווייל דאָס זיינען מענטשן אָן שום מאָראַלישע פּרינציפּן. זיי טראָגן אויף דער ברוסט גאָטס מוטער אָבער אויף אַ באַפעל פון לאָנדאָן וואָלטן זיי געקאָנט אומגעקוועקלט דערמאָרדן יעדן איינעם. איר מוזט זיין פאָרזיכטיק. איך וויל אייך אַבסאָלוט נישט אָנשרעקן, אָבער... פאַרפאַלן... וווּ וווינט איר?

— אויף די סטאַווינעס. אין אַ העק אַזאַ...

— באמת... איר האָט דאָך מיר אָנגעגעבן. אַ געפערלעך העק. אַקוראַט אַן אָרט פאַר אַזעלכע כוואַטן. איר מוזט זיך ווענדן צו דער

דירעקציע אָדער צו עמעצן אַנדערש דאָרט, מע זאָל אייך געבן אַ ווױנונג ערגעץ ביי דער פאַבריק...

צום געזעגענען האָבן זיי זיך פעסט געדריקט די הענט און וואַרעם זיך אַריינגעקוקט אין די אויגן.

...זאָל מיר איצט עמעצער דערציילן פּלוידערייען וועגן זיי, וועל איך אים אַ שפּיי טאָן אין די אויגן...—האָט פּלעווע געטראַכט פאַרביסן, באַרייכערט מיט נאָך איין דערפאַרונג.

נישט איין מאָל האָט ער שפּעטער איבערגעלעבט אין דער נשמה דעם דאָזיקן שמועס און געקומען צום איבעראַשנדיקן אויספיר, אַז אַזאַ געשיכטע פון דערפירן אַ מייסטער צון אַ פאַרברעכן, ווי דער אויספאָרשער האָט אים פאָרגעשטעלט, וואָלט דאָך געקאָנט פּאַסירן. און דער פאַקט, וואָס נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער וואָרשיינלעכקייט פון אַזאַ געשיכטע, האָט מען מיט אים געהאַנדלט אַזוי, ווי ס׳האָט געהאַנדלט דער אויספאָרשער, האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט זיין צוטרוי.

ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם לאָקאַל פון דעם פּפּר-קאָמיטעט פון דער פאַבריק, איז ער שטיינגעבליבן, געטראָפן פּלוצעם פון עפּעס אַ נייעם געדאַנק. ער האָט זיך דערמאָנט דעם שמועס מיט ניעגליצקין.

— יאָ... נישטאָ מער, וואָס זיך צוצוקן...

מיט אַן אַנטשלאָסענעם טראָט האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר, אויף וועלכער מ׳האָט ערשט נישט לאַנג צוריק אויפגעהאָנגען אַ ניי שילד.

XX

אין משך פון דער נישט דורכגעשלאָפענער נאַכט האָט פּלעווע אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וואָס זיין רעאַליזירונג האָט געדאַרפט אַרויסווייזן, צי דעם טאָג פאַרן סאַבאָטאַזש זיינען אַלע אַרבעטער אַרויסגעגאַנגען פון פאַבריק, און צוועגטועל אַרויספירן אים אויף די שפּורן פונעם פאַרברעכער. דאָס איז געווען זייער אַ נאַאיווער פּלאַן, כמעט אַ קינדערישער, אָבער פּלעווע האָט געגלייבט אין אים, ווי אַ קינד גלייבט אין זיינע פּלענער.

אײַנדערפרי איז ער געקומען אין פאַבריק פריער ווי געוויינלעך און אומגעדולדיק געוואַרט, אַז קשאָנזשעק און וואָנך זאָלן קומען. ער האָט זיי געוואָלט פאָרשטעלן זיין פּלאַן און פרעגן אַ מיינונג. ווען זיי זיינען געקומען, האָט ער זיי געבעטן אין קאָנטאָר און דערציילט, וואָס

ער האָט צוגעטראַכט. ער איז געווען אַביסל אַנטוישט, וואָס זיי האָבן זיך דערין נישט אָנגעכאַפּט מיט אַזאַ ברען, ווי ער. נו, זיי האָבן אָבער אויך נישט געזאָגט, אַז זיין איינפאַל איז דורכויס אַ שלעכטער.

— שאַטן קאָן עס נישט — האָט וואָלף אַ זאָג געטאָן זיך באַדענקענדיק — אָבער איך צווייפל, צי עס וועט עפּעס העלפן...

— איך מיין, אַז סע וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען... — האָט קשאָנזשעק סקעפּטיש איינגעשטימט.

נאָר פלעווע האָט זיך פאַרט איינגעשפּאַרט. ער האָט געהייסן דעם שרייבער צוזאַמענשטעלן אַ רשימה פון אַלע באַשעפטיקטע אין דער אָפּטיילונג. באַקומענדיק די דאָזיקע רשימה, האָט ער צוערשט אויסגעשטראָכן די פאַמיליעס פון די פּערזאָן, וועלכע זיינען אַוועקגעגאַנגען דריי אַזייגער. דערנאָך האָט ער ביי די פאַמיליע נעמען פון יענע אַרבעטער, וועלכע ער האָט אַליין געזען אויפן וועג צום אַרויסגאַנגס טויער און צו וועלכע ער האָט געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי, געשטעלט שטרייכעלעך און געבומען זיי אַריינרופן לויט דער ריי אין קאָנטאָר. יעדערער פון זיי האָט אָנגעגעבן העכער אַ צענדליק פאַמיליע-נעמען פון יענע, וועלכע ער האָט אָן שום ספק געזען אַרויסגיין פון פאַבריק, און פלעווע האָט ביי יעדן אָנגעגעבענעם נאָמען געשטעלט אַ שטרייכעלע. דערנאָך האָט ער גענומען די, וועלכע האָבן באַקומען צוזאַמענסטן שטרייכעלעך, און ווידער געשטעלט שטרייכעלעך ביי די פאַמיליע-נעמען, וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן.

נאָכן פאַרענדיקן די דאָזיקע אַקציע האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז ביי יעדן נאָמען זיינען פאַראַן עטלעכע אָדער אַפילו אַ צענדליק שטרייכעלעך. וואָלט בכן געווען געדרונגען, אַז אַלע אַרבעטער פון דער אָפּטיילונג זיינען נאָך דער אַרבעט אַרויסגעגאַנגען פון פאַבריק.

פלעווע האָט זיך אַ צעשויבער געטאָן די טשופּרינע און אָפּגעקרעכצט. ער איז געווען דערשלאָגן מחמתן דורכפאַל פון זיין פּלאַן, אויף וועלכן ער האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען.

ס'באַקומט זיך גאָרנישט, אָט וואָס... — האָט ער געמורמלט, געבויגן איבער זיין טיש אין קאָנטאָר, נאָכאַמאָל איבערקוקנדיק אָן האָפענונג די גאַנצע סדרה נעמען. ער האָט שוין נישט געקאָנט רויק טראַכטן, און דעריבער געטראַכט אויפן קול. — יעדערער האָט אַ פּעקל עדות. און כ'ווייס שוין אַליין נישט, צי זאָל איך האָבן דערפון עגמת-נפש, צי זיך פרייען. ווייל אויב ס'איז ווירקלעך אַזוי ווי ס'איז מיר דאָ אַרויסגעקומען, וואָלט דאָס געהייסן, אַז דאָס האָט געטאָן עמעצער נישט פון אונדזער אָפּטיילונג...

— איך האָב דאָך באַלד געזאָגט — האָט פלייסיק צוגעוואָרפן דער שרייבער — אַז פון אונדזער אָפּטיילונג וואָלט עס קיינער נישט געטאָן.

פלעווע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן קאַלט.

— איר מיינט אַזוי?

— פאַרשטייט זיך... איך ווייס ווי די אַרבעטער פון אונדזער אָפּטיילונג שאַנעווען די מאַטאָרן, וואָס איר האָט צוריקגעגעבן דער פאַבריק. און אַלע שעצן אייך דערפאַר זייער.

אַ ביסל צופיל זיינען געווען די דאָזיקע ווערטער און צופיל אין זיי פּאַטאָס, זיי זאָלן נישט שאָקירן. נאָך מער דערמיט, וואָס ביז איצט האָט דער מייסטער נישט באַמערקט ביים שרייבער אַפילו קיין פונק פון עפּעס אַ ברען. ער האָט אים תמיד געהאַלטן פאַר אַ נישקשהדיק פונקציאָנירנדיקן אויטאָמאַט, וואָס פירט אויס אָן האַרץ דאָס, וואָס צון אים געהערט, כדי צו באַקומען דעם ערשטן די פענסיע. ער האָט זיך קיינמאָל נישט ברייטער אַרויסגעזאָגט, זעלטן האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט עפּעס אַ קאַלטע פראַזע. בכלל האָט ער גענומען אַ וואָרט בלויז אין די ענינים, וועלכע האָבן אוממיטלבאַר געהערט צון אים. דעסגלייכן איז ער אין זיין אויפפירונג געווען אַ געוויסנלאָזער פּענקריצער. דער איינציקער פאַל, וואָס האָט פאַרוואונדערט דעם מייסטער, איז געווען זיין איבערבלייבן דעמלט פריווו׳ליק אויף די איבערשעהען...

ביי דער דאָזיקער דערמאָנונג האָט דער מייסטער שנעל איבערגעפירט דעם בליק פונעם שרייבער אויף דער רשימה מיט די פאַמיליענעמען.

— באַלד, באַלד...—האָט ער זיך קינצלעך צעלאַכט.—אויב טאָן איז טאָן פּינקטלעך, און מיר האָבן אייך דורכגעלאָזט, הער יעזויצקי. אָ, מע דאַרף אַריינשרייבן. אויב אַלע, איז אַלע, אָט וואָס... שרייבט דאָ צום סוף.

— און ווי קום איך אַהער?...—האָט דער שרייבער אַ מרוקע געטאָן און שטאַרק בלאַס געוואָרן, וואָס דער מייסטער האָט אָבער נישט באַמערקט, ווייל זיין פּנים איז געווען אַריבערגעבויגן איבערן פּאַפּיר.

— אויב אַלע, איז אַלע...

— ביטע, איז אויך דאָ הער יעזואיצקי וויטאָלד... — האָט זיך דער שרייבער אָנגעשטרענגט אויף אַ וויץ.

— אָ, איצט וועלן מיר שטעלן שטרייכעלעך... — האָט פלעווע געזאָגט מיט תליה הומאָר, ווייל ער האָט זיך געטשעפּעט צום שרייבער גיכער מחמת צולהכעיס ווי מחמת אַ געפיל פון נויטווענדיקייט. — אָבער כדי נישט צו גיין נאָכאַמאָל צון אַלע, זאָגט גלייך, ווער ס׳קאָן פאַר אייך שטעלן אַ שטרייכעלע, אַז ער האָט געזען...

יעזויצקי האָט איילִיק אויסגערעכנט:

— שימאַנסקי, בענעט, אוראַנגאַ. פּודאַלעי, קאָפּאַנסקי... באַקע... אַ סך, כ'קאָן דען אַלע פאַרגעדענקען?...

— נו... ס'וועט גענוג זיין... — האָט דער מייסטער לייכט מסכּים געווען און געשטעלט לאָפּאַטעס ביי די פאַמיליע-נעמען, וואָס דער שרייבער האָט אָנגעגעבן.

מיט דער רשימה אין האַנט איז ער אַרויסגעגאַנגען צו דער אָפּטיילונג. ס'איז שוין אין אים גאָרנישט איבערגעבליבן פונעם ברען, מיט וועלכן ער האָט געשאַפן און גענומען רעאַליזירן זיין פּלאַן. און אויב ער האָט זיך נאָך דערמיט פאַרנומען, איז סיידן בלויז צוליב אינערציע. איצט איז ער גיכער געווען גענייגט, זיך פולשטענדיק איבערצוצייגן, אַז קיינער פון זיין אָפּטיילונג איז נישט אַזוי ווייט נידערטרעכטיק, צו פאַרניכטן אַ מאַשין, וואָס איז אַזוי שטאַרק נייטיק. סיידן עמעצער פון יענע, וואָס זיינען נאָכנישט צוריקגעקומען פונעם זיכערהייטס-אַמט. אַזעלכע זיינען געווען דריי.

ביי יעדן געדאַנק וועגן יענעם פאַרברעכער, וואָס האָט געצילט אין וועזנטלעכסטן תוך פון זיין לעבן, האָט פּלעווע אויפגעזאָטן מיט האַס און כּעס. ער האָט שוין רעזיגנירט דערפון, ער זאָל מיט די אייגענע הענט אָנווייזן אויפן נידערטרעכטיקן פאַרברעכער, און די דאָזיקע רעזיגנאַציע האָט אים אָנגעפילט מיט האַרבער פאַרביטערונג. נאָר גלייכצייטיק האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַרפעסטיקט אין זיין נשמה אַ דויערהאַפטע האָפענונג אויפן זיכערהייטס-אַמט. ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן בלויז מיט איינעם פון זיי, אָבער געזען, ווי ס'האָט אים ווי געטאָן דער דאָזיקער ענין, ווי ס'האָבן אים ווי געטאָן די ברי-וווּנדן אויף די רינגען פונעם מאָטאָר — און ער האָט זיין אורטייל פאַראַלגעמיינערט בנוגע אַלע אומבאַקאַנטע און אומגעזעענע פאַרבינדעטע.

די האָפענונג אויפן זיכערהייטס-אַמט איז פאַר אים געוואָרן דער איינציקער שטיצפּונקט אין דער מורא פאַרן ווייטערדיקן גורל פון די מאָטאָרן, דער אָפּטיילונג און דער פאַבריק.

פון די אַרבעטער, וואָס יעזויצקי האָט אויסגערעכנט, האָט ער דעם ערשטן באַגעגנט באַקען. דאָס איז געווען אַ יונגער, עטלעכעאונצוואַנציקיאָריקער אַרבעטער, אַ לייכטזיניקער און באַגרענעצטער. ער האָט געהאַט אַ קליינטשיקן קאָפּ און אַ זייער דאַר, טונקל פּנים, גרויסע אויגן און אָפּשטייענדיקע, גרויסע דורכזיכטיקע אויערן. זיין אָנבליק האָט אויסערגעוויינלעך דערמאָנט אין אַ פלעדערמויז. אין פאַבריק איז ער געקומען נאָך ווי אַ זעכצן-זיבעצניאָריק ייִנגל, און ביז היינט האָט אים קיינער נישט גענומען ערנסט.

— באַקע... און אונדזער יעזויִצקין האָסטו דעמלט געזען?
— ווען?
— נו, מיטוואָך, ווען איר זענט אַרויסגעגאַן פון דער אַרבעט. וואָס כ'האָב שוין איין מאָל אַלע געפרעגט...
— אָ, דעמלט... געזען.
— פּאַרוואָס-זשע האָסטו גלייך נישט אָנגעגעבן?
— עפּעס פאַרגעסן... אָבער כ'האָב אים אויף זיכער געזען. מיר האָבן אַפילו גערעדט וועגן דעם מאָטאָר.
— וועגן וועלכן מאָטאָר?
— נו וועגן דעם, וואָס זיי האָבן קאַליע געמאַכט.
— דעם מאָטאָר האָט מען דאָך ערשט אויפן צווייטן טאָג קאַליע געמאַכט.
— אָ... אמת... דאָס איז געווען אויפן צווייטן טאָג, אָבער דעמלט האָב איך אים אויך אויף זיכער געזען.
— אויף זיכער?
— ווי קריסטוס דער געקרייציקטער איז מיר ליב.
— גוט... כ'שטעל אַ שטרייכעלע... — האָס פּלעווע געמורמלט, איינגאַנצן אַן אָפּגעקילטער. דורך עפּעס אַ ווונדערלעכער געדאַנקען-אַסאָ-ציאַציע האָט דער דאָזיקער קורצער אומגעלומפּערטער שמועס אים פול-שטענדיק אַנטפּלעקט די נאַיווקייט פון זיין פּלאַן. ער האָט אַ רגע נאָכ-געדענקט און רעזיגנירט צו דערפירן אים ביז אַ גמר. אַזאַ קינדערישע אויספאָרשונג וואָלט דאָך עווענטועל געקאָנט געבן וועלכע ס'איז רעזול-טאַטן נאָר דעמלט, ווען ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַן איינצלנעם, אָפּגעזונדערטן פאַרברעכער. אָבער אויב ס'איז אַ גאַנצע באַנדע, דעקט איינער דעם צווייטן, און דער מייסטער אין זיין גאָרער נאַיווקייט שטעלט שטרייכעלעך און פרייט זיך, וואָס אין זיין אָפּטיילונג זיינען פאַראַן בלויז אָרנטלעכע לייט... ווי ער האָט עס פריער וועגן דעם נישט קיין טראַכט געטאָן...

אַ פאַראומערטער האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט צום קאָנטאָר. איז געווען איינגאַנצן צעבראָכן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט פאַרשפּילט אַ גרויסן פּראָצעס. אַפילו די האָפענונג אויפן זיכערהייטס-אַמט און אַלע אַנדערע פאַרבינדעטע כוחות האָט אים פולשטענדיק פאַרלאָזט. ער האָט געהאַלטן ביי אַ פולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע, איז אַריינגעפאַלן אין יאוש.

אין וועג האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום אויוון, אויפגעהויבן די קלאַפּע און אַריינגעוואָרפן אין דער שפּאַרע, וואָס האָט געזעצט מיט פייער, די צעקנייטשטע רשימה, וועלכע האָט אים געקאָסט אַזוי פיל

נאָכטראַכטעניש, באַמיונגען און געוועקט אַזויפיל האָפענונג. ס׳האָט אים דורכגענומען אַ פולשטענדיקער אומווילן צו דער אַרבעט און צום לעבן. צו וואָס זיך מיען, ווען דער נישט־אַנטדעקטער מנוול קאָן יעדע רגע פאַרניכטן די פרוכט פון דער דאָזיקער מי...

אין קאָנטאָר האָט ער געטראָפן בלויז פעלעקן, וועלכער האָט פאַנאַנדערגעלייגט די צייטונגען און שריפטן, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון ביוראָ און איז מיט דעם ווי תמיד געווען שטאַרק פאַרטאָן.

— און ווו איז יעזוייצקי?

— כ׳ווייס נישט. כ׳בין נאָר־וואָס געקומען...

דער מייכטער האָט גענומען די ערשטע בעסטע צייטונג, זיך געזעצט מיט איר הינטערן טיש און שטעקנגעבליבן מיט דער נאָז אין אירע שפאַלטן. האָט אָבער נישט געלייענט. האָט געפירט דעם בליק איבער די געדרוקטע שורות, אָבער זייער אינהאַלט איז לחלוטין נישט אַריינגעדרונגען אין זיין באַוווסטזיין. ער האָט איבערגעלעבט זיין דורכפאַל, וועלכן ער האָט שוין אָנערקענט פאַר אַן אַבסאָלוטן און פאַרפאַלענעם. נו וואָס — ער איז נישט געווען קיין אויספאָרשער און האָט זיך נישט געקאָנט איבערוואַרפן פון איין פאַלשן וועג אויפן צווייטן. דאָס, וואָס ער האָט צוגעטראַכט, האָט ער געהאַלטן פאַר דאָס איינציקע און אַפילו נישט געפרווט אויסטראַכטן עפעס נייס, און דאָס איינציקע האָט פלוצלינג און אומגעריכט פאַרלוירן זיין גאַנצע ווערט. צוליב יענעם קורצן שמועס מיט באַקן. צוליב דעם, וואָס דאָס שטרייכעלע ביי יעזוייצקיס פאַמיליענאָמען האָט ער געשטעלט אָן איבערצייגונג און זיך באַלד באַדאַכט — וויפל אַזעלכע שטרייכעלעך וואָלט ער געקאָנט אַוועקשטעלן. וויפל מענטשן וואָלטן אים געקאָנט אָפנאַרן געשיקטער פון באַקען...

ווי אַ נישט־געשמאַקע עבירה האָט אים געבראָטן דאָס, וואָס אין דער אַרבעט־צייט זיצט ער אַזוי בטל און גלאָצט אין דער צייטונג אַריין. אָבער צו עפעס וואָס אַנדערש איז ער נישט פעיק געווען.

אַלץ האָט אָנגעוווירן פאַר אים דעם זין. אַפילו דאָס קלאַפן פון די האַמערס אינעם האָל האָט איצט געהאַט אַן אַנדערע מעלאָדיע.

וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס זיי קלאַפן, ווען דער שונא, אויב מע וועט אים נישט כאַפן, קאָן מאַכן, אַז מאָרגן זאָלן זיי אויפהערן צו קלאַפן...

אַלץ האָט זיך שוין אַזוי גוט איינגעאָרדנט, די אַרבעטער בלייבן נאָך דער אַרבעט־צייט און אַרבעטן אָן טענות אַזויפיל, וויפל מע דאַרף. היינט איז נישט געווען ווער ס׳זאָל זיי בונטעווען, ווייל ניעדזיעלען האָט מען אַרעסטירט. ס׳איז שוין עפעס אַזוי געשען, אַז דער דאָזיקער סאַבאָטאַזש האָט אָנגעטאָן נישט קיין גרויסן שאָדן, און די מענטשן איבער-

געאַנדערשט אויסערגעוויינלעך. וואָס וועט זיין, אויב דער שונא וועט אָנטאָן אַ גרויסן שאָדן, אויב ער וועט ביידע מאָטאָרן צו קבורה ברענגען?... וואָס וועט דעמלט זיין מיט דער אָפּבויונג פון דער גאַנצער פאַבריק?

צי קאָן מען זיך פאַרלאָזן, אַז דער וועכטער וועט דערהיטן? זיי קאָנען דעם וועכטער אויך דעם קאָפּ אַראָפּדרייען... האָט דען יענער פון זיכערהייט-אַמט נישט געזאָגט, אַז דאָס זיינען מענטשן אָן אַ שום געוויסן...

דער פאַרבאָרגענער שונא איז אויסגעוואַקסן צון אַ ריזיקער גרייס, זיין אויסגעדמיונטער כוח האָט גענומען אַריינטריפן אין מייסטערס נשמה דעם גיפט פון פחד. פון פחד פאַר עפּעס אומבאַקאַנטס. פאַר עפּעס וואָס מע קאָן נישט זען, באַגרייפן, מיט וואָס מע קאָן נישט קעמפן. פון אַ פחד, וואָס אונטער זיין השפּעה האָבן פלעוועס געדראַנקען זיך גענומען וואַרפן ווי אַ געפאַנגענע חיה אין אַ פאַסטקע.

ער האָט אָוועקגעלייגט די צייטונג, פאַרדרייט אַ פעסטן פאַפּיראָס און פאַררייכערט. האָט געעפנט דעם שופלאָד און אַרויסגענומען פון אים אַ שטויס פאַפּירן. ער האָט פשוט געוואָלט נישטערן אין זיי אַבי זיך מיט עפּעס צו פאַרנעמען.

אויבנאויף איז געלעגן אַ פערטל פאַפּיר, פאַרשריבן דורך יעזויצקין.

הויכגעשעצטער הער וועכטער!

מיר וועלן שלאָגן די באָלשעוויקעס און די באָלשעוויסטישע משרתים נישט בלויז איבער די מאָטאָרן, נאָר אויך איבער די קעפּ. די פּוילישע תבואה איז פול געוואָרן מיט פלעווע, אָבער מיר וועלן אַלע פלעווע אויסרייניקן. מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען, פלעווע! נידער מיט די אוזורפּאַטאָרן!

זאָל לעבן די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן!

אין דער ערשטער רגע האָט ער דערפון גאָרנישט פאַרשטאַנען, גלייך ווי ס'וואָלט געשריבן געווען אין אַ פרעמדער שפּראַך. האָט אײַבערגעלייענט נאָכאַמאָל פון אָנהויב, וואָרט נאָך וואָרט, באַדאַכט. און מיטאַמאָל האָט די וועלט אויפגעשיינט פאַר אים.

מיט עפּעס אַן אומאַרטיקולירטן אויסגעשריי, ענלעך צון אַ הילך, האָט ער זיך געוואָרפן צום טעלעפאָן.

— וואָיטשיצקין, אָבער שנעל!... איז זאָל זיין דעם קאָמענדאַנטס-וואַך... אויך פאַרנומען... אָ! צום טייוול!... שוין פריי? שנעל פאַרבינדן...

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם מיט אַזאַ אייַלעניש, ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן דיסטאַנס אין אַ מאראטאָניש וועט-געלויף*).

---

*) מאַראַטאָנישער וועט-געלויף — איינער פון די לענגסטע דיסטאַנסן פון וועט-געלויף.

דערהערט ענדלעך וואַטשיצקיס שטים, האָט ער געשריגן ווי נישט ביי די געדאַנקען.

— דירעקטאָר, איך האָב אים!... איך האָב אים!... דאָ — פּלעווע... איך האָב אים, דעם כּלב שבכּלבים, אָבער ער איז מיר אַנטלאָפן... יעזוויצקי... יענער, יעזוויצקי אונדזערער... מע דאַרף ארומשטעלן אַלע אַרויסגענג, ער זאָל נישט מאַכן פּליטה... איך קום באַלד צון אייך... צום קאָמענדאַנט?...

ער האָט אַ זעץ געטאָן מיטן טרייבל אין דעם האַלטער און מיט פּענד אַרויסגעלאָפן פון קאָנטאָר. פון הינטער דער טיר שוין האָט ער זיך אומגעקערט נאָך יענעם בריוול. ווען ער האָט זיך געפונען אויפן פּלאַץ, איז אים באַפאַלן אַ פריידיקע אילוזיע, אַז ער יאָגט זיך נאָכן פאַרברעכער. איצט קאָן ער אים שוין, ווייסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן, איז אויף זיין שפור און אָט, אין אַ רגע אַרום, וועט ער הינטער עפּעס אַ ראָג צופאַלן צון אים און אָנכאַפּן פאַרן גאָרגל... די זיכערקייט, אַז דער שונא האָט שוין אויפגעהערט צו זיין אַן אַבסטראַקציע, אַז ער האָט זיך פאַרקערפּערט, און דערצו אין אַזאַ געוויינלעך, נעבעכדיק געשטאַלט, האָט אים באַפליגלט.

ערשט ביי דער טיר פון דער פאַבריקס-וואַך-קאָמענדאַנטור זיינען אים צערונען די דאָזיקע אילוזיעס. ער האָט זיך מיט פאַרדרוס קלאָר געמאַכט, אַז ווי ס'זאָל ווייטער נישט גיין, וועט ער שוין איצט נישט אַריינקריגן אין די הענט דעם דאָזיקן חפץ. דאָס פייגעלע איז אים אַוועקגעפלויגן פון אונטער דער סאַמע נאָז, און ער וועט עס שוין נישט כאַפּן. ער האָט עס אַליין איבערגעשראָקן. האַ, פאַרפאַלן... יעדנפאַלס איז בעסער, וואָס ס'איז אַזוי געשען, איידער דער דאָזיקער פויגל וואָלט בכלל געבליבן אין באַהעלטעניש.

ער איז אַריינגעפאַלן אַ צעקאָכטער אין דער קאָמענדאַנטור. ניעגליצקי און וואַטשיצקי זיינען שוין דאָרט געווען.

— די טויערן זיינען אַרומגעשטעלט? — האָט ער ניכטער אַ פרעג געטאָן, נישט אַריבערטרעטנדיק רעכט די שוועל.

דער קאָמענדאַנט האָט מיט גרינגשעצונג אַ שמייכל געטאָן.

— די טויערן היט מען דאָך שטענדיק. אָבער ער איז זיכער נישט אַזאַ יאָלד, ער זאָל זיך שטופּן דורכן טויער. ער קאָן נעלם ווערן דורכן פאַרקאַן, קאָן זיך באַהאַלטן אין עפּעס אַ לאָך און צוואַרטן ביז נאַכט. אַלע וואָס...

פּלעווע איז געפּלעפט געוואָרן.

— וואָס הייסט?... ווען מיר אים נאָך אַלץ נישט כאַפּן?

— און ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז מיר וועלן אים כאַפּן?

— ניין... דאָס קאָן נישט זיין... ניין... דאָס קאָן נישט זיין... — האָט פּלעווע מבולבל אויסגעשריגן.

— אַלץ קאָן זיין. מאַלע וואָס...

XXI

דאָס איז גוט, וואָס גראַד יעזויִצקי, און נישט עמעץ אַנדערש פון די אַרבעטער.

נאָך דער דורכגעשלאָפענער נאַכט האָט פּלעווע שוין נישט געטראַכט וועגן דעם אַזוי הייס. האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס פייגעלע. האָט זיך פאַרגעוואָרפן, וואָס האָבנדיק אַזוי לאַנג דעם שונא נאָענט ביי דער זייט, האָט ער עס נישט באַמערקט, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט דער פאַקט, וואָס דער שולדיקער איז געווען גראַד יעזויִצקי, געווירקט אויף אים ווי אַ קאָמפּרעס, וואָס שטילט איין אַלע ווייטיקן. דעם שרייבער האָט ער געקאָנט מוחל זיין אַזעלכעס. וואָס ער וואָלט קיין מאָל נישט מוחל געווען קיין שמיד.

מיט יעזויִצקין האָט ער קיינמאָל נישט געזוכט קיין דערנענטערונג, הגם זיי זיינען דאָך שטענדיק געווען נאָענט איינער צום אַנדערן. ער האָט נישט געפילט קיין נויטווענדיקייט דערצו. ס'האָבן זיי געבונדן ריין אַמטלעכע באַציונגען, און ערשט איצט האָט פּלעווע פאַרשטאַנען, אָדער גיכער אָפּגעפילט, אַז דאָס איז געווען די אָפּגעפרעמדקייט. ווען ס'וואָלט נישט געווען די דאָזיקע אָפּגעפרעמדקייט, וואָלט פון זיך אַליין געמוזט קומען עפּעס אַ דערנענטערונג. און אויב ס'איז נישט געקומען, הייסט דאָס, אַז יעזויִצקי האָט קענטיק דערצו נישט געטויגט. נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ באַאַמטער. ניין. פּלעווע האָט געקענט אַנדערע באַאַמטע, וואָס האָבן פאַרנומען נאָך העכערע שטעלעס ווי יעזויִצקי, אָבער מיט אייניקע פון זיי — וואָס אַן אמת זיינען אַ סך אַזעלכע נישט געווען — איז געגנוג געווען זיך צונויפטרעפן צוויי, דריי מאָל, און באלד האָט זיך מיט זיי עפּעס אַנדערש געשמועסט, אַנדערש האָט מען זיך לעבן זיי געפילט... אָבער דאָ איז עפּעס אַנדערש... מ'האָט גלייך געקאָנט פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ שונא.

און פּלעווע האָט זיך, הגם צו שפּעט, געמאַכט שאַרפע פאָרווורפן, וואָס ער איז נישט אויפמערקזאַם געווען אויף אַ מענטשן, וועלכער איז

געזעסן אין מיטן פון אַלע אָפּטיילונג-ענינים און האָט געקאָנט טאָן שאָדנס דער טייוול ווייס וויפל. און ער וואָלט וואָרשיינלעך נאָך געקאָנט זיצן דער רוח ווייסט ווי לאַנג, ווען ער וואָלט זיך נישט געוועזן איבער־שרעקן. ווייל פלעווע האָט לחלוטין נישט בדעה געהאַט אים צו נעמען אויפן אויג. ער האָט דאָך פולשטענדיק רעזיגנירט פון דער דאָויקער שפיל.

יאָ, דער אויספאָרשער איז געטרעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז מע וועט דעם מייסטער איינזעצן צוזאַמען מיטן סאַבאָטאַזשניק. דער מייסטער האָט זיך דערויף פולשטענדיק פאַרדינט...

ער האָט נישט געהייסן איינשליסן די מאָטאָרן זיבן אַזייגער. האָט צונויפגערופן אַלע אַרבעטער פאַרן קאָנטאָר. פאַרפאַלן, מע וועט פטרן אַ האַלבע שעה, אָבער אין משך פון טאָג וועט מען אפשר ווי־נישט איז אָניאָגן, אָדער מע וועט אַרבעטן אַ האַלבע שעה לענגער, נאָר אַ שמועס טאָן מיט די מענטשן דאַרף מען. ס'איז בעסער אַזוי, איידער זיי זאָלן דאַרפן אַליין זיך אָנשטויסן אָדער אויסהערן רכילות. איבריקנס וועגן יעזויצקין האָבן שוין אַלע געוווּסט. ער האָט זיי נאָר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן, אַז נישט נאָך איינער בלויז אַזאַ יעזויצקי קאָן זיין אין דער אָפּטיילונג.

ער איז געשטאַנען אויפן צווייטן שטיגל, בלויז אַ קאָפּ העכער פון די פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים מיט סענסאַציאָנעלער פאַרינטערעסירטקייט.

— כ'מוז אָנהייבן דערפון, חברים, וואָס קודם־כל וועל איך זיך גופא מאַכן אַ פאָרוווּרף. ס'איז מיר געזעסן אונטער דער האַנט אַ בייזער שונא, און איך האָב אים נישט געשפּירט. דאָס איז מיין גרויסע שולד, און איך פיל זיך איצט אַזוי, ווי איך וואָלט גורם געווען דאָס באַשעדיקן דעם מאָטאָר. כ'האָב זיך געטראַכט, אַז דאָס איז אַזוי זיך אַ שרייבערוקל, אַז אַ חוץ די פאַפּירן גייט אים גאָרנישט אָן אויף דער וועלט, אָבער דאָס איז געווען אַ האַדענע. און מיר טאָרן קיינמאָל נישט אַזוי טראַכטן. יעדער מענטש קאָן זיין דער טייוול ווייסט וואָס. נו, אָבער ווער האָט דאָס געקאָנט וויסן. ער איז דאָך נישט קיין שום בורזשוא. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ באַאַמטער און אויך היינט פאַרבליבן אַ באַ־אַמטער. אין וואָס האָט אים געקאָנט גיין, וואָס קאָן אים בינדן מיט די פריצים? אָבער מ'האָט זיך געדאַרפט באַמיען צו דערקענען, צי האָט נישט דער מענטש קיין פלאָנטער אין קאָפּ. ס'זיינען דאָ ווייניק אַזעלכע? דער בורזשוא אַליין וועט נישט גיין אַריינשטעקן קיין פינגער צווישן דער טיר. נאָר שיקט אַזעלכע, וואָס דער קאָפּ שטייט זיי קאַפּויער — און

איך האָב וועגן דעם נישט געדענקט. איך האָב געהאַלטן די האדענע אין קעשענע, ביז זי האָט נישט אַ ביס געטאָן. נאָך גוט, וואָס די לעקציע האָט אונדז נישט טייער געקאָסט. ס׳האָט געקאָנט זיין ערגער... האָ! האָ! נו, האָב איך געוואָלט אַ שמועס טאָן מיט אייך וועגן דעם, חברים, ווייל נישט איין האדענע אַזאַ קאָן נאָך זיין אין אונדזער אָפּטיילונג, און מיר זעען זי נישט און פילן נישט, ווייל מיר קוקן נישט. מיר זעען נאָר די, וואָס פּיסקעווען אַמאָל דאָרט עפּעס. אָבער ס׳איז נישט אַזוי, חברים. דער, וואָס וויל שעדיקן זיצט געוויינלעך שטיל און רעדט גאָרנישט.

— נו גוט, אָבער דעם יעזויצקין האָט מען געכאַפּט? — האָט עמעצער אומגעדולדיק אַ פרעג געטאָן.

— נאָכנישט, אָבער... מע וועט אים כאַפּן...

— באַ... ער וועט אַוועק אין וואַלד.

דאָס קאָן אויך געשען. אָבער אויך דער וואַלד ציט זיך נישט אָן אַ סוף.

— באַ... אַז דאָס פייגעלע איז פון שטייגל אַרויסגעפלויגן, איז גייט זוכט עס אין וואַלד...

— אָט-אָ! — האָט אוראַנגיי היציק אונטערגעכאַפּט און פאַרענדיקט מיט אַ נישט נאַטירלעכן ברען:— און דאָס איז טאַקע די גרויסע שולד פון אונדזער מייסטער, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי זיך אונטער דער האַנט אַזאַ פויגל און אים אַרויסגעלאָזט. נישט צוליב דעם שטעלן מיר זיך איין און ראַטעווען פאַר דער פאַבריק, וואָס עס לאָזט זיך, כדי ס׳זאָל איצט צו גרונט גיין, און דער מייסטער זיצט און זעט גאָרנישט. און שפּעטער זאָגט ער נאָך, אַז דאָס האָט אונדז נישט קיין סך געקאָסט. קענטיק, אַז דער מייסטער וואָלט וועלן, ס׳זאָל מער קאָסטן...

— נו, וואָס? אַ מייסטער איז אַ נביא? — האָט אַלעזאַנדער איבערגעריסן מיט אַ באַס.

— אָדער אַ הייליקער גייסט? — האָט קאַליטע פאַרבעסערט.

— נישט קיין הייליקער גייסט, אָבער... — האָט אוראַנגיי אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט פון טאָן.

— אָבער וואָס?

— אָבער אַז מען האָט אים אַוועקגעשטעלט, איז זאָל ער אַכטונג געבן...

— העי! העי! אַ חכם!...

— און איך מיין — האָט אוראַנגיי נישט נאָכגעגעבן — אַז ווען עמעצער האָט זיך פאַרדינט, דאַרף ער זיינס באַקומען, יאָ אַ מייסטער, נישט קיין מייסטער. אַז דו קאָנסט נישט, קריך נישט אויפן אַפּיש. אויך

אַ מייסטער איז נישט אומבאַרירלעך. אויב דעמאָקראַטיע — איז דעמאָק־ראַטיע. זאָל זיך יעדער אויסלערנען, וועט ערשט דעמלט זיין אין דער פאַבריק אַן אָרדענונג...

— פון ווען אָן ביזטו עס געוואָרן אַזאַ פּאַטריאָט?

— יעדער מוז זיין אַ פּאַטריאָט, ווייל אַנדערש וועט גאָרנישט אַרויסקומען...

פלעווע האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַן אָנפאַל, אָבער ער איז לחלוטין נישט געווען פון אים געטראָפן. ער האָט דאָך אַליין גערעדט וועגן זיין שולד. ער איז גיכער געווען אָנגענעם איבערראַשט דערפון, וואָס מע וועט נאָך קאָנען אַנטדעקן אַ סך גוטע מענטשן. אַזאַ אוראַנ־גייען צום ביישפיל האָט ער קיינמאָל נישט חושד געווען אין אַזאַ ברען, און דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַ שאַרפער יונג און אַ קעמ־פערישער...

אין אָפענעם טויער האָט זיך באַוויזן אַ קליינע גרופּע מענטשן. אַ ציווילער און פינף פאַבריקס־וועכטער מיט ביקסן. מיט גיכע טריט האָבן זיי זיך געלאָזט צו די פאַרזאַמלטע אַרבעטער. ווען זיי זייגען צוגע־קומען נענטער, האָט פלעווע דערקענט דעם ציווילן. דאָס איז געווען דער זעלבער, וואָס האָט נאָכן פאָרפאַל מיטן מאָטאָר געגומען דעם מייס־טער אויפן פאַרהער. דעמלט האָט מען חוץ דעם מייסטער פאַרנומען נאָך פיר. צוויי האָט מען פריי געלאָזט. נאָר ניעדזיעלען און פשעמיצקין נאָך נישט. פלעווע איז אויפן אָנבליק פון יענעם ציווילן, נישט געקוקט אויף זיין אינערלעכער רויקייט, אַ ביסל בלאַס געוואָרן.

די וועכטער האָבן זיך געהעריק אויסגעשטעלט הינטערן עולם, דער ציווילער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די פאַרזאַמלטע און געבליבן שטיין אויפן שטיגל לעבן מייסטער. האָט זיך מיט אים באַגריסט, שמייכ־לענדיק פאַרלעגנהייטלעך, דערנאָך ברייט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע.

— דאָס זיינען אַלע?

— אַלע... — האָט פלעווע געענטפערט מיט אַ געדעמפטער שטים. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער אומגעריכטער וויזיט זאָל באַדייטן.

— נישט פאַנאַנדערגיין זיך. די פאָרגעלייענטע וועלן אַרויסטרעטן און זיך שטעלן דאָרט אין ווינקל.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַן אַלט, אָפּגעריבן נאָטיץ־ביכל, אייליק געמישט די בלעטלעך און ענדלעך זיך אויף איינעם פאַרהאַלטן.

— אוראַנגייע פעליקס! — האָט ער הויך איבערגעלייענט.

דער עולם איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, שטייף, גלייך ווי עמעצער וואָלט געוואָרפן אויף אים אַ פּאַטאַלע קללה.

— אוראַנגיי פּעליקס! איז דאָ?

אוראַנגיי האָט גענומען פּאַמעלעך זיך דורכשטופּן פון מיטן דעם עולם. דאָס איז געווען אַ פאַרשוין אַ דאַרער, אַ הויכער, אַן אָדערדיקער פון איבער אַ יאָר דרייסיק. די זעקעלעך, וואָס זיינען אים אַראָפּגעהאָנגען אונטער די אויגן, האָבן אים אָנגעהויבן מיאוס צו ציטערן. ער האָט גיך אַראָפּגעשלינגען דאָס טרוקענע שפּייעכץ, בעת וועלכן דער שטאַרק אַרויסשטייענדיקער קנאָפּ, ענלעך צו אַ טעמפּן קלין, איז אים געשפּרונגען פון קאָלנער ביז צו דער גאָמבע. אַרויסגעקריגן זיך פאַרן עולם, האָט ער זיך אויסגעדרייט, געוואָרפן אויף די אַרבעטער אַ מאַטן בליק, דערנאָך געבליבן שטיין אויפן אָנגעוויזענעם אָרט, קוקנדיק טעמפּ אויף דער וואַנט.

ערשט דעמלט האָבן די אַרבעטער זיך אַ באַוועג געטאָן און זיך איבערגעקוקט מיט שטומע בליקן, אין וועלכע ס׳האָט זיך געמאָלן שרעק און אומגלויבן.

— דאָס זיינען די...— האָט עמעצער נישט דרייסט אַ וואָרטשע געטאָן.

— בענעט פראַנצישעק.

איצט האָט זיך פונעם עולם אַרויסגעשיילט אַ רויטלעכער יונגערמאַן מיט אַ ציגל-פּנים און קליינע, אונטער רויטע וויעס באַהאַלטענע אויגן, מיט וועלכע ער האָט פון אונטערן שטערן געשאָסן אין אַלעזייטן. דערנאָך האָט ער נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ דראָבנע טריטעלע זיך געלאָזט צו אוראַנגייען.

— שימאַנסקי יוזעף!

דער דאָזיקער האָט, אַדורכשטופּנדיק זיך, געוואָרפן אין די אויגן פון די אַרבעטער, וואָס ער איז פאַרבייגעגאַנגען, אַ קורצן, חוצפּהדיקן בליק. ער איז אַרויסגעגאַנגען שטייף, ווי אויף שטאָלצן, און זיך געשטעלט מיטן רוקן צום עולם.

— באַקע טאַמאַש!

— אָ! דער אויך?... — האָט עמעצער קורץ אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט זיך פאַרהיקעט, אָדער אַ ביס געטאָן זיך אין צונג.

דער דאָזיקער קורצער אויסגעשריי, וואָס האָט אָבער געהאַט אַ מערקווירדיקן באַדייט האָט אויסגעלאָדן די געשפּאַנטקייט. די אַרבעטער האָבן זיך איצט ערשט אַ באַוועג געטאָן, גענומען זוכן מיט די אויגן דעם אַרויסגערופענעם. אין זייערע אויגן האָט זיך געמאָלן אַ סענסאַציאָנעלע און גלייכצייטיק שפּאָטישע פאַרווּנדערונג. ס׳האָט זיך אַרויסגעריסן איין נישט גאָר געלונגענער געלעכטער און אַ צווייטער. עמע-

צער האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַ דערשטיקטער שטים מחמת איינגעהאַלטענעם געלעכטער.

— דאָס איז דיר אַ קאָמפּאַניאָן...

באַקע האָט אַריינגעקוועטשט דאָס קליינע קעפּל צווישן די אַקסלען, און דערביי האָט זיך אים די שפּיציקע גאָמבע אונטערגעהויבן אין דער הייך, וואָס דאָס האָט אים נאָך ענלעכער געמאַכט צון אַ פלעדערמויז. ער האָט באַוויגן מיט די ליפּן, וואָס האָבן זיך געקלעפּט און הויך אויפגעהויבן די ברעמען, ווי דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר פאַר זיינע אויגן זאָל אים האָבן אַריינגעבראַכט אין אַ שטאַרקער פאַרוווּנדערונג. ער איז געגאַנגען אַזוי פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט נישט בדעה געהאַט ווען ס'איז צו דערגיין צום באַשטימטן אָרט.

— פּטאַק יאַן!

אַ יונגער, פּולבאַקיקער, וווקסיקער און יאָדערדיקער פּאַצעט האָט מיט גיכע טריט זיך פאַרייניקט מיט דער גרופּע.

די ווערכטער האָבן יעדן פון זיי גוט רעוווידירט. דער ציווילער האָט מיט אַ נאָכלאָזיקער באַוועגונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין זייער ריכטונג, ווי ער וואָלט פאַרזייט עפּעס נישט זעבאַרע קערנער.

— זעט, זעט! דאָס זיינען יעזויצקיס שותפים.

— אָ! טריפה בלוט!... אַזעלכע גאָרנישטן...

— און וואָס האָט איר געוואָלט, וואַלפּישן?

פלעווע האָט מיט מי אַראָפּגעשלינגען דאָס שפּייעכץ. צו האַסטיק האָט זיך אים געשטופּט אויף דער צונג אַ פראַגע, וועלכע ער האָט פונדעסטוועגן נישט געהאַט קיין דרייסטקייט אַרויסצוזאָגן, כדי נישט אַנטוישט צו ווערן. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— און וואָס איז מיט יעזויצקין?

— וואָס ס'איז מיט יעזויצקין? — האָט איבערגעטריבן ערנסט איבערגעחזרט דער ציווילער. — יעזויצקי איז שוין אונדזערער. היינט גלייך אינדערפרי איז ער אַריינגעפאַלן. און באַלד האָט ער פאַרשיט די דאָזיקע... — האָט ער געגרן אויפגעקלערט. ער האָט געוווּסט, אַז ער טאָר וועגן דעם נישט רעדן עפנטלעך, פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פונעם פאַרגעניגן צו אימפּאָנירן די אַרבעטער.

פלעווע האָט מחמת פרייד באַקומען קאָפּ שווינדל. און די אַרבעטער האָבן זיך באַוועגט פּיבערהאַפט אויפגעלעבט. האָבן זיך צוזאַמענגעדרענגט מער פאָראויס, ווי אָפּפיילעכץ אַרום מאַגנעט. פון אַ סך מיילער איז גלייכצייטיק געפאַלן די פראַגע:

— וואָס וועט איר מיט אים טאָן?

— מיר? מיר וועלן אים שטעלן פאַרן געריכט נאָכן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג.

— דערשטיקן! דערשטיקן דעם פּאַראַזיט!

— אויף אַ טרוקענער צווייג אים אויפהענגען!

— די ביינער אים צעברעכן און אין רינשטאָק אַריין!

דער יונגער מאַן האָט אַרטיק איבערגעריסן די דאָזיקע אויסרופן מיט קיילעכדיקע האַנט-באַוועגונגען.

— ניין, בירגער. מיר האָבן אַ קאָדעקס און מיר האָבן אַ געריכט. אַזוי, בירגער.

ער האָט זיך ערנסט, אפשר אַביסל צופיל פייערלעך געזעגנט מיטן מייסטער, זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם און אײַליק געלאָזט צום אַרויס-גאַנג. די וועכטער האָבן געפירט נאָך אים די אַרעסטירטע, וועלכע האָבן געבילדעט עפּעס אַ טרויעריקע, קלאָגעדיקע גרופּע פון אומנייטיקע מענטשן. די אַרבעטער האָבן שווייגנדיק זיי נאָכגעקוקט, ביז דער לעצ-טער פון די אָוועקגייענדיקע איז נישט פאַרשוואונדן הינטערן טויער. דעמלט האָט עמעצער אָן אַ זין אַ וואָרטשע געטאָן:

— הע... קאָנטראַבאַנדע...

— ממזרים, טריפה בלוט. אַנידערלייגן זיי אויף די קני און צעפּאַ-סעווען דעם הינטן.

— נו, נו, ברודער... וואָלטן זיי דיך נאָר געפּאַקט ערגעץ אין אַ פינצטער ווינקל... דו ביזט איינער, און זיי פינף.

אַ געלעכטער-זאַלפּ האָט פאַרטויבט די ווייטערדיקע ווערטער.

— דאָס איז נישט גוט, וואָס זיי לאַכן... — האָט פּלעוווע אַ טראַכט געטאָן. זיי נעמען עס לייכט, און אַזוי טאָרן מיר נישט.

און אַ גאַנץ פערטל שעה האָט ער זיי נאָך געלערנט אַ סך זאַכן, אַזש ער האָט זיך אַליין געוואונדערט, פונוואַנען ס'נעמען זיך צון אים אַזעלכע קלוגע רייד...

XXII

וואָס ווייטער ער איז אָפּגעגאַנגען פונעם זיכערהייטס אַמט, איז אין זיין שטימונג פאָרגעקומען אַן ענדערונג. פון אַ הכנעהדיק, איבערגעשראָקן לעמעלע האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כיטרען פוקס. ער האָט זיך דאָך אָפּגערעגעליטש פון אונטער אַ ריזיקער משא, מיט וועלכער ס'האָבן זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט די פראַגן פונעם אויספאָרשער — פראַגן, אויף

וועלכע ס׳איז שווער געווען צו געבן אַן ענטפער, אָדער פאַרוואורפן, פון וועלכע ס׳איז שווער געווען זיך אַרויסצודרייען. סוף־כּל־סוף איז ער פונדעסטוועגן באַפרייט געוואָרן, און דעם דאָזיקן פאַקט האָט ער זיך אויסגעטייטשט מיט נישט קיין שום אַנדערע מאָטיוון, ווי נאָר מיט זיין פּיפּיקייט און דערפאַרונג. ער האָט פשוט געהאַלטן, אַז ער איז איבער־געוואַקסן אַלע מיט דערפאַרונג, שאַרפקייט פון געדאַנק און אָריענטאַציע. ס׳איז קלאָר, אַז אַזאַ אויספיר האָט פאַרשטאַרקט זיין פאַרריסנקייט און זיכערקייט אין זיך.

אָבער עפּעס אַ פּרימיטיוו דענקען, וואָס איז גיכער נענטער צום אינסטינקט, איידער צום באַוווסטזיין, האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז מע דאַרף זיין אויפן העכסטן אופן פאָרזיכטיק. ער האָט באַשלאָסן צו זיין צוריקגעהאַלטן און נישט פּיסקעווען אומזיסט, ווייל ער האָט זיך קלאָר געמאַכט, אַז דאָס קאָן ברענגען צו ערנסטע אומאָנגענעמלעכקייטן, אָדער אפילו צו עפּעס ערגערס. און האָט וואָס אַמאָל ליידנשאַפטלעכער באַ־טראַכט די אופנים ווי אַזוי שטילערהייט אונטערצוגראָבן פּלעווען. דאָס וועט זיין ווייניקער געפערלעך, און רעזולטאַטן קאָן עס געבן בעסערע.

ס׳האָט אים צו׳געגעבן מוט דאָס, וואָס מיטן סאַבאָטאַזש האָט ער באמת נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס — ווייניקסטנס האָט עס אַזוי געזעצלעך אויסגעזען — און איז בכלל נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין שום אַנטימלוכהשער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געהאַט בלויז איין אומגע־שטילטן באַגער — ווערן אַ מייסטער... און דער דאָזיקער באַגער האָט אים, ביי זיין פּאָליטישער פּרימיטיווקייט און מאַנגל פון קלאַסן־געפיל, אַראָפּגעפירט פון וועג. ער האָט געגלייבט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זיך פּלעווע איינברעכן ווי אַ מייסטער, און ער האָט בלויז געוואָלט צולייגן דערצו אַ האַנט, דאָס זאָל געשען וואָס פריער.

וואָרשיינלעך, ווען אַ וועלכע אַנטימלוכהשע אָרגאַניזאַציע וואָלט אים געווען מאַכן עפּעס אַ פאָרשלאָג כאָטש מיט איין וואָרט און מיט אַ צווייט וואָרט אים עפּעס צוזאָגן, וואָלט ער זיך איבערגעגעבן אין איר רשות אָן ישוב־הדעת. אָבער מ׳האָט אַפּנים געקאָנט זיין עגאָאיזם און מורא געהאַט, אַז ער וואָלט אויך פונקט אַזוי אָן ישוב הדעת געקאָנט פאַראַטן, אויב דאָס וואָלט זיך פאַר אים אַרויסגעוויזן באַקוועמער.

איז ער אַזוי געבליבן אויפן פּלאַץ אַליין און געווען פעסט איבער־צייגט, אַז וואָס ער זאָל נישט טאָן, איז דאָס בלויז צוליב זיין מחלוקת מיט פּלעווען. ס׳איז אים גאָר אויפן זין נישט געקומען, אַז זיין האַנדלונג איז בכלל שעדלעך — אַזוי טיף האָט זיין רויער געדאַנק נישט געגרייכט. זיך שטיצנדיק דערויף, וואָס ער האָט געהאַט אַן אָנזען ביי אַ געוויסן

טייל אַרבעטער, האָט ער באַשלאָסן צו זיין העפלעך צום מייסטער, און שטילערהייט פאַרפעסטיקן די אייגענע באַזע אין דער אָפּטיילונג. אויב די אַרבעטער וועלן זיין אויף זיין צד, וועט אויך די אַנפירונג מוזן מסכים זיין. דערויף איז דאָך דעמאָקראַטיע...

יענעם טאָג איז ער נישט געגאַנגען אין פאַבריק, וואָרן ער האָט זיך געוואָלט אַ ביסל אָפּרוען און דורכלופטערן דעם קאָפּ נאָך די איבער־געלעבטע עגמת־נפשן.

ער איז געגאַנגען אויף צו מאָרגנס.

ער האָט געטראָפן דעם מייסטער אין קאַנטאָר. באַלד פון דער שוועל האָט ער צעשמירט אויפן פרצוף אַ שמייכל, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ האַרציקער, אָבער איז אַרויסגעקומען אַ הניפהדיקער. ער האָט אים אַ דרוק געטאָן די האַנט — דער דאָזיקער האַנטדרוק האָט אויך גע־זאָלט זיין אַ האַרציקער, אָבער ער איז אַרויסגעקומען אומגעלומפּערט. ווען ער האָט אַ קוק געטאָן דעם מייסטער אין די אויגן אַריין, האָט ער זיך דערפילט נאַריש און נישט געוווּסט, וואָס ווייטער צו טאָן.

פּלוצע איז אין דער ערשטער רגע געווען שטאַרק איבערראַשט. ער האָט זיך לחלוטין נישט גערעכט אויף דעם וויזיט. האָט זיך אָבער שנעל באַהערשט, און ס'איז אים דורכגעלאָפן אַ קאַלטער שטראָם פון פאַראַכטונג. ניעדזיעלען האָט ער אומבאַדינגט פאַררעכנט צו יענע, וואָס דאָס באַשעדיקן דעם מאָטאָר האָט זיי פאַרשאַפט פרייד. צי מיט רעכט? ער האָט זיך איבער דעם טיפער נישט פאַרטראַכט...

נאָכן באַגריסן זיך האָט ער חשק געהאַט אָפּצוטרייסלען די האַנט, ווי ס'וואָלט זיך צון איר צוגעקלעפּט עפּעס אַ גליטשיקע בלאָטע. אַ דאַנק דעם דאָזיקן שמייכל און אַ דאַנק דעם דאָזיקן האַנט־דרוק האָט ער ניעדזיעלען דערזען אַדורך און אַדורך, אַרויסגעפילט, אַז כדי נאָכצוגעבן די אייגענע אַמביציעס, איז דער דאָזיקער מענטש גרייט אָפּצוטאָן חזירייען, אָדער קריכן ווי אַ האָדענע. מיט קאַלטן ווידערווילן האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי דער דאָזיקער אומגעריכטער גאַסט זעצט זיך אַוועק זייטיק, כדי זיך אויסצוהיטן מע זאָל אים נישט אַריינקוקן אין די אויגן.

— נו וואָס? — האָט דער מייסטער טרוקן אַ פרעג געטאָן.

— נו... כ'בין געקומען...

— דאָס איז אַ וווּנדער.

— וואָס אַ וווּנדער?

— דאָס וואָס איר זענט געקומען...

— פאַרוואָס עפּעס אַזוי?

— ווייל איך האָב געטראַכט, אז איר וועט קומען אין אַן ערך דריי, פיר יאָר אַרום...

ניעדזיעלע האָט אַ גלאָץ געטאָן אויף אים מיט אַ קורצן גיפטיקן בליק, און זיין פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אַן אויסדרוק פון מבולבלער שטוינונג. אַזעלכן האָט ער פלעגן נאָכנישט געזען, און אַרומצורייסן זיך מיט אַזעלכן איז ער לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט. נישט געקוקט אויף זיינע באַשלוסן צו האַלטן זיך פאָרזיכטיק, האָט ער זיך פונדעסטוועגן צוגעגרייט צו אַן אָפענסיווע און זיך פאַרגענומען אַלץ איינגאַנצן אַנדערש. ער האָט זיך פּשוט געשטיצט דערויף, וואָס אים איז געווען באַקאַנט. ביז היינט האָט ער דאָך אין אַלע סיכסוכים מיטן מייסטער געזיגט אָן מי, און דאָס מאָל האָט ער גלייך באַקומען אַן אָפּשניט אויף אַזאַן אופן, וואָס האָט אַ תּל געמאַכט פון זיינע דורכגעטרי־בענע פּלענער. האָט ער דעריבער לאַנג געדרייט אויף די ליפּן עפּעס אויסדרוקן, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון קעל. האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן מייסטער פון אונטערן שטערן און אַ בור־טשע געטאָן:

— אַזוי שטאַרק וואָלט איר וועלן פון מיר פּטור ווערן?

פלעגט האָט רירעוודיק געצויגן מיט די אַקסלען?

— כי... פונמיינעטוועגן קאָנט איר דאָ עיפּושן אפילו ביזן טויט אַריין. אָבער אַזוי לטובת דער זאַך, וואָלט איך אייך פאַרשפּאַרט, אָט וואָס...

— דאָרט האָבן קלוגערע געמשפּט...

— ווייל דאָרט האָט מען זיך געמוזט האַלטן ביי די קאָדעקסן, פּאַראַגראַפן, געזעצן. נו, וואָס? איר בונטעוועט די אַרבעטער, זיי זאָלן נישט בלייבן נאָך דער אַרבעטס־צייט, מיר האָבן דאָך אַן אכטשעהדיקן אַרבעטס טאָג. מיר אַליין האָבן דאָך אַמאָל געקעמפט פאַר דעם, און וואָס מיר ווילן היינט אַרבעטן לענגער, איז אונדזער זאַך. איינער וויל, ווייל ער פאַרשטייט, דער צווייטער וויל נישט, ווייל ער איז אַ שוטה... איר טוט תּפילה צו מיקאַלייטשיקן, ער איז דאָך עפּעס וויצעפּרעמיער. געזעצ־לעך קאָן מען אייך פאַר דעם מיט קיין פינגער נישט אָנרירן. אָבער איך וואָלט אייך מיט אַ ריין געוויסן פאַרשפּאַרט. ווייל איר מיט אייער פּיס־קעווען העלפט שטאַרק צו יענע, וואָס פּיסקעווען נישט אין דער הויך, אָבער טוען אין דער שטיל.

ניעדזיעלע האָט געסאָפּעט ווי פון היץ, דערשטיקנדיק אין זיך מיט מי די אויפרעגונג. ער האָט געוואָלט זאָגן: — שפּרינגט נישט אַזוי, ווייל מע ווייסט נאָך נישט, ווער וועמען ס׳וועט פאַרשפּאַרן... — ער האָט זיך אָבער באַטראַכט, אַז דאָס וואָלט געווען נעמלעך אַן אומפאָרזיכטיקייט.

ער האָט אים געוואָלט געבן אַ מילדערן אָפּשניט: — ווען אַ חזיר זאָל האָבן הערנער, וואָלט ער געביסן און געשטויסן... — ס'האָט אים אָבער געפעלט מוט.

— נאָך גוט, וואָס איר האָט נישט צופיל מאַכט איבער מיר... — האָט ער אַ זאָג געטאָן כמעט פולשטענדיק שטיל, און די דאָזיקע אָנ־פּאַרביקע, אָנעמישע ווערטער האָבן אים גופא אַזוי צוגעדריקט, אַז די אויפרעגונג איז מאָמענטאַל פון אים אויסגערינען, און ער האָט זיך דערפילט פולשטענדיק באַזיגט, ווי אַן אַטלעט, וואָס ליגט צוגעדריקט מיט ביידע לאָפּאַטקעס צו דער ערד. האָט מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויפן קעגנער, וועלנדיק זיך ווי ס'איז איבערצייגן, צי ער באַמערקט זיין נצחון.

פלעווע האָט עס, ווייזט אויס, אָפּגעפילט, ווייל ער האָט לאַקאָניש אַ זאָג געטאָן:

— ס'וועט פאַר מיר גענוג זיין אַזויפיל, וויפל כ'האָב, אַט וואָס...

ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ דערדריקנדיק שווייגן. דערדריקנדיק, נאַטירלעך בלויז פאַר ניעדזיעלען. ס'האָט אים געשטיקט אַן אינערלעכע פאַרצווייפלונג, פאַר וואָס ער האָט אַזוי לייכט און אַזוי אומגעריכט זיך אונטערגעגעבן, אָבער אויך די פאַרצווייפלונג איז געווען אוממעכטיק. ס'איז געשען עפעס אומבאַגרייפלעכס, עפעס, וואָס ער האָט זיך אויף קיין אופן נישט געקאָנט אויפקלערן. ער האָט דאָך כמעט ביז יעדן פּרט דורכגעטראַכט דעם פּלאַן פון אַ פאַרזיכטיקער און כיטרער אָנפענסיווע, און אַלץ האָט געטויגט צו גאָרנישט, מען האָט אים אין דעם דאָזיקן שטרייט גלייך אַרויסגעשלאָגן די איניציאַטיוו פון די הענט... און דאַכט זיך — שוין אויף שטענדיק... ער האָט נישט געוואָלט דערמיט שלום מאַכן, נישט געוואָלט זיך מודה זיין אין דער מפּלה. ער האָט זיך דערטראַכט, אַז דאָס איז ביי אים עפעס אַ צייטווייליקע שוואַכקייט, וועלכע וועט אַריבערגיין, ווי ס'גייט אַריבער ביים אַסטמע־ליידנדיקן דער אַטאַק פון שטיקעניש, און דאָס האָט דערוועקט אין אים האָפענונג. דער געדאַנק, אַז דאָס האָט זיך עס דער קעגנער אין משך פון עטלעכע טעג אַזוי געענדערט, איז אים אַפילו אויפן זינען נישט געקומען. ווייל אים איז דאָך נישט באַוווסט געווען די געשיכטע פון די עטלעכע טעג, וועלכע איז געווען קורץ, אָבער אַזוי רייך אין געשעענישן.

פלעווע איז געווען פולשטענדיק באַהערשט. צו זיכער איז ער געווען אין דאָזיקן נצחון, און נאָך אַזוי פיל נצחונות פאַר די לעצטע טעג האָט ער געהאַט פאַר אים אַ צו קליינע באַדייטונג, ער זאָל זיך צוליב אים פילן געשמייכלט. זינט ער האָט זיך גופא באַזיגט און דערפילט אין

דער אָפּטיילונג אַ באָדן אונטער די פיס, האָט דער דאָזיקער אומדער־טרעגלעכער, דערעסנדיקער, באַליידיקנדיקער ניעדזיעליע אויפגעהערט צו זיין פאַר אים אַ קעגנער.

— נו וואָס? איר ווערט, מיין איך, זיך נעמען צו דער אַרבעט? — האָט ער אַמטלעך צוגעוואָרפן.

— כ׳מיין... — האָט ניעדזיעלע גלייך אָפּגעזיפּצט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז דאָס הייסט פּשוט אַרויסגעוואָרפן פון קאָנטאָר, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי אויפצוהייבן זיך און אַרויסגיין.

— אייער האַמער שטייט פריי. כ׳וועל באַלד שיקן אַרבעט — האָט דער מייסטער נאָכלאָזיק צוגעגעבן.

אין האָל האָבן די האַמערס פלייסיק געזעצט, און ס׳האָבן גערוישט די טראַנסמיסיעס. פון די שפּאַרעס פון די אויוון־קלאַפּעס האָבן אַרויס־געשפּריצט שטראַלנדיקע, סטיכישע, עלאַסטישע פייער־צינגען. די אַטמאָס־פער פון הייסער אַרבעט, די אַטמאָספער פון אַ פולסירנדיקער פאַבריק־אָפּטיילונג איז פאַרכישופנדיק פאַר דעם, וואָס האָט זיך מיט איר צונויפ־געלעבט. ווי דעם טרוימענדיקן פּאָעט פאַרכישופט און באַפרוכפּערט מיט באַגייסטערונג אַ רייצנדיק נאַטור־ווינקל, עפּעס אַ פּאַליאַנקע אין וואַלד, וואָס איז באַגאָסן מיט זון און פאַרוויגט דורכן פלוישן פון אַ וואַסער־שטרעמל — אַזוי פאַרכישופט און רייסט מיט דעם אַרבעטער, וואָס האָט ליב זיין אַרבעט, דער אָנבליק פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ, פון זיינע מאַשינען, פון זיין וואַרשטאַט.

ניעדזיעלע האָט ליב געהאַט זיין אַרבעט. און דעריבער איז די דערשלאָגנקייט, מיט וועלכער ער איז אַוועק פון קאָנטאָר, לייכטער געוואָרן תיכּף, ווי ער האָט זיין גיריקן בליק אַ פיר געטאָן איבער די האַמערס, וואָס זיינען געשטאַנען אין רייען אין ביידע זייטן האָל, ווי זיין געהער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיטן נאָענטן געקלאַפּעריי, צווישן וועלכן דער געניטער אויער האָט לייכט אונטערגעשיידט די קלעפּ פון די באַזונ־דערע האַמערס. ווען ער איז דורכגעגאַנגען צווישן די אויוונס, האָט ער באַקומען דעם איינדרוק, ווי פון ביידע זייטן וואָלטן אים צוויי וואַרעמע הענט אַרומגענומען פאַרן האַלדז און צערטלעך געגלעט די באַקן. ער האָט זיך צומאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז אין משך פון עטלעכע טעג האָט ער זיך אַזוי פאַרבענקט נאָך דער פאַבריק.

ער האָט נישט באַמערקט דעם פלאַמיקן בליק, מיט וועלכן קאַליטע האָט אים אַ שמייס־געטאָן, און גענומען טראַכטן מיט דערלייכטערונג, אַז אויף דער וועלט איז נאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי אים האָט זיך געדאַכט...

עטלעכע אַרבעטער האָבן זיך אָוועקגעריסן פון דער אַרבעט, שנעל דערנענטערט צון אים און אים באַגריסט מיט ברייטע, אָפענע שמייכלען. האָבן אים ממזריש געדריקט די האַנט, וואָס ער האָט אויסגעשטרעקט צום באַגריסן זיך. האָבן גערעדט עפעס נאָך פונדערווייטנס, אָבער ער האָט נישט גלייך דערהערט זייערע שטימען, און ווען אפילו דערהערט, נישט גלייך באַגריפן דעם זין פון די ווערטער. דערפאַר אָבער האָט ער אין די אויגן פון די, וואָס האָבן אים באַגריסט דערזען, אָנשטאָט די דערוואַרטע וואַרעמקייט און אָנערקענונג, געוויינלעכע נייגעריקייט. דאָס האָט אים פעסט אַ שטאָך געטאָן?

— מ׳האָט אייך אַרויסגעלאָזט? — האָט קאָפּאַנסקי תמימותדיק אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס האָט מען געזאָלט נישט אַרויסלאָזן...

— און מיר האָבן דאָ געשמועסט, אַז מע דאַרף זוכן עמעצן צון אייער האַמער.

— מ׳עט זיך באַגיין — האָט ער איילִיק אַ זאָג געטאָן און פלוצלינג האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט אַ קעלט, ווייל אין טאָן פון יענע ווערטער האָט ער דערפילט, אַז קיינער וואָלט נישט געהאַט קיין עגמת-נפש, ווען ביי זיין האַמער וואָלט זיך געשטעלט עמעץ אַן אַנדערער.

— אָבער אַ ביסל שכל האָט מען דיר אויסגעלערנט? — האָט פורטאַק אויסגעשאָסן.

— ס׳איז פאַר מיר גענוג דער, וואָס כ׳האָב... — האָט ער גראָב אָפּגעענטפערט, אַריינפאַלנדיק אין אַן אומאָנגענעמער דערשטוינונג. פורטאַק איז דאָך געווען איינער פון די, וואָס האָבן צומשטאַרקסטן געהאַלטן מיט אים, און יענעם טאָג איז ער איינער פון די ערשטע אַרויסגעטרעטן פון דעם עולם, נישט וועלנדיק בלייבן נאָך דער אַרבעט-צייט.

— נו נו... עס שאָדט נישט, אויב מ׳האָט מיט אַ שטעקן אַריינגעטריבן אַ ביסל שכל דורך הינטן אין קאָפּ אַריין... — האָט כלומרשט תמימותדיק, אָבער נישט אָן שפּאָט, רעציטירט קאָרפּיקיעוויטש.

— נישט אמת! מ׳האָט מיך אפילו נישט אָנגערירט... דאָס איז נישט אמת! — האָט זיך ניעדזיעלע אָפּגעטרעסלט. ס׳איז אים נישט אַזוי ווייט געגאַנגען אין פעסטשטעלן דעם אמת, ווי אין פאַרטיידיקן די אייגענע חשיבות.

— נו און יענע?

— אַהאַ... וואָס איז מיט די איבעריקע? מ׳האָט זיי אויך פריי געלאָזט? — האָבן זיך פאַראינטערעסירט עטלעכע שטימען פאַראַמאָל.

— כ׳ווייס גאָרנישט.

— וואָס הייסט? איר זיינט דאָך איינס מיט זיי.

— לגמרי נישט איינס... יענע גייען מיך גאָרנישט אָן...

— נו באָ! איצט איז גוט צו פאַרלייקענען...

— כ׳פאַרלייקן גאָרנישט... כ׳זאָג אַזוי, ווי ס׳איז... — האָט ער זיך פאַרטיידיקט פאַרביסן און אומגעשיקט, איבערגעשראָקן דערפון, וואָס אַלע ריידן אים איין אַזוי עקשנותדיק, אַז ער האָט זיך מיטבאַטייליקט אינעם סאַבאָטאַזש. פון דער אויספאָרשונג האָט ער זיך אַרויסגעפּלאָנטערט, אָבער ערשט האָט זיך די עפנטלעכע מיינונג אַרויפגעוואָלגערט אויף אים ווי אַ נייע משא, אַן ערגערע נאָך אפשר פון יענער. ווייל אויב יענץ איז געווען אַזוי שווער, הגם ס׳האָט געדויערט בלויז עטלעכע טעג, איז ווי ווער מעגלעך זיין איבערצוטראָגן די גערעדערייען, וואָס קאָנען געדויערן אין דער אומענדלעכקייט אַריין...

— איר ווייסט, אַז מ׳האָט קאַליע געמאַכט אַ מאָטאָר?

ניעדזיעלע האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז דאָך אָרעסטירט געוואָרן נאָכן פאָרפאַל, און אַלע ווייסן וועגן דעם גוט. איז אָדער זיי מאַכן פון אים חוזק, אָדער די קעפּ האָבן זיך זיי פּשוט פאַרדרייט. אויף דער דאָזיקער פראָסטער צי אפשר בייזוויליקער פראַגע האָט ער נישט געוואָלט ענטפערן, ווייל ס׳האָט אים באַהערשט אַ פריקרע מורא, אַז ער וועט נישט קאָנען צוקלייבן, נישט די ווערטער, נישט דעם טאָן, וועלכע וואָלטן קאָנען איבערצייגן די צוהערער אין זיין אומשולד. און אַ נישט געראָטענער ענטפער וואָלט בלויז פאַרשטאַרקט זייערע חשדים. ס׳האָט זיך אויף אַ ווײַלע איינגעשטעלט אַן אומאָנגענעם שווייגן, דורכגעזאַפּט מיט אומצוטרוי, בעת וועלכן ס׳איז אין ניעדזיעלען אָנגעוואָקסן צערייצטקייט.

— און אייך האָט מען אַזוי גלאַטיק פריי געלאָזט? — האָט קאָרפּיקעוויטש טרוקן אַ פרעג געטאָן.

— ניין, ראַציק... — האָט ער ווידער גראָב אָפּגעענטפערט.

— איר האָט מער מזל ווי פאַרשטאַנד.

די אַרבעטער זיינען אַזוי שנעל אַוועקגעגאַנגען, ווי שנעל זיי זיינען מיט אַ רגע פריער צוגעקומען. זייער נייגעריקייט איז געשטילט געוואָרן און מער איז זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען. קיינער פון זיי האָט אפילו נישט קיין קוק געטאָן אויף צוריק. ניעדזיעלע האָט זיך מיט עפּעס אַ שלאַבעריקן טראָט צוגעשלעפּט צו זיין שאַנק, זיך איבערצוטאָן צו דער אַרבעט.

פּלצוע האָט דורך דער גלאָז־וואַנט פון קאָנטאָר אויפמערקזאַם אָבסערווירט די דאָזיקע גאַנצע סצענע. לכתחילה, ווען די אַרבעטער זיינען צוגעלאָפן צו ניעדזיעלען, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ספּאָזמאַטישער צאָרן.

ער האָט זיי איבערגעציילט און זיך צוגעקוקט צו יעדן, כדי צו האָבן זיי אין דער צוקונפט אויפן אויג. אָבער וואָס ווייטער ער האָט אָבסערווירט, אַלץ מער איז דער צאָרן אויסגערונען פון אים, ווי וואַסער פון אַ גע־לעכערטער כּלי. זייערע שמועסן האָט ער נישט געהערט, אָבער מיט עפּעס אַ זעקסטן חוש אַרויסגעפילט, אַז דער שטח צווישן ניעדזיעלען און די, וואָס האָבן אים באַגריסט, ברייטערט זיך אויס. דאָס פּלוצלינגע אַוועקגיין פון די אַרבעטער האָט באַשטעטיקט זיינע השערות. אַ ווייטערדיקע באַשטעטיקונג האָט ער אויך אַרויסגעלייענט פון ניעדזיעלעס איינגעבויגענער פיגור און זיינע אומגעשיקטע באַוועגונגען.

דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ בפירושע סאַטיספאַקציע. מיט באַהאַל־טענער ליידנשאַפט האָט ער געקוקט ווי די שמידן, וואָס זיינען פאַרנו־מען ביי די האַמערס, דרייען אויס אויף אַ קורצער ווײַלע די קעפּ צון אים, בעת ער גייט צו דער שאַנק, און באַלד קערן זיי זיך גלייכגילטיק אום צוריק צו זייער באַשעפטיקונג. ווען ניעדזיעלע איז אָבער נאָכן אָנ־טאָן די אַרבעטס־בלוזע און דעם שירץ און נאָכן פאַרמאַכן די שאַנק גע־בליבן שטיין לעבן איר אומאַנטשלאָסן, איז פּלעצעס האַרץ ווייכער געוואָרן. ער האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז עס שטייט פאַר אים אַן אומגליקלעכער פאַרשיקטער, וואָס ליידט פאַר נישט באַגאַנגענע זינד, און איז שוין געווען אַנטשלאָסן אַרויסצוגיין צון אים, דערלאַנגען אים אַ פריינדלעכע האַנט און אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ, ווי אַ לייכטזיניקן זון.

אין דער רגע אָבער האָט ער זיך דערמאָנט ניעדזיעלען אויף דער פאַרזאַמלונג דעם טאָג פאַרן סאַבאָטאַזש, ווי ער האָט היסטעריש געמאַכט מיט די הענט און געשריגן נאַרישקייטן. און דאָס מיטגעפיל איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אים, ווי וואַקס, וואָס מע גיסט אַריין אין קאַלט וואַסער. ס׳האָט אָנגעכאַפּט פאַרן האַרץ אַ ביטערער ווייטיק, וואָס ער מוז זיך נאָך מאַטערן מיט מענטשן, וועלכע זיינען נידערטרעכטיק מחמת זייער טיפּשות, מאַטערן זיך דעמלט, ווען אַלע אָנשטרענגונגען פון געדאַנק וואָלט מען דאַרפן ווענדן אויף דער אַרבעט.

ער האָט זיך פונדעסטוועגן דערמאָנט, אַז די אַרבעט פירן אויס לעבעדיקע מענטשן, און די אַרבעט וועט זיין אַזעלכע, אַוואָסערע ס׳וועלן זיין אירע אויספירער. אין ליכט פון דער דאָזיקער דערמאָנונג האָט ער אָנגענומען אַן ענדגילטיקן באַשלוס וועגן דעם אופן פון האַנדלען בנוגע ניעדזיעלען.

...אויב מ׳האָט דיך פריי געלאָזט – האָט ער געטראַכט – הייסט עס, אַז דו ביזט נישט קיין פאַרברעכער. אָבער צוליב דיין נאַרישקייט ברענגסטו שאָדן... מע דאַרף דיר אַ ביסל די געהירן אויסוואַשן... נאָר

קודם־כל דאַרף מען דיר אָפּווישן די נאָז אויף ריין, און דערנאָך וועלן מיר זען...

ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך געוואָנדן צום באַאַמטן, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער טעכנישער ביוראָ אויף דער צייט, ביז מע וועט נישט געפינען קיין שטענדיקן שרייבער.

— גיט נאָר אַהער עפּעס אַ דריי פּראָסטע שטיקלעך...

— דאָ איז פאַראַן אַ צייכנונג אויף זעכצן קלינעס פּאַרן שנעלן וואַלצערמאַשין — האָט יענער געענטפערט, גלייך ווי ער וואָלט אָפּגעפּילט דעם מייסטערס כוונות.

— גיט אַהער.

באַקומענדיק די צייכנונג, האָט ער אַ ווינק געטאָן צו פעלעקן.

— פעלעק, טראָג דאָס אַוועק ניעדזיעלען און זאָג אים, אויב ער וועט נישט פאַרשטיין, זאָל ער פרעגן וואָנכן.

— קלאָר.

— געדענק, זאָלסט אים דאָס זאָגן... — האָט דער מייסטער איבער־געחזרט מיט אַ לאָבוזעוואַטן שמייכל.

פעלעקן האָט מען נישט געדאַרפט קיין סך אויסטייטשן, וואָס עס שטעקט אין דעם זאָג. ער האָט זייער גוט געקענט די פאַרהעלטעניש אין דער אָפּטיילונג, אויך געהערט דעם היינטיקן שמועס צווישן דעם מייסטער מיט ניעדזיעלען, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען דעם ציל פון זיין שליחות. ער האָט מיט זיין גאַנצער יינגלישער נשמה נישט ליב געהאַט ניעדזיעלען און וואָלט אים גערן דערגאַנגען די יאָרן אויף יעדן שריט, ווען דאָס וואָלט אים געקאָנט אָפּגיין טרוקן.

איצט האָט ער זיך דערפרייט, וואָס אויך אויף זיין גורל פאַלט אויס אַ טייל פונעם טריומף איבערן געמיינזאַמען שונא, וואָס ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן אַ מחלוקת, האָבנדיק הינטער זיך דעם גאַנצן כוח פון דער מאַכט. ער איז אַרויסגעלאָפן פון קאָנטאָר מיט אַ פלינקן טראָט, אָבער דערנענטערנדיק זיך צו ניעדזיעלען, וועלכער איז שוין געשטאַנען ביי זיין האַמער, האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם בויך און ברייט צעשטעלט די פיס. ער האָט אים שטייף דערלאַנגט די צייכנונג און גע־וואַרט, פאַרלייגנדיק די הענט אויף הינטן און פייפנדיק עפּעס אַ ממזרישע מעלאָדיע.

ניעדזיעלע האָט אַ וואָרף געטאָן אַ קורצן בליק אויף דער צייכנונג און באַלד איבערגעפירט אויפן יינגל דערשטוינטע צי גאָר דערשראָקענע אויגן. דעמלט האָט פעלעק רעציטירט מיט אַן אַמטלעכן טאָן:

— און דער מייסטער האָט געזאָגט, אויב עפּעס איז נישט קלאָר, דאַרף מען פרעגן דעם הער וואָגנ...

פּאָר ניעדזיעלען איז דאָס בלויז געבן אים אַזאַ אַרבעט געווען געגנוג ווייטיקלעך און שפּאָטיש, און דאָ נאָך אַ צולאָג די דאָזיקע שרעק־לעכע עצה... ס'זיינען דאָך שוין פאַרביי שיינע יאָרן פון דער צייט, ווען ער האָט אויסגעפירט אַזעלכע אַרבעטן. ער האָט זיך דערפילט אַזוי, גלייך מע וואָלט אים דעם קלין, וואָס מע זעט אויף דער צייכנונג, אַריינגעהאַקט אין די געדערים. האָט אָבער קיין כוח נישט געהאַט צו קעמפן פאַר זיין השיבות. האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט מיט רעזיגנאַציע אויף דער צייט, ווען ער וועט זיך אויסטשוכען פון דער היינטיקער מפּלה, וואָס וועגן איר גרייס האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעגעבן גענוי קיין חשבון. האָט דערשטיקט אין זיך די פאַרצווייפלטע רעפלעקסיעס און בלויז גיפטיק אַ צישע געטאָן דורך די ציין:

— איך דאַרף ביי קיינעם נישט פרעגן...

פעלעק האָט בלויז דערויף געוואַרט. דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געזאָגט, איז דאָך געווען אין מייסטערס נאָמען. און אים האָט שרעקלעך געביסן צוצוגעבן עפּעס פון זיך.

— ווען ס'וואָלט נישט נייטיק געווען — האָט ער פאַרביסן אָפּגע־האַקט — וואָלט דאָך דער מייסטער גאָרנישט געזאָגט...

דאָס האָט שוין ניעדזיעלע נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן צום יינגל געררייצט פון אַ געוואַלטיקן נקמה־באַגער, אַז ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַרן דאָזיקן אויסברוך.

— רוק זיך אָפּ פונדאַנען, כּלבֿל! — האָט ער געצישעט מיט ציין־קריצעניש.

אָבער פעלעק האָט זיך לחלוטין נישט איבערגעשראָקן. האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, אויטאָמאַטיש אָנגענומען אַ נאָך מער ארויסרו־פערישע פּאָזע, און בלויז די אויגן זיינען אים שמעלער געוואָרן, ווי ביי אַ ווילדער קאַץ, איידער זי וואַרפט זיך אויפן קרבן. האָט לחלוטין נישט געשטעלט אויף זיינע כּוחות, אָבער געוווּסט, אַז די אַרבעטער וועלן נישט לאָזן טאָן אים קיין עוולה. איבעריקנס, האָט ער מיט זיין נאָך קינדערישן אינסטינקט אָפּגעפילט, אַז דער קעגנער איז אַ געשלאָגענער, אַ שוואַכער און וועט זיך איצט נישט דערוועגן אויף קיין שום טאַט.

— נאַר נישט כּלבֿל — האָט ער קלאָר סקאַנדירט, זיך אָנשטרענגנ־דיק אויף אַ וואָס גרעבערער שטים. — נאַר נישט כּלבֿל, ווייל קיין צויג האָט מיך נישט געבוירן...

ניעדזיעלע האָט דערזען אין דעם ייִנגלס אויגן, אין זיין פּנים און אין זיין גאַנצער פיגור אַזויפיל צאַרטקייט, זעלבסטזיכערקייט און דרייסטקייט, אַז די פאַרצווייפלטע אויפרעגונג איז אַזוי שנעל פון אים פאַרשווונדן, ווי שנעל ער האָט זיך אויפגעקאָכט. ער האָט פּשוט אָפּגעפּילט, אַז ער מוז ווידער אָפּטרעטן, ווייל דורך דער אומדערקלערלעכער אוואַנטורע מיטן ייִנגל, וואָס איז באַליבט ביי אַלע אַרבעטער אין דער אָפּטיילונג, וואָלט ער זיך איינגעגאַנגען אַפּערגעריסן דעם באָדן פון אונטער די פיס. די קלעפּ זיינען צו שנעל געקומען איינער נאָכן אַנדערן און האָבן אים ניט געלאָזט זיך קאָנצענטרירן, צו קאָנען זיי אָפּשטויסן. פאַרקערט — ער האָט זיך געפילט וואָס אַמאָל צעשמעטערטער, צוגעדריקטער און אומבאַהאָלפענער.

דער אומבאַהאָלפענער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים אין אַ גרימאַסע, ענלעך אויף אַ שטום געוויין פון אַ קינד. ער האָט אומגעלומפּערט אַ טאַרקע געטאָן דעם ייִנגל אין אַקסל.

— פּעלעק... גיי אַוועק פונדאַנען...

פּעלעק איז לגמרי נישט געווען קיין געמיינער לאָבוז. ער האָט געהאַט אַ הייסן כאַראַקטער, פון די, וואָס קאָנען סטיכיש האַסן און ליידנשאַפטלעך קעמפן, אָבער טרעטן אָפּ גלייך נאָכן אָפּהאַלטן אַ נצחון און פאַרטראָגן נישט דאָס אָנזעצן זיך אויפן באַזיגטן. די אומבאַהאָלפנקייט פונעם קעגנער האָט אים תיכף אַנטוואָפנט און באַפרייט אין אים אַ צופלוס פון מיטגעפיל און באַדויער. ווען ער וואָלט נישט מיטן ערשטן אימפּעט געווען אַוועקגעגאַנגען, וואָלט ער זיכער געווען איבערגעבעטן מיט געוויין און חרטה געהאַט. אָבער ער איז תיכף-ומיד אַנטלאָפן אין קאָנטאָר אַריין און אויפן מייסטערס שפּאָטישער פראַגע — וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געחקירהט מיט ניעדזיעלען, האָט ער אויסמיידנדיק אַ וואָרטשע געטאָן:

— ע... ס'איז מיר אַ ביסל אַ רחמנות אויפן אַלטן.

און ביז פאַרנאַכט איז ער שוין געווען אומעטיק און שווייגעוודיק.

ניעדזיעלע האָט אַ וואָרף געטאָן די צייכנונג אויף דער קאָוואַדלע און שווער זיך אַנידערגעזעצט אויפן בענקל. האָט אָנגעוווירן דעם מינדסטן חשק צו דער אַרבעט און איז נישט אימשטאַנד געווען צו טראַכטן וועגן קיין שום זאַך. ס'האָט אים ווי געטאָן, וואָס די גאַנצע וועלט האָט זיך געשטעלט קעגן אים. און נאָך מער האָט עס אים ווי געטאָן, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן — פאַרוואָס?

פון דער פאַרגליווערטקייט האָט אים אַרויסגעריסן ערשט די שטים פון דעם געהילף.

— איז וואָס דאַרפן מיר מאַכן?

ניעדזיעלע האָט נישט געדן אַ קוק געטאָן. דאָס איז נישט געווען זיין אַמאָליקער געהילף. ער האָט זיך פויל אויפגעהויבן און זיך צוגע־שלעפּט נאָך אים צום מאַגאַזין נאָך מאַטעריאַל אויף קלינעס. האָט גע־הייסן דעם געהילף אָוועקטראָגן דעם מאַטעריאַל צום אויוון, און אַליין זיך אומגעקערט אין דער אָפּטיילונג. זוכנדיק אין עפּעס וואָס זיך אָנצו־כאַפּן, און אפשר ענדלעך זיך אַראָפּצורעדן פאַר עמעצן און געפינען אַ וואָרט דערמוטיקונג, האָט ער זיך צוגעזעצט צו בודולסקען. ער איז געווען מיט אים באַפריינדעט, זיי האָבן ביידע לאַנג געאַרבעט אין דער קוזניע און געווינט נישט ווייט איינער פון אַנדערן. בודולסקי האָט אים באַגריסט מיט אַן אומגעלונגענעם שמייכל, ווי ער וואָלט פּשוט אויסגע־שטשירעט אויף אים די ציין.

— וואָס הערט זיך? — האָט ניעדזיעלע געפרעגט אָן פאַרב.

— אָ... מע שמידט...

— ס׳איז דאָ אַ סך אַרבעט?

— אַ מאַסע.

— ביז וויפל אַזייגער אַרבעט איר?

— ביז וויפל ס׳קומט אויס.

— אַלע בלייבן נאָך דער אַרבעט־צייט?

— פאַרשטייט זיך. ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל בונטעווען.

ניעדזיעלע איז אַנטשוויגן געוואָרן. פון אַלע זייטן די דאָזיקע שטעכ־ווערטלעך... ס׳האָט זיך אים שוין געדאַכט, אַז די האַמערס שלאָגן נישט אין די קאָוואַדלעס, נאָר איבער זיין קאָפּ. ער האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז ענדערן די דאָזיקע ביטערע לאַגע. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט דאָס דערגרייכן מיט זאָגן עטלעכע לויב־ווערטער פאַרן מייסטער, ווייל ער האָט אָנגעהויבן אונטערבאַוווסטזיניק אַרויסצופילן, אַז די אַטמאָספער אין דער אָפּטיילונג האָט זיך געענדערט, אַז נישט בלויז דער מייסטער האָט זיך געענדערט, נאָר אויך די באַציונג פון די מענטשן צום מייסטער. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צי אויף אַזאַ אופן וועט ער עפּעס געווינען, אָבער באַשלאָסן צו פּרוּוון.

— אונדזער מייסטער איז עפּעס אַזוי... ווי קאָמאַנדירן וואָלטן אים אַ ביס געטאָן... — האָט ער אָנגעהויבן פולשטענדיק אומגעשיקט.

— אונדזער מייסטער איז אַ פיינער און קלוגער יונג — האָט בודולסקי געענטפערט אָן פאַלשן פּאַטאָס.

— דאָס ווייס מען, אַז אַ קלוגער, אָבער... עפּעס האָט ער באַקו־מען הערנער... — האָט ניעדזיעלע געוואָלט עקשנותדיק דורכהאַקן די אומבאַקאַנטע, אָבער אָפּגעפּילטע שטערונג.

— פאַר וועמען ער האָט הערנער, פאַר וועמען ער האָט נישט קיין הערנער. וואָס ער האָט הערנער פאַר די מנובלים איז זייער גוט.

די אָנצוהערעניש איז געווען אַ צו בולטע, עס זאָל אים ווידער נישט קיין שטאָך טאָן, ווי אַ פאַרגיפטעטע שאַרף.

— קודם דאַרף מען וויסן, ווער ס׳איז אַ מנוול.

— מענטשן ווייסן גוט. ס׳איז נישט שווער צו דערקענען ווער ס׳העלפט, און ווער ס׳וויל שטערן.

— איר האָט עפּעס אַלע באַקומען הערנער.

— טייל מאָל דאַרף מען אַזוי.

— פייניקער, טייוולאָנים...

אין די דאָזיקע לעצטע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַקצענט, מיט ליידנשאַפטלעכן ברען, האָט ער אַריינגעגאָסן די גאַנצע ביטערקייט און דעם ווייטיק, די אַלע שווערע און שלעכטע געפילן, וועלכע האָבן אים אַלץ מער צוגעדריקט מיט אַ שווערער לאַסט. האָט ער כאָטש אַ ביסל צוריקגעביסן, און ס׳איז אים עטוואָס לייכטער געוואָרן.

אָבער גלייכצייטיק האָט ער אָפּגעפילט אַרום זיך אַ קאַלטע, פּשוט אומדערטרעגלעכע פוסטקייט. האָט שוין אין ערגעץ נישט געזוכט קיין אונטערשטיצונג. האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין האַמער און אַ גאַנצן טאָג געשמידט מיט אַזאַ סטאַיִשער עקשנות, גלייך ווי ס׳וואָלט אים נישט געגאַנגען אַזוי ווייט אין אויספירן די אַרבעט, ווי פאַרטויבן די אינערלעכע גריזשעניש.

פלעווע האָט אים כמעט דעם גאַנצן טאָג נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג. געזען ווי ניעדזיעלע האָט געשמידט אַ קלין נאָך אַ קלין און נישט גערעדט אַפילו מיט זיין געהילף. געזען ווי וואָנך איז אין אַ פרייער רגע צוגעגאַנגען צו אים און האָט עטלעכע מינוט געשמועסט. ס׳איז אויך נישט אַדורך פאַר אים אומבאַמערקט, אַז נאָך דעם שמועס האָט ניעדזיעלע באַדייטנדיק אויפגעלעבט. דאָס אַלץ האָט דער מייסטער אָבסערווירט און וועגן אַלץ געטראַכט.

פאַרן פאַרענדיקן די אַרבעט איז ער צוגעגאַנגען צו וואָנכן.

— ווי מיינט איר, וואָנך, מיר האָבן ניעדזיעלען אָנגעלערנט.

— פעסט.

— ס׳וועט זיין גענוג.

— ס׳וועט זיין גענוג?

— און איך מיין, ער איז נישט אַזאַ גרויסער מנוול און ער האָט צום מאָטאָר קיין שום שייכות נישט...

— כ׳מיין, אַז נישט...

— ער איז מער נאַר, ווי מנוול. און מיר דאַכט זיך, אַז ס׳האָט אים אַביסל צעטרייסלט און ערשט וועט ער קאָנען ניכטערער און ערלעכער טראַכטן. ניין?

— כ׳מיין, אַז יאָ.

— וועגן וואָס האָט איר געשמועסט מיט אים?

— אַזוי זיך... וועגן פאַרשיידענע זאַכן צו ביסלעך...

— ער האָט זיך באַקלאָגט אויף מיר?

— אויף אייך נישט, האָט זיך אָבער באַקלאָגט, אַז אַלע קוקן אויף אים קרום, און ער ווייסט נישט פאַר וואָס?

— איר האָט עס אים געגעבן צו פאַרשטיין?

— אַ ביסל.

פלעווע האָט זיך אַ רגע געקווענקלט, איינקוקנדיק זיך מיט אַ פאַרשנדיקן בליק אין וואַנכן, ווי ער וואָלט וועלן אין אים עפּעס איבערלייענען. לסוף האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך בעט אייך, וואַנך, קודם פאַרנעמט איר זיך מיט אים פּאַמעלעכינקע. אפשר וועט זיך אייך איינגעבן אַרויספירן אים אויפן גלייכן וועג... ער איז דאָך אַן אַרבעטאָרער פון דור דורות און נישט עפּעס אַ פּריצל. נישט מער, ביי אים אין קאָפּ איז עפּעס נישט דאָסיק...

וואַנך האָט אַ שמייכל געטאָן און געדיכט געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט וואָס ער האָט אויסגעדריקט סיי זיין הסכמה אונטערצונעמען זיך די דאָזיקע אויפגאַבע, סיי דאָס אַפּראָבירן דעם ריכטיקן צוגאַנג, סיי אָנערקענונג פאַרן מייסטער.

XXIII

בעת פלעווע האָט זיך אָקאָרשט שנעל, כמעט תיכף צוגעוווינט צו דער נייער וווינונג מיט אַלע אירע נייסן און באַקוועמלעכקייטן, איז דאָס דעם ווייב זיינעם נישט געגאַנגען אַזוי לייכט. זי האָט כסדר אָנגעקוואָלן פון דער רחבות, דעם ליכט, די מיט פאַרבן געמאָלטע ווענט, דער פאַר־נעמלעכקייט פונעם מעבל — אין דער ווירקלעכקייט גענוג פשוטס — וואָס האָט זיך איר אויסגעוויזן ווי אַ ווונדער.

זיי האָבן באַקומען אַ וווינונג פון צוויי צימערן, מיט עלעקטרע און וואַסער, מיט אַ באָד־צימער, כמעט קאָמפּלעט איינגעאָרדנט, וואָרן די

דייטשע פאַמיליע, וואָס האָט זי פאַרנומען פאַר דער גאַנצער אָקופּאַציע-צייט, האָט געמוזט אַזוי שנעל אַנטלויפן, אַז זי האָט באַוויזן מיטצונעמען בלויז די זאַכן, וואָס מע קאָן טראָגן מיט דער האַנט. אַפילו דאָס בעט-געוואַנט אין די בעטן איז געבליבן. אַזוי ווי ס'איז געווען אַ וווינונג אין אַ פאַבריק הויז, האָט די נייע פאַבריק-וואַך, גלייך נאָכן אַנטלויפן פון די דייטשן, גענומען איבער דעם די השגחה, אָפּצוהיטן עס פאַר שאַבראַוו-ניקעס. וואָס אַן אמת, האָבן זיי נישט אינגאַנצן איינגעהיט, מע זאָל נישט נישטערן אין די שענק פון די פאַרלאָזטע וווינונגען און נישט צונעמען די בעסערע זאַכן, פונדעסטוועגן איז דאָס, וואָס איז נאָך געבליבן אין דער שאַנק פון די פלעווס, געווען פאַר די נייע, זייער באַשיידענע באַלעבאַטים אַ היפש פאַרמעגן. צוממיינסטן האָבן זיי זיך געפרייט, וואָס זיי האָבן צוויי צימערן מיט גרויסע פענצטער, מיט געמאָלטע ווענט און פּאָדלאָגעס, באַשטעלטע מיט מעבל, פון וועלכע די פאַרב איז נישט אָפּגעקראָכן און סע סקריפּעט נישט ביי אַ ליאָדע באַוועגונג.

— נו, איז דאָס... — האָט די פלעוועכע מיט ברען איבערגעחזרט.

די צימערן האָבן איר נישט פאַרשאַפט קיין קלאָפּאָט, פאַרקערט — זי האָט זיך צוליב זיי געפילט שטאַרק גליקלעך. די לכתחילהדיקע פאַר-לעגנהייט, וואָס האָט זי קרעמפּירט אין אָנבליק פון די דאָזיקע אומגע-ווינלעכע באַדינגונגען און אָפּגענומען די פרייהייט פון די באַוועגונגען און די זעלבסט-זיכערקייט, האָט זיך אויסגעוועפּט און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַרן געפיל פון פולן גליק און נחת-רוח.

זי האָט זיך נאָך כּסדר ביי יעדן מאָל אַרייַנגיין אין צימער פאַר-האַלטן ביי דער טיר און אַרומגענומען מיט אַ ברייטן בליק דעם גאַנצן רוים, אָבער אין דאָזיקן בליק איז וואָס ווייטער געווען אַלץ ווייניקער דערשטוינטע אומזיכערקייט און שרעקעוודיקער אומגלויבן, נאָר וואָס מער ווייכע באַרוישונג און באַלעבאַטישע האַרציקייט.

נאָך אַ געוויסער צייט, האַלטנדיק די צימערן אין אידעאַלער אָרדענונג, האָט זי זיך אין זיי געפילט אַזוי, ווי זי וואָלט דאָ געווינט פון געבוירן אָן.

ערגער איז געווען מיט דער קיך. ביי זיך אין דער הייזקע האָט זי געהאַט איבער דער פּליטע אַ ברייטע פּאַליצע, אויף וועלכער ס'איז געווען געגנוג אָרט פאַר די שוועבעלעך, זייף, אַ שאַכטל קאַווע, און אין איילעניש איז דאָרט באַקוועם געווען אַוועקצולייגן אַ מעסער, אַ שמאַטע צו די טעפּ... דאָ איז קיין פּאַליצע נישט געווען און דאָס איז געוואָרן פאַר דער באַלעבאָסטע אַן אמתע פּלאָג. די האַנט מיט די שוועבעלעך אָדער מיט עפּעס אַן אַנדער זאַך האָט זיך אויפגעהויבן, געפירט מיכן

כּוח פון געוווינטשאַפט, אויף דער באַשטימטער הייך איבערן קאָפּ און אַריינגעטראָפן אין דער ליידיקייט. נישט זעלטן איז די זאַך, וואָס איז אין איילעניש אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף דער נישט פאַראַנענער פּאָליצע, מיט אַ טומל אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּליטע, אָדער גלייך אויפן קאָפּ פון דער צעשטרייטער באַלעבאָסטע און האָט זי שטאַרק איבערגעשראָקן און אַרויסגערופן אַ שוידערלעכע אויפרעגונג.

איינמאָל איז דער מאַן געווען אַ צופעליקער עדות פון אַזאַ געשע-עניש. און דאָס בילד פון דעם איבערגעשראָקענעם ווייב, וואָס דאָס שאַכטל קאַווע, געשטעלט אין דער ליידיקייט איבערן קאָפּ, איז איר אַראָפּגעפאַלן אויף דער נאָז, האָט אַרויסגערופן ביי אים אַזאַ אָנפאַל פון געלעכטער, אַז ער איז אַזש אַרויפגעפאַלן אויף דער שטול.

זי האָט זיך, זידנדיק פון כּעס, אַראָפּגעזעצט צוזאַמענצושאַרן די פונאַנדערגעשאָטענע קאַווע. יעדער פּאַל אַזעלכער האָט זי אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט, און שוין אָפּגערעדט ערשט, אין די אויגן פון מאַן. אָבער זיין געלעכטער איז געווען אַזוי אָנשטעקנדיק, אַז זי האָט געמוזט אַ ווײַלע פעסט פאַרקלעמען די ציין, זי זאָל אויך נישט אַרויספּלאַצן. און פּלוצלינג האָט זיך איר דאָס, וואָס האָט זי שטענדיק אויפגערעגט, אויסגעוויזן באמת קאָמיש. זי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט כּלומרשטן פירהאַלט אַ קוק געטאָן אויפן מאַן. האָט זיך באַמיט אויסצוזען אין כּעס, כאָטש פון די ליפּן-ווינקלען און די לעבעדיקע אויגן האָט געשפּריצט געלעכטער, און צוגעוואָרפן מיט געמאַכטן פאַריבל:

— ער לאַכט נאָך...

זי האָט אויסגעזען אַזוי באַחנט, אַז פּלעווע האָט זי, ווייטער לאַכנדיק, אָבער שוין צערטלענדיק, אַרומגענומען ביי די אַקסלען און אַ קוש געטאָן אין דער פאַררויטלטער באַק.

ווי אַנדערש זי האָט אויסגעזען אין דאַזיקן ווייסן שירץ און ווייסן טיכל אויפן קאָפּ אין דער אַטמאָספער פון דער ציכטיקער קאַכלנער קיך.

— נו, יאָ... — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטאַרק געמאַכטער, קינדע-רישער מינע. — אַלץ האָט מען אַזוי געהעריק איינגעאָרדנט און וועגן אַ פּאָליצע פאַרגעסן. איך בין געווען צוגעוווינט און איצט... טרעף איך זיך אַלץ אין קאָפּ אַריין... — זי האָט ענדלעך אַרויסגעפּלאַצט דאָס לאַנג איינגעהאַלטענע געלעכטער.

ער האָט געלאַכט צוזאַמען מיט איר, און דערנאָך אָנגעהויבן רעזאָ-נירן מיט האַלב לצנותדיקן און האַלב מוסרדיקן טאָן.

— זעסטו, טייערע מיינע... אַזוי איז עס געוויינלעך, אַז ווען מענטשן געוויינען זיך צו עפּעס צו, איז כאָטש זיי האָבן שפּעטער

בעסערס און באַקוועמערס און... קלוגערס, קלאָמערן זיי זיך נאָך אַ לאַנגע צייט אויף בלינד פאַרן נעכטיקן און... טרעפן זיך אַליין עפּעס אין קאָפּ אַריין... — ער האָט נאָכאַמאָל קורץ זיך צעלאַכט. — אויב דאָס איז ביי דער פּליטע, איז עס אַ נאַרישקייט... קאָן מען זיך בלויז אָנלאַכן. אָבער אַזוי געשעט עס אומעטום. סיי אין דער אַרבעט, סיי אין דער פּאָליטיק, סיי... אומעטום. און ערשט ווען מע געוווינט זיך צו צום נייעם, זעט מען, אַז ס'איז דורכויס בעסער. און דעמלט וווּנדערט מען זיך אויף זיך אַליין, וואָס מ'האָט דאָס באַלד נישט געזען. אָט וואָס... איך אַליין האָב נישט איינמאָל אַזוי געטאָן, און... נישט איינמאָל טו איך נאָך היינט... — האָט ער זעלבסטקריטיש צוגעגעבן, כּדי אונטערצושטרייכן די ריכטיקייט פון זיין מיינונג.

מיט דער אַרבעט, ווי מיט דער אַרבעט, אָבער מיט דער וווינונג איז ער זייער שנעל היימיש געוואָרן. פאַר אים זיינען דאָך צוויי לייטיש אויסמעבלירטע צימערן נישט געווען אַזאַ גרויס אומגעזען נייס, ווי פאַר זיין ווייב, אַ טאָכטער פון אַ דאָרפישן לוין-אַרבעטער, אַ סעזאָן-אַרבעטערין ביי פעלדווירטשאַפט, וואָס פלעגט ערשט אין שפּעטן האַרבסט פאַרלאָזן דאָס דאָרף און זיך פאַרדינגען אויף סעזאָן-אַרבעט אין אַ צוקער-פאַבריק, ווו זי האָט געוווינט אין אַ געמיינזאַם, טונקל, טוכלע צימער צוזאַמען מיט אַ גאַנצער חברה סעזאָן-אַרבעטערינס אַזוינע ווי זי. ער איז דאָך געווען אויפן פראָנט אין יענער מלחמה און טיילמאָל אַריינגעקומען אין די פאַרנומענע געביטן אין גוטבאַזיצערישע, אָדער דירעקטאָרישע פּאַלאַצן. ער האָט נאָך גרעסערע וווּנדער געזען. דערצו נאָך האָט ער געוווּסט, אַז אינגיכן וועלן אין פּוילן קומען אַזעלכע צייטן, וואָס קיינעם וועט נישט פאַרווונדערן און נישט מאַכן אָפּהענטיק אַ צווייצימערדיקע, לייטישע וווינונג, ווייל יעדער וועט זי האָבן. און מענטשן וועלן אויפהערן צו שטעלן קאַווע אויף אַ פּאָליצע, וואָס איז שוין נישט פאַראַן...

אפשר זיינען נישט געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן דערין געגלייבט, ער אָבער האָט געגלייבט.

ס'וואָלט געווען נישט ריכטיק צו טראַכטן, אַז דאָס באַקומען אַזאַ וווינונג איז פאַר אים בכלל נישט געווען קיין געשעעניש. איז וואָס, אַז ער האָט געזען נאָך שענערע שטובן, אויב ער אַליין האָט אַזויפיל יאָרן געוווינט אין אַ מער ווי באַשיידן צימער. אָבער אים האָט די נייע וווינונג נישט איבערראַשט. נאַטירלעך, ער האָט גרויס פאַרגעניגן פון לייענען צייטונגען אָדער אַ בוך ביי דער גאָרער שיין פונעם גלי-לעמפּל, וואָס איז אַזוי אַנדערש פון דעם שיין פון אַ רייכערנדיקן נאַפט-לעמפּל...

דעם ערשטן אָוונט אין דער נייער וווינונג האָט ער אַפילו אָפּגעטאָן צוליבן דאָזיקן גלי־לעמפּל אַ שטיקל נאַרישקייט.

ער האָט עס אָנגעצונדן מיט אַ קוים באַמערקטער שנעלערער בלוט־פּולסירונג אין די שלייפן, טיף אָפּגעאָטעמט און באַרוישט געפּירט די פון נחת־רוח פאַרזשמורעטע אויגן איבער די גלאַטיקע מיט באַשיידענע מוסטערן באַמאָלטע ווענט, און נאָכאַמאָל באַקוקט ביים פולן ליכט דעם טיש, די שטולן, דעם קרעדענס, די ווייכע קאַנאַפּע אין ווינקל און דאָס רונדיקע טישל, באַדעקט מיט אַ קלאָר טישטעכל, אויף וועלכן דאָס ווייב האָט שוין באַוויזן אַנידערצושטעלן אַ בוקעטל בלומען. די דאָזיקע בלימע־לעך האָבן אים דערמאָנט דאָס ווייב, און דאָס האָט אויפגעוועקט אין אים אַ נאַאיווע נייגעריקייט.

— און ווי זעט אויס ערשט די קיך?...—האָט ער אַ מורמל געטאָן.

ער האָט אָפּגעמאָסטן מיט אַ גדלותדיקן בליק דאָס קליינע פאָדער־צימער און מיט אימפּעט אַ שטופּ געטאָן די קיך־טיר. די קיך האָט זיך אויך געבאָדן אין שפּעדיק ליכט. ס׳איז נישט געווען אַזוי שטאַרק ווי אין צימער, נאָר די גלאַטיקע ווייסקייט פונעם קאַכלענעם קיכל האָט פאַר־שטאַרקט די העלקייט.

דאָס ווייב איז שטיינגעבליבן אין מיטן דעם פאַרעניש און זיך צע־שמייכלט אין פריידיקער פאַרלעגנהייט. דאָס בילד איז געווען אַ העלס, אַ ריינס, אַ האַרמאָנישס. אויפן דאָזיקן הינטערגרונט האָט דאָס נאַפט־לעמפּל מיטן נאָכנישט אויסגעפוצטן גלעזל, וואָס איז געשטאַנען אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט, שאָקירט, ווי אַ פלעק אויף אַ ווייס בייגעלע פּאַפּיר. ער האָט עס אַ נעם געטאָן מיט ביידע הענט און מיט פאַראַד אַרויס־געטראָגן פון קיך. ס׳האָט זיך געהערט, ווי ער איז אַרויס אין קאָרידאָר און אַראָפּ אונטן. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער געווען צעשמייכלט ווי אַ קליינער קונדס, וואָס האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַן אומשולדיק שפּיצל.

— וואָס האָסטו דערמיט געטאָן?

— כ׳האָב עס צעבראָכן אינעם מיסט־קאַסטן... — האָט ער וווילזיניג־געריש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— נו, זעסטו! — האָט זי אַ געשריי געטאָן אָן כעס, אַקצענטירנדיק דעם לעצטן טראַף. — סאַראַ חכם דו ביזט...

— וואָס דאַרף דאָ אַוורן אַזאַ שמוצער און דערמאָנען די אַלטע צייטן.

— און אַז דאָס ליכט וועט קאַליע ווערן?

— ס׳וועט נישט קאַליע ווערן.

— פונוואַנען ווייסטו עס? און ווען אפילו... קאָן מען עס דאָך פֿאַרקויפֿן, אָדער כאָטש עמעצן שענקען. נאָך וואָס קאָליע מאַכן? דאָס האָט דאָך אויך געקאָסט אַרבעט. די מיינסט, אַז אויב דו האָסט ליכט, האָבן שוין אַלע?... און דערווייל זיצט דאָ נישט איינער ביי אַ ליכטל, ווייל די מלחמה האָט ביי אים אַלץ אַ תל געמאַכט...

— דאָס איז אמת — איז ער באַלד פֿאַראומערט געוואָרן. — טייל מאָל טראַכט אַ מענטש נישט איבער.

ער האָט מיט אָנערקענונג אַ קוק געטאָן אויפֿן ווייב און איז פֿאַרכמורעט אַרויסגעגאַנגען פֿון קיך.

בכלל אָבער האָט ער זיך איצט זעלטן געכמורעט. יעדעס צוריקקומען פֿון פֿאַבריק אַהיים האָט אים אָנגעפֿילט מיט גליקזעליקייט. ער האָט אָפֿט געפֿירט מיטן ווייב ברייטע, געוויינלעך האַרציקע שמועסן אויף פֿאַרשיידנסטע טעמעס. זונטיק פֿלעגן זיי גיין אין קינאָ. ער איז געווען פֿריש, געזונט, פֿול מיט חשק צום לעבן, כאָטש נישט תמיד איז געווען וואָס אין טאָפּ אַריינצולייגן.

טאָג־טעגלעך פֿלעגט ער ביז שפּעט ביינאַכט זיצן איבער אַ צייטונג אָדער אַ בוך און האָט פּשוט בחוש געפֿילט ווי די וועלט העלט אויף פֿאַר די אויגן, ווי דאָס לעבן און די אַרבעט באַקומען אַ תוכיקן, נייעם, אמתדיקן ווערט. זיין טעטיקייט און זיינע האַנדלונגען זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל מער זילגעוועונדטער, דורכגעטראַכטער און קאָנסעקווענטער. ס'איז פֿאַרשוונדן ערגעץ די פֿרייע צייט, מיט וועלכער מ'האָט אַנומלט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ס'האָבן זיך געענדיקט די פּוסטע, פּרוכטלאָזע אַבסטראַקטע נאָכטראַכטענישן וועגן דער פֿאַרגאַנגלעכקייט פֿון דער וועלט, ווייל ערשט איז געווען וועגן וואָס צו טראַכטן קאָנקרעט.

אַזויפֿיל אינטערעסאַנטע, פֿריידיקע זאַכן האָבן זיך אָפּגעטאָן אַרום...

די פֿאַבריק האָט כמעט מיט יעדן טאָג זיך אָנגענומען מיט וואָס מער לעבן. ווי פֿריידיק פֿלעגט ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דער אַרבעט אַהיים, אַזוי פֿריידיק איז ער געגאַנגען פֿון דער היים צו דער אַרבעט פֿול מיט חשק און מוט. איצט איז די אָפּטיילונג שוין געווען פֿאַר אים אַ באַהערשטע סטיכיע, מיט וועלכער ער האָט זיך גענערט, געאָטעמט, און אין וועלכער ער האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה. ווען ער האָט גרינטלעך דורכגעטראַכט דעם ענין, איז ער געקומען צום דערשטוינענדיקן, אָבער אָן ספֿקדיקן אויספֿיר, אַז דער סאַבאָטאַזש האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט זיך זיכער נישט געלאָזט לייכט דערגרייכן ביי אַ לאַנג דויערנדיקער, עקשנותדיקער, אָנגעשטרענגטער, אָרגאַניזאַציאָנעלער, אַגיטאַטאָרישער און דערציערישער אַרבעט. ער האָט אים

גופא אַרויסגעפּירט אויפן ריכטיקן וועג און אַלע אַרבעטער אין דער אָפּטיילונג איבערגעבויט און פאַרייניקט.

ביים אַרבעטער קאָן מען אַ סך אָוועקנעמען, אָבער די חשיבות און די ליבע צו דער אַרבעט וועט ביי אים קיין שום כּוח נישט אָוועקנעמען. יעדער אַטענטאַט אויף זיין ערע און אַרבעט ציט צו דונערן אויפן אַנפאַלער גופא און איז זיך אין אים אומברחמנותדיק נוקם. די דאָזיקע דונערן געפונען זיך אומעטום און דרימלען בלויז, ביז וואַנען ס׳געפינט זיך נישט אָפּ קיין כּוח, וועלכער זאָל זיי באַפרייען.

פלעווע האָט דאָס איצט באַנומען מיט שפּעררישער קלאָרקייט.

זיין לאַגע אין דער אָפּטיילונג האָט זיך נאָך מער פאַרבעסערט, זינט מ׳האָט אים צוגעשיקט דעם נייעם שרייבער.

דאָס איז געווען אַ נישט אַנזעעוודיק, קליין מענטשעלע, מיט אַ ברייט, טונקל-ברוין פּנים און עטוואָס צו גרויסן קאָפּ, וואָס זיין גאַנצע פיגור האָט געהאַט סימפּטאָמען פון אַ דורכגעמאַכטער ענגלישער קרענק און פון נויט. נישט פּראָפּאָרציאָנעל ברייטע פלייצעס, אויסגעקרומטע פיס, לאַנגע הענט מיט דינע געלע פינגער. בכלל איז די גאַנצע אויסער-לעכקייט נישט בלויז נישט קיין צוציענדיקע, נאָר גיכער אַן אָפּשטויסנ-דיקע. בלויז די גרויסע אויגן פון מוטנע גרויען-קאָליר האָבן געקוקט עפּעס אַזוי אוממיטלבאַר, טיף און סימפּאַטיש, אַז זיי האָבן פאַרשטעלט אַלע פעלערן פון גוף און מיט פילבאַרע, זיידענע פעדעם אַרומגעוועבט די נשמה פון יענעם, אויף וועמען זיי האָבן געקוקט.

פלעווע וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן מאָמענט, ווען דער שרייבער איז אַריינגעקומען אין קאָנטאָר, דרייסט, אַנטשלאָסן, ווי אַ שטענדיקער איינגייער און אויפמערקזאַם זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט וועלן אויסמעסטן, צי ס׳וועט דאָ זיין גענוג פּלאַץ פאַר אים. ער האָט פאַרהאַלטן דעם בליק אויף פלעווען און מיט דער האַנט געמאַכט עפּעס אַן אומבאַשטימטע, אָבער ענערגישע באַוועגונג.

— דאָס זייט איר עס, פאַניע, דער מייסטער פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג, בלאַזשעי פלעווע?

— יאָ.

— מ׳האָט מיך געשיקט צו אייך, פאַניע, פאַר אַ שרייבער. איך הייס אַנטאָני זאַבאָבאָן.

ער איז דרייסט צוגעגאַנגען, אויסגעשטרעקט די האַנט און פאַרשגדיק זיך איינגעקוקט אינעם מייסטער, ווי ער וואָלט אַראָפּגעלאָזט צוויי צאַרטע זאָנדן אויפן גרונט פון זיין נשמה. דער טייוול ווייסט עס, צי

ער האָט געוווסט וועגן דעם פאַרכישופנדיקן כוח פון זיינע אויגן, צי ער האָט דאָס געטאָן אינגאַנצן אומבאַוווסטזיניק.

פלעווע האָט דערפילט עפּעס אַן אומבאַשטימטע צופרידנקייט, ווען ער האָט גערדריקט זיין מאָגערע האַנט. דער געקומענער האָט זיך גלייך געוואָנדן צום באַאַמטן פון דער טעכנישער ביוראָ, וואָס איז געווען פאַרנומען ביים טיש.

— און איר, פּאַניע, דאַכט זיך, פאַרנעמט דאָ מיין אָרט. איצט וועט מען דאַרפן שנעל מיר צווייזן ווו, וואָס און ווען, און זיך אָפּטראָגן צו דער אייגענער אַרבעט.

זיי האָבן זיך גערדריקט די הענט, און יענער האָט לאַנג געקוקט מיט אַ פאַרכישופטן בליק אויף זיין נאָכפאָלגער. דער געקומענער האָט אויך נישט פאַרזען פעלעקן. האָט אים דערזען אין ווינקל און איז צוגע-גאַנגען צון אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— און דו וואָס טוסט דאָ, יאַט? אַ שיק-יינגל?

— עהע... — האָט זיך דאָס יינגל צעגאָסן אין אַ ברייטן שמייכל.

— ווי הייסטו?

— פעליקס סאָיעצקי. נאָר אַלע רופן מיך פעלעק...

— איך בין אויך געווען אַזאַ אַנטעק ווי דו אַ פעלעק. נאָר אין אַ דרוקעריי... נאָר דו ביזט אַ געזונטער יונג, און איך בין געווען אַ חלוש.

און האָט זיך ווידער געוואָנדן צו פלעווען, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין.

— כ׳מיין, מיר וועלן זיך נישט „פּאַניעווען"?

אין זיין דאָזיקער דרייסטער האַנדלונג איז נישט געווען קיין טראָפּן עזות אָדער חוצפּה, נאָר בלויז אַן אויסערגעוויינלעך סובטעלע און פּשוטע אוממיטלבאַרקייט.

אָט דאָס איז אַ געפינס... — האָט דער מייסטער אַ טראַכט געטאָן און גלייך הארציק מסכּים געווען אויפן פאָרשלאָג. ער האָט אויך נישט ליב געהאַט דאָס דאָזיקע „פּאַניעווען" זיך.

— וואָס פאַר אַ פּאַנעס זיינען מיר דאָרט... — האָט ער נאָכלאָזיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אָבער גלייך האָט ער זיך אָריענטירט, אַז אויב די זאַך האָט אָנגענומען אַזאַ ווענדונג, דאַרף ער מאַכן דעם אָנהייב זיך צו אירצן. ער האָט, נישט זוכנדיק קיין שום אומגעלומפּערטע אויסריידן, באַשלאָסן אַ שיס צו טאָן מיט אַ וויץ, וואָס האָט זיך געבונדן מיטן געקומענעמס פאַמיליע-נאָמען. צוליב שטאַרקערן עפעקט האָט ער נאָך אַ פרעג געטאָן:

— איז ווי הייסט איר?
— זאַבאָבאָן.
מיט כלומרשטן ערנסט האָט פלעווע אַ דעקלאַמיר געטאָן:
— נו... נישט יעדער זאַבאָבאָנע איז אַ ז אַ ב אָ ב אָ נ ע און נישט יעדע פלעווע איז אַ פ ל ע וו ע.
אַלע האָבן זיך לוסטיק צעלאַכט, און אין קאָנטאָר האָט זיך גלייך פאַרשפרייט אַ וואַרעמע היימישע אַטמאָספער. זאַבאָבאָן האָט זיך געזעצט ביים טיש, דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער די פאַפירן און ביכער, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט אויף אים, און קורץ אַ זאָג געטאָן:
— ווייווט-זשע מיר שנעל, וואָס און ווען איך האָב צו טאָן...
פלעווע האָט נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטאָן, אַזוי פאַר זיך, און, נישט אָפּגעבנדיק זיך אַפילו קיין רעכענונג וואָס ער טוט, זיך גענומען רייבן די הענט.
שפּעטער האָבן זיך אין אים פונדעסטוועגן גענומען וועקן מחשבות. די דערפאַרונג האָט דאָך אים שוין אויסגעלערנט, אַז מע טאָר נישט אָפּשאַצן קיין מענטשן אַזוי פון איין קוק און פאַרבלייבן ביי די ערשטע איינדרוקן. יעדער טייוול קאָן באַווייזן זיך אויסצופוצן אין מלאָכישע פעדערן. מע דאַרף זיך שטענדיק צוקוקן צי די דאָזיקע פעדערן זיינען אַרויסגעוואַקסענע, צי בלויז צוגעקלעבטע...
אָבער וואָס בעסער ער האָט זיך צוגעקוקט צו זיי, אַלץ מער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אין דאָזיקן פאַל איז דאָס צוקוקן זיך לחלוטין איבעריק. דער דאָזיקער מענטש האָט געטראָגן די נשמה אויבנאויף, ווי אַ קראַוואַט. און אַזאַ אָפענע נשמה מוז זיין אַ גוטע.
בכלל איז דאָס געווען אַ טשעקאַוואַר מענטש. צו דער אַרבעט האָט ער זיך שטענדיק געאיילט, ביי דער אַרבעט גופא אָבער פון דער איילִיקייט זיך באַפרייט, געטאָן אַלץ סיסטעמאַטיש, פּינקטלעך, געוויסנ-האַפט און אַדאַנק דעם גיך, ווייל ער האָט קיינמאָל זיין אַרבעט נישט פאַרריכט און קיינמאָל נישט פאַרלוירן אומזיסט קיין צייט. האָט טיילמאָל פולשטענדיק דיספּאָנירט מיט איר און זי געקאָנט אויסמעסטן און טיילן, ווי אַן אָנגעשטעלטער אַ שטיק לייוונט אין אַ מאַנופאַקטור-קראָם. האָט שטענדיק אַלץ געהאַט געמאַכט צום טערמין, און ס'איז אים נאָך געבליבן שפּאָר צייט אויף צו טאָן וואָס-עס-איז, וואָס קיינער האָט פון אים נישט פאַרלאַנגט און ס'האָט געבראַכט עפּעס אַ נוץ.
אינגיכן האָט זיך צווישן זיי איינגעשטעלט אַזאַ האַרמאָניע און קעגנזייטיקער צוטרוי, אַז די פריינדשאַפטלעכע געפילן איז ענג געווען אין זייערע הערצער און האָבן אָן אויפהער געזוכט עפּעס אַן אויסגאַנג.

דער מייסטער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געשאָקלט מיטן קאָפּ פון אַקסל ביז אַקסל, אויפגעהויבן די ברעמען, באַרימעריש אָנגעבלאָזן די ליפּן און איבערגעחזרט:

— אָבער האָבן מיר עס איצט אַ שרייבער, האָ! האָ!...

אַזוי האָט ער געזאָגט וואָיטשיצקין, אַזוי האָט ער געזאָגט דעם שעף פון דער אָפּטיילונג און הונדערט אַנדערע מענטשן, פאַראינטערעסירטע און נישט פאַראינטערעסירטע.

און זאַבאָבאָן האָט ביי יעדן פּאַסיקן שמועס, וואָס ער האָט נישט איינמאָל ספּעציעל אַרויפגעפירט אויף דער דאָזיקער טעמע, אויסגעצויגן דעם דינעם האַלדז, העכער אויפגעהויבן די ביינערדיקע גאָמבע און, פאַרזשמורענדיק זיינע גרויסע אויגן, געזאָגט:

— הע... ווען מיר וואָלטן געהאַט מער אַזעלכע מייסטערס ווי פּלעווע...

ס'איז נישט געווען דער טאָג, זאַבאָבאָן זאָל זיך נישט ברייטער פונאַנדערשמועסן מיט עטלעכע אַרבעטער. פאַר יעדן, וואָס איז אַריינגע-קומען אין קאָנטאָר, האָט ער געהאַט עפּעס אינטערעסאַנטס. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיין צו גרויסער קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט ענציקלאָפּעדיש וויסן, און אינגיכן איז דערגאַנגען דערצו, אַז די אַרבעטער זיינען צון אים געקומען מיט די פאַרשיידנסטע פראַגן.

איז געווען איין נאַפּאָלעאָן, צי ס'זיינען געווען עטלעכע נאַפּאָ-לעאָנס?

פאַרוואָס זאָגט מען אָקטאָבער-רעוואָלוציע, און דעם יאָר-טאָג פייערט מען אין נאָוועמבער?

צי איז דאָס אמת, אַז דער הייליקער פאָטער האָט אין פּאַלאַץ אַ גאָלדענעם טעלעפאָן?

און זאַבאָבאָן האָט זיי נישט אָפּגעפּטרט מיט עפּעס אויסגעדראָשענע תשובות, נאָר אויף יעדער פראַגע געענטפערט מיט אַ קורצער, תּוכיקער, קלאָרער לעקציע.

אויף אויסדרוקן פון באַוווּנדערונג האָט ער געענטפערט לאַקאָניש:

— איך האָב זיך אין דער דרוקעריי אויסגעלערנט אַ סך צו לייענען...

אין זיין כּסדרדיקן אַרומהאַווען האָט אַ באַזונדער אָרט פאַרנומען די פּערזאָן פון פּעלעקן. אין פאַרשיידענע צייטן פון טאָג האָט ער געפונען אַ ביסל צייט פאַר אים. דעמלט האָט ער זיך אויסגעצויגן אין דער שטול, פאַרלייגט די לאַנגע הענט אויפן מאָגערן קאַרק, דערנאָך פאַרדרייט אַ גראָבן פּאַפּיראָס — געררייכערט האָט ער ווי אַ לאָקאָמאָטיוו — און אַרויסלאָזנדיק דעם ערשטן קנויל רויך, צוגעוואָרפן בקיצור:

— נו, פעליקס...

פעלעק איז אויפגעשפרונגען, און אויף זיינע באַקן זיינען גלייך אַרויסגעטרעטן היץ-פלעקן. ער האָט אַרויסגענומען פונעם שופלאָד, וואָס קיינער האָט נישט גענוצט, דריי חפצים און אַ בלייער און זיך געזעצט ביים טיש.

— איז וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די פּאָליטיק פון די פּיאַסטן?

— די פּאָליטיק פון דער פּיאַסטן-דינאַסטיע, די ערשטע פּוילישע מלכים, האָט כאַראַקטעריזירט די אַזויגערופענע מערב-אָריענטאַציע — האָט פעלעק דרייסט רעציטירט, און זיינע היץ-פלעקן האָבן זיך פאַרביטן אויף אַ געזונטער רויטקייט, און די אויגן האָבן באַקומען אַ קלוגן אָפּגלאַנץ. — די פּיאַשטן...

— די פּיאַסטן...

— די פּיאַסטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז פּוילן באַדאַרף אַ געפאַר פון מערב, ווייל... ווייל די גערמאַנישע שבטים זיינען כסדר אָנגעפאַלן אויף די פּאָליאַקן און פאַרטיליקט די באַפעלקערונג, צוגענומען דאָס האָב און גוטס. האָבן דעריבער די פּיאַש... די פּיאַסטן זייער גאַנצע פּאָליטיק געפירט אַזוי, צו באַשיצן פּוילן פון די גערמאַנער און פאַרזיכערן עס פון אַ געפאַר מצד מערב. און דאָס איז געווען אַ ריכטיקע פּאָליטיק, און דעמלט האָט זיך פּוילן אַנטוויקלט ווי עס דאַרף צו זיין. אַפילו דער ערשטער פּוילישער קעניג, מיעשקאָ דער ערשטער, האָט נישט אָנגענומען דאָס קריסטנטום פון די דייטשן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז מחמת דעם...

— מחמת דעם...

— ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז מחמת דעם זאָלן זיך פאַרגרעסערן די איינפלוסן פון די דייטשן אויף פּוילן, ווייל דאָס וואָלט נישט געווען אונדז לטובה, נאָר ער האָט אָנגענומען דאָס קריסטנטום פון די שכנותדיקע סלאַוון, די טשעכן...

— געדענקסט אין וועלכן יאָר?

— אין טויזנט-ניינהונדערט-זעקסאונצוואָנציקסטן...

זאַבאָבאַן האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם לעשער און מיט זייער אַן ערנסטער מינע אים דערלאַנגט פעלעקן. פעלעק האָט געוווּסט וואָס דאָס באַדייט: — גיב זיך אַ קלאַפּ אין שטערן, ליב יינגל... — האָט ער אייליק פאַרריכט:

— וואָס זאָג איך... אין ניינהונדערט-זעקסאונניינציקסטן... — און אַ רויטקייט האָט אים אויף אַ רגע פאַרגאָסן ביז איבער די אויערן.

זאַבאָבאָן האָט אים נאָכאַמאָל דערלאַנגט דעם לעשער, און דעמלט האָט פעלעק לעבהאַפט פאַרבעסערט ענדגילטיק:

— אין ניינהונדערט-זעקסאונזעכציקסטן...

דעם מייסטערס אַריינקומען האָט זיי לחלוטין נישט געשטערט. זיי האָבן געוווּסט, אויב ס'וועט נייטיק זיין, וועט דער מייסטער זיי איבער־שלאָגן און איינעם צי דעם צווייטן פאַרגעבן די אויפגאַבע, וואָס מע דאַרף גלייך אויספירן. אויך פלעווע האָט געוווּסט, אויב זיי פאַרנעמען זיך מיט דער לערע, הייסט דאָס, אַז זיי זיינען אין גאָרנישט נישט הינטערשטעליק. נישט איינמאָל האָט ער אַליין, טרעפנדיק זיי ביי דער לעקציע, אַריינגעקוקט דורך זייערע אַקסלען אינעם פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פאַר זיי, און געהאָרכט ווי זאַבאָבאָן קלערט גלאַטיק אויף.

— אויב ביי דעם דרייעק זיינען אַלע זייטן גלייך, הייסט ער גלייכזייטיקער דרייעק, קוק — ער האָט פלינק געצייכנט אויפן פּאַפּיר אַ דרייעק — די זייט האָט פיר צענטימעטער, די פיר און די פיר... — ער האָט צוגעלייגט די ווירע מיטן מאָסשטאַב צו יעדער זייט פונעם דרייעק.

בעת אַזעלכע לעקציעס האָט פאַרן ייִנגל אויפגעהערט צו עקזיסטירן די גאַנצע וועלט. ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין שטיק אויפמערק־זאַמקייט און אַלע קלוגשאַפטן איינגעזויגן מיט אַזאַ גיריקייט, ווי אַ געזונט קינד זייגט דער מאַמעס שפּעדיקע ברוסט.

פלעווע האָט זיך נישט איינמאָל געכאַפּט, אַז ער הערט מיט שטאַרקער פאַראינטערעסירונג אַ לעקציע אַפילו וועגן זאַכן, וואָס זיינען אים באַקאַנט. שוין אָפּגערעדט, ווען ס'איז געווען אַ רייד וועגן זאַכן נייע פאַר אים... דעמלט האָט ער זיך שטילערהייט געזעצט אין אַ ווינקל, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געשלונגען יעדעס וואָרט.

פאַר זאַבאָבאָנען איז עס געווען כמעט אַ גליק, ווען ער האָט געוווּסט, אַז הינטער זיינע פּלייצעס זיצט דער מייסטער און האָרכט. זיך ווענדנדיק כסדר בלויז צו פעלעקן, האָט ער פונדעסטוועגן עטוואָס אויפגעהויבן די שטים און אויסגעברייטערט די טעמע.

— אין די קרייץ-צוגן זיינען פאַרטיליקט געוואָרן צוועלף טויזנט ייִנגלעך אַזעלכע ווי דו, וואָס זיינען אומגעקומען, נישט דערזעענדיק די הייליקע ערד אַפילו פונדערווייטנס. דער קאַמף פאַרן הייליקן קבר איז געווען בלויז אַן אויסרייד. אין דער אמתן איז געגאַנגען דערין, וואָס ווען די מוזולמענער האָבן איינגענומען פּאַלעסטינע, האָבן זיי איבער־געשניטן די האַנדלס-וועגן אויפן נאָענטן מזרח און צוגענומען ביי די

איטאַליענישע סוחרים די גרויסע רווחים. דעמלט האָט דער פויפּסט זיך די אינטערעסן פון די דאָזיקע סוחרים און אויף זייער ביטע גערופן צו אַ קרייץ־צוג און אַן עקספּעדיציע, צו באַפרייען די הייליקע ערד, דאָס הייסט, צו עפענען די האַנדלס־וועגן צום נאָענטסטן מזרח...

— נו, דאָס, דאָס טראַכט איר שוין אַוודאי אויס, זאַבאַבאָן... — האָט פלעווע נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

— איך טראַכט נישט אויס ווען איך לערן.

XIV

צום סוף אויגוסט איז די פאַבריק באַהערשט געוואָרן פון אַ פיבער־האַפטער שטימונג.

צום אָפּגערעמאָנטירטן גרויסן אויוון זיינען צוגעשרויפט געוואָרן די לעצטע שרייפלעך, און אינגיכן האָט געזאָלט פאָרקומען די פייערונג פון לאָזן אים אין גאַנג. מינץ אַליין האָט מיטגעטיילט, אַז ער וועט קומען אויף דער דאָזיקער פייערונג, און די גאַנצע פאַבריק האָט געלעבט אונטער איר איינדרוק און געאָטעמט מיט די צוגרייטונגען. דאָס לאָזן אין גאַנג דעם גרויסן אויוון האָט פאַר דער פאַבריק געהאַט אַן עיקר־דיקע באַדייטונג. וואָרן די מאַרטען־אויוונס זיינען שוין געווען פאַרטיק, אָבער ביז היינט איז טעטיק געווען בלויז איינער פון זיי, און דערצו זיינען נישט פולשטענדיק אויסגענוצט געוואָרן זיינע מעגלעכקייטן, ווייל דער קאַרגער רעזערוו פון רוישטאָף האָט געהאַלטן ביים אויסלאָזן זיך, די פאַבריק האָט געוואַלדיק געדאַרפט האָבן מאַטעריאַל. דער וואַלצער־וואַרשטאַט און דער מאָנטירונג־צעך האָבן זיך שוין צוגעגרייט צו דער פּראָדוקציע, יעדערער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז דאָס לאָזן אין גאַנג דעם גרויסן אויוון וועט פאַר דער פאַבריק זיין אַן איבערברוך־מאָמענט.

און נעמלעך דעמלט, ווען דער דאָזיקער מאָמענט האָט זיך דער־נענטערט, איז עפּעס אַזוי אויסטערליש באַשערט געווען, אַז די אַפּראָוווי־זאַציע האָט גענומען ספּעציעל אונטערהינקען...

אויב אין יענער צייט האָט דאָס באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך גורם געווען אין גאַנצן לאַנד געוואַלדיקע שוועריקייטן, האָבן זיך אין דער דאָזיקער געגנט די שוועריקייטן פאַר־גרעסערט כמעט פינפאַכיק.

ווען דער פראָנט האָט אַרומגענומען פוילן מיט אַ גאַרטל פון פייער און שריפות, פון די קאַרפּאַטן דורך וואַרשע אַזש ביז די ברעגן פונעם באַלטיק, און איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף אַ לענגערער צייט — פון פאַראַיאָרן יולי ביז יאַנואַר היי־יאָר — האָט די שטאָט זיך געפונען ווי אין אַן איינגוס פון די געביטן, וואָס די דייטשן האָבן נאָך איינגעהאַלטן, און איז פון דריי זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט אַ ברייטן ביי־פראָנטיקן פּאַס.

אַ האַלב יאָר האָבן איבער דער דאָזיקער ערד זיך איזדעקעוועט די סטיכיעס פון פייער און אין אייזן געקאָוועטע אומגליקן.

נאָך דער מלחמה איז דער אָנבליק פון די דאָזיקע געביטן געווען אַ שרעקלעכער, אַ גרויליקער, וואָס צערייסט דאָס האַרץ מיט אַ באַשול־דיקונגס־געשריי קעגן יענע, וואָס מלחמה איז פאַר זיי אַ מאַשין איבער־צושמידן אומדערהערטע מענטשלעכע ליידן אויף שטאַבעס גאָלד. דער־פער זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד־אויבערפלאַך, און אויף זייער אָרט זיינען איבערגעבליבן ווי צייכנס בלויז נעבעכדיקע, צום הימל שטאַרצנדיקע, צעהאַקטע שטיקער קוימענס און ברייטע הויפנס שוואַרצע קוילן און שוואַרצער אַש, צעשווענקט פון רעגנס און פאַנאַנדער־געבלאָזן פון שטורעמווינטן. מענטשן האָבן לויטן שטייגער פון די פאַרמבוילדיקע הייל־איינוווינער זיך באַהאַלטן אין בונקערס, אין נאָרעס, אויסגעקראַצטע אין שפּועים פון בערג־שפּאַלטן, אָדער פּשוט אין לעכער אויסגעגראָבענע אין דער ערד, צוגעדעקטע מיט רעשטן פון פלויטן, וואָס דאָס פייער האָט געשוינט. אָפּגעריסענע, אויסגעצערטע, שמוציקע, האָבן זיי מיט זייער אויסזען גיכער דערמאָנט אין פאַרהיסטאָרישע צייטן איידער אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט.

אויב די חורבות פון וואַרשע, האָבן געבוירן אין האַרצן אַ בונט און אַרויסגערופן ציין־קריצעניש און אַ ביילן מיט די פויסטן — האָט דער אָנבליק פון אַזאַ דאָרף דערוועקט בלויז אַן אָפּגרונטיקן טרויער, אין וועלכן דער מענטש האָט געזונקען מיט פאַרמאַכטע אויגן, נישט זוכנדיק אַפילו קיין רעטונג. ווייל אין דער הויפּט־שטאָט האָט זיך פון אונטער די חורבות באַלד אַרויסגעהויבן דאָס לעבן. טויזנטער הענט האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו אַרבעט, ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט די אומדער־מידלעכע כוחות פון גאַנצן פאָלק. אָבער אַזאַ דאָרף איז נאָך געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי אַ פוילנדיקע נבלה, איבער וועלכער ס׳קריכן אומבאַ־האָלפענע מענטשן־ווערעם.

אַ פרעמדער פאַרבייגייער האָט זיך איינגעשרומפּן, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די אַקסלען און, דורכגענומען דורך און דורך מיט אַ פאַרהיסטאָ־

רישן פחד, זיך שרעקעוודיק אַרומגעקוקט און געזוכט אַ וועג, וואָס זאָל אים צומגיכסטן אַרויספירן פון אָט דעם לאַנד, וואָס איז צעטרעטן געוואָרן דורכן שווערן שטיוול פון דער מלחמה. און ווען ער האָט בײַם האָריזאָנט זיך אומגעקוקט אויף צוריק, האָבן זײַנע פאַרחלשטע ליפּן געשעפּטשעט אַן קלאַנג ווערטער פון אימה, אומפאַרשטענדלעכע פאַר אים אַליין.

אויב ס׳זײַנען ערגעץ-ווו, ווען-נישט-איז געווען אַוועלכע-ס׳איז ווילדע פעלדער, זײַנען די דאָזיקע פעלדער געווען די ווילדסטע פון די ווילדע, ווײַל דאָס זײַנען געווען פעלדער, וואָס זײַנען פאַרווילדעוועט געוואָרן.

דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָבן די באָמבעס, האַרמאַטן-סניאַריאַדן, קוילן, — דער פילגעשטאַלטיקער טויט אַוועקגעטריבן די אַרבעטסזאַמע מענטשן און זיי געשטערט אַראָפּצונעמען די תּבֿואות פון די דאָזיקע פעלדער. פאַר זייערע פאַרצווייפלטע אויגן האָבן זיך די געדיכט-זאַנגיקע תּבֿואה-פעלדער געוואָלגערט אויף דער ערד, ס׳זײַנען אײַנגעזונקען אין איר די פולע, שפּייזיקע ברויט-קערנער, ווי זיי וואָלטן באַהאַלטן די פּנימער פאַר דער מענטשלעכער טיפּשות און נידערטרעכטיקייט. די האַרבסטיקע זאַווערוכעס, שפּעטער דער שניי, דערנאָך די פרילינגדיקע גאָס-רעגנס האָבן אײַנגעבראָכן די דאָזיקע שפּעדיקע תּבֿואות, צעקנאָדערט, אַרײַנגעקנאָטן אין באָדן, פאַרוואַנדלענדיק די פרוכטבאַרע פעלדער אין דעם סאַמע שרעקלעכסטן, אומדערהערטן שלאַכט-פעלד, אויף וועלכן ס׳איז הויפנווייז געפאַלן טויט דאָס אומבאַשיצטע, דורך מענטשן פאַרפּייניקטע, הייליקע ברויט.

אויף אַנדערע פעלדער האָבן אין דער ערד געפוילט קאַרטאָפל, בוראַקעס, מייערן, ס׳זײַנען צעקראָכן געוואָרן אין קופּקעס ברודיקער מאַסע קעפּלעך קרויט, וואָס די האָזן האָבן נישט דערפרעסן, דורכגעפרוירענע, פוילנדיקע, ס׳האָט געפוילט דער צעשויבערטער פלאַקס. אום פרילינג האָט פון די קערנער, אויסגעשאָטענע פון די זאַנגען, אויפגעפּוישט אַ תּבֿואה-פּלאָנטער, דורכגעפלאָכטן מיט אַ פּלאָנטער ווילד גראָז, וואָס האָבן מיט קנוילן דורכגעוועבט די אַמאָל קולטיווירטע פעלדער, געוואָקסן לפּנים און נישט געשמעקט מיט גרינס, נאָר מיטן גערוך פון זיך צעלייגנדיקע מתים.

הונגעריקע און אָפּגעריסענע מענטשן האָבן געקוקט אויף דעם דאָזיקן אויפגעפּוישטן אומגליק, טויב געקרעכצט און געביסן די פינגער פון פאַרצווייפלונג. די פרוכטבאַרע ערד, וואָס לעכצט נאָך זייער שוויס, גרייט צו שפּייזן אַלע אויסגעהונגערטע און באַקליידן די נאַקעטע, האָט

מיטן יונגן ווילד־געוויקס געוואָרפן קללות אויף די אַלע, וואָס דאָס צעטראָטענע גערעטעניש פון פרוכטבאַרע פעלדער און דאָס אויסגעזויגענע בלוט פון מענטשלעכע אָדערן, האָט פאַר זיי דעם גלאַנץ פון גאָלד, און וואָס דאָס גערויש פון ווילד־גראָז און דאָס געוויין פון אויסגעהונגערטע קינדער הילכט פאַר זיי מיטן קלאַנג פון מטבעות. דער ערד־אַרבעטער האָט אויסגעשטרעקט די אָדערדיקע הענט, וואָס לעכצן נאָך אַרבעט, און שטום געציאָמערט, געפּייניקט פון ליידיקאַרומגיין, אָבער נישט געקאָנט אַרויפגיין אויף זיין פעלד, ווייל ס׳האָט דאָרט געלויערט אויף אים דער טויט, באַהאַלטן אינעם באָדן, וואָס ער האָט באַאַרבעט.

צוערשט מוז דער דרייסטער און אַרבעטסזאַמער סאַפּיאָר דורכשפּאַנען דאָס פעלד אין דער לענג און אין דער ברייט און אַרויסגראַבלען פון דער ערד די מינעס, ערשט דעמלט ־ וועט דער באַלעבאָס קאָנען אַריינלאָזן אין איר די שאַרף פון זיין אַקער.

און אַזעלכע פעלדער איז געווען אַ מיליאָן, און נישט אַלע האָט דער סאַפּיאָר געקאָנט פאַראַמאָל דורכשפּאַנען...

לאַנג נאָך האָט די מלחמה, פאַרטייעט אונטער די ערד־סקיבעס פון פעלדער, געלויערט אויפן ריזיקאַנט, וועלכער וועט אומפאָרזיכטיק אַראָפּקערעווען פון וועג, וואָס איז באַצייכנט מיט וועג־ווייזערס און שילדלעך. אויב ער האָט אַראָפּגעקערעוועט, האָט אים דעמלט דער אונץ גאָלד, וואָס ליגט שוין לאַנג אין אַ שאַנץ־קאַמער פון אַ מיליאָנער, צעפליקט אויף שטיקלעך.

און דער פרילינג, נישט אָפּהענגיק פון די מענטשלעכע געזעצן און ווילנס, האָט נישט געוואַרט. די אייַנוווינער פון די חרובע דערפער, וואָס האָבן געוווינט אין גריבער און געגאַנגען בלויז מיט אויסגעטראָטענע שטעגלעך, וואָס זיינען פאַרשטויסן געוואָרן פון זייער ערד צוליב דער נידערטרעכטיקייט פון גאָלד־ליבהאָבער, האָבן אַוועקגעשאַרט דעם שוואַרצן שטויב און די קוילן אַרום די שפורן פון זייערע היימען, געגראָבן אין די גערטנער מיט לאָפּאַטעס די ערד, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט אַש, און פאַרזייט אויף די שמאָלע ערד־פּאַסן קרויט, וואָס זיי האָבן באַקומען פון ווייטע שכנים, פאַרזייט בייטן הירזש, גריקע. די גליקלעכערע האָבן פאַרזייט קאַרטאָפל, דערפילנדיק צום ערשטן מאָל אין לעבן אַ פאַריבל אויף דער מאַמע־ערד, וואָס זי נעמט ביי זיי צו דאָס, וואָס דער מאָגן דאַרף אַזוי גוואַלטיק נייטיק האָבן.

אַזאַ דאָרף האָט נישט געקאָנט שפּייזן די שטאָט.

די שטאָט האָט געמוזט זוכן ברויט אין אַנדערע ראַיאָנען. דאָס נעמלעך האָט פאַרגרעסערט די אַפּראָוויזאַציע־שוועריקייטן, און דאָס האָבן

אויסגענוצט די פאַרשיידענע מינים סוחרימלעך, שפעקולאַנטן און אַנדערע מינים אויסוווּרפן.

מ׳האָט נישט געטאָרט לאָזן די אַרבעטער אויף זייער באַראַט. פונדעסטוועגן האָט זיך שטענדיק עפעס אַזוי געמאַכט, אַז ווען די פאַרטיי, דער אונטערנעמונג-ראַט און די פאַבריק-דירעקציע האָבן געהאַט באַזונדערס וויכטיקע און אַבסאָרבירנדיקע קלאָפּאָטן — דעמלט האָט די אַפּראָוויזאַציע אונטערגעהונקען. און ס׳האָט זיך גלייך אויפגעהויבן צווישן די אַרבעטער אַ טומל, וואָס באַקאַנטע עלעמענטן האָבן פונאַנדערגעברייטערט מיט אַ סטיכישן כּוח.

דאָס לאָזן אין גאַנג דעם גרויסן אויוון האָט געזאָלט פאָרקומען זונטיק. אויף שבת האָט מען צוגעגרייט דאָס מאַכן דעם ערשטן שמעלץ-פּרוּוו, כּדי צו האָבן צייט אויף צו באַזייטיקן עווענטועלע קליינע בלויזן, וואָס זיינען פריער נישט באַמערקט געוואָרן. זונטיק האָט, אין בייזיין פון דעלעגאַציעס מיטן מיניסטער אין דער שפּיץ און אַלע פאַבריק-אַרבעטער, דער גרויסער אויוון געזאָלט געלאָזט ווערן אין גאַנג.

זאַבאָבאָן וועלכער פלעגט אָפט מאַכן קורצוויילִיקע וויזיטן אין אַנדערע אָפּטיילונגען און ברענגען פלעוון אויספירלעכע אינפאָרמאַציעס וועגן גאַנג פון דער אַרבעט, און טיילמאָל אויך פלאָטקעס, איז דאָנערשטיק נאָך מיטיק געקומען פון ערגעץ צו לויפן אַן איבערגעשראָקענער.

— איר האָט געהערט? — האָט ער גלייך אַ פרעג געטאָן מיט ערגערניש.

— וואָס?

— די לאָבוזעס גרייטן צו אַ שטרייק...

— נו?... — איז פלעווע בלאַס געוואָרן.

— זיי האָבן צעבונטעוועט די מענטשן אין אַלע אָפּטיילונגען. זאַמלען זיך אין דעם מאָנטירונג צעך, אין דער פאַרבערייי. זיי וועלן ביזנעסעווען צו שטרייקן, ווייל ס׳האָט, ווייזט אויס, פאַרפעלט ברויט אין מאַגאַזין.

אין דער סעקונדע איז געקומען צו לויפן קשאָנזשעק אַ פאַרסאַפּעטער און בלאַסער.

— איר האָט געהערט, פלעווע?

— אַ נו... כ׳האָב שוין געהערט...

— ווי זיי רודערן עס אַרום, די כאָליערעס, אויסוווּרפן? און דאָס פּונקט, ווען דער גרויסער אויוון...

— מע דאַרף עפעס טאָן, אַז קיינער פון אונדז זאָל צאָהין נישט גיין...

פלעווע האָט אויף אים געקוקט אויסערלעך רויק, אָבער אין זיינע אויגן האָט געשפּילט דער אָפּשיין פון געדאַנקען, וואָס פאַרשאַרפן זיך שנעל...

ער האָט זיך אַנטשלאָסן אויף עפּעס אַ דרייסטער האַנדלונג, און אין אַ רגע אַרום איז איבער זיין פּנים דורכגעלאָפן אַ שאָטן פון קווענקלעניש.

— פּונקט קאַפּויער... — האָט ער באַהערשט אַ זאָג געטאָן האַרט. — מע דאַרף מאַכן אַזוי, אַז פון אונדז זאָלן אַלע מענטשן גיין. פּאַמעלעכן, ס'ברענט דאָך נישט... — ער האָט זיך אַליין געשטאַרקט אין זיין פאַרטראַכטן פּלאַן. באַראָטן זיך מיט וואָיטשיצקין האָט ער נישט געקאָנט, וואָרן יענער איז נאָך געווען אין וואַרשע. ניעגליצקי איז אין שייכות מיטן לאָזן אין גאַנג דעם גרויסן אויוון געווען פאַרוואָרפן מיט קלאָפּאָטן, און אין קאָמיטעט האָט מען אים געקאָנט טרעפן נאָר אין אָוונט. — יאָ... נאָר רופט מיר אַהער ניעדזיעלען, גוט?...

קשאָנזשעק איז נישט אימשטאַנד געווען צו רירן זיך פון אָרט. ער האָט זיך אַ בייג געטאָן אויף הינטן און פאַרזשמורעט די אויגן, ווי ס'וואָלט אים געררייצט עפּעס אַן אומגעזעענע שטראַלונג.

פלעווע האָט זיך רויק געוואָנדן צו זאַבאָבאָנען:

— טו אַ רוף, ברודער, ניעדזיעלען. אַ שאָד די צייט.

זאַבאָבאָן איז געלאָפן זיך נישט קווענקלענדיק. אַרום מייסטער מיטן דעלעגאַט האָבן זיך געצומען זאַמלען אַרבעטער. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט קשאָנזשעק צוריק באַקומען דאָס לשון.

— וואָס ווילט איר טאָן? איך פאַרשטיי נישט גאָרנישט...

— כ'וויל זיי קאַליע מאַכן דעם דאָזיקן גאַנצן עסק, אָט וואָס... כ'האָב נישט בדעה צו פאַרשטעקן דעם קאָפּ אין זאַמד, ווי עפּעס אַ שטרויספויגל דאָרט. אָדער ס'וועט זיך איינגעבן, אָדער ס'וועט זיך נישט איינגעבן. קיין שום ריזיקע איז דאָ נישט פאַראַן. אונדזערע מענטשן וועלן סייווי נישט פאַלגן, און אפשר וועלן נאָך אונדזערע אויך אַנדערע נאָכגיין... — האָט דער מייסטער געזאָגט מיט אַקצענט, ווי ער וואָלט זיך אַליין איבערצייגן.

ענדלעך איז געקומען ניעדזיעלע. דער מייסטער האָט געמאַכט אַ טראָט אים אַנטקעגן און אָפּן אַ מאַך געטאָן צו אים:

— ניעדזיעלע. מיר וועלן אַלע באַלד גיין אויף אַ מיטינג אינעם מאַנטירונג צעך. מע בונטעוועט די מענטשן צון אַ שטרייק...

— כ'האָב געהערט.

— איר האָט געהערט. נו, איז האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, אויב, עס וועט זיך אייך איצט עפּעס איבערדרייען אין קאָפּ, וועט עס אייך שוין קיינער אין דער אָפּטיילונג נישט מוחל זיין.

ניעדזיעלע האָט אין דער ערשטער רגע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אָבער גלייך אים צוריק אויפגעהויבן און געקוקט דעם מייסטער גלייך אין פּנים.

— איך בין ערשט אײנגאַנצן עפּעס אַנדערש, מייסטער... — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט אַ געדעמפּטער שטים - כ׳וואָלט איצטער וועלן בלויז, מיר זאָלן זיך געבן די הענט...

פּלעווע האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף אים און אין אַ ווײַלע אַרום אויסגעשטרעקט די האַנט.

— אין אָרדנונג... נו, טאָ רופט אַהער אַלע. זאָלן אַלע איבערלאָזן אַלץ ווי ס׳איז, און זאָלן זיי זיך פאַרזאַמלען דאָ, ביים קאָנטאָר. בלויז ליסטעצקי בלייבט ביי די אויוונס.

ער איז אַרויפגעגאַן אויף די שטיגלען, זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער אָפּטיילונג און געקוקט ווי ניעדזיעלע לויפט מיט ברען פון האַמער צו האַמער. עמעצער האָט אויסגעשלאָסן די מאָטאָרן, און דער טומל פון דער אַרבעט איז ראַפּטעם שטיל געוואָרן, און איבערן האָל האָבן זיך צעקלונגען די געהעכערטע מענטשלעכע שטימען, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט צום דאָזיקן טומל. באַלד זיינען אויך די דאָזיקע שטימען שטילער געוואָרן און ס׳איז געוואָרן טויט-שטיל. אַ סך פאַראינטריגירטע פּנימער האָבן מיט אַן אויסדרוק פון אומגלויבן זיך געוואָנדן אין דער ריכטונג פון קאָנטאָר, און פּלעווע האָט, זעענדיק דאָס, גענומען האַסטיק מאַכן מיט דער האַנט.

— זיי גלייבן נישט ניעדזיעלען... — האָט ער געמורמלט צו קשאַנזשעקן. — ווי נישט לייכט דאָס איז צו קריגן אַ בעסערע מיינונג וועגן זיך ביי מענטשן, אויב זי איז קאַליע געוואָרן... אָט וואָס...

די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן זיך צוזאַמענצוקומען. ס׳האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן מלאָדניצקי פון פּאַרטיי-קאָמיטעט פון דער פאַבריק.

— פּלעווע, וואָס קומט פאָר ביי אייך? -- האָט ער שווער געאָטעמט פון מידקייט.

— אָהאָ... ס׳האָט אים ערשט איצט אַ ברי געטאָן... — האָט אים פּלעווע פלעגמאַטיש אָפּגעשניטן — צו דער צייט אַריינגעטראָפן... וואָס ס׳קומט פאָר ביי אונדז? אַנו, מיר גייען באַלד אויף אַ מיטינג...

— וואָס הייסט? פאַרוואָס? ווער האָט אייך דאָס דערלויבט?

— וואַרט אַ ביסל, וועט איר זיך דערוויסן פּאַרוואָס. אָדער גייט זיך איבערשלאָפן, ווי איר זענט ביז איצט געשלאָפן. איצט איז אַ ביסל צו שפּעט זיך צו פרעגן, ווער ס'האָט דאָס אונדז דערלויבט. ניעגליצקי איז מסתם נישטאָ אין קאָמיטעט.

די אַרבעטער האָבן זיך צוזאַמענגעדרענגט אין אַ געדיכטער מאַסע און נייגעריק אויסגעצויגן די העלדזער.

VXV

דער גרויסער, געררוימער, מיט זון פולער פאַרבערייַ-האַל, ווו מ'האָט געפאַרבט און געטרוקנט די קוילן-וואַגאָנען, וועלכער איז נאָך איצט נישט טעטיק געווען, האָט זיך שנעל אָנגעפילט מיט אַן עולם אַרבעטער, וואָס זיינען אָנגעקומען דורך אַלע טויערן, הגם דער עולם איז שוין גרויס געווען, האָט ער זיך פאַרהאַלטן אויסערגעוויינלעך שטיל, מיט בפירושן רעזערוו און אומזיכערקייט, וואַרטנדיק אויף עמעצן אַן אומבאַוווּסטן, וועלכער וועט דער ערשטער אויפהייבן די שטים פון בונט. דאָס איז נישט געווען יענער אַרבעטער-עולם פון די קאַמף-צייטן מיט דער בורזשואַזיע, וואָס איז גרייט געווען אויף מסירת-נפש און קרבנות, פול מיטן געפיל, אַז זיין זאַך איז אַ גערעכטע. ס'האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון פאַרטייעטער אויפגערייצטקייט, וואָס האָט גיכער עדות געזאָגט וועגן אָפּוואַרטן אַ סענסאַציע. די דאָזיקע אויפגערייצטקייט איז אַלץ מער אָנגעוואַקסן, וואָס מער ס'האָט זיך פאַרגרעסערט און ס'איז געדיכטער געוואָרן דער עולם, וואָס האָט מיט אַ ברייטן האַלב קרייז אַרומגערינגלט די טריבונע, וועלכע איז דאָ געשטאַנען נאָך פון דעם 22-טן יולי.

ווען פלעווע איז אַריינגעקומען מיט זיין גרופּע, האָט עמעצער פון עולם אַ זאָג געטאָן הויך און בייסיק:

— אָ! אַבי מ'האָט געזאָגט, אַז די מעכאַנישע קוזניע איז אייזן-פּעסט...

— וואָרן וואָס, זיי האָבן דען אַנדערע מאָגנס. צי וואָס?... — האָט עמעץ אַנדערש קאַטעגאָריש אויפגעקלערט.

די שמידן האָבן זיך געשיקט צעטיילט אויף גרופּן און גרופּקעלעך, וועלכע זיינען אין פאַרשידענע פונקטן אַריינגעזאַפּט געוואָרן אין דער מאַסע.

פּלעווע האָט זיך אומבאַמערקט דורכגעשטופּט צו דער טריבונע. ער איז שוין געווען נאָענט, ווי דאָ האָט זיך אויף איר באַוויזן עפּעס אַ פּאַרשוין אין אַ סאָליד געלאַטעטן אָנצוג, וואָס האָט צוגעדעקט זיין דאַרן, לאַנגן גוף. ער האָט געהאַט אַ פּאַראומערט פּנים און שווער געפירט די מוטנע אויגן איבער די פּאַרזאַמלטע.

— בירגער! — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ קוויטשיק הויך קול. — טייערע אַרבעטער, קאָלעגן! זאָגט מיר, איך בעט אייך זייער, ווי לאַנג וועט מען זיך איבער אונדז איזדעקעווען? מיר אַרבעטן נישט, ווי ס'דאַרף צו זיין, מיר סטאַרען זיך נישט, מיר האָרעווען נישט ווי ווילדע אייזלען? און וואָס האָבן מיר דערפאַר? ווייזט מיר, איך בעט אייך זייער, איין אַרבעטער, וואָס זאָל זיין אָרנטלעך אָנגעטאָן און האָבן גענוג ברויט. אָט! וואָס מיר האָבן פאַר אונדזער האָרעוואַניע! — ער האָט אַרויסגעשטעלט די געלאַטעטע עלנבויגנס און זיך געפּאַטשט איבער די געלאַטעטע קניען. — שמאַטעלייניקעס זיינען מיר און אָפּגעשליסענע, און אויף מאָרגן וועלן מיר אַפילו קיין ברויט נישט קריגן, ווייל ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אַ זאָרג טאָן, מיר זאָלן האָבן ברויט, ווייל ווער ס'האָט אַליין אַ פולן מאָגן, דער פאַרגעסט אין זיין גרויען ברודער...

פּלעווע האָט געפילט, ווי דאָס בלוט זאַמלט זיך אים צום האַרצן און פאַרשפּאַרט דעם אָטעם, ער האָט זיך אָבער עקשנותדיק איבערגעחזרט אין געדאַנק: — רויק... נישט אויפרעגן זיך... נאָר רויק...

— זיי פּאָליטיקירן כסדר מיט אונדז — האָט דער רעדנער אַלץ שרעקלעכער געקוויטשעט — אָבער פון דער דאָזיקער פּאָליטיק ווערט דער מאָגן נישט פולער. און איך פייף מעלאָדיש אויף דער פּאָליטיק, ווען כ'האָב נישט וואָס אין טאָפּ אַריינצולייגן. און זאָגט מיר, איך בעט אייך זייער, צי קאָן אונדז בעסער ווערן, צי וועט עמעצער אַ טראַכט טאָן וועגן אונדזער גורל, אויב מיר וועלן נישט מאָנען? מע וועט אונדז כסדר שפּייזן מיט פּאָליטיק, מע וועט אונדז געבן צוזאָגענישן, באַרנעס אויף אַ ווערבע-בוים .. ס'איז אומעטום פול מיט צייטונגען — האָט ער זיך צעיושעט — אָבער מיט דער צייטונג וועט זיך דער גרויער ברודער נישט אָנעסן און דאָס לייב נישט באַקליידן...

— וויפל האָסטו געקריגן פאַר אַזאַ פּיסקעווען? — האָט זיך דערהערט אַ הויכע שטימע פון דער מאַסע.

פּלעווע האָט דערקענט ניעדזיעלעס קול און דאָס האָט אים — נישט ווייסנדיק פאַר וואָס - פאַרשאַפט אַזאַ דערלייכטערונג, אַז ער האָט מאָמענטאַל דערפילט אַ לויזקייט אין ברוסט און שוין געקאָנט פריי אָפּעטעמען. אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ ספּאַזמאַטישער אויסגעשריי:

— נידער מיט די באָלשעוויקעס!

— נידער!... נידער!... נידער! — האָבן זיך אַרויסגעריסן איינציקע אויסרופן.

אָבער דאָס האָט שוין נישט קאַליע געמאַכט פּלעוועס רויקייט. מיט סטאָישער מבֿלנות האָט ער געקוקט אויף דעם אַוואַנטוריסט, וואָס האָט זיך גראָטעסקאַרטיק געוואָרפן אויף דער טריבונע, און דערשטיקט אין זיך דעם שטיפערישן נסיון אַנצוכאַפּן אים מיט ביידע הענט פאַר די געלאַטעטע הויזן און אַראָפּוואַרפן פון דער טריבונע. ס׳האָט אים מילד געצערטלט יענער אויסגעשריי ניעדזיעלעס, וועלכער האָט באַשיימפערלעך דערפירט דעם פּראָוואָקאַטאָר ביז משוגעת, ווייל ער האָט זיך מיט אַ מטורפן זשעסט אַ כאַפּ געטאָן פאַר די לאַצן פון דער בלוזע און אַזוי געוואַלטיק אַ ריס געטאָן, אַז די קנעפּ האָבן אַ פלי געטאָן אויף די קעפּ פון די, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן דער טריבונע.

— אָ! — האָט ער פאַר אַלע פּרעזענטירט דאָס צעריסענע העמד — אָט דאָס קריג איך!... אָט דאָס קריג איך!... ווען איך וואָלט געקריגן, וואָלט איך מעלאָדיש געפייפט אויף דער פאַבריק און אויף דער גאַנצער דעמאָקראַטיע...

— טראָג זיך אָפּ צו ווישן די פריצישע הינטנס!

— נידער מיט אַזאַ דעמאָקראַטיע!

— כ׳וועל זיך נישט צורירן צו קיין שום אַרבעט — האָט דער רעדנער ווייטער געקוויטשעט, איבערשרייענדיק דעם האַרמידער — ביז כ׳וועל נישט באַקומען אַלץ, וואָס עס קומט פאַר דער אַרבעט. קיין ברויט אויף מאָרגן גיט מען נישט, און אַרבעטן וואָלט מען געהייסן... גענוג שוין די צוזאָגענישן און דאָס וואַרטן. די מלחמה האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט, מע דאַרף נאָר קאָנען אָנפירן מיט דער פאַבריק און מיט אַלצדינג...

האַלטנדיק, משמעות, אַז ער האָט שוין געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, איז ער אַראָפּגעגאַנגען מיט אַ נערוועז צוקן, באַגלייט פון אַ געמישט געפילדער, אין וועלכן שפּאַטערייען האָבן זיך דורכגעפלאָכטן מיט אויסדרוקן פון הסכמה.

פּלעווע האָט טיף אַריינגעאָטעמט און זיך געלאָזט צו די שטיגלעך פון דער טריבונע, אָבער ס׳איז אים שוין פאַרלאָפן דעם וועג דער שעף פון דער אָפּטיילונג פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן, דער אָשוויענטשימער, פּאָטשינסקי. ער איז שטיינגעבליבן ביים עק טריבונע, האָט פעסט אָנגעכאַפּט זיך ביים פּאָרענטש און מילד, אָבער סוגעסטיוו אַ קוק געטאָן אין די אויגן פון די אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען נענטער.

– חברים! – האָט ער הויך אָנגעהויבן.

– נישטאָ דאָ קיין חברים!

– נידער מיט די חברים!

די צוויי אויסגעשרייען זיינען שנעל פאַרפלויגן, כמעט נישט אונטערגעכאַפּט פון קיינעם. פּאַטשינסקי האָט מיט אויסדרוק פון עקל אַ קוק געטאָן אויף די ערטער, פונוואַנען מ׳האָט געשריגן און אַרויסגע־זייעט מיט שטאַרקער פאַראַכטונג:

– ווער ס׳האָט זיך געפילט בעסער, ווען מ׳האָט אים געזאָגט „פּוילישער חזיר", זאָל זיך איצט פאַרשטאָפּן די אויערן, אָדער גאָר אַרויסגיין פון דאַנען.

ער האָט אַ רגע איבערגעוואַרט, גלייך ווי ער זאָל זיך באמת ריכטן, אַז עמעצער וועט זיך פאַרשטאָפּן די אויערן, אָדער אַרויסגיין. אָבער דער עולם איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי צוגענאָגלט. האָט ער דייטלעך איבערגעחזרט:

– חברים! איך בין קיינמאָל אין לעבן נישט געגאַנגען אין אַזאַ געלאַטעטן אָנצוג, ווי ס׳האָט אונדז מיט אַ רגע פריער דאָ באַוויזן דער דאָזיקער בעל־יאוש. דערפאַר אָבער בין איך אָנדערהאַלבן יאָר געגאַנגען אין אַ געשטרייפטן אָנצוג מיטן אות „פּ". און כ׳פאַרזיכער אייך, אַז דעמלט וואָלט פאַר מיר געווען דאָס גרעסטע גליק, ווען כ׳וואָלט געקאָנט אויסטוישן דעם געשטרייפטן אָנצוג אויף אַזאַ געלאַטעטן. היינט, ווי איר זעט, טראָג איך אַ גאַנצן און אפילו גענוג לייטישן, אָבער כ׳פאַרזיכער אייך, אַז כ׳וואָלט זיך געפילט פונקט אַזוי גליקלעך, ווען כ׳וואָלט געהאַט אַ געלאַטעטן. ווייל כ׳ווייס, אַז אינגיכן וועלן מיר אַלע האָבן גאַנצע אָנצוגן. און דאָרט האָב איך געוווּסט, אַז אינגיכן וועלן מיר אַלע ווערן אַש, וואָס וועט באַנוצט ווערן צו באַפּרוכפּערן די בייטן אין פאַשיסטישע גערטנער. און כ׳ווייס וועמען כ׳האָב צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס כ׳לעב נאָך היינט, בין אַ פרייער מענטש און האָב אַ קלאָרע צוקונפט פאַר זיך. איך פאַרדאַנק דאָס אייך. די פון צווישן אייך, אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע זיינען נישט פאַרצווייפלט געוואָרן צוליב אַ געלאַטעטן אָנצוג, נאָר האָבן געוווּסט איבער דער געזעלשאַפטלעכער אומגע־רעכטיקייט און געקעמפט זי אונטערצוברענגען איין מאָל פאַר אַלעמאָל. און אין דער ערשטער ריי נעמלעך יענע באָלשעוויקעס, וועלכע די נעבעכדיקע שוטים דאָ ווילן מיטן פוסטן געשריי אַרויסטרייבן. אַזעלכע נאַאיווע טיפּן דאַרף מען דערמאָנען, אַז די היטלעריסטן האָבן נישט לאַנג צוריק געפּרוּווט מיט דער הילף פון אַלע באַנדיטישע מיטלען אַרויס־טרייבן די באָלשעוויקעס, און ס׳איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען...

— נידער מיט די באָלשעוויסטישע משרתים!

דער דאָזיקער אויסגעשריי איז שוין זייער שוואַך אונטערגעהאַלטן געוואָרן. ביי דער וואַנט רעכטס פון דער טריבונע האָט עפּעס אויפגע-ברויזט און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן צוויי אַרבעטער מיט די קני אַרויסגעקאָפּעט פון צווישן עולם עפּעס אַ יונגן אַרבעטער און אים פּאַרן קאָלנער אַרויסגעטראָגן דורכן נאָענטן טויער. דער עולם האָט זיך צעוויגט.

פּאָטשינסקי איז געווען שטאַרק דענערווירט. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבונע אין דער טיפער איבערצייגונג, אַז ווען ער וועט די מענטשן זאָגן עטלעכע אומבאַשטרייטבאַר אמתע ווערטער, וועלן זיי דאָס באַלד פאַרשטיין און צוריקקערן צו דער אַרבעט, כדי שוין קיינמאָל נישט צו לאָזן זיך דעם קאָפּ פאַרדרייען דורך וועלכע ס׳איז שוטים. ער האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ מאַסע, האָבן דעריבער די מהומה און די באַזונדערע אויסרופן אָפּגענומען ביי אים די זיכערקייט אין זיך. ער האָט נאָך געפּרוּווט איבערצושרייען דעם טומל.

— זאָגט זיך נישט אָפּ פון פּאָליטיק, חברים! איך האָב פאַר דער מלחמה אויך געהאַלטן, אַז קיין פּאָליטיק דאַרף מיך נישט אָנגיין. איך בין נישט געגאַנגען צו דער פּאָליטיק, איז די פּאָליטיק געקומען צו מיר. שפּעטער אין לאַגער האָב איך אין משך פון אַנדערהאַלבן יאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מע שלאָגט מיך. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען. און ווען מיר אַלע וואָלטן דאָס פאַרשטאַנען, וואָלט אונדז שוין קיינער נישט געשלאָגן, חברים...

דער טומל איז געוואַקסן. טייל האָבן געטומלט, אַנדערע איינגע-שטילט די טומלער, אויפהייבנדיק נאָך אַ גרעסערן טומל. אויף דער טריבונע איז פלינק אַרויפגעשפּרונגען דער סעקרעטאַר ניעגליצקי, וועלכער איז קענטיק נאַרוואָס פון ערגעץ געקומען צו לויפן. ס׳האָט זיך דערהערט אַן אויסגעצויגן, הויך פייפעריי.

— נידער מיט די פּעפּעראָווצעס!

פּאָטשינסקי איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער טריבונע מיט אַן אויסדרוק פון דערשלאָגנקייט און ווייטיק אויפן פּנים. ניעגליצקי האָט זיך אָנגע-שפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין פּאַרענטש און ערנסט געקוקט אויפן עולם. ס׳איז גאָר שנעל שטיל געוואָרן. ער האָט צוגעוואַרט נאָך אַ רגע, דער-נאָך, נישט ענדערנדיק די פּאָזיציע, געזאָגט אַן איראָניע, כמעט מיט אַ דערציילערישן טאָן:

— איר קאָנט מסתם דעם, וועלכער איז דאָ, ווי מ׳האָט מיר געזאָגט, אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג און צעריסן די קליידער, און ווייסט מסתם, וואָס ער איז געווען אַמאָל, פאַר דער מלחמה?

— אַ דירעקטאָרישער הינטנווישער! — האָט עמעץ הויך אַ געשריי געטאָן.

— און ס'איז אייך נישט געווען קיין חרפה אויסצוקלייבן זיך אַזאַ פירער? צי פאַרשטייט איר נישט, אַז נישט ער רעדט דאָס, נאָר די, וואָס שטייען הינטער זיינע פּלייצעס? גראָד ער האָט מער אָנצוגן ווי יעדער פון אונדז. לאָמיר זיך זאָגן אַזוי אָן שוים אויף די ליפּן און אָן אַ בעלמע אויף די אויגן — אין וואָס גייט אונדז? אויב אין ברויט, פאַרזיכער איך אייך, ברויט וועט זיין. נאָר אויב מיר ווילן פאַרניכטן אונדזער אייגן האָב, אויב מיר ווילן אויפן ווונטש פון אונדזערע שונאים און צו זייער פרייד צעשטערן דאָס, וואָס מיר האָבן ביז איצט אַרויסגעהויבן פון די גרוזן מיט די אייגענע הענט, איז לאָמיר זיך שטאַרק פאַרטראַכטן, חברים!

— מיר האָבן געוואָלט דערמאָנען וועגן ברויט!

— פאַרזיכער איך אייך אין נאָמען פון דער פאַרטיי, אַז מאָרגן וועט זיין ברויט.

— מע זאָגט צו דעם קינד אַ שפּילכל!...

— גענוג שוין צוזאָגענישן?

— האָרעוועט אַליין אין הונגער!...

ערשט האָט זיך ניעגליצקי אויסגעגלייכט, עפּעס מאָדנע אויסגעצויגן זיין גאַנצע פיגור, ווי ער זאָל וועלן באַקומען די גרייס פון אַ ריז, און געזאָגט מיט אַ שטרענגער, האַרטער שטים.

— איך זע, אַז דאָ זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס נישט אין ברויט גייט זיי. קוקט זיי אַריין אין די נידערטרעכטיקע פּיסקעס, חברים. זוכט אויס צווישן זיי כאָטש איינעם אַזעלכן, וועלכער האָט אויפגעהויבן די האַנט אויפן אָקופּאַנט. איר וועט אַזעלכן צווישן זיי נישט געפינען, גאַראַנטיר איך אייך. איר וועט נישט געפינען צווישן זיי אַזעלכן, וועלכער האָט זיך ווען ס'איז דערוועגט כאָטש אַ פייף צו טאָן אויף אַ דייטש. פאַרן דייטש איז ער געקראָכן אויפן שלאַנגישן בויך, און די הויזן האָבן אויף אים געציטערט. איצט איז ער געוואָרן אַ העלד. איצט האָט ער באַקומען צוריק דאָס קול, ווען אַנדערע האָבן אויסגעבלוטיקט די פרייהייט פאַר אים. איצט וויל ער געניסן פון דער פרייהייט מיט פּייפעריי און געשריי. איצט איז ער געוואָרן באַרעדעוודיק, פאָדערנדיק, איצט שרייט ער, מע זאָל אים אַלץ געבן תיכף-ומיד, מע זאָל אים מיט איינמאָל אָנפילן דעם בויך, וועלכן ער האָט זיך אויסגעריבן, קריכנדיק פאַר די היטלעריסטן. זאָגט זיי די כוואַטן, חברים, אַז מיר וועלן זיי געבן אַזאַ ברויט, אויף אַוואַסערן זיי וועלן זיך פאַרדינען. וועלן זיי זיך פאַרדינען

אויף ביטערס, וועלן זיי באַקומען ביטערס. און די, וועלכע וועלן אויף גוט ברויט פאַרדינען, גאַראַנטיר איך נאָכאַמאָל אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, אַז מאָרגן וועט זיין ברויט...

... ערשט דאַרף מען... — האָט פלעווע אַנטשלאָסן אַ טראַכט געטאָן און איז ענערגיש אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבונע און געבליבן שטיין לעבן סעקרעטאַר.

דאָס דאָזיקע פלוצימדיקע באַוויזן זיך זיינס האָט דערשטוינט די צוקוקער און גורם געווען אַ פולשטענדיקע שטילקייט.

— חברים פון דער מעכאַנישער קוזניע! — האָט ער דרייסט אַ גע-שריי געטאָן. — כ׳מיין, אַז מיר האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דער פּאַרטיי-סעקרעטאַר האָט אונדז דאָ געזאָגט, און מיר וועלן גיין צו דער אַרבעט, ווייל ס׳איז אַ שאָד די צייט!

— מיר גייען צו דער אַרבעט! — האָט זיך אויפגעהויבן אַ פילשטי-מיק געשריי.

— קיינער וועט פאַר אונדז נישט אַרבעטן!

— מ׳האָט געזאָגט, אַז ברויט וועלן מיר באַקומען, הייסט דאָס, אַז מיר וועלן באַקומען — האָט פלעווע געזאָגט מיט אַזאַ איבערצייגונג אין קול, גלייך ווי אַלע כּוחות פון דער וועלט וואָלטן גאַראַנטירט צוצו-שטעלן דאָס ברויט. — און אַז דער זעלגער אויפן פראָנט האָט טיילמאָל געמוזט קעמפן אָן ברויט, איז וואָס? זיינען מיר ערגער פון אים?... און איך מיין, אַז אין יעדער אָפּטיילונג זיינען פאַראַן קלוגע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען און וועלן זיך נישט לאָזן פירן פאַר דער נאָז פון חוצפּהניקעס און אויסוואורפן. מיר פאַרלירן אומזיסט די צייט, חברים. אַז מ׳האָט אונדז ביז היינט נישט געלאָזט שטאַרבן פון הונגער, וועט מען אונדז אויך ווייטער נישט לאָזן... מיר גייען צו דער אַרבעט!

ער איז פלינק אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגלעך. צווישן דעם עולם האָבן זיך אין אַ סך ערטער אַ רודער געטאָן די שמידן. האָבן זיך מיט הויך-אויפגעהויבענע קעפּ, וואַרפנדיק אין אַלע זייטן ארויסרופנדיקע און שטראָפּעדישע בליקן, ענערגיש דורכגעשטופּט פון דער צוזאַמענגעדריק-טער מאַסע אין דרויסן אַרויס און, געפינענדיק זיך שוין אויפן פרייען שטח, צוזאַמען זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. קאַליטע איז געגאַנגען צום סוף, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געשטשירעט מיט זיינע לאַנגע שוואַרצ-לעכע ציין. ווי ער וואָלט וועלן בייסן, און געהיילט מיט אַ זיך רייסנדי-קער שטים:

— אַ חרפּה!... אַ חרפּה, מע זאָל די אייגענע זאַך נישט שאַנעווען!.. אַ חרפּה!... אַ חרפּה!... אַ חרפּה!...

— עלעקטראָסטאַציע! מיר גייען צו דער אַרבעט! — האָט עמעצער הויך אַ געשריי געטאָן, כמעט באַפעלעריש.

— באָנטשאַראָווסקי! אוריך, סאַלאַ! מיר גייען!

— גיסעריי! היידאַ!

דער עולם איז זיך צעפאַלן אויף גרעסערע און קלענערע גרופּן, לויז געוואָרן, האָט גערוישט מיט שוימיקע שטימען און אַרויסגעשטראָמט פון האָל דורך אַלע טויערן.

ניעגליצקי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויף דער טריבונע, ביז וואַנען דער גאַנצער האָל האָט זיך פולשטענדיק אָפּגעליידיקט. דערנאָך איז ער געגאַנגען פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג. אין יעדן האָל זיינען זיך אויף זיין אַריינקום צעפלויגן די צעהיצטע גרופּעס, די מענטשן האָבן זיך געוואָרפן צו דער אַרבעט. האָבן זי אָבער באַלד אַוועקגעלייגט און זיך געזאַמלט אַרום אים, אויפגערודערטע, צעפלוישטע, ליידנשאַפטלעכע.

ער איז אַרויסגעגאַן פון פאַבריק אַ הייזעריקער, מיט אַ פולשטענדיק טרוקענעם האַלדז.

און ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים די פּיין.

ער האָט די מענטשן פאַרזיכערט, אַז מאָרגן וועט זיין ברויט, און נישט געהאַט קיין אַנונג, ווי עס שטעלט זיך פאָר די לאַגע אין מאַגאַזין. וואָס וועט זיין, אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז ליידיק?

ער האָט נישט באַוויזן זיך צו אָריענטירן פריער, ווי עס זעט אויס מיט די מעל-זאַפּאַסן, ווייל זינט עטלעכע טעג איז ער געווען פאַריאָגט, און די היינטיקע אַוואַנטורע האָט אים געטראָפן אין קרייז-קאָמיטעט, פון וואַנען ער איז גלייך געלאָפן אין פאַבריק. אָבער די דאָזיקע אַוואַנטורע האָט דאָך נישט געקאָנט אויסברעכן ·לחלוטין אָן אַ סיבה. דער שונא וואָלט זיך נישט אַזוי לייכטזיניק אויסגעשטעלט אויף אַ קאָמפּראָמיטאַציע. עפּעס איז דאָרט נישט אין אָרדענונג... און וואָס וועט זיין, אויב אין שטאָט און אין דער באָענטער געגנט וועט זיך אין ערגעץ נישט געפינען קיין מעל?... נאָר אַ קויל אין קאָפּ אַריין... אָבער וואָס וועט דאָס העלפן די אַרבעטער און דער פאַבריק?... און זונטיק קומט צופאָרן מינץ...

אויפן וועג איז ער אַריינגעפאַלן אין קאָמיטעט. לאָמפּקע האָט גע-שטעקט ביים טעלעפאָן. געהאַט אַ פאַרצווייפלטע מינע.

— וואָס איז מיט ברויט, לאָמפּקע? — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים.

— נישטאָ, חבר ניעגליצקי... ס'איז מיין שולד, חבר ניעגליצקי — האָט ער געזאָגט מיט אַ געבראָכן קול, פאַרשטעלנדיק דעם מיקראָפאָן מיט דער דלאָניע — ווייל איך האָב זיך פאַרנומען מיטן צוגרייטן אַלץ

אויף זונטיק, און וועגן טעגלעכן ברויט האָב איך פֿאַרגעסן... פּלוצלינג האָט ער אַ וואָרף געטאָן דאָס טרייבל אויפֿן הענטל און גענומען שרייען:
— אָבער איך זאָג אייך שוין פֿון לאַנג, אַז דעם דאָזיקן כאָלערעניק וויאַטראָסן דאַרף מען אַרויסוואַרפֿן, ער זאָל ברעכן דאָס געניק, ווייל דאָס איז אַ קאַפּאָ, און נישט קיין חבר... און איר אַלץ כּסדר — דעם שליסל, דעם שליסל... פֿאַר אים דאַרף מען האָבן אַזאַ שליסל, מיט וועלכן מע פֿאַרשליסט... און איך קאָן זיך אויף צווייען נישט צערייסן און דעם קאָפּ זיך נישט אַראָפּנעמען...
— קיינעם איז נישט נייטיק אייער אַראָפּגענומענער קאָפּ... — האָט ניעגליצקי נישט גערן אַ מורמל געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען.

דאָס דאָזיקע לפּנימדיקע באַהערשן זיך זיינס האָט לחלוטין נישט אָפּגעשפּיגלט זיין אינערלעכן צושטאַנד. אינערלעך האָט ער זיך גע־שראָקן דעמלט, ווען ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער טריבונע, און זיך געשראָקן איצט יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך קלאָר געמאַכט וואָס עס וואָלט געווען, ווען די אַרבעטער וואָלטן פֿאַרשטרייקט. און וואָס וועט זיין, אויב די מענטשן וועלן מאָרגן נישט באַקומען קיין ברויט... דאָס געשפּענסט פֿון דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפֿע האָט אין זיין דמיון נישט אָנגענומען קיין שום קאָנקרעטע פֿאָרמען, נאָר איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף אים, ווי אַ פּלוצלינגער ווינט פֿון אַ קאַלטער, פֿינצטערער נאַכט. מיט וואָס פֿאַר אַ שטראָף וועט ער אָפּקומען פֿאַר דער קריוודע פֿון טעלעכע טויזנט מענטשן, וואָס וועלן מוזן הונגערן?...

אָבער ווען ער האָט דערזען וויאַטראָסעס רויק, געזעצט פּנים, אונטערגעשטראָכן מיטן רויטלעכן גוידער, האָט אויף אים אַראָפּגענידערט אַ וואַרעמע האָפֿענונג. משמעות, אַז דער גאַנצער אַליאַרעם איז געווען אַ פֿריצייטיקער. משמעות, אַז ס'איז פֿאָרגעקומען עפּעס אַ טעות...
— ווי איז מיט ברויט, חבר וויאַטראָס? — האָט ער געפֿרעגט אומ־זיכער, גאַרנדיק דעם באַגערטן ענטפֿער.
— דערווייל האָט מען ברויט אַרויסגעגעבן.
— אַרויסגעגעבן? — האָט ער אָפּגעאָטעמט מיט אַזאַ דערלייכטערונג, אַז ער האָט זיך דערפֿילט אינעווייניק הויל ווי אַ באַלאָן.—אויף וויפֿל טעג?
— אויף דריי.
— איז... ווען איז דער לעצטער טאָג?
— פּונקט היינט.
ער האָט געמוזט שרעקלעך אָנשטרענגען דעם ווילן, זיך נישט צו וואַרפֿן אויף דעם דאָזיקן פֿאַרזעעניש פֿאַר אַזאַ ציניזם, נישט אָנצוכאַפּן מיט די נעגל אָדער מיט די ציין פֿאַרן דאָזיקן אַראָפּגעלאָזטן גוידער.

צאָרן און פאַרצווייפלונג האָבן זיך אין אים צונויפגעפלאָכטן אין אַ פלוצלינגען אַרומכאַפּ, אין וועלכן זיי האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרבראָכן, איבערלאָזנדיק בלויז אַ ווייטיקלעכע קעלט און געוואַלדיקן אורווילדן האַס. ער האָט אַזש אַוועקגעקערט דעם בליק, כדי זיך נישט אויסצוגעבן אומזיסט מיט די דאָזיקע געפילן.

— און אויף מאָרגן האָט איר ברויט? — האָט ער געפרעגט מיט אַ רויִקייט, וואָס האָט אים אַ סך געקאָסט.

— ס׳איז נאָך נישטאָ.

— און מעל וויפל האָט איר?

— אַכט הונדערט מיט פערציק קילאָ.

— דאָס איז צו אַ פערטל קילאָ אויף אַן אַרבעטער... און ווייצענע?

— דריי הונדערט קילאָ.

— און צוקער?

— דריי הונדערט קילאָ.

— און וואָס טראַכט איר צו טאָן, חבר וויאַטראָס?

— איך טראַכט נישט צו טאָן, נאָר איך טו. נאָר דערווייל... האָב איך גאָרנישט געקאָנט אויפטון...

— און אין פאַרטיי־קאָמיטעט האָט איר עמעצן געזאָגט וועגן דעם? ווי לאַנג צוריק זענט איר אַריינגעטרעטן אין פּפּס?

— ווי נאָר כ׳בין געקומען פון לאַגער... מיט אַ האַלב יאָר צוריק — האָט ער נאָכלאָזיק אַ ברום געטאָן און שטילגעבליבן, איבערלאָזנדיק די ערשטע פראַגע אָן ענטפער.

— איר האָט געזאָגט אין קאָמיטעט פון אייער פאַרטיי?

— כ׳האָב נישט געזאָגט, די פאַרטיי איז פאַר פּאָליטיק, נישט פאַר מעל און צוקער...

— האָט איר, אויב אַזוי, אַזאַ באַגריף וועגן פאַרטיי, ווי איך וועגן אַסטראָלאָגיע.

— אפשר.

— מיר וועלן נאָך ריידן וועגן דעם אין אייער קאָמיטעט.

— מיר קאָנען ריידן.

יאָ... דאָס איז אַ קאַפּאָ... — האָט ניעגליצקי געטראַכט אַרויסגייענדיק. — אָדער... נאָך עפּעס אַן ערגערער אויסוואורף.

דער ביז איצט איינגעהאַלטענער צאָרן, דער האַס און די פאַרצווייפלונג האָבן זיך מיטאַמאָל צעשמאָלצן אין אַ צופלוס פון אומדערמידלעכער ענערגיע.

ברויט מוז זיין!...

XXVI

פאַרנאַכט, נאָכן אויסשעפּן אַלע לאָקאַלע מעגלעכקייטן און נישט דערגרייכנדיק קיין שום רעזולטאַט, האָט ער געקלונגען אין וואָיעוואָדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. הינטערן אָפּענעם פענצטער איז געשטאַנען פאַר אים דער ברייטער קופאָל פונעם גרויסן אויוון. וועלכער האָט אַרויסגעשטאַרצט איבער די פאַבריק־דעכער, פאַרפלאָנטערט אין געפלעכטן פון אַ קאָנ־סטרוקציע, פאַרוועבט מיט פּאַסמעס רויך, וואָס שלענגלען זיך פויל. הינ־טער דער טיר פון שכנותדיקן צימער האָט געררוישט אַ געפילדער פון אויפגערעגטע שטימען. אָבער גאָרנישט פון די דאָזיקע דערשיינונגען איז נישט דערגאַנגען צו זיין באַוווסטזיין, ווייל ער האָט מיט דער גאַנצער נשמה געשטעקט אינעם טרייבל. אַ האַלבע שעה צייט האָט ער עס נישט אַוועקגעלייגט, יעדע רגע צודרינגלעך אַריינגעשריגן אין מיקראָפאָן און בשום אופן נישט געקאָנט באַקומען קיין פאַרבינדונג. ענדלעך האָבן זיינע אויערן אַ ציטער געטאָן, ווי די אויערן ביי אַ יאַגד־הונט, וועלכער האָט אויפגעכאַפּט דעם שאָרך פון דער געיאָגטער חיה.

— האַלאָ! האַלאָ!... וואָיעוואָדישער קאָמיטעט?

ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס טרייבל אויפן ביוראָ־טיש, איז צוגעשפּרונגען צו דער טיר, הינטער וועלכער דער טומל האָט נישט אויפגעהערט, האָט זי האַסטיק אַ שטויס געטאָן און אַ געשריי געטאָן:

— שטילער, ליבע חברים, צו אַלדי בייזע רוחות, ווייל איך קאָן זיך נישט צונויפרעדן!

און זיך ווידער געוואָרפן צום טרייבל.

— האַלאָ! וואָיעוואָדישער קאָמיטעט?... ווער רעדט?... מיין אַכטונג, חבר נאַפּיעראַלע!... דאָ — ניעגליצקי. איך ווענד זיך צו אייך, חבר, אין זייער אַ וויכטיקן ענין. ביי אונדז האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָזט מעל אויף ברויט, און אויפן אָרט קאָנען מיר גאָרנישט נישט באַקומען. מיר האָבן נישט אויף מאָרגן קיין ברויט פאַר די אַרבעטער... האָבן היינט קוים אויסגעמיטן אַ שטרייק, אָבער פאַר מאָרגן גאַראַנטיר איך נישט...און דאָ אויפן אָרט איז אין ערגעץ גאָרנישט נישטאָ... איך ווייס, איך ווייס, שפּעטער וועט איר מיר דעם קאָפּ אַראָפּנעמען, אָבער דערווייל העלפט.

אין ראַם פון דער ברייט־געעפנטער טיר האָט זיך צונויפגעשטופּט אַ הענגל פנימער. אונטן לאָמפּקעס רונדיק און פלאַטשיק לבנה־פנים און סערוועטס, דעם דעלעגאַטס פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן, פערגאַמין־פנים, צווישן זיי, עטוואָס העכער, פלעוועס רויט מיט וואָנצעס איבערגע־שטראָכן פנים, האַרט איבער דעם וואָנכס מאָגער, וואַקסן פנים, איבער

זיי שטיכאַרסקיס, דעם מייסטערס פון דער גיסעריי, בייגעדיק, צוליבן גלאַטן פליך פאַרלענגערט פּנים, דערלעבן נאָווינסקיס, דעם מייסטערס פון דער רייפן-וואַלצעריי, וואָס איז באַוואַקסן מיט געדיכטער גרויקייט און באַשאָטנט מיט צעוואַקסענע גרויע ברעמען, און הינטער זיי ווייטער-דיקע, וואָס מע זעט בלויז טיילווייז אַרויס. אַלע פאַרגליווערט אין מאַסקעס פון קאָנצענטרירטקייט און אויפמערקזאַמקייט.

ניעגליצקי האָט קודם-כּל געבעטן, זיך פאַרענטפערט, איינגעטענהט, באַשווירן, דערנאָך געהאָרכט. ענדלעך האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— גוט!

ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער שטול און הויך און אויסגעצויגן אַ בלאָז געטאָן, ווי אַ פּלוצלינג געפּלאַ-טער סיפאָן. די פּנימער ביי דער טיר האָבן זיך באַלד אַריינגערוקט אין קאַבינעט און אַרומגערינגלט דעם סעקרעטאַר ווי אַ שווייגנדיקער בלו-מענקראַנץ.

— מע דאַרף אַרויסשיקן דריי פינפטאָניקע מאַשינען... — האָט ניעגליצקי ענדלעך אָפּגעסאָפּעט, אָפּווישנדיק דעם געדיכטן שווייס פון שטערן.

— נו... איז אַ לויב דיר, גאָט...

— אַ לויב דיר, גאָט, איז אַ לויב דיר... — האָט שטיכאַרסקי אָנגע-כמורעט געשאָקלט מיטן קאָפּ — אָבער... אויפן וועג דאָרט ווילדעוועט שאַרע מיט זיין באַנדע...

ניעגליצקי האָט פאַרצווייפלט צעפּירט די הענט.

— פאַרפאַלן... מיר קאָנען נישט וואַרטן ביז מע וועט שאַרען באַרויקן.

— ווען כאָטש ביי טאָג... — האָט נאָווינסקי צוגעוואָרפן.

— פאַרפאַלן... מיר קאָנען נישט וואַרטן ביז טאָג, ווייל ביי טאָג מוזן מיר שוין דעם עולם אַרויסגעבן ברויט. די שאָפערן וועלן באַקומען געווער, יעדער מאַשין וועלן מיר געבן צו צוויי פאַרשוין פון דעם וואַכפּאָסטן. ווי אַ באַפולמעכטיקטער פון קאָמיטעט וועט פאָרן הבר לאָמפּ-קע, אָבער ס'מוז זיין נאָך עמעץ פונעם אַקטיוו, חברים — האָט ער פאַרענדיקט, זיך שאַרף אַרומקוקנדיק אויף די פאַרזאַמלטע.

נאָך דעם שטילשווייגן, וואָס האָט זיך פּלוצעם איינגעשטעלט אויף אַ רגע אינעם צימער, האָט פּלעווע אומגעשיקט זיך אַ וויש געטאָן די וואָנסעס.

— ס'וועט זיך געפינען עפּעס אַ רוסישע ביקס? אַזאַ אמתע „ווינ-טאָווקע"? וואָרן פון קיין אַנדערער האַלט איך נישט.

— ס׳וועט זיך געפינען — האָט ניעגליצקי געזען געענטפערט.

— כ׳האָב עס שוין לאַנג אין דער האַנט נישט גענומען... — האָט פּלעוווע אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנסעס אַריין — נאָר, אַז עס וועט נויטיק זיין, וועל איך זיך זיכער אַן עצה געבן... — האָט ער זיך וויל-יונגעריש אַ רייב געטאָן די הענט.

איידער ס׳איז טונקל געוואָרן, זיינען פון אַריינפאָר-הויז ביים מאַגאַזין אַרויסגעפאָרן דריי מאַשינען, באַדעקטע מיט ברעזענט. אין יעדער פון זיי זיינען אויף אַ קופּע זעק געזעסן צוויי מיליציאָנערן מיט „פּעפּעשעס"* אין דער ערשטער שאָפערקע האָט זיך געזעצט לאָמפּקע. ער איז געווען אַזוי פריילעך, ווי ער וואָלט געפאָרן אויף אַ חתונה. אין דער צווייטער איז געזעסן פּלעווע מיט אַ חשיבותדיקער מינע, דריקנדיק צווישן די קניען די באַקומענע „ווינטאָווקע".

— נאָר געדענקט — האָט ניעגליצקי געזאָגט גוטמוטיק, כמעט צערטלעך טרעטסט נישט אָפּ אויף קיין טריט, קריכט זיי אויף די פּיאַטעס, ד׳ערגייט זיי די יאָרן, ביז איר וועט נישט האָבן די פּראָדוקטן אויף די מאַשינען. און דערנאָך אויף דער גאַנצער פּאַרע!

ער האָט זיך אין צופֿלוס פון פֿולשטענדיק אומגעריכטער האַרציקייט אַריינגערוקט אין דער שאָפערקע און אַ שטאַרקן קוש געטאָן פּלעווען אין באַק. זיך שנעל צוריקגעצויגן, נישט וועלנדיק אַ קוק טאָן אים אין די אויגן אַריין.

די מאָטאָרן האָבן אַ וואָרטשע געטאָן, און דאָס דאָזיקע שווערע וואָרטשען האָט אויפגעציטערט אין זיין ברוסט מיט אַן אומדערטרעגלעך געפיל. ער האָט אומעטיק געקוקט אויף די זיך טרייסלענדיקע ברעזענ-טענע בודקעס, ביז זיי זיינען נישט פאַרשוווּנדן הינטערן גאַס-אויסבייג. דעמלט האָט ער זיך מיט אַ שווערן טראָט גענומען שלעפּן צום קאָמיטעט און נישט פילנדיק געזיפצט.

געקומען צו זיך אין קאַבינעט, האָט ער לאַנג געקוקט אויף דער גרוי-ווערנדיקער גאַס, פאַרזונקען אין אַ פּלאָנטער פון אומבאַשטימטע געדאַנקען און פריקרע געפילן. ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל, איז געווען פאַר ניין. ס׳האָט קיין זין נישט צו קלינגען פריער ווי אין צוויי שעה אַרום. העכער זעכציק קילאָמעטער שלעכטער וועג. איידער זיי וועלן דערפאָרן צום וואַלד, וועט שוין זיין שטאָק נאַכט.

און דאָרט ווילדעוועט שאַרע...

---

*) אַ מין געווער.

מיט וואָס זיך פאַרנעמען די צוויי שוידערלעך לאַנגע שעהען, צו פאַרטרייבן די שווערע געדאַנקען און אומהיימלעכע השערות? מיט וואָס זיי אויספילן, כדי נישט צוצולייגן יעדע רגע דאָס זייגערל צום אויער, זיך איבערצוצייגן, אַז ס'איז נישט שטיין געבליבן, אַז די צייט פליסט פאָרט, און ס'דערנענטערט זיך אומפאַרמיידלעך דאָס, וואָס מוז געשעען... ער האָט געעפנט דעם ביוראָ-טיש, אַרויסגענומען די טעטשקעס און גע-מישט די פּאַפּירן אין זיי. האָט געזען רייען אותיות און ווערטער, אָבער דער געדאַנק האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אויף זייער אינהאַלט, ווי וואַסער פאַרהאַלט זיך נישט אויף פאַראייליקע הענט. דורך אַלץ האָט ער געזען די נאַכט און דעם פינסטערן וועג דורכן וואַלד, און די אויגן האָבן מיט אַן אומדערבאַרעמדיקער עקשנות זיך געצויגן צום זייגערלס קליינעם, געלן ציפערבלאַט, ווי ס'זאָל זיך האָבן באַזעצט דערין דער גאַנצער אינהאַלט פון דער עקזיסטענץ און דער קוואַל פון אַלע געדאַנקען-אַסאָ-ציאַציעס. יאָ... איצט נעמלעך פאָרן זיי דורכן וואַלד... דורכן פינצטערן, אומהיימלעכן סאָסנע-וואַלד מיט געדיכטע קוסטעס, וואָס ציט זיך אויף אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער. דערנאָך וועלן זיי פאַרבייפאָרן עטלעכע דערפער און ווידער וואַלד... די מאַשינען וואָרטשען הויך, אַזש דאָס דאָזיקע וואָרטשען ציטערט אין דער ברוסט, און טראָגט זיך אַוועק ווייט אין דער טיפעניש פון וואַלד. און דאָרט ווילדעוועט שאַרע...

שאַרע... ער אַליין און זיינע אונטערטעניקע טראָגן אויף דער ברוסט אַ רעמל מיטן בילד פון גאָטס-מאַמע און חזרן זיכער אָפט איבער דאָס וואָרט פאָטערלאַנד מיט אַזאַ חשיבות, פונקט ווי זיי וואָלטן ווירקלעך פאַרשטאַנען זיין גרויסע, מענטשלעכע באַדייטונג, אָבער די האַנט וועט זיי נישט קיין ציטער טאָן, ווען זיי צאַפּן אויס די רעשט בלוט פון די אָדערן פון יענע, וועלכע האָבן דאָס זעלבע פאָטערלאַנד מיט זייער בלוט אויסגעלייזט.

נו וואָס... אויב... אויב דאָס וועט געשען, איז זאָלן זיך די אַרבע-טער דערוויסן, ווער ס'דערלאָזט נישט, מע זאָל זיי באַשפּייזן מיט ברויט... האָ... דאָס איז אַ קנאַפּע טרייסט...

ער האָט אָנגעקלונגען באַלד נאָך ניין. נישטאָ... נישטאָ... קנאַפּע צוויי שעה, דאָס איז גענוג צייט אויף אַדורכמאַכן אַזאַ שטח. נישטאָ... דער וועג, וואָס אַן אמת, איז אַ שלעכטער, ערטערווייז ממש אַ פּאַטאַ-לער, אַ צעביסענער פון די ווילדע ציין פון דער מלחמה, אָבער די מאַ-שינען זיינען געוועזן פולשטענדיק אין אָרדנונג. ער האָט בלויז נישט קאָנטראָלירט צי זיי האָבן געהאַט רעזערוו-רעדער... באמת, ווי האָט ער געקאָנט וועגן דעם פאַרגעסן... אַז מען קאָן קיינמאָל נישט דערליידיקן

אַן ענין אַזוי, עס זאָל נישט עפּעס פֿעלן... ערשט וועט ער נישט געפֿינען קיינעם, וואָס זאָל קאָנען פֿאַרזיכערן, אַז אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. נאַכט, אַלע אָמטן און ביוראָען זיינען געשלאָסן... ער האָט געקריגן היץ, וואָס האָט אים מאָמענטנווייז דערפֿירט צו קאָפּשווינדל. האָט געקלונגען יעדע האַלבע שעה, יעדעס פֿערטל שעה, יעדע צען מינוט.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט האָט מען אים געענטפֿערט, אַז זיי זיינען געקומען. אַלץ איז אין אָרדענונג, זיי האָבן בלויז צוויי מאָל געטוישט אויפֿן וועג אַ ראָד. איצט לאַדעוועט מען שוין אויף די פּראָדוקטן. אין דריי, פֿיר שעה אַרום וועלן זיי זיך לאָזן צוריק אין וועג.

מיט אַ האַלב מטורפֿן און האַלב צעשטראַלטן בליק האָט זיך ניעגליצקי אַרומגעקוקט, זוכנדיק מענטשן, צו וועלכע ער זאָל קאָנען מיטן גאַנצן כוח פֿון זיין דערוואַכטער שטימע אַ געשריי טאָן:

— זיי זיינען דערפֿאָרן! זיי זיינען דערפֿאָרן! זיי האָבן געהאַט רעזערוו-רעדער!

ער איז אָבער געווען אַליין.

די פֿרייד, דאָס אומגעהויערע גליק האָט אַדורכגעבליצט, ווי אַן אויסגעשאָסענע ראַקעטע אין דער פֿינצטערניש און פֿאַרלאָשן געוואָרן. ווייל דאָס איז דאָך ערשט דער ערשטער איינגעגעבענער אַקט...

איצט האָט זיך אים גענומען אויסדוכטן, אַז דער דאָזיקער ערשטער עטאַפּ פֿון דער שפּיל האָט זיך געמוזט איינגעבן און אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין. ער האָט זיך בכלל אומזיסט געפּייניקט און אָן גרונט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז זיי וועלן נישט דערפֿאָרן. דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַזוי פּשוט און נאַטירלעך, אַז ער האָט באַדויערט זיין נאַאיווקייט.

ער איז לאַנג געגאַן אַהין און צוריק איבערן צימער, אויסגערייכערט אַ סך פּאַפּיראָסן, דורכגעטראַכט אַ סך ענינים אָן קיין שום צוזאַמענהאַנג צווישן זיך, וואָס האָבן זיך אָבער עקשנותדיק געדרייט אַרום דעם ברויט. ער האָט אַ סך מאָל איבערגעלעבט פֿרייד ביים געדאַנק, ווי מע וועט עס מאָרגן אַרויסגעבן די אַרבעטער פּראָדוקטן, וואָס פֿאַר אַ קרומע מינע ס'וועלן מאַכן די, וואָס פּרוּוון בונטעווען די אַרבעטער קעגן זייער אייגענער זאַך, פֿאַרוואַנדלען די נאַאיווקייט פֿון פּראָסטע מענטשן אין אַ געווער אויף אונטערצוגראָבן זייער אייגענע עקזיסטענץ...

פֿלוצלינג איז אים איינגעפֿאַלן אַ שרעקלעכער געדאַנק.

יאָ... דער ערשטער אַקט האָט זיך געמוזט איינגעבן, ווייל שאַרע איז דאָך געווען צו באַקומען דריי פֿולע מאַשינען מיט פּראָדוקטן, אָנשטאָט ליידיקע. אין יענער זייט האָט ער זיי דורכגעלאָזט, אָבער צוריק...

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טעלעפאָן. האָט שנעל באַקומען פאַרבינדונג, אָבער אַלע טעלעפאָנען אין וואַיעוואָדישן קאָמיטעט האָבן נישט געענטפערט. די טעלעפאָניסטין אין דער צענטראַלע האָט „וועגן גאָרנישט נישט געהאַט קיין אַנונג". וואָס טוט מען?

ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל, וואָרן די ערשטע צעטומלעניש איז פאַרביי, דער געדאַנק האָט גענומען אַרבעטן ניכטער. האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל.

ס'איז געווען פאַר צוויי.

וואָס? זאָגן זיי, זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן מיטן אַרויספאָרן ביז טאָג? דעמאָלט וועלן די אַרבעטער קיין ברויט נישט באַקומען, דער צוטרוי צו דער פּאַרטיי וועט זיין אַראָפּגעריסן. און דער טאָג גיט לחלוטין נישט קיין גרעסערע גאַראַנטיעס איידער די נאַכט. אפשר איז ביינאַכט גראָד לייכטער זיך דורכצוגליטשן. שאַרע שטעלט דאָך נישט אַוועק ביים וועג קיין וואַכפּאָסטנס...

צי וועט דער דאָזיקער גאַנצער ענין, זיין רעזולטאַט אָפּהענגיק זיין בלויז פון דעם בלינדן צופאַל, צי איז שאַרע אינפאָרמירט געוואָרן דורך זייניקע פון שטאָט וועגן דעם אַרויספאָר און האָט זיך געקאָנט צוגרייטן צו אַ דורכגעטראַכטער אַקציע?

בעת די אויגן, וואָס זיינען פאַרזונקען אינעם פענצטער-פּירעק, קוקן פאַרגליווערט און זאַפּן נישט אַריין אין זיך נישט די ווייטע שטערנ-ליכטלעך, נישט דאָס נאָענטע ליכט פון די גאַסן-לאָמפּן; בעת די פאַר-גליווערטע אויערן שפּילן איין מאָנאָטאָנע מעלאָדיע פון ווייטע, אין ערגעץ נישט עקזיסטירנדיקע גלעקלעך און זאַפּן נישט איין נישט די גערוישן, וואָס קומען פונעם גרויסן אויוון, נישט די זעלטן הילכנדיקע טריט פון דער גאַס, — ווייזט דער דמיון, וואָס איז נאָענט צו האַלוצי-נאַציעס, פולשטענדיק בולט אָנגעצייכנטע בילדער, פילט אָן דאָס געהער מיט פולשטענדיק לעבעדיקע קלאַנגען.

אָט שווינדלען גרויסע, בייכיקע זעק אויף איינגעהויקערטע, מענטשלעכע פּלייצעס און פאַלן מיט אַ טעמפּן רויש אין דער מאַשין... אָט ליפּט אַרום אַהין און צוריק לאָמפּקעס רונדיק און פלאַטשיק, לבנה-ענלעך פּנים, אַ צעשמייכלטס, אַ פריידיקס. ווידער זעק, זעק, זעק... פלעווע מיט דער „ווינטאָווקע צווישן די קניען". ס'פאַרמאַכן זיך די טירן פון די שאָפערקעס, די פאַרגליווערטע, נישטפילנדיקע ליפּן רירן זיך צו אויף אַ רגע צו לאָמפּקעס קאַלטער באַק מיט אַ קלאַנגלאָזן קוש.

...אַ גליקלעכן... — שעפּטשן זיי אָן אַ קול.

ס'דערהערט זיך אַ שטאַרק וואָרטשן פון מאָטאָרן, וואָס ציטערט אין דער ברוסט מיט אַן אומדערטרעגלעך געפּיל. אַ פּאַטאַלער, צעשטערטער וועג. די מאָטאָרן וואָרטשען אָנגעשטרענגט, און דער דאָזיקער וועג לויפט שנעל אונטער די רעדער ווי אַ טראַנסמיסיע-פּאַס. און אָט איז דער וואַלד... ער צייכנט זיך בלויז מיט די ערשטע ביימער ביים ברעג, וואָס שפּרינגען שטייף אינעם ליכט פון די רעפלעקטאָרן, און הינטער זיי פינצטערע אָפּגרונטן. און פּלוצלינג צעהילכט זיך אין די דאָזיקע אָפּגרונטן אַ סעריע שאָסן... צעהילכט זיך אַזוי נאָענט, און טוט אַזוי שאַרף אַ זעץ אין די אויערן-הייטלעך, אַז ניעגליצקי האָט אַ שוידער געטאָן ווי אַ קינד, וואָס מע גיסט עס אָפּ בעתן באָדן מיט צו הייס אָדער צו קאַלט וואַסער.

ער האָט זיך נישט באַלד אָריענטירט, אַז דאָס קלינגט דער טעלעפאָן.

ער האָט געכאַפּט דאָס טרייבל און שטאַרק צוגעדריקט צום אויער, ווייל דאָס האַרץ, וואָס איז אין דער ערשטער רגע פאַרחלשט געוואָרן, האָט זיך דערנאָך אַזוי צעוויגט, אַז ס'האָט מיט זיין זעצן פאַרטויבט די קלאַנגען, וואָס האָבן געשטראָמט פון דער מעמבראַנע. ער האָט גלייך דערקענט לאָמפּקעס שטימע.

— ניעגליצקי?

— איך...

— כ'האָב געוווּסט, אַז כ'וועל אייך טרעפן... — האָט די מעמבראַנע פריידיק וויברירט. — באַפּיראַלע האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט געקלונגען זיבן און זיבעציק מאָל. מיר האָבן שוין אָנגעלאַדעוועט די מאַשינען און אַלץ איז אין אָרדענונג. איך קלינג פון דער וואָיעוואָדישער „ספּאָלעם"-צענטראַלע. ס'ווילט זיך מיר קוויטשען פון פרייד, זאָג איך אייך... מיר פאָרן באַלד אַרויס און אין אַ שעה אַרום וועלן מיר זיין אין דרהיים...

— אַ גליקלעכן... — האָט ניעגליצקי אַ שעפּטשע געטאָן און אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. ער איז נישט בכוח געווען ווייטער צו הערן און נישט צו רעדן. דער דאָזיקער מענטש גיט זיך לחלוטין נישט אָפּ קיין רעכענונג, וואָס אים דערוואַרט. אפשר איז אַזוי בעסער... וואָרנען אים האָט קיין זין נישט, ס'וועט גאָרנישט העלפן...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און נערוועז שפּאַצירט איבערן קאַבינעט. זעכציק קילאָמעטער פּאַטאַלער וועג... ער האָט אים אַזוי בולט געפילט, ווי ער וואָלט מיט די מידע פיס געקראָכן איבער זיינע גריבער. די מאַשינען זיינען אין אָרדענונג, די מאָטאָרן וואָרטשען, און זייער ברום ציטערט אין דער ברוסט מיט אַן אומדערטרעגלעכן געפּיל.

דער קאַבינעט איז פול מיט רויך, וועלכער באַווייזט נישט אויס־צולופטערן זיך דורכן אָפענעם פענצטער אין דער שטילער נאַכט אַריין. ניעגליצקי רייכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און גייט באַלכסון פון ווינקל צו ווינקל, ווו דער דיסטאַנס איז צום לענגסטן, ער מוז דאָך דורכמעסטן זעכציק קילאָמעטער...

ווען ס׳האָבן אים אויסגעפעלט פּאַפּיראָסן, האָט ער אַרויסגענומען פון שופלעדל אַ בויגן דין מאַשין־פּאַפּיר. האָט פון אים אָפּגעריסן גלייכע פּירעקן און אַרויפגעשאָטן אויף זיי טאַבאַק פון עטלעכע נישט דעררייכערטע שטיקלעך, וואָס ער האָט אַרויסגעגראַבלט פונעם אַש־קעסטל. האָט פאַרדרייט און גערייכערט. אין ברוסט האָבן זיך אים שוין געשפּילט עפּעס הייזעריקע, קאַליעדיקע פייפלעך, אין די שלייפן האָט געקבערט אַן אַדורכנעמענדיקער, האַרבער ווייטיק.

ס׳האָבן זיך אויסגעשעפּט אויך די נישט דעררייכערטע שטיקלעך. ס׳איז אים באַפאַלן אַן אָפּגרונטיקע פאַרצווייפלונג. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין אַזאַ שרעקלעכער לאַגע איז ער נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געווען. אַפילו דעמלט, ווען די געסטאַפּאָ האָט אים אַרומגערינגלט, איז די סיטואַציע געווען אַ גרינגערע, ווייל דעמלט האָט ער געקאָנט טראַכטן, פּלאַנירן, טאָן, און ער האָט באַוויזן זיך אַרויסצורייסן. אָבער איצט זיינען די אויטאָס מיט די מענטשן מיט דעם מעל אויף ברויט פאַר די אַרבעטער ערגעץ ווייט דאָרט, ווי אין דעם צווישן־פּלאַנעטן־רוים — ער האָט נישט מיט זיי קיין שום פאַרבינדונג, איז פול־שטענדיק אוממעכטיק און אומבאַהאָלפן. האָט אַפילו נישט וואָס צו רייכערן...

פאַר וואָס האָט ער נישט געהייסן לאָמפּקען זיך פאַרהאַלטן און וואַרטן?

אויף וואָס וואַרטן?

וואַרטן, ביז ס׳וועלן זיין פּאַפּיראָסן...

ער האָט האַסטיק אַרויסגערוקט אַלע שופלעדער, גענישטערט צווישן די פּאַפּירן אין דער האָפענונג, אַז אפשר וועט זיך דאָרט אָפּזוכן עפּעס אַ פאַרוואַלגערטער פּאַפּיראָס. איז אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער אין דער האָפנונג, אַז דאָרט וואַלגערן זיך אַרום נישט דעררייכערטע שטיקלעך, אָבער... דאָס צימער איז געווען אויפגערוימט. ער האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דורכגענישטערט דאָס אַש אין זיין אַש־קעסטל. צום סוף, נאָענט צו משוגעת, האָט ער באַמערקט זיין מאַנטל, וואָס הענגט דאָ שוין עטלעכע טעג, זינט דעם לעצטן רעגן. האָט זיך צו דעם אַ וואָרף געטאָן און אין דער ערשטער קעשענע געפונען, כמעט אַ גאַנץ שאַכטעלע

פּאַפּיראָסן. האָט פאַררייכערט מיט אַזאַ זשעדנעקייט, גלייך ווי ס׳וואָלט אים שוין אַ וואָך צייט אויסגעפעלט דער דאָזיקער תענוג.

הינטער די פענצטער איז אויסגעגאַנגען די וואַרעמע, רויקע אויגוסט-נאַכט. אויף דער מזרחדיקער זייט פון הימל זיינען די שטערן בלאַסער געוואָרן און פּאַמעלעך זיך צעשוווּמען, איינגעזונקען אין אַ גרענעצלאָזער טיפקייט פון סעלעדין-קאָליר. וואָס איז געווען לייכט ביזאַנסירט פון פולשטענדיקער דורכזיכטיקייט ביז זאַפטיקן שמאַראַגד. אויפן העל-ווערנדיקן פאָן האָבן זיך וואָס אַמאָל בולטער געצייכנט די קאָנטורן פון דער פאַבריק.

ניעגליצקי האָט געקוקט אויפן קופּאָל פונעם גרויסן אויוון, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט איבער אַלע דעכער און איז ענלעך געווען אויף אַ יונגן וואַלד-שוואָם, וועלכער האָט אויף זיין יאָדערדיקן קאַפּעליוש אויסגעהויבן פון מאָך אַרויס רושטאָוואַניעס פון סאָסנע נאָדלען. די מע-טאַלענע טענער און דאָס געקלאַפּערײַ פון האַמערס, וואָס זיינען געקומען פון יענער זייט האָבן געקלונגען לויטער און עפּעס באַזונדעס היימיש. ער האָט גערירט זיך איינגעהאָרכט אין זיי. נישט לאַנג צוריק האָט ער דאָך אַליין געקלאַפּט אין פאַבריק ביינאַכט מיטן אייזנגעצייג...

— אַזוי, ליבע חברים... מאָרגן וועט איר אָנשטאָט ברויט האָבן אַ פייערלעכע לוויה... — האָט ער אָן אַ קלאַנג אַ קרעכץ געטאָן.

און מיטאַמאָל איז ער פאַרשטאַרט געוואָרן, ווי פון אַ געוואַלטיקער שרעק, צי פון אַ געוואַלטיקער, איבעראַשנדיקער פרייד. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, ער האָט דערהערט דאָס וואָרטשען פון אַ מאָטאָר, אָבער איז נישט זיכער געווען צי דאָס איז ווירקלעכקייט, צי בלויז אין זיין ברוסט ציטערט אַלץ נאָך דאָס וואָרטשען, וואָס וועקט אַן אומדערטרעג-לעך געפיל.

פלוצלינג האָט פון הינטער אַ ווייטן גאַס-פאַרדריי הויך אַ הילך געטאָן אַ סיגנאַל פון אַ סטודעבאַקער און זיך צעטראָגן ווי אַ הערלע-כע האַרמאָניע פון פאַנפאַרן.

ניעגליצקי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער און מיטן גאַנצן קערפּער אַריבערגעבויגן איבערן פאַראָפּעט. איבער דער גאַס האָבן זיך באַוועגט דריי גרויסע, גרויע קערפּערס און געטרייסלט מיט די ברעזענ-טענע צודעקן. ווען די ערשטע מאַשין איז פאַרבייגעפאָרן דעם קאָמיטעט, האָט זיך לאָמפּקע אַרויסגעבויגן פון דער שאָפערקע, זיך צעלאַכט, דער-זעענדיק דעם סעקרעטאַר, מיט זיין גאַנצן רונדיקן פּנים און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די מאַשינען זיינען שוין פאַרשוואונדן, אָבער ניעגליצקי איז נאָך לאַנג געהאָנגען איבערן פּאַראַפּעט, געמאַכט מיט דער האַנט און גע-שריגן אַן ווערטער, עפּעס אַן אויסגעצויגענעם — האַאַאַאַ...אַ...אַ...

דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון פּאַראַפּעט, איז געפאַלן אויף אַ שטול, ווי אַ ווייכער זאַק און האָט זיך פאַרמאַטערט אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפן ביוראָ-טיש. האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַריינגעשטעקט אַ פּאַפּיראָס צווישן די פאַרטריקנטע ליפּן, מיט מי אָנגע-ריבן אַ שוועבעלע אין שאַכטעלע. ס׳איז אים לייכטער געווען צוצובייגן דעם גאַנצן גוף צום שוועבעלע, איידער אויפצוהייבן די האַנט מיטן פייער צום פּאַפּיראָס. און ווען ער האָט לויזער געמאַכט די קאַרק-מוס-קולן, איז אים דער קאָפּ מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן אויף דער האַנט. דאָס שוועבעלע האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון די צענומענע פינגער און דערברענט אויף דער פּאָדלאָגע.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך לאַנג נישט געקאָנט אָריענטירן, ווו ער איז און וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. עמעצער האָט איינגעשפּאַרט געריסן אים פאַרן אַקסל. פּלעווע...

— איך האָב געמיינט, אַז איר וועט באַלד קומען, און דאָ...

— באַלד גייען מיר... — איז ער ענדלעך געקומען צום באַוווּסטזיין און האָט אַוועקגעריסן פון די ליפּן דעם פאַרטרוקנטן פּאַפּיראָס. האָט אויפגעדרייט דאָס וואַסער פון קראַן אויף דער האַנט אַרויף, זיך אַ כליאַ-פּע געטאָן אין די אויגן אַריין, דורכגעשווענקט דאָס מויל פון דעם בי-טערניש, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעזעצט דערין נאָך אַזויפיל פּאַפּיראָסן, אַראָפּגעשלונגען עטלעכע שליק גלייך פון קראַן, און זיי זיינען אַוועק-געלאָפן.

— איך בין זיך דורכגעשלאָפן אַביסל אויפן וועג — האָט זיך דער גליקלעכער פּלעווע גערימט.

— איר זענט בשלום דורכגעפאָרן?

— פולשטענדיק... בלויז אין יענער זייט איז אונדז אַ ראָד צוויי מאָל קאַליע געוואָרן. אָבער מיר האָבן געהאַט רעזערוו-רעדער.

— און שרעק האָט איר געהאַט?

— פאַרוואָס?

— שאַרע...

— אָ... ע, כ׳האָב אַפילו פאַרגעסן וועגן דעם... — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט עפּעס אַ גאָרנישט זאָגנדיקע באַוועגונג און נישט געפּרוּווט מאַכן זיך פאַר אַ העלד. דער עיקר איז דאָס, וואָס אונדזערע מנוולים האָט זיך נישט איינגעגעבן. מע דאַרף זיי אַלע פּאַקן און פאַר-

שפּאַרן, חבר סעקרעטאַר. מיט אונדזער ברויט ווילן זיי פירן מלחמה, די מנוּוולים...

— מיר וועלן זיי פּאַקן, מירן זיי פּאַקן. ס׳וועט זיך קיינער טרוקן נישט אַרויסדרייען.

אין לויף האָט ער אינפאָרמירט, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו פירן. צוזאַמען מיט די רעשטלעך, וואָס זיינען פאַראַן אין מאַגאַזין האָט דאָס געראַטעוועט די סיטואַציע אויף דריי טעג. און אויף שבת האָט די צענ-טראַלע צוגעזאָגט פיר וואַגאָנען פּראָדוקטן...

— בין איך שוין, מיין איך, פריי, חבר סעקרעטאַר... ווייל זיבן אַזייגער דאַרף מען זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

— אַ דאַנק, חבר פּלעווע, כ׳דאַנק אייך זייער... — האָט ער אים פעסט אַ דריק געטאָן די האַנט.

— פאַרוואָס עפּעס, חבר סעקרעטאַר? צי בין איך עס נישט מחוייב געווען? יעדער פון אונדז איז מחוייב...

אין דער בעקעריי האָבן די בעקערס, רויט פון אָנשטרענגונג, אַראָפּגעטראָגן די בייכיקע זעק און אויסגעליידיקט אין די דייזשעס אַריין. דער מעל-שטויב האָט געקיצלט די נאָזלעכער און דורכגענומען מיט אַ נודנעם ריח פון וואַרעמקייט און זאַטקייט. די גאַנצע וועלט איז געווען אַ מעליקע און ס׳איז געווען גוט... ניעגליצקי, זיך שמעלצנדיק פון נחת אינעם דאָזיקן געשמאַקן ריח, האָט אויפגעזוכט דעם שעף פון דער בעקעריי און, זיך שטעלנדיק צון אים פּנים-אל-פּנים, אַריינגעקוקט אים דורכדרינגלעך אין די אויגן, וואָס זיינען פאַרשטעלט געווען מיט די פאַרמעליקטע וויעס.

— ראַדונסקי, אויב ס׳וועט מיר פאַרלוירן גיין כאָטש איין קילאָ ברויט, וועל איך דיך מיט די-אָ הענט דערשטיקן...

ראַדונסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף די אָדערדיקע, צעוואַקסענע הענט, וואָס זיינען אים צוגעשטעלט געוואָרן צו דער סאַמע נאָז און זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— ע... דאָס איז גאָרנישט... — האָט ער אַ ברום געטאָן מיט זייער אַ שטילן, אַזש אומנאַטירלעכן באַס.

— מיר וועלן זען, צי גאָרנישט... — האָט ניעגליצקי זיך געמאַכט שטרענג, אָבער זיין האַרץ איז געווען צעזונגען מיטן דאָזיקן מעל-שטויב.— ווען וועט איר קאָנען אַרויסגעבן דאָס ברויט?

— אַזוי... סע זאָל זיך אַ ביסל אָפּקילן — האָט ראַדונסקי געבאַסע-וועט — איז נישט פריער ווי מיטיק-צייט.

— ביז מיטיק-צייט וועט זיך עס נישט אָפּקילן. מיטיק-צייט אַרויס-געבן בלויז פאַר די גאָרקיכן, און אויף אַהיימצונעמען אָנהייבן אַרויסגעבן דריי אַזייגער. לאָמפּקע, אַרויסהענגען מעלדונגען ביי אַלע איינגענג פון פאַבריק, אַז דריי אַזייגער נאָך מיטיק וועט אַרויסגעגעבן ברויט אויף דריי טעג, אַ קילאָ ווייצן-מעל, אַ האַלבן קילאָ צוקער און אַ פערטל קילאָ מארמעלאַד. און איך וועל זיך אַריינכאַפּן אַ ביסל אין שטוב, זיך צו ווייזן פאַרן ווייב.

באַלד האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט אַריינגעכאַפּט, וואָרן ס'איז אים נישט געגאַנגען בלויז דערין זיך צו ווייזן פאַרן ווייב, נאָר האָט אויך געוואָלט זיך ווילן אַ ביסל מיט די קינדער, און אין דער צייט זיינען די קינדער נאָך געשלאָפן. ווען ער האָט זיך ענדלעך אַריינגעכאַפּט, האָט ער אפילו דעם ווייבס פריקרע און זייער פאַרשטענדלעכע פאָרוווּרפן אויסגעהערט מיט פרייד, אַזוי שטאַרק איז ער געווען איבערפולט מיט נחת-רוח. האָט זיך אָפּגעוואַשן, אויסגעטרונקען אַ גלאָז ציגן-מילך — זיי האָבן געהאַט אַ ציג, וואָס די מאַמע האָט זי יעדן טאָג אין דער פרי אַרויסגעטריבן אויפן פאַשע-פעלד און צוריקגעבראַכט מיט אָנגעשטאָפּטע זייטן און מיט אַן אָנגעקוואָלענעם אייטער — האָט אַ שטיף געטאָן מיט די קינדער, דאָס יונגע פריילעכע פעמפיקל אַ סך מאָל אונטערגעוואָרפן אונטערן סאַמע סופית, מיט וועלכן ער האָט ביי דעם אַרויסגערופן אַ מחיהדיק געלעכטער, וואָס האָט דערמאָנט אין פרילינגדיקן טשוויטשערן פון פייגל.

— זאָג מיר, מאַניעק, ווען וועסטו שוין ענדלעך זיין מיט אונדז אינדערהיים, ווי אַ מאַן און אַ טאַטע? — האָט דאָס ווייב געפרעגט מיט אַן אָנגעבלאָזענער, צערטלעכער ווייבלעכער טענה — כ'זאָל כאָטש קאָנען האָבן די נאַכט אַ רויקע...

— שוין אינגיכן, זאָכנע... אַז מיר וועלן אָפּבויען די פאַבריק, אַז די פאַרטיי וועט שטאַרקער ווערן און האָבן אַ סך איבערגעגעבענע מענטשן, וועלכע וועלן איינטיילן צווישן זיך די אַרבעט... אַז ברויט וועלן מיר נישט מוזן באַקומען בגוואַלד, נאָר וועלן עס פון אַלע פעלדער אַראָפּנעמען בשפע...

— אוי דו, דו...

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אַן אָפּגעפרישטער און געקרעפטיקטער דורך דער דאָזיקער פריוואַטער שעה זיינער, וואָס האָט אים כאָטש אויף אַ קורצן מאָמענט אַרויסגעריסן פון זיינע אַמטלעכע דאגות, איז ער שטיינגעבליבן ביי דער שוועל אומאַנטשלאָסן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט נאָך געהאַט צו זאָגן עפּעס וויכטיקס און אינטערעסאַנטס.

ער האָט זיך אָבער קלאָר געמאַכט, אַז ס'איז גאָרנישט געווען אַזעלכעס. דאָס ווייב, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען נאָך אים אין פאָדערהויז, כּדי צו זיין מיט אים כאָטש נאָך אַ רגע לענגער, האָט, באַמערקנדיק זיין קוועטשקלען, זאָרגעוודיק אַ פרעג געטאָן:

— האָסט אפשר עפּעס פאַרגעסן?

— ניין...— האָט ער אומאַנטשלאָסן געענטפערט, נאָכאַמאָל זי אַ קוש געטאָן און אַרויסגעגאַנגען.

ער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן. עטלעכע מאָל האָט ער אַכטונג געגעבן ווי דאָס ברויט באַקט זיך, קאָנטראָלירט די צוגרייטונגען צו די זונטיקדיקע פייערלעכקייטן, באַטראַכט דעם גרויסן אויוון און הונדערט מאָל זיך פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג. מיט אַ טריומפירנדיקער מינע איז ער געגאַנגען איבער די אָפּטיילונגען, און די איינציקע אומאָנגענעמלעכקייט דעם דאָזיקן טאָג איז געווען פאַר אים דאָס, וואָס אייניקע אַרבעטער האָבן זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז ווען זיי וואָלטן נישט געווען דערמאָנען, וואָלט קיין ברויט נישט געווען. ער האָט דאָס נישט געקאָנט אויף קיין איבערצייגנדיקן אופן פאַרלייקענען.

— דער עיקר, אַז ס'איז דאָ... — האָט ער אויסמיידנדיק געענטפערט. — עך, ווען איר וואָלט וויסן, וויפל דאָס האָט געקאָסט... — האָט ער צוגעגעבן אין דער מחשבה.

דערפאַר האָט ער אין דער גאָרקיך ביים מיטיק געקייט אַ היפּשע לחמא מיט אַזאַ אַפּעטיט, און זי האָט געהאַט פאַר אים אַזאַ ווערט און אַזאַ טעם, ווי נאָך מסתמא קיינמאָל נישט אין לעבן.

נאָך מיטיק האָט ער זיך לאַנג געפרייט מיטן אָנבליק פון די מענטשן, וואָס גייען אַוועק פון פענצטערל מיט אַ פּאַק ברויט, און דערנאָך איז ער שטעקנגעבליבן אין קאָמיטעט.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. די נאַכט איז געווען אַ גענוג וואַרעמע, נאָר אַ פינצטערע, האָט געאָטעמט מיט פייכטקייט. נאָך פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל פאַרצויגן מיט אַ גלייכן, אומבאַוועגלעכן פליין פון וואָלקנס.

אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער, ווייל אויף די גאַנצע צוויי שטאָק שטיגן איז נישט געווען קיין איין גלי־לעמפל. איבערטרעטנדיק די שוועל, האָט ער זיך אַ טאַפּ געטאָן די קעשענע, אין וועלכער ער האָט געוויינלעך געטראָגן אַן עלעקטריש לעמפל. ער האָט עס נישט געהאַט. האָט אויסגעשטרעקט די הענט פאַר זיך, אָנצוטאַפּן די באַלוסטראַדע פון די שטיגן, און פלוצלינג זיך זייער שטאַרק אַ זעץ געטאָן אין עפּעס מיטן רעכטן אָרעם, אַז ער איז אים פאַרשטאַרט געוואָרן און מאַכטלאָז אַראָפּ-

געפאַלן. ער האָט זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן, נישט וויסנדיק אין וואָס ער האָט זיך געקאָנט אַזאַ זעץ טאָן. און דעמלט איז אים אַ צווייטער קלאַפּ געפאַלן אויפן קאָפּ. ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין און איז ווייך אַ פאַל געטאָן אויף עמעצנס אייליק אונטערגעשטעלטע הענט.

*

ליגנדיק אומבאַוועגלעך, האָט ער פאַרשעריש באַטראַכט דעם אָרום.

דאָס צימער איז געווען נישט קיין גרויס, די ווענט פון לילע־גרויען קאָליר, באַשפּרענקלט מיט פּיצעלעך רויזע בלימעלעך און פוילגרינע בלעטעלעך, ביים פענצטער אַ נישט גרויסער טיש, באַדעקט מיט אַ געוויג שמוציק טישטעך מיט האַנט־אויסנייעכץ. לעבן אים פיר אָפּגענוצטע ווינער שטולן. אין איין ווינקל אַ טישל מיט אַ שפּיגל און פאַרשידענע קליינינקייטן. אין צווייטן אַן עטאַזשערקע מיט עטלעכע ביכער און צייטונגען, צעוואָרפענע אין אומאָרדענונג אויף קליינע פּאָליצעס. אויף די ווענט צוויי באַנאַלע אייל־דרוקן: קריסטוס אין דעם איילבירט־גאָרטן און די טוט פון דער הייליקער וועראָניקע, אַ קרייץ מיט אַ בלייערן פיגור און עטלעכע פאָטאָגראַפיעס אין שמאָלע ראַמלעך. ער האָט קיינעם נישט געקאָנט דערקענען אויף די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס. אַ וווינונג, וואָס ער האָט קיינמאָל ביז היינט נישט געזען...

ס'האָט זיך אים דערמאָנט דער לעצטער מאָמענט אין קאָרידאָר, און ער האָט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט קלאָר מאַכן, צי ער איז ביז איצט געווען אָן באַוווסטזיין, צי ער איז גאָר פּשוט געשלאָפן. ער האָט אויך נישט געקאָנט באַשטימען, ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט.

דורך אַ טולענעם פאָרהאַנגל און געדיכטע בלעטער פון אַ יונגן ליפּע־בוים הינטערן פענצטער האָבן זיך געזען שטיקלעך פון אַ פאַרוואָלקנטן טריבן הימל, און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן צו קאָנען באַשטימען די צייט פון טאָג. אויפן זייגערל האָט ער נישט געקאָנט קיין קוק טאָן, ווייל די הענט זיינען אים געווען געבונדן אויף הינטן, און ער האָט אפילו נישט געפילט, צי ער האָט דאָס זייגערל אויף דער האַנט, צי נישט.

היינט איז שבת, אָבער וויפל איז דער זייגער, ווו געפינט ער זיך, אין וועמענס הויז? אין שטאָט, צי נישט, און אויב אויסער דער שטאָט, איז ווי ווייט, אין וועלכער ריכטונג, אין וועלכער געגנט? און וואָס וועט זיין ווייטער?... ס'איז געווען אַ גאַנצע מאַסע אַזעלכע צודרינגלעכע, אומפאַרמיידלעכע פראַגן, אָבער גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל אים אַרויספירן כאָטש אויף אַ שפּור פון אַן ענטפער אויף זיי.

וואָס שייך די אימשטענדן, וועלכע האָבן אים געבראַכט אין דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן אָרט, האָבן נישט געקאָנט זיין קיין שום ספקות, וואָרן ס׳האָבן וועגן דעם עדות געזאָגט אַ סך דורכויס רעאַלע דערשיינונגען: דער ווייטיק אין קאָפּ, וואָס איז געווען פעסט אַרומגעבונדן מיט עפּעס אַ באַנד אָדער אַ באַנדאַזש, דער נאָך שטאַרקערער ווייטיק אין רעכטן אָרעם, וואָס איז אַרונטערגעדרייט אויף הינטן, דער טעמפּער ווייטיק אין די געלענקן פון די הענט, וואָס זיינען געבונדן הינטער די פּלייצעס, און פּונקט אַזאַ ווייטיק אין די קנעכלעך פון די פאַרקרעמפּעטע פיס. קענטיק, אַז ער איז שוין היפּש לאַנג אַזוי פאַרקרעמפּעוועט, ווייל אין אָנהייב טוט מסתּם נישט אַזוי וויי... וואָלט ערשט צונויף געקומען אַן אַמעריקאַנער פילם-רעזשיסער, וואָס וואָלט אָן שוועריקייטן צוגעטראַכט עפּעס אַ פאַרכאַפּנדיקן העפּי-ענד...

אָבער ניעגליצקי האָט אויף קיין העפּי-ענד נישט געהאָפט. ער האָט געפּרוּווט ציטראַכטן עפּעס רעאַלע מיטלען, ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון די דאָזיקע פענטעס, אָבער דערווייל גאָרנישט אויסגעפונען.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך פון הינטער דער טיר, וואָס איז געווען האַרט לעבן זיינע פיס, דערהערט אַ שטילער שאָרך, וועלכער איז אָבער באַלד פאַרטויבט געוואָרן דורכן ריטש פון דער פאַבריק-סירענע. ניעגליצקין האָט דאָס האַרץ גענומען שטאַרקער קלאַפּן. אָפּשאַצנדיק די קראַפט פון דער דאָזיקער באַקאַנטער שטימע, האָט ער זיך משער געווען, אַז ער געפינט זיך ערגעץ אין דער נאָענטסטער געגנט פון שטאָט. ווען ער וואָלט געקאָנט אַרויסקוקן דורכן פענצטער, וואָלט ער אפשר דערקענט דאָס אָרט. ווען די זון וואָלט געשיינט, וואָלט ער אויך געקאָנט זיך משער זיין, וויפל ס׳איז איצט דער זייגער. אָבער אָן דער זון האָט ער נישט געוווּסט, צי די סירענע האָט צו וויסן געטאָן דער שטאָט, אַז דער זייגער איז זיבן, צי צוועלף, צי דרייצן, פופצן, אָדער גאָר זעכצן... ווייל אין יעדער פון די דאָזיקע שעהען האָט די סירענע מיטן זעלבן ברען גענומען אַ וואָרט.

דער ווייטיק אין אָרעם האָט אומדערטרעגלעך געפּייניקט, און דער חשק אַרויסצוקוקן דורכן פענצטער האָט נישט צורו געלאָזט. ניעגליצקי האָט זיך אַ באַוועג געטאָן ווענלדיק קאָנטראָלירן דעם צושטאַנד פון זיינע פיס. די פּרוּזשינעס פון דער קאָזעטקע, אויף וועלכער ער איז געלעגן, האָבן אַ קלונג געטאָן מיט אַ דומפּן אַקאָרד. כמעט אין דער זעלבער רגע האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען...

„יאָ... דאָס איז ער... פּאָדבורסקי, וואָס אונטער זיין לייטונג האָט ניעגליצקי פאַר דער מלחמה געאַרבעט העכער אַ יאָר אין דער ענער-

געטישער אָפּטיילונג. טעכניקער-פּראַקטיקאַנט, אַן אונטערלעקער, אַ באָקסער און קאָנפידענט אין איין פּערזאָן. ער האָט געטראָגן הויכע שטיוול, מיליטערישע הויזן און אַ געקעסטלט העמד. הינטערן שמאָלן פּאַסעק פון די הויזן האָט ער געהאַט פאַרשטעקט אַ „וואַלטער". באַלד הינטער אים זיינען אַריינגעקומען צוויי פּראַנטן, באַדייטנדיק יונגער פאַר אים, אין ציווילע אָנצוגן. איינעם פון זיי זיינען די אומגעהאָרכזאַמע באַשויבערטע האָר אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן.

ניעגליצקי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך פון דאַנען נישט אַרויסקריגן. אָבער פאַר וואָס, צון אַלדי שוואַרץ יאָר, מאַכן זיי מיט אים עפּעס צערעמאָניעס. פאַרוואָס האָבן זיי מיט אים תיכּף נישט קיין סוף געמאַכט?...

פּאָדבורסקי איז צוגעגאַנגען נאָענט און געקוקט פון אויבן אַראָפּ מיט פאַרמרוזשעטע אויגן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אַ פריינדלעכן אויסדרוק.

— ווי פילסטו זיך, קאָלעגע?

ניעגליצקי האָט געשטיקט אין זיך דעם אויפברויז פון פאַראַכטונג, האַס, עקל און פאַרביסענע, אוממעכטיקע פאַרצווייפלונג.

— ס'גייט דיך שטאַרק אָן, ווי איך פיל זיך?

— ס'גייט אָן משמעות, ווי באַלד איך פרעג. אָבער וואָס איז דאָס פאַר א „דו"?

— אָט... אַזאַ פוילישער האַרציקער — „דו"...

דאָס האָט יענעם בפירוש אויפגערייצט, אָבער צוליב עפּעס פאַר ניעגליצקין אומבאַקאַנטע סיבות האָט ער, ווייזט אויס, נישט געוואָלט פאַרשאַרפן די סיטואַציע. ווייל ער איז איבער דעם אַריבער צו דער טאָג-אָרדנונג.

— קענטיק, אַז קיין זאַך האָט דיך נאָך נישט אויסגעלערנט קיין שכל... — האָט ער סאַרקאַסטיש אַ וואָרטשע געטאָן.

— און דו האָסט זיך אונטערגענומען מיך אויסצולערנען?

— אפשר וועט זיך מיר איינגעבן...

ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ קורץ שווייגן, בעת וועלכן ניעגליצקי האָט ליידנשאַפטלעך געפּרוווט אויפפלאָנטערן דאָס רעטעניש פון דער לאַגע, צו געפינען כאָטש עפּעס אַ וואָרשיינלעכן פאָדעם, אָבער אומזיסט.

— ביזט לאַנג געשלאָפן... — האָט יענער ווידער באַדייטיק אַ ברום געטאָן, נישט רירנדיק זיך פון אָרט.

— וויפל איז דער זייגער? — האָט ניעגליצקי גלייכגילטיק אַ פרעג געטאָן.

— נאָך צוועלף.

די אַרבעטער עסן איצט מיטאָג אין גאָרקיך...— האָט ער אַ טראַכט געטאָן. יעגער האָט זיך צוגערוקט אַ שטול, מיט פּאַמפּע זיך אַנידער־געזעצט און פֿאַרלייגנדיק אַ פוס אויף אַ פוס, גענומען באַוועגן מיטן גלאַנציקן שפּיץ פֿון שטיוול.

— אָבער איצט ביזטו אויסגערוט. מיר קאָנען צוטרעטן צו דער זאַך

— האָט ער געזאָגט מיט אַן אַמטלעכן, שטייפן טאָן, ווי לפּחות אַן אויס־פֿאָרשונגס־ריכטער צום געפֿאַרשטן. — ביזט אונדז נייטיק. מוזט אָנשרייבן אַן אייגנהענטיקן בריוו׳ צו די ארבעטער, אַז דו האָסט פֿאַרשטאַנען דיין טעות, אַז... איבריקנס, כ׳וועל דיר דיקטירן.

— אויף וואָס דאַרפט איר אַזאַ בריוו?

— דאָס זאָל דיר שוין נישט אָנגיין.

— די אַרבעטער וועלן סיי ווי נישט גלייבן.

— דאָס איז שוין נישט דיין זאַך. דו שרייב נאָר אָן...

— און וואָס וועט איר מיר טאָן דערנאָך?

פּאָדבורסקין האָבן די אויגן אַ גלאַנץ געטאָן. פֿאַראַטנדיק מיטן גלאַנץ די פֿרייד צוליב דער פּלומרשטער שרעק, וואָס איז לויט אים געקומען צום אויסדרוק אין דעם סעקרעטאַרס פֿראַגע.

— וועגן דעם ערגער זיך נישט, — האָט ער גרויסמוטיק באַרויקט.

— קאָנסט בלייבן מיט אונדז, און אויב נישט, וועלן מיר דיך איינאָרדע־נען גאַנץ באַקוועם און זיכער און וועסט קאָנען רויק וואַרטן, ביז פּוילן וועט באַפרייט ווערן, און דעמלט וועסטו זיין פֿריי...

— ווי זשע ווילט איר דאָס באַפרייען פּוילן אַ צווייט מאָל?

פּאָדבורסקי האָט זיך אָנגעכמורעט צוליב דער אַנטוישונג, וואָס האָט אים נישט אָנגענעם געטראָפֿן.

— נו, נו!... זאָלסט מיר נישט פּראָווען דאָ קיין מאַרקסיזם. רייד וועגן וואָס איך פֿרעג.

ניעגליצקי האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אונטערן געדראַנג פֿון די זיך קייטלענדיקע געדאַנקען, וועלכע האָבן פּלוצלינג דערוועקט אין אים אַ בהינמדיקע האָפֿענונג.

— צי וועסטו מיר געבן אַ גאַראַנטיע, אַז... ס׳וועט מיר גאָרנישט געשען?

— אַן אייזערנע...

— מסכים... אָבער אונטער איין באַדינג... — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געשלאָסן אַ געשעפֿט, וואָס אינטערעסירט אים ווייניק.

פּאָדבורסקי איז אונטערגעשפּרונגען אויף דער שטול, שוין איבער־ראַשט פון דעם אַזוי לייכטן דערפאָלג.

— אונטער וועלכן?

— אַז דו וועסט מיך לאָזן אָנשרייבן עטלעכע ווערטער צום ווייב, די זאָל זיך נישט ערגערן, וועסט עס אָפּשיקן צון איר און דעם שליח הייסן ברענגען כאָטש דעם קורצסטן ענטפער. צוויי־דריי ווערטער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. אַז כ׳וועל באַקומען דעם ענטפער, דעמלט וועל איך דיר אָנשרייבן דעם בריוו.

פּאָדבורסקי האָט אַ רגע אַ טראַכט געטאָן, לסוף זיך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער קני.

— מסכים, צום טייוול... כ׳האָב גאָרנישט קעגן דעם...

אויף זיין פּנים האָט זיך געמאָלן בפירושע צופרידנקייט. ער האָט זיך געריכט אויף עפּעס אַ שווערן עסק, און דאָ איז אַלץ אַזוי לייכט אַדורך. האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּרוזשינע־מעסער און איבער־געשניטן די שטריק אויף דעם געפּאַנגענעמס הענט און פיס.

ניעגליצקי האָט זיך מיט מי אַנידערגעזעצט אויף דער שפּילנדיקער קאָזעטקע. ביי יעדער באַוועגונג האָט ער געפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין רעכטן אָרעם. האָט מיט די פינגער איינגעריבן די טיפע איינשניטן פון די שטריק אויף די האַנט־געלענקן. האָט דערביי פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זייגערל איז פאַרשוווּנדן.

— ווייזט זיך אַרויס — האָט ער שאַרף אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק זיך אויף די הענט — אַז די היטלעריסטן האָבן מיר אַרויסגעיאָגט, אָבער די שנירן צו בינדן הענט און די שטעקנס צו צעקלאַפּן קעפּ האָבן זיי נישט מיטגענומען מיט זיך...

— נו, נו... אויב דו ווילסט פּראַווען נאַרישע שטיק, איז פאַרמאַך בעסער דעם פּיסק — האָט פּאָדבורסקי אַ וואָרטשע געטאָן מיט אַ טאָן, מיט וועלכן ער האָט, נישט קרעמפּירנדיק זיך, אַרויסגעוויזן דאָס געפיל פון פולער מאַכט איבער ניעגליצקין. — זעץ זיך און שרייב, ווייל ס׳איז אַ שאָד די צייט...

ניעגליצקי האָט זיך מיט מי אויפגעהויבן, צוצוגיין צו דער שטול. האָט דערביי אַ קוק געטאָן אין פענצטער, אָבער די געדיכטע קרוין פון דער יונגער ליפּע האָט אים גאָרנישט געלאָזט זען. האָט זיך נישט געקאָנט לאַנג האַלטן אויף די פאַרשטייפטע פיס און זיך געמוזט אַנידערזעצן. פּאָדבורסקי האָט אַרויסגענומען פון אַן אונטער־קעשענע אין די הויזן אַ נאָטיץ־ביכל מיט שוואַרצע, צעראַטענע טעוועלעך און אַן אייביקע פעדער. האָט אַרויסגעריסן פון נאָטיץ־ביכל אַ ריין בלעטל, אַנידערגעלייגט

פּאַר ניעגליצקין און אים דערלאַנגט די צוגעגרייטע פּעדער צום שרייבן. ניעגליצקי האָט נאָך לאַנג באַוויגן מיט די פינגער, ביז זיי האָבן פּול־שטענדיק באַקומען די עמפּינדלעכקייט, און ביז ער האָט אין געדאַנק צוזאַמענגעשטעלט דעם אינהאַלט פון בריוו. דעמלט האָט ער גענומען די פּעדער און מיט עטוואָס אומגלייכע אותיות גיך אָנגעשריבן.

טייערסטע מיינע, זאַכנע!

מיר וועלן זיך שוין אַזוי גיך נישט זען, אַז עמעצער וועט זיך אויף מיר פרעגן, זאָג, אַז איך האָב זיך געטראָפן מיט מיין געוועזענעם בריגאַדיר פון דער ענערגעטישער אָפּטיילונג און איך בין אַוועק אין וואַלד. טראַכט נישט איבער און ערגער זיך נישט, ווייל ביזט נישט אַליין. די קינדער דערצי אַזוי, ווי דו ביסט מחויב צו דערציען. שרייב אומבאַדינגט צוריק עטלעכע ווערטער.

אייביק דיינער — מאַניעק.

פּאָדבורסקי האָט גענומען דאָס בלעטל אין האַנט, דורכגעלאָפן מיט די אויגן און רויט געוואָרן, אַזש די אויגן זיינען אים פייכט געוואָרן.

— וואָס מיינסטו, דו באָלשעוויסטישער דראַנג, אַז דו האָסט צו טאָן מיט קרעטינען? אַז דאָס ערשטע בעסטע הינטל פון דער זיכערהייטס־מאַכט וועט עס איבערלייענען, וועט עס מיך דאָך שוין האָבן... אויב דו ווילסט, שרייב אַזוי ווי איך וועל דיר דיקטירן — האָט ער צוגעגעבן רודף־שלומדיק, וואַרפנדיק אויפן טיש אַ פריש בלעטל פּאַפּיר.

— איך וועל דיר גאָרנישט אָנשרייבן! — האָט אָפּגעהאַקט ניעגליצקי, וועלכער האָט זיך פאַרכלינעט מיטן צאָרן, וואָס ער האָט ביז איצט געצוימט.

— וועסט אָנשרייבן!

— כ׳וועל נישט אָנשרייבן!

— וועסט אָנשרייבן, פּעפּעריישער דראַנג!

— אויף דער מאָרדע וועל איך דיר אָנשרייבן! — האָט ניעגליצקי פּלוצלינג אויפגעזאָטן און זיך אַ ריס געטאָן פון בענקל, נישט פילנדיק שוין דעם ווייטיק אין אָרעם און די שטייפקייט אין די פיס. אָבער פּאָדבורסקי האָט געהאַט דאָס איבערגעוויכט דערמיט, וואָס ער איז גע־שטאַנען און דאָך געווען פולשטענדיק מונטער, אַלע זיינע מוסקולן זיינען געווען אַלצאיינס געשיקט. ניעגליצקי האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אויס־צוגלייכן, ווי ער האָט באַקומען מיט דער קאָלבע פון רעוואָלווער אין שטערן און איז שווער אַנידערגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע.

ביידע אַסיסטירנדיקע יונגעלייט האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון די ערטער, אָבער פּאָדבורסקי האָט זיי צוריקגעהאַלטן מיט אַ גרויסאַרטיקן זשעסט.

— שאַ! כ'וועל זיך אַליין אַן עצה געבן...

— אויף דער מאָלדע... — האָט ניעגליצקי נישט קלאָר געשטאַמלט, פּרוּווּנדיק זיך אויפהייבן. פּאַדבּורסקי האָט אים מיט איין קני צוגעדרושעט די ברוסט און דאָס צעקנייטשטע צעטעלע מיט זיין שריפט אַריינגעשטופּט אים אין אָפענעם מויל.

— און מיט דעם פּרעס זיך אָן, מזרחדיקער וואָרעם.

אַזוי ווי ניעגליצקי האָט מיטן נישט איבעריק געהאָרכזאַמען צונג אַרויסגעשטופּט דאָס צעטעלע פון מויל, האָט ער עס אים אַריינגעפּאַקט מיט דער רעוואָלווער-לופע. ניעגליצקי האָט זיך ווידער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קאָפּ אין דר'ערד. דעמלט האָט זיך דער באַנדיט אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע, אָפּגעשטויבט די הויזן ביי די קני, זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שטול און שווער געסאָפּעט נישט אַזוי מחמת איינגעמידקייט, ווי מחמת ווילדן צאָרן. די ביידע יונגעלייט האָבן זיך מיט סטאָאישע שמייכלען אויף די ליפּן צוגעקוקט צו דער דאָזיקער סצענע פון הינטער זיינע פּלייצעס.

ניעגליצקי האָט זיך אויפגעזעצט, אָבער אויפהייבן זיך נישט געקאָנט. פון זיין שלייף איז גערונען איבערן פּנים אַ שטראָמל בלוט אַזש ביז דער גאָמבע, פונוואַנען ס'האָט אַראָפּגעקאַפּעט אויף דער מאַרינאַרקע. ער האָט אויסגעשפּיגן דאָס פּאַרבלוטיקטע פּאַפּיר, און צוזאַמען דערמיט האָבן אַ קלעפּל געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע צוויי ציין. ער האָט אויף זיי געקוקט מיט חידוש.

דעמלט האָט זיך פון וויטנס, פון דער זייט פון דער פאַבריק דער-טראָגן אַ מעכטיקע, הגם געדעמפּטע שטימע, פּונקט ווי אַ דראָענדיקער ריטש וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון גאָרגל פון אַ דראַקאָן. עפּעס אַ דומפּ, ריזיק וואָיען, געמישט מיט גערויש און געהילך, ווי אין אַ ברייטן תהום וואָלטן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי שטורעמווינטן און זיך צעקנאַלט אין סטיכישן קאַטעווען דעם רוים... אַ קראַטער פון אַ קליינעם ווולקאַן, ווען ער עפנט זיך, גיט וואָרשיינלעך אַרויס אַזאַ דומפּן, אָבער מעכטיקן דונער.

ער האָט געקענט די דאָזיקע שטימע, ווי ס'האָבן זי געקענט אַלע שטאָט-איינוווינער. דאָס רופט זיך עס אָפּ אַזוי דער גרויסער אויוון בעתן שמעלץ-אָפּפלוס, ווען ס'עפנט זיך אויף זיין אויבערשטע קלאַפּ-דעק, פון אונטער וועלכער עס זעצן דעמלט אַרויס הויכע פלאַמען-צונגען, און אין דער אָפּגרונטיקער עפענונג פאַלן אַריין קאַסקאַדעס אַרץ און קוילן, מיט-רייסנדיק מיט זיך ווירבלען הייסע לופט. דאָס איז עס דער גרויסער אויוון מיט אַזאַ נצחונדיקער שטימע מודיע דער וועלט און דער שטאָט זיין אויפ-שטיין תחית-המתים-אויפגעלעבט דורך די פעסטע הענט פון די אַרבעטער.

ניעגליצקי האָט זיך איינגעהערט אינעם דאָזיקן רוף פון די סטיכיעס, וועלכע דינען דעם אַרבעטס-מענטשן, און אויף זיין פאַרבלוטיקט פנים האָט געגומען וואָס אַמאָל קלאָרער אַרויסטרעטן אַן אויסדרוק פון מוט און פרייד, ווי ער וואָלט אויפן שלאַכט-פעלד דערהערט פאַנפאַרן, וואָס זאָגן אָן דעם נצחון פון זיינע אַרמיי-אָפּטיילונגען. ער האָט לעבעדיק אַ פיר געטאָן אַ דורכויס ניכטערן און דערפרייטן בליק איבער די פנימער, וואָס זיינען געווען געווענדט צון אים, און זיך געוווּנדערט, וואָס אַנשטאָט, פרייד זעט ער אויף זיי אַ קאַלטע פאַרביסנקייט.

— דאָס איז דער ערשטער שמעלץ-אָפּפּלוס פונעם גרויסן אויוון... — האָט ער געשעפּטשעט מיט די געשוואָלענע ליפּן, וועלנדיק אויפקלערן זיי די פרייד, וואָס זיי פאַרשטייען אפנים נישט.

אָבער די דאָזיקע פנימער האָבן צומאָל קיין ציטער נישט געטאָן... ניעגליצקי האָט זיך דערמאָנט, וועמענס פנימער דאָס זיינען. און ס׳איז אים געוואָרן זייער אומהיימלעך. האָט זיך דערפילט אַזוי איינזאַם ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד צווישן טויטע, נאַקעטע פּניאַקעס, אין אַן אומ-באַקאַנטן וואַלד, וואָס בלויז דורכן ווייטן מרוקען פון בהמות אויפן פאַשע-פעלד איז עס פאַרבונדן מיט זיין באַקאַנטער וועלט.

דער ווייטער גערויש איז אַזוי גיך שטיל געוואָרן, ווי גיך ער איז אויסגעבראָכן, אָבער ניעגליצקי האָט זיך נאָך לאַנג איינגעהאָרכט אין זיין נישט עקזיסטירנדיקן עכאָ. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי עס פליסט ערשט איבער די ריוטשעקעס, וואָס זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן אין זאַמד, דאָס צעשמאָלצענע אייזן, ווי עס פאָרען זיך אַרום די מענטשן... ווי עס פאָרען זיך אַרום די מענטשן אין דער גאַנצער פאַבריק...

ניין, ער איז נישט אַליין. אין דער פאַבריק זיינען פאַראַן העכער דריי טויזנט מענטשן... און אינגיכן וועט זיין צוויי מאָל אַזויפיל.

ער האָט נאָכאַמאָל אָפּן אַ קוק געטאָן אויף די דאָזיקע פאַרגלי-ווערטע פנימער, וואָס זיינען אָנגעשטעלט אויף אים, און מיט אַ טאָן, וואָס האָט די צוהערער קאַטעגאָריש אויסגעשלאָסן פונעם אָנטייל אין דער דאָזיקער גרויסער פרייד, אַ וואָרף געטאָן האַרט און שטאָלץ:

— אונדזער ערשטער שמעלץ-אָפּפּלוס.

ווראָצלאַוו

אין פערטן יאָר-צייט פון מיין
געליבטן ברודער, מיעטשיסלאַוו,
וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן
דורך די פאַשיסטן
דעם 12 מאַי 1945 יאָר.